STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02915

# VAYTSHEPL SHTETL DBRITN

Abraham Nahum Stencl

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# ווייטשעפּל
# שטעטל דבריטן

## א. נ. שטענצל

לאנדאן 1961

פערלאג „לשון און לעבן"

*"Whitechapel shtetl d'Britain," by A. N. Stencl. Published by "Loshn un Lebn,"* 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.*1, *and printed in England by Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.*1

צונויפזאַמלען אין ביכער מיינע עסייען, סדרן מיינע לירישע און עפּישע לידער איז נישט פאַר מיינע כוחות און מעגלעכקייטן, אויך קיין דרינגלעכע נויטווענדיקייט פאַר ניצלעכן געברויך מער פון „קאָנסומענט" דאָ; דאָס בוך איז אַ דאַנק אויסדרוק פאַר דער געהאַטער מעגלעכקייט צו טון דאָ יאָרן־לאַנג מיין אַרבעט, און ווען עס גייט אין אַן אינערלעכער נויטווענדיקייט, נישט צו זיין קיין כפוי טובה, האַנדלט עס זיך שוין נישט מער, צי ס׳איז נויטיק פאַר וועם, עס גייט אַריין אין גדר פון דער געטוענער אַרבעט. דער מאַטעריאַל באשטייט, דריי פירטל פון שטיינגעבליבענעם בליי־זאַץ פון „לשון און לעבן" — אַ דאַנק דעם נאַראָד־פערלאַג — און איין פירטל, פון די ערשטע לידער, געדרוקט ביי מיין אָנקומען. מיט מאַנכע פערזענלעכע איך־און קאַמף־לידער האָב איך מיך געראַנגלט ביים אַריינגעמען, אָבער דאָס בוך וואָלט פאַרלוירן זיין שפעקולאַטיוון כאַראַקטער, צומאָל די נויטיקע באַרעכטיקונג פון דער דערשיינונג. אפשר וואָלט אויך בעסער געווען אַז דער סדר זאָל זיין אויף אַ „פּאָעטערישן" אופן, און דער „רוח בין השיטין" אַ רחבותדיקער. די איינהייטלעכקייט פונם בוך איז מאטיוו־און שטימונג־ענדערונגען פון אַ פערטל יאָר הונדערט, כמעט, וואָס האָט דאָך איין גרונד־געפיל צום אָרט דאָ און צו די מענטשן. שווער צו רעדאַקטירן אייגענע זאַכן, בפרט ווען ס׳ליגט שוין אין בליי אויסגעזעצט. מאַנכעס געפרוווט אויסבעסערן, מערער נישט אַריינגענומען. דאָס קאָרעגירן, אויף דער גיך, מסתם אויך נישט גאַנץ קאָרעקט. זאָלן די, וואָס וועלן לייענען דאָס בוך, זיך אַליין אַ ביסל צו העלפן און זיי וועלן זיך צורעכט געפינען.

ד. מ.

ווייטשעפל, כ״א שבט, ה.תשכ״א

* * ...... 1
„פותחין בכבודה של אכסניא ...... 4

# א ליכט-שאטן-און א קווער-שניט

(פאָרטרעטן אין ג׳ראַמען)

„ורוח אלוקים מרחפת על פני המים“ 7
די באַלאַדע פון דר. ראָדריגאָ לאָפּעץ ...... 8
די ערשטע „היברוס“ ...... 10
דגל מנשה ...... 11
חנוכת־הבית פון דער שול „שערי־שמים“ ...... 12
די ערשטע דריי רבנים ...... 13
דער אַוואַנטוריסט סימאָן דע געלדערן 15
דער לאָנדאָנער בעל־שם ...... 17
ספרדים, אשכנזים און נוסח־ספרד ...... 20
אַ למדן־וואָניק באַלאַדע ...... 21
משה מאָנטעפיאָרע ...... 24
שמחה בעקער ...... 26
די ווידוי ...... 27
אַ לעצטער־שפּראָץ ...... 31
מאָריס ווינטשעווסקי אַפּאָטעאָז ...... 33
דער יינגער מאָריס ראָזענפעלד ...... 38
די באַלאַדע פונם טאַבעק־שקעטעלע ...... 39
ר׳ בנימין השני ...... 43
„דור הולך“... ...... 44
„...ודור בא“ ...... 45
די אַדלער־דינאַסטיע ...... 45
דער טאַטע און זון ...... 47
פרינץ קראָפּאָטקין ...... 48
סאָנאַטע 1905 ...... 49
רודאָלף ראָקער ...... 49
צו שלום עליכמען ...... 50
היימישע ערד ...... 51
* * * ...... 52
צוויי סאָנעטן ...... 52
לעיעלעס ...... 53
דער קראַנקער פּאָעט נתן האָראָוויץ 54
ווי דער פּאָעט שטאַרבט אויפן אייגענעם בעט ...... 56
יוסף חיים ברענער ...... 57
אברהם וויעוויאָרקע ...... 60
דער הייקאָמיס־אָנער ...... 61
אַ סאָנעט איבער אַ ווייטשעפּל־סענאַטאָר 61
נחום סאָקאָלאָוו און אחד־העם ...... 62
כהן לאַסק ...... 64
כאָנאַטע 1936 ...... 64
דער שול־פּרעזידענט ...... 65
די באַלאַדע פון פּרעזידענטס אתרוג פּושקעלע ...... 65
„דער רבי זאָל לעבן“ ...... 68
„אייבי דע לאַג“ ...... 70
אַ הושע־פּאַראַדיע ...... 71
דער גוי־אנאַ־עמיסעער ...... 72
וולאדימיר זשאַבאָטינסקי ...... 75
דער זעער ...... 76
כאָטש רעד צום לאַמטער ...... 77
דער קאָזשעניצער פירט טיש אין ווייטשעפּל ...... 78
רבי פרדס ...... 86
חבר „דזשאָזעף“ ...... 87
שמואל זיגלבוים ...... 87
דער „רעפּיודשי“ ...... 87
דר. חיים ווייצמאַן ...... 88
קאַצעט גומער אַזוי און אזוי ...... 89
און וואָס וואָלט געווען ווען ברעג דאָ וואָלסט דערגרייכט ...... 90
* * * ...... 90
ביי שעקספּירס קבר ...... 91
שעקספּיר ...... 90
די קעניגין אין ווייטשעפּל ...... 92
אין גאָרטן פון לאַמבעט־פּאַלאַץ ...... 92
ביים מירמלשטיין טישל ...... 94
אַ רביש פּאָרטרעט ...... 97
דער װוּנדער דיוואַן ...... 97
פּראָפעסאָר זעליג בראָדעצקי ...... 98
אסתר קרייטמאַן ...... 98
קייטי בראון און ס. פּאַלמע ...... 99
יוסף הלל לעווי ...... 99
בן־א. סאָכאַטשעווסקי ...... 100
משה עובד ...... 100
שלום אַש ...... 101

אויף יעקב עפשטיינס ארון 101
דוד באַמבערג 102
יאַנקל אַדלער 103
יוסף הערמאַן 104
מיין זעלבסט־וויניעט 105
ווייטשעפל 106
אויף ווייטשעפל גאַס 107
וויאַזוי אליהו האָט זיך באַוויזן אין ווייטשעפל 107
„שמע ישראל“ 111
ווייטשעפל ירושלים ד׳בריטן 112
על נהר טעמזע 113

# אין נעפל און אין בליץ

* * * 125
דאָס לעצטע הייזל 125
אויסגעגראָבענע 126
דאָס שולכל אין מיין ניובאָלד־געסל 127
דאָס בעז־ביימל אין מיין הייפל 129
דער געזאַנג פון די שפערל 130
אין אַ געסל דאָ 130
ס׳פלאַטער געפלאַטער פון הויף צו הויף 132
פון טאוער־טורעמל 133
אַ טשוויטשערדיק שוואַלבל 134
אויף דער זייט טעמזע 134
טעמזע אין נעפל 135
פערד אין נעפל 135
צו אַ בוים אין נעפל 136
נאָוועמבער טעג 138
אין נעפל 138
דער שוואַן 139
לאָנדאָנער „פאָגע“ 140
ציענדיקע קאָשמאַרן 140
די טעמז 142
טעמזע — אין אָפפלוס און צופלוס 142
די ווייטשעפל פלאַטאַנען 143
פלאַטאַנען אין נעפל 143
אַ זונטיק פרימאָרגן 144
די באַלאַדע פון די דריי טאַנצנדיקע טויבן 145
די פרוי מיטן הינט 146
אַ זומער־פייגעלע אויף ווייטשעפל 147
א פאַרבלאָנקעט שניידעריש קעצל 147
נחת פון קינדער, גאָטעניו 148
ר׳ משהלע פון פויליש־עסטרייכישן שטיבל 150
אַ קרוב שמונים 152
דאָס חנוכה־לעמפל פון בריטישן מוזעאום 152
ווייטשעפעלער „דערבי“ 154
אַן אונטערגעוואָרפענער ממזר 156
יום הקדוש 158
יום־כפור אין ווייטשעפל 158
דער רעשטלעך ראַמשער 160
רומ״ל 160
שטיל־לעבן 161
היימישע פיש 161
אין כשרן רעסטאָראַן 162
מיט דער קאַר 163
אויף אַ דערלאַנגט וויזטן־קאַרטל 163
דער קומענדיקער סוחר 164
„ר׳ שאול“ 165
אין איינזאַמער אָוונט שעה 165
דער שמירמית־גאָרטן אין ווייטשעפל 166
די חורבה פון פאַווילאָן־טעאַטער 167
די באַלאַדע פון די בייגל־פאַרקויפערקע
אין בריק־לעין 168
אין בריק־לעין 168
דער קוש־אין דער פינסטער 170
אויף דער ווייטשעפלער פאָטשענע 171
אין דער לייַן 171
„לשון און לעבן, לשון און לעבן“ 173
מיין תפילה איצט 175
רחום וחנו דו 176
די אַרמע חתונה 177
דער ווייטשעפלער טראָטואַר 180
אַ לעצטע געזאַנג 182
אין שפיטאָל־בעט 182
פון מיינע לידער „אין יידישן שפיטאָל“ 184
די שפחה 188
אַ סאָנעט 189
צוויי לידער 189
די באַשמירטע שולן 190
* * * 192
„ידינו לא שפכו את הדם הזה“ 193
און תמיד אונזער בלוט מיט גאָט עס טוט רינען 194

# אין בליץ


* * * ...... 196
אונזער ליד דאָ ...... 169
אין א „בלעק־אוט" לבנה־נאַכט ...... 197
די מעוועס ...... 199
אַ סעפּטעמבער־טאָג אַזאַ ...... 200
סוף־זומער־פעדעם ...... 201
פּראָזשעקטאָרס ...... 202
סוף־זומער ...... 204
לאָנדאָן ...... 206
ווינסטאָן טשאָרטשיל ...... 207
אַנטאָני אידן ...... 208
האָר בעלישאַ ...... 209
צוויי סאָנעטן צו די אַ היימקומענדיקע פון דאַנקירק ...... 209
אַ סאָנעט צו אַ מאַמע ...... 210
צוויי מלחמה־באַלאַדעס ...... 210
אַלע כוחות איצט צוזאַמענגענומען ...... 211
(ווידמונג) ...... 212
דענקמאָל־שטיין ...... 213
* * * ...... 214
צו די פייף באָמבעס איבער ווייטשעפּל ...... 215
באָמבעס איבער לאָנדאָן ...... 216
שטאָט אין פלאַמען ...... 218
אין די געסלעך דאָ ...... 218
„דירעקט היט" ...... 220
די טילבורי אין לבנה־נאַכט ...... 221
די טילבורי אין דער פרי ...... 224
לעבעדיק ס'איז די שטאָט ...... 225
פרילינג 1941 ...... 226
די ביכער־שאַנק ...... 227
די פייגל היי־יאָר ...... 228
בין־השמשות ...... 228
אַ פרילינג־נאַכט היי־יאָר ...... 229
פולע לבנה ...... 229
שאַריען ...... 229
זון־פלעקן ...... 230
א ראָבאָט־סאָנעט ...... 230
צו דער געבאָמבטער ווייטשעפּל־קירך ...... 232
* * * ...... 232
די שאָט ...... 235
אין אַ סוף זומער טאָג ...... 249
2 ווייטשעפּל־אידילעס
ערב־פרילינג 1938 ...... 262
הערבסט־אידיליע ...... 268


# ביים ברעג


ווייטשעפּל און וועסטקליף ...... 273
ביים ים ...... 274
אין וועסטקליף ביים ים ...... 277
דאָס ליד פון „גם זו לטובה" ...... 277
צוויי סאָנעטן ...... 278
ים לאַנדשאַפט ...... 279
אַ „קאַיאַר ליד" ...... 280
דער בליענדיקער קאַרשן־בוים פון פעלזן־ברעג ...... 280
גאָטס וועלדל ...... 280
ווערבעס, געזאַנג איבער צייטיקע תבואה, אין האָבער־פעלד, דאָס פערד ביים צום, צוויי זומער פייגעלעך, דער מולד, אין אַ רעגן־טאָג. באַלאַדע פונם מעחן געזאַנג ...... 284
שוואַנען געזאַנג ...... 285
צוויי סאָנעטן ...... 286
האַליען ...... 287
אַן אַלטער טעמב ...... 288
אין אַ וואָלקן אַ פיאָלעטן ...... 289
דאָרף אידיליע ...... 291
דער אינזל־פעלז ...... 301
אָרום פעלזן־שפּיץ ...... 306
„שיר — אַ געזאַנג, השירים — איבער אַלע געזאַנגען" ...... 317
10 סאָנעטן ...... 325
נאָך פיר סאָנעטן ...... 329
קורץ־שלוס־סאָנעטן ...... 331
דלד אמתודיק ...... 341
און צום שלוס ...... 343

*   *   *

מיט וויפיל געזאַנגען דאָס שטעטל באַזונגען,
עס צו באַשיינען ווערטער ווי פערל געקליבן;
איצט, אז טויזנט און איין שטעטל מיר באַוויינען,
אַ וואונדער, אַ טרער פאַר דיר נאָך איבערגעבליבן.

איין טראָפּן קאָן לעכערן דעם פעלזיקסטן שטיין,
בלויז ווי אַזוי לעכערט מען לעצטע טרער אינמיטן?
— ווי אין אייגענעם האַרץ מען בויערט, מען בויערט,
אַזוי־אַ אין אַ טרער זי זאָל זיך נישט צעשיטן.

און דאָס רויטע שנירעלע זי אויפצוציען,
און דעם צאַרטן האַלדז אים צניעותדיק צו באַצירן?
— אויף פעדימל בלוט פון געלעכערטן האַרצן,
פאַר דער טויטער בת־מלכה צו קבורה צו פירן?

בלויז צו באַשיינען די ווערטער ווו געפינען,
טיפער ווי אין תהום זיי זיינען דאָ פאַרזונקען — — —
ווי פינסטער־שוואַרץ זי ווערט, די לעצט־געבליבענע,
אַז כסדר די פעדער רק אין איר געטונקען — — —

*   *   *

צום ים דאָ, צום אינזל וויפיל כ׳האָב נישט געזונגען,
צו וויפיל, ווי מיין אייגענער לייב מיר נאָנט געווען,
בלויז מיין טאַטנס שטיקל הימל, תפילהדיק לויטער,
מיין מאַמעס דריי שטערן — אינערגעץ דאָ נישט געזען.

אַ סך מאָל, ווען איך האָב די לידער־אָ געשריבן,
שטיל־געבוקט איבער קאָפּע־טישל, געזוכט אַ וואָרט,
ראַפּטים דערשפּירט: טאַטע שטייט מיר אונטערן רוקן,
און כ׳דערהער, ווי ער שעפּטשעט עס אַרויס פון זיין באָרד.

און דעמלט, איך ברויך בלויז די אויגן אויפצוהויבן,
איבער מיין קאָפּ, מיין טאַטנס הימל ברייט אויסגעשפּרייט,
און ווען איך פאַרמאַך זיי: זע, מיין מאַמעס דריי שטערן,
און איינער — דירעקט איבער ירושלים שטייט.

* * *

מיין שטעטעלע, ירושלים,
אַ וווּ וועל איך געפינען מיין רו?
כ׳טרעט אויף ערד דאָ און טראַכט פוןביידע;
שוין אין געדאַנק פון זיי ווערסט הייליק,
געהערסט אויך צו זיי, ווייטשעפּל, דו.

מיט יעדן שריט אַלץ, ווי וואַקלדיק,
צו לעצטן ברעג איצט איך טרעט שוין בלויז;
מיין שטעטעלע, ירושלים,
ווי כ׳ציטער, איר זאָלט חלילה — אַ שרעק! —
פון מיינע רעיונות נישט אַרויס.

ווי וויסט־פאַרוואָגלט ס׳ווערן ווערטער —
מענטשן פאַרוואַלגערט אין דער פרעמד וווּ;
ווען איך וואַנדל אין די געסלעך דאָ,
טראַכטנדיק פון אייך, ווי פון נאָענטע,
קומען די ווערטער היימישלעך צו.

* * *

מיט וויפיל וואָרצלען גראָבט זיך בוים אין דער ערד,
ביז זיינע צווייגן ברייט און ווייט זיך צעשפּרייטן?
וויפיל זוימענדלעך פלאַשן אין ווינט פאַרווייטן,
ביז איינס פערפלאַצט זיך אין אָנגענומען ווערט?

און אַז אָנגענומען שוין, וויפיל צעשטערט,
און וויפיל שטאַמען ערשט צעשפּאַלטן אויף שייטן,
איידער פון איינעם, פון דער הויך, פון דער ווייטן,
פון אַ פויגל העלדזל געזאַנג זיך דערהערט.

וויפיל מוזן מעבר־לים אומגעקומען?
און וויפיל פון אומעט דאָס קול אָפּגענומען?
ס׳מוזן טויזנט אָפּפליען אַז איינעם געלינגט.

אַ שפּיץ־בוים ביים ברעג מיט בליק בלויז צו דערגרייכן.
אַ פּיגטעלע אין די אומענגדלעכע הייכן,
האַלט עס זיך אויף זיינע פליגלעלעך און עס זינגט.

*     *     *

עס האָט מיך דיין נאָמען, וויטשעפּל, געצויגן,
און נאָך אַ צווייטער, דער נאָמען — שעקספּיר!
און ווען אַלצדינג געלאָזן הינטער מיר,
צום טויט שוין צו גיין מיט פאַרבונדענע אויגן,

אַ מעווע אין נעפּל כ׳בין דאָ אָנגעפלויגן.
שעקספּיר, דיין גרויסקייט האָט זי דען אַ שיעור?
אַזוי לאָנדאָן די שטאָט — — בלויז איך דערשפּיר:
אייגן, קוקן מיר אין האַרץ אַריין, צוויי אויגן,

און געלאָזן דיך הינטער מיר, שעקספּיר,
און דאָס גרויסע לאָנדאָן, און פאַר אַ טיר
פון וויטשעפּל אַ בעטלער כ׳בין שטיין געבליבן —

אַ שטעטל דערזען פון מיין „יידיש־לאַנד״!
אויסגעשרעקט מיט דאַנק ווי ס׳ציטערט מיין האַנד:
וויטשעפּל, פאַר אַלץ וואָס כ׳האָב דאָ אָנגעשריבן.

וויטשעפּל, 19׳טער נאָוועמבער, 1960

## „פותחין בכבודה של אכסניא“

אַלצדינג אַצינד אַנדערש דאָ, געביידעס, מענטשן,
אַ יידן שוין באַלד שווער דאָ צו דערקענען,
בלויז דאָס שטיקעלע ערד געבליבן דאָס זעלבע;
אויב נישט אויסגעקנאָטן פון איר מיר זענען,
אָבער איר אָטעם איינגעאָטעמט מיר האָבן,
צו לעבן דאָ און צו ווערן דאָ באַגראָבן.

אויף די שייטערס אין שפּאַניע נישט צו פאַרברענען,
צו אַ מאַמע — צו דיר, צוריקגעקומען;
און ווען פון קרעמאַטאָריע־פייער געלאָפן,
וויפיל מיט מאַמע־אָרעמס אויפגענומען;
צווישן זיי, די אשכנזים און פאָרטוגעזן,
אַ לויפנדיקער ייד איך בין אויך געוועזן.

אַז גאַנץ דיר געהערן, דער מענטש מוז פאַרשטומען?
איז איידער נאָך, וויל איך דיר מיין דאַנק זאָגן;
בלויז ווי אַזוי, אויב נישט מיט אייגענע ווערטער?
כ׳האָב אים לאַנג, דעם דאַנק, אין האַרץ אויסגעטראָגן,
מיט יעדן טראָט, אָטעמדיק אויף דיר געטראָטן,
מיין הייפּעלע לעבן דאָ אַריינגעקנאָטן.

ווי אַלץ איצט דאָ אַזאַ ביי פנים געקראָגן,
דער הימל אפילו אַ גאַנץ אַנדערער —
ברייטלעך אויף די געביידעס אַלט־איינגעזעסן;
איך אָבער בין אַלץ דער זעלבער וואַנדערער,
פול באַוואונדערונג, ווי אַקאָרשט אָנגעקומען,
אַ וואונדער נאָר, ס׳לשון מיר נישט אָפּגענומען —

צי קאָן דען זיין ווייטער און פונאַנאַנדערער,
צווישן אייגענע אַ פרעמדער צו לעבן?
דאָס ציטערדיק אָפּגעשפּאַרטע פון מויל צו מויל,
נישט האָבן קיינעם מער איבערצוגעבן?
אַזאַ דאַנק, ס׳האַרץ פון דער ערד, זאָל אים דערהערן,
ווען באַשערט, אַ טיילכל פון איר דאָ צו ווערן.

# א ליכט שאָטן און א קווער שניט

## „ורוח אלוקים מרחפת על פני המים" (בראשית)

(צוויי סאָנעטן און דאָס ליד פון די מאַראַנען)

1

מיר זיינען שוין אַנגעקומען דאָ אַהער,
נאָך פאַרן ערשטן חורבן און נאָכן צווייטן;
און ערשט ביים געראַנגל אין בר־כוכבא׳ס צייטן!
און דעם „קינג אַרטור־גראַל" אַהערגעברענגט ווער?

די יאָמערלעכע געוויינען נאָך איך הער,
אין דער פול־געפּאַקטער יאָרק־שול ביים זיך גרייטן,
טאַטעס די אייגענע קינדערלעך צו טייטן —
ס׳נעפּלט נאָך אַלץ די זון דאָ אין יענער טרער.

אָבער ווען פון שפּאַנישע שייטערן אַנטלאָפן,
איז ווידער די אינזל דאָ געשטאַנען אָפן;
ווען יוסף הנשיא זיין קרוין דאָ דערוואַרט,

ביי די קעניגין האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן;
און שפּעטער ערשט, די „ארמאדא" צו צעשפּאַלטן,
וויפיל ביז צום קעניג־פּאַלאַץ אָנגעשפּאַרט.

2

אַן וואָרט, אַן ווינק, מען דערקענט זיך אין בליק,
אַריר מיט אַן אויג־ווינקל און מען ווייסט;
וואָגיק דער שריט ווערט, קוקסט פּאַראויס און גייסט,
געצויגן פון אָנגעזענעם שטריק.

ווען שטייסט שוין אויבן, אויף דער טעמזע־בריק,
רופט מען דיך אַן ביים נאָמען, ווי דו הייסט,
און פון וועלכן לאַנד דו קומסט אָנגערייזט — —
אין די אויגן דער ברענענדיקער בליק!

מען זעט נישט דעם ליק, מען זעט נישט דאָס הויז,
אַ חדר׳ל ד׳־על־ד׳ די גרויס — — —
אויף אַ בוידעם, אַ קעלער־שטוב, ווער ווייסט ווו?

„... אדוני אלוקינו אדוני אחד" — —
מיט דיינע אויגן זעסט דו דעמלט גאָט,
„שותי"! און פנים אל פנים שטייסט דו.

* * *

נישט די פאַררעטער פון אַ פאַרפאַלגט פאָלק —
זיינע נקמה־נעמער מיר זענען!
פאַקל־שיינען איבער ימים־וועגן,
אַרום די שייטערהויפנס וואָס ברענען.

קאָן מען ציילן די שטערן אין הימל,
דעם זאַמד ביי די ברעגעס פון די ימען?
יעדער שטערן אַ שייטערהויפן־פונק,
יעדעס זאַמדל — אַש פון די פלאַמען.

ס'וועט דער האַלב־אינזל — דער צלם־שייטער,
גאַנצע וועלט נישט פאַרברענען קענען!
ס'בריטישע אינזל־פאָלק די שווערד אצינד,
און אין גאָטס האַנט די ביבל — מיר זענען.

אז־ישיר־געזאַנג, ווי משה דעם ים —
„די גרויסע אַרמאַדע" ז'איז צעבראָכן!
ווי ברויזנדיקער ים אין שטורעם־ווינט,
קאָנען הערצער אין נקמה אויפקאָכן.

## די באַלאַדע פון דר. ראָדריגאָ לאָפעץ

1

צום פעלז צוגעשליידערטע שיף, צווישן די „ניי־קריסטן",
איז אויך די מאַיעסטעטישע דאָנאַ גראַציאַ געווען;
מיט איר שיינקייט ס'איז די גאַנצע שטאָט באַלד פול געוואָרן,
ווער פאַר איר דעם קאָפּ נישט טיף געבייגט האָט, ווען זי דערזען.

צווישן די באַוווּנדערער, צווישן די צען־טויזנטער,
דער אַקטיאָר, דער באַרימטער שעקספיר, דער גרויסער פּאָעט,
זיין קול, ראַקאַקאַ־קלויסטער־גלעקל, קלאַרינק צעקלינגט:
„אַ קעניגרייך, פאַר דער קרוינונג־קאָטש פון עליזאַבעט!"

2

ווי וווּנדערלעך ליכטיק אין מאַמאַר־ווייסן זיילן־זאַל,
בלויז די קעניגין — אַ חלב־ליכט אויסגעלאָשן־בלייך:
ניין, זי איז נישט העכער פון איר, און ווי געבוקט זי שטייט,
אָבער ווי זי וואָלט אַראָפּגעקוקט אויף איר פון דער הייך...

דריי פּאָר אויגן באַגעגענען זיך — אַן איינציקער בליק!
עס צעלאַכט זיך דער ליליפּוט־לין, ווי עפּעס אַ שד:
ער זעט ווי דער עלפנביין־פּעכער ציטערט אין איר האַנט...
„ראָדריגאָ", שעפּטשעט קוים, האַלב־פאַרחלשט, עליזאַבעט —

3

די קעניגין עליזאַבעט נישט אויסהאַלטן געקענט,
נישט אַזוי די שיינקייט פון דאָנאַ גראַציאַ, ווי איר שטאָלץ;
ביז צו דער טיר האָט זי באַגלייט זי,ביים געזעגענען,
זיך פאַרנייגט, „טאַטש ווּד", אָנרירנדיק דעם צלם פון האַלז.

„ראָדריגאָ", האָט זי זיך אויסגעדרייט צו איר לייב־דאָקטאָר:
„איז עס ביי זיי עכט, אָדער בלויז געמאַכט און איינגערעדט?
ביזט דו נישט איינער פון זיי?" לאָפּעץ האָט זיך טיף געבוקט,
אויפכאַפּנדיק שפּיציקן בליק פון דער עליזאַבעט:

4

ניין, ס'איז נישט רעליגיע... קיין געהיימע אימפּעריע־פּלענער...
איר פּאָרטרעט זי פּאָרט לאָזן מאָלן פון מייסטער רעמבראַנד...
שמייכלדיק האָט זי זיך צוריקגעצויגן אין איר צימער
נישט דערלאַנגענדיק אים, דר. לאָפּעץ, צום קוש די האַנט.

אין יענער נאַכט האָט זי אונטערגעשריבן דעם אורטייל,
„אפילו אז ס'איז אַ בילבול", האָט זי צו זיך גערעדט,
דריקנדיק שטאָלץ צום קלאַפּנדיקן האַרץ דעם צלם פון האַלז:
„איך בין נאָך אַלץ קעניגין פון ענגלאַנד, עליזאַבעט".

5

דער צעדער־האַלץ געשניצטער צלם דער שטאָלץ פון פּאַלאַץ,
פון מאַנאַרך צו מאַנאַרך גייט ער איבער, פון דור צו דור,
די מתנה פון מאַנאַך פּאול דע סאַנטא מאַריא;
איז ער נישט געווען דער רבי שלמה הלוי גאָר?



2

ס'איז דער זיידע אירער זיין טויף פאַטער געווען!
מיט דעם קרוציפיקס אין האַנט בייכט זי איר מינדסטן חטא;
וואָלט ער נאַר, דער ראַדריגאַ, בעגנאַדיגונג געבעטן!...
זי איז די קעניגין פון ענגלאַנד, די עליזאַבעט.

6

אין אַלע קירכעס האָבן די גלעקער שווער געקלינגען,
ווען מען האָט דעם דר. ראַדריגאַ לאַפּעץ אויפגעהענגט;
און אָפגעשלאָסענע אין איר צימער, די קעניגין,
דער האַלץ־צלם ציטערט אין איר האַנט, איר קאָפּ געזענקט.

אין יענער נאַכט צום גרויסן אַקטיאָר, צום פּאָעט שעקספּיר,
איילים פּלינק אָפּגעריטן אַ קעניגלעכער שטאַפעט,
אים געבערענגט מיט זיין שטיק „דער קויפמאַן פון ווענעדיק",
לוסטיק פאַרצושפּילן פאַר קעניגין עליזאַבעט.

7

האָט מען זיך דאָס צעלאַכט, ווילד־צעלאַזן, אין יענער נאַכט,
איבער אַ יידן שיילאָק, ווי אין פּראָסטסטן אַריינפאַר־הויז:
„שענער פון די דאָנא גראַציאַ, די יעסיקאַ געמאַכט!"
פון איר „ראַל", די קעניגין, איינגאַנצן שיר נישט אַרויס...

בלויז, ווען אָנגעהויבן: „אַז מען שניידט אונז, רינט אונזער בלוט",
עפּנט זיך די טיר און ס'קומט אַריין אַ מת, אַ סקעלעט,
„ראַדריגע!" און הער צלם נעמט הילצערן ציטערן,
אין די מאַיעסטעטישע הענט פון די עליזאַבעט.

## די ערשטע „היברו'ס"

מען קאָן נאָך דאָ איצט אָנווייזן דאָ ס'געסל,
וו די דריי „דאָנ"ס צו כל־נדרי זיך געטראָפן;
זייערע מסחרים מעבר־לימים,
אין די מיליאָנען אימפּעריאַלן באַטראָפן.

אַז זיי גאָר „היברו'ס", איז וואָס וויל פּאָרטוגאַל?
צוערשט גאָט, און דערנאָך די בריטישע וואָפן!

די אַלטע קשיא: „די הון, אָדער דאָס איי,
וועלכעס פון ביידע דאָס ערשטע איז געווען?"
געהערט זי נישט צו יענע תיק"ו־פראַגן,
וואָס אליהו אליין מוז קומען זיי לעזן?

די גאָלדענע אייער אין בריטן געלייגט,
וויאַזוי איז די הון גאָר אַ פּאָרטוגעזין ?

דאָס לעבן אויף גאָטס באַראָט ! און די געלדער ? . . .
אויף דער בריטישער קרוין מען וועט זיך פאַרלאָזן !
און אַז צום מזומן נאָך צוגעקומען,
אַן אַרמאַדאַ־גענעראַל מיט זעקס מאַטראָזן —

איז דער מנין נישט מער אין קעלער אַראָפּ,
סדרים צו פּראַווען און שופר צו בלאָזן — — —

וו די שוואַרצע חרם־ליכט אָנגעצונדן,
אַזש שפּאַניע־פּאָרטוגאַל אימפּעריעס פאַרלירן ?
אין געסל וו דאָס שולעכל געשטאַנען,
יעדעס קינד, נאָך אַצינד, אַהין קאָן פירן.

יאָ, די מתפּללים נישט נאָר די „בייבל״,
מיטגעבראַנגט נאָך גאַנץ אַנדערע ווערט־פּאַפּירן.

## דגל מנשה

(מנשה בן ישראל־באַלאַדע אין צוויי סאָנעטן)

1

אַזאַ מעשהלע ס'וועט זיך דערציילן אַמאָל :
צו דער אינזל דאָ מיט יאָרן לאַנג צוריק,
אונטער אַ פאַרנעפּלטער פינסטערער בריק,
קומען־געשווומען אַ ייד, מנשה בן ישראל.

איז קראָמוועלס שווערד געווען פון געשליפנסטן שטאָל,
חריפיש־שאַרפער זיין „ודוק״ — זיין טריק !
פון ים־התלמוד אַרויס טויכט קלאָר זיין בליק,
דעם גאַנצן אַרום ער נעמט אַדורך מיטאַמאָל.

געאַנקערט אויף אַ ווייל קוים, בלויז אויסצושטייגן,
איבער אַ זעגל אַ לאַטע דאָ צו לייגן,
אַ לאָך אין איר אויסגעפּיקט אַ שוואַרצע קראָ.

זאָל נאָר בלויז ס'ריכטיקע ווינטעלע אָנקומען —
ס'ביסל האָב און גוטס תיכף צוזאַמענגענומען,
און אָפּגעצויגן אין אַ מזלדיקער שעה.

## 2

און ווי אין אַ מעשהלע ציט עס זיך ווייטער:
זיינען אויסגעלאַטעט שוין אַלע שטאָפן,
קומט אַ גוט ווינטל ציט׳ס גאָר קיין צפון!
און איז גאַנץ שוין דער זעגל — רייסט זיך די לייטער!

פון זאַלץ צעפרעסן — דער מאַסט בוים שוין אַ שייטער!
ווער ווייסט ווי ווייט מעשהלע זיך פאַרלאָפן,
ווען נישט איבער נאַכט אַ נס וואָלט געטראָפן — —
זע, איבערן ים אַ פאַטשיילע פאַרשפרייט ער — — —

(זאָל איך אייך דערציילן ווער ער איז געווען?
אויב איר זעט אים נישט, ווער איר אים שוין נישט זען.)
אויף כוואַלעס־פערד רייט ער, אַ שטורעם קומט ער אָן,

על רגל אחת — טויזנט און איין וועג׳ל!
דער דגל־מנשה — זיין פלאַטער זעגל,
און דער שלאַנקער מאַסטבוים — דער שטעקן פונם פאָן.

## חנוכת־הבית פון דער פארטוגעזישער שול "שערי שמים"

ווען די וואַקסענע ליכט, זעקס הונדערט און דרייצן,
האָבן אין די מעשענע הענגלייכטער געברענט,
איז די שול אַ פול־געפאַקטע מיט יידן געווען,
אַזעלכע קיינמאָל געזען און קיינער געקענט.

שטאַמען מסתם פון מעראַנען אַהער אַנטלאָפן,
געקומען, ווער ווייסט, מיט וויפיל דורות צוריק — —
ס׳האָט דער פרנס מיטן חזן זיך איבערגעקוקט,
כהרף עין זיך פאַרשטאַנען, אויפן בליק:

און אַנשטאָט דעם "מזמור שיר חנוכת הבית", —
ווילאַנג איינגעזונגען מען האָט אים מיט אַ כאָר! —
פון ארון־קודש די ספרים אַרויסגענומען,
און דער חזן אָנגעהויבן כל־נדרי גאָר.

אָ, נישט איינשטודירן מיט אַ כאָר מען האָט געברויכט,
אַלע ווי איינער פון אויסנווייניק געקענט;
טריפנדיק ס׳האָבן די הענגלייכטער מיטגעזונגען,
זיך בייגנדיק פון ענגשאַפט — מיטגעוויינט די ווענט.

# די ערשטע דריי רבנים

## די דרשה פון חכם דוד ניעטא

„אַ מלחמה ליוואָרנט קאָן זיין נאָך דער ייד,
ביים גענעראַל, אין ליוורע — אַן אַדיוטאַנט,
און ווען ער וועט עס אַליין שוין קאָנען זיין,
צי וועט ער עס דעמלט נאָך זיין אומשטאַנד?

„דאָ פאַרקריכט מען זיך אין געדיכטן נעפל,
נישט מיין גאָט, נישט דיין גאָט — דאָ איז פאָטערלאַנד!
נישט די פירינעאישע האַלב־אינזל בערג,
ווו דער הימל ליגט דיר, ממש אויף דער האַנט.

„דאָ גייט דער מענטש מיטביידע פיס אויף דער ערד!
דאָ קלעטערט ער נישט אויף תהומישן ראַנד,
דעם הימל אויף דער ערד אַראָפברענגען — —
פון דער ערד אַ הימל מאַכן — זיין אימשטאַנד!

„אַנטלאָפן פון שמד, דאָ זיך אויסצושמדן?
האַלב ווארפט מען אין וואַסער, האַלב נעמט צו די וואַנט — —"
ער וויל נעמען אַ טאָן העכער, אָטעמט טיף איין,
זיין פריינט בעלמאָנטע כאַפּט אים אָן ביי דער האַנט.

זיי קוקן זיך איבער, זיי פאַרשטייען זיך,
ער, דער חכם, מיט דעם האַלב־לאַרדישן פראַנט;
ווען נישט ער, דער שפינאָזיסט, האַלב שבתי־צביסט,
צו האַלטן זיך דאָ, וואָלט ער געווען אומשטאַנד?

דער שוחט־ובודק, דער אשכנזי,
זאָגט דאָך שוין דעם בלאַט און ספרדיש ער חזנט (כאַזאַנט) — —
דע בעלמאָנטע גיט אַ געשריי „זמן מנחה!"
און אין שולחן הויך אַ קלאַפּ, מיט צווייטער האַנט.

מיט דער לינקער נעמט ער אים ליבלעך אַרום:
„דאָ הי טאָר מען נישט פאַרלירן דעם פאַרשטאַנד,
קיל מוז מען זיין, אין אַ נעפל פאַרהילט,
אין חרם צו לייגן זיי זיינען אומשטאַנד.

„אַ בעל דרשן, אַ בעל מסביר, ער ברויך בלויז
אָנייען אַ שפּאַניע אויף זיין טלית־ראַנד,
און ווי זיין ברודער, דער לייב אויף דער בערזע,
פון דער „שערי־שמים"־שול ר'איז דער גראַנד".

## דער אשכנזי

אַז אַ מחלוקה־פּייער פלאַקערט אויף,
צי וועט מען עס דען פאַרלעשן קענען ?
פאַרדושעט אויף אַ ווייל, אַ שטיקל צייט,
העלישער צוריק עס זאָל אויפברענען.

צום וויפלטן מאָל שוין שלום געמאַכט,
ברידערלעך מ׳האָט געטרונקען לחיים ;
אָבער צי איז נישט חרוב געוואָרן,
דורך שנאת־חינם ירושלים ?

און איבער אַ פּופּיק מיט אַ נאָדל,
שיער נישט איצט די שול „שערי שמים״.
יאָ, ס׳זיינען אשכנזים און ספרדים,
ווי אַ מאָל יהודה און אפרים.

מיט זיין בשר־כשר אָן אשכנז,
דיר צונעמען די גאַל מיט די לעבער,
זוי אַ ספרדי פאַר זיין „מורה נבוכים״ — — —
און אַז פוןביידע צדדים געלד־געבער — —

און ווען דעם ברעסלער, דעם האַרט, דעם קצין,
עס נעמט דער האָבער אין פּופּיק שטאָכן :
יהיה מה שיהיה, ער וועט שוין,
זיין ברודער פאַר קהילה־רב מאַכן —

אַ מופלג, דער חכם פון אַמשטערדאַם,
שאלות־תשובות טוט זיך מיט אים שרייבן !
און יענער, דער קל — — שומו שמים !
בשום אופן, עס טאָר אַזוי נישט בלייבן.

און צי איז דאָס נישט דער סימן מובהק
פון אַ מחלוקה לשם שמים ?
אַ „קהילה קדושה כנסת ישראל״,
קייגנאיבער דעם „שערי־שמים״ —

קול קורא׳ס פון אַ מרא דאתרא,
מיט קידוש־לבנה־אותיות קלעבן !
ס׳איז טאַקע יענער שוחט ובודק,
בלויז אַ צווייטן נאָמען זיך געגעבן —

אויב שינוי־שם אַ סגולה צומאָל איז,
פאַרן מלאך מיט די טויזנט אויגן,
וועט עס מסתם פאַר דער בערזע־פירמע,
ברעסלער־האַרט, אויך אַזוי בעסער טויגן...

## דער פּוילישער

ווען דאָס לאָנדאָנער רבנות איז פאַרגעשלאָגן,
בכבוד־גדול האָט ער עס אָנגענומען ;
נישט מיט אַ זעגל־שיף איז ער אָנגעשווומען,
אויף די הענט האָבן זיי אים אַהער דאָ געטראָגן.

מען גיט אים טאָפּלט ווי אין אַלטאָנע געקראָגן,
און דאָס אין גאָלדענע טאָלער, אין מזומן ;
אָבער פּלאַי־פּלאַים, זייט אַהערגעקומען,
קיין דין־תורה, נישטאָ ווער ס'זאָל זיך באַקלאָגן . . .

קיין שאלות־נשים . . . צומאָל אַ טריפה טעפּל !
(איידער נאָך אונזערע יידן אין ווייטשעפּל.)
ער האָט זיך פון לאָנדאָנער רבנות אָפּגעזאָגט.

און ווען דער פּרנס געקומען צו אים פרעגן :
„הלמאי ?״ . . . שטרעקט זיך אויס דעם רב'ס האַנט צום געזעגן :
„ווייל דאָס מיין ערשטע שאלה דאָ, האָט עס מיך פאַריאָגט״.

## דער אוואַנטוריסט סימאָן דע געלדערן

אַן אַראַביש בלוט־פערד, אַן אינדישן טאַרבוש,
אַלץ וואָס פון זיין מזרח־אַוואַנטורע מיטגעבערענגט ;
אַנטלויפנדיק איצט, קוים צייט געהאַט, בלויז נאָך געדענקט,
דעם טאַרבוש אין קעשענע אַריינצושטעקן,
פלינק אַ ויברח־ווו, נישט צו ווערן אויפגעהענגט.

איין האָר נאָך, און ער וואָלט געוויגט זיך אויף שטריקל !
שמייכלט ער, שוין אויף צווייטער זייט פון ריין־בריקל :
דאָס מאָל געלוינט, געווען אַ גלאַט־כשר שטיקל,
זי אַ לייכט יאַלעווקעלע, ער אַ ווילד ביקל.

לויפן צו די וואַן געלדערנס, נאָך אַמסטערדאַם ?
די „ריטערס״ וועלן אים נאָכיאָגן, נעמען רעוואַנזש !
ער וועט אַריבער דאָס מאָל דעם שטורמישן לאַמאַנזש,
די קונץ פון לעבן איז נישט צו דענקן — קוראַזש !
דאָס ערשטע בעסטע וואָס ווייזט זיך — ווער ס'זואָגט האָט אַ טשאַנס !

אַזוי איז ער אין לאָנדאָן פון דער שיף אַראָפּ:
די שוואַרצע וואָנס געשפּיצט, דעם טאַרבוש אויפן קאָפּ,
מיט אַ גענגל, אַ פּאַרשייט־טאַנצנדיקס: האָפּ, האָפּ,
זיך צווינגענדיק מיט שלשלתדיקן טראָפּ.

ניין, נישט מיט די „חותן" וועט ער האָבן צו טון,
קאַפּעלושן־אויפקויפער גאַנץ אשכנז קאָקלע־קהל!
נישט מיט די קמצנישע ספרדים־כשר צומאָל.
ווער ער איז? ער איז אַ פּרינץ פון הודו ביז כוש!
יאָ, איבער אַ קוש געמוזט דאָך אַנטלויפן דאָס מאָל.

און ווו און ווי מען זעט אים נישט אַליץ, און מיט וועם:
אַט רייט ער מיט דעם לאָרד, אויף אַ בריטשקע מיט דעם;
אַ דיליזשאַן מיט אַ קעניגלעכער עמבלעם,
אונטערן אָרעם אַ פּרינצעס אין אַ דיאַדעם.

אַ גאַנצן האַרעם מוז ער האָבן ערגעץ ווו,
ווארום תמיד אַן אַנדערע אין אָרעם ער האָט!
שוין שפּאַצירט דער בישאָף מיט אים ביי דער טעמז, און אָט
שטייט ער גאָר מיטן חכם אויף דער טאַוער־בריק,
אַ צעאָמפּערטער, ווי אין אַ מסחר — איבער גאָט:

ער איז אַ ייד, אויף הר־המוריה געווען:
די שיף אויסגעטון, אין די זאַקן איך געזען,
די גאָט־גרויסע משיח־וויזיע דאָרט דעמלט דערזען,
ער ווייסט גענוי דעם טאָג, די שעה, ווען ס'וועט געשען.

פּונקט ווי אין מעיפער, אין די ליכטיקע לוסטהייזער,
דעקאַמערון ער דעקלאַמירט, לאַטיין, מיט ראַזמאַך,
אַזוי בעל־פּה, מיטן טראָפּ לשון קודש, דעם תנ"ך,
אין די מאַטראָזן־פּאַבס אין פינסטערע דאָקס —
אָ, ווי מען קען די הענט צעפירן אין אַזאַ כרך!

וואָס זיין סוף געווען? מסתם אַ מאוסער פּראָצעס,
אָדער גאָר דערשטאָכן פון אַזאַ מין פּרינצעס.
אפשר אין זכות פון זיין וויזיע, צי על פּי נס,
דאָך צו קבר־ישראל געקומען — — ווער ווייסט עס?

# דער לאַנדאַנער בעל־שם

(סאָנעט און באַלאַדע)

1

בלחש זיך איבערגעקוקט האָט די גאַנצע מזרח־וואַנט,
ווען אין זיין הולך אַזוי ער איז אַריינגעקומען;
יעדער ציילט אַפּ שוין זיין ביסל ווערטל־טעשל מזומן,
דערשראָקן אים צו דערלאַנגען מיט אויסגעשטרעקטער האַנט.

ווי ער שפּאַנט דאָס אַזוי פרעמד און געגענט אַזוי באַקאַנט,
אַ קללה אָדער אַ ברכה זיין זינגענדיק ברומען,
פון איין בליק פון זיין אויג מען ווערט געהיילט און באַנומען;
געקומען זיי נאָכגעשווומען אויף אַהער דאָ אין לאַנד?

דעם בציבור־בליק דערזען, ביי דער טיר געבליבן שטיין,
העכער אונטערגעזונגען זיין ברומענדיקן ניגון,
געוואַרט ביז „עלינו", ביי „המונם" אויסגעשפּיגן,

נאָכגעזאָגט לעצטן „אמן", און שנעל געוואָלט אַרויסגיין,
מיט גרויס כבוד איז דער חכם צו אים צוגעגאַנגען —
צום „רעמבראַנד", געזען אין קעניגס פּאַלאַץ אויפגעהאַנגען.

2

דער חכם רעדט צו אים מיט פסוקים פון חומש,
ער טוט זיך זיי אויף יידיש־טייטש פאַרטייטשן;
ווער ברויך ווערטער, אַז מ׳קאָן מיט די אויגן ריידן,
ענטפערן מיט תנועות — מיט טויזנט קנייטשן:

„כבוד מלכותו, ירום הודו, מלך חסד,
קהילה קדושה מתפלל בציבור,
שררות שונא־ישראל — — „ער לאָזט נישט ענדיקן:
„גם זה יעבור, אַלץ בשלום אַריבער".

אויף זיין פאַרבינדן טאַרבעלע ער ווייזט אים אָן,
אַלצדינג וואָס מען ברויכט האָט ער דאָרטן ליגן:
קמיעות מכל המינים, שיר־המעלותלעך,
וואָלף־ציינדלעך קראַנקע קינדער צו פאַרוויגן.

פלוצלינג כאַפּט ער אַרויס פליצערן־קרייטעכצער,
און מאַכט מיטן חכם „בורא מיני בשמים״ — —
יעדעס גרעזל האָט זיין סגולה, און דאָס־אָ,
בדוק ומנוסא פאַר אריכת ימים.

„והריחו ביראת השם״, שעפּטשעט ער,
„געקומען טאָקע קראַנקן, קינג׳ קורירן;
זריזין מקדימים, איילִיק, סכנת־נפשות,
תיכף צום מלך־פּאַלאַץ אַהינפירן״.

דער חכם קוקט אים אָן: כשוף, מעשה שטן?
אַזאַ לייכטקייט אין די אברים ער נעמט שפּירן,
ס׳לויכט אויף זיין פאַרנעפּלטער מרה־שחורה בליק,
פריש אַזוי אין זיין פאַרמאַטערט געהירן —

אָפּן שטייען די „שערי שמים״־טירן,
די גאַנצע מזרח־וואַנט אַרויסגעקומען,
קוקן דערשראָקן: ווי אויסטערליש דאָס שמועסן,
אַהין גאָר צום „טאוער״ שפּרייזן געגומען?

שאַ, ס׳קלינגען די גלאָקן, ס׳בלעקעצן די נאַנעס,
אין פולע קירכעס פרעדיקן מאַנאַכן,
דער פעבל אין גאַס, קריע בלוע, טויט־שכור,
חלילה דער מלך חסד ס׳אויג צומאַכן — —

דעמלט ראָדעריגאָ לאָפּעץ, אַ געקעפּטער,
און אַצינד — — שאַ, טוישן זיך די לייב־וואַכן?
ס׳שרעקן די פּויקן, פול געפּאַר די פאַנפאַרן;
האַרך, דאָס האָפּערדיקע קאַנאַנען קראַכן —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

זייט דעמלט מער חתונות, וויניקער גט׳ן —
אויפן פאַרמעט „שיר־מעלות׳ן״ געשריבן!
אַז צומאָל אַזעלכע שפּרוכן האָט ער געוווּסט,
מאַן זאָל פערהאַסט ווייב נעמען צוריק ליבן.

און אין אַן אָרעם געסל דאָרט ביי דער טעמזע,
פאַר אַ הייזקע ד׳ על ד׳ קוים איילן,
זעט מען, נישט נאָר קראַנקע קומען נאָך קמיעות,
נאָך קרייטעכצער, נאָך וואַסערלעך וואָס היילן,

כל המינים „לעדיס״, אין זיידנס געקליידטע,
פון פּאַרמאַכטע קאַטשן אַרויס מ׳זעט איילן — —
ראַפּטים עפּנט זיך ס׳פענסטער אויף, ער קוקט אַרויס
און נעמט וווּנדערלעך אַ מעשה דערציילן.

מ׳קוקט אויף זיין הענט־באַוועג, פון זיין מויל איין וואָרט בלויז —
אַ רויז פון בלעטלעך מען זעט אַרויסשיילן.
די „לעדיס״ נעמען וואַרפן זשמעניעס מיט זילבער,
ווייבער מיט לעצטן רעפּטל ברויט זיך טיילן.

און איינמאָל ער דערזען האָט דעם חכם דרויסן,
ווי ר׳איז צווישן המון פערקליידט געשטאַנען,
אינמיטן דערציילן ס׳פענסטער איילִיק פערהאַקט,
מיט גרויס כבוד צו אים אַרויסגעגאַנען.

ר׳האָט דעם צווייטן אויך דערקענט, דער קעניג געווען,
אַ ווינק געגעבן אים, נישט אויסצוגעבן!
ער האָט זיך טיף פּאַרבויגן, כבוד המלך,
מיטן חכם גיך אַריין — טיר דערנעבן.

זיי האָבן זיך מיט גרויס פרייד אָנגעקוקטביידע,
אַן אַ פּסוק שוין צומאָל זיך פערשטאַנען;
דער איינער אויף די שייטערס, דער צווייטער ביי „כמל״,
ברענענדיק טיף דערפילט אַז גאָט איז פאַראַנען.

און אויב מ׳ווייסט דאָס, וואָס נאָך ברויך מען צו וויסן?
ווען זיי האָבן גענוג לאַנג שוין געשוויגן,
האָט דער חכם מיט אויגן ליכטיק געבעטן,
און דער בעל־שם אונטערגעברומט זיין ניגון:

„איר זענט געגאַנגען ביז דאָ, אַ גרויסער מהלך,
מיר אָבער מוז קענען גיין נאָך ווייטער —
ס׳איז נאָך פאַראַנען טיפערס פון ,מורה נבוכים׳,
און אַ סך שרעקלעכערס פון „כמל״ און שייטער.

„עס גייט נישט נאָר בלויז אין דעם־אָ, צי גאָט קאָן יאָ,
צי נישט באַשאַפן אַ יש מן האין —
אַז דער מענטש וועט צוקומען צו ביטול־היש,
דעמלט ערשט וועט נישט זיין מערער קיין קין —״

**ווען דער חכם איז צוריק אַרויסגעקומען,**
**דער קעניג שוין געווען אַהיימגעגאַנגען,**
**און געשטאַנען אויף די קני דאָרט פאַרן רעמבראַנד,**
**אין זיין פּאַלאַץ אין גין־גאָלד־רעם געהאַנגען.**

## ספרדים, אשכנזים און נוסח־ספרד...

### (דריי סאָנעטן)

1. ווען ריקאַרדא איז אַריין אין פּאַרלאַמענט

**ווער צו אים זיך געקענט פאַרגלייכן אין יעדן פּרט,**
**די מענטשלעכע חשיבות, די ספרדישע שטאָלצקייט אַליין,**
**מילא, קומט ער נישט יעדן טאָג אין סינאַגאָג צוגיין —**
**די קרוין פון דער קהילה, דע ריקאַרדאָ און שמד ?**

**דעם אָרעמסטן שוין צומאָל צו קענען מאכן זאַט,**
**דערפאַר מסתם האָט ער געמוזט אין פּאַרלאַמענט אַריין ;**
**אַ נייער מין בענדיקט דע שפּינאָזאַ ר׳ווערט זיין,**
**געשווירן ביי די דריי־איינקייט — נישט ביים אחד. (עכאָט)**

**ער שפּירט דער חכם אַן אבל־טרער שטיקט אים אין האַלדז !**
**ער הערט חרם ווערטער, בלויז ער דערקענט נישט זיין דיבור,**
**נישט אַ קריע־ריס — אין האַרץ רייסט זיך אים עפּעס איבער :**

**מענטשלעכע חשיבות, ספרדישער שטאָלץ — אויב דאָס איז אַלץ,**
**טראָגן די אשכנזים איצט איבער דער וועלט גאָט׳ס עול — — —**
**צעוויינט ער זיך, מיט אַזויפיל שפלות, הויך אויפן קול.**

2. דער ווייטשעפּל אשכנזים בית־חיים

**איך בין נישט קיין מהר״ל, קאָן נישט מאַכן קיין גולם,**
**און זיי מאַכן פאַר יידן עס ווערט מיר נישט געלינגען.**
**צומאָל אַ גוי ירושלימדיק זיך צעזינגען —**
**ממש אַן על נהרות טעמזע בין הגולים *,**

---

* געמיינט : לאָרד בייראָן.

און מיט הייליקן ניגון פון אונזער אדון עולם.
מילא מוז מען דאָך דערפון יאָ עפּעס אַרויסדרינגען,
בלויז נישט, אַז גאָט איז אַ שיין מעשהלע מיט דריי רינגען...
ווי קום איך קליין יידעלע צווישן זייערע גדולים.

„נישט קיין ,חכם', אשכנזי אייניקל פון חכם־צבי",
שמייכלט ער אַלט־קלוג אין זיין פוליש שיטער בערדל אַריין:
„מיט מיינע שוואַכע פיס כ'וועל שוין ביז אַהין נישט דערגיין,

„וויל איך אין ארץ־ישראל־ערד באַגראָבן זיין דאָ הי,
זייער שטאָלצע חולם נאָז „אוי", זיי הויבן זי צו הויך,
ווילט זיך ליגן צווישן אייגענע — — ס'וועט זיין היימישער אויך."

3. נוסח־ספרד (אויף „עדמענדטאָן")

קייגנאיבער דעם אוהל דער „סאַרקאָפאַג" פון לאָרד,
איינס קוקט אויף צווייטן ווי אויף עפּעס נישטאָ־געדאַכט —
זיי זעען דאָ ביידע נעבעך אויס ווי נאָכגעמאַכט!
אין יידישלעך שילכל זילבעריק־ברייט צעקעמט די באָרד,

זיצן אַ שעה אין פּרעזידענטן־שטול, מעשה־ספאָרט,
בעטנדיקע בליקן אויף מיר אין אַ יום־כפור־נאַכט...
אָבער טויט־לאַנג צו ליגן דאָ, מיך אַהערגעבראַכט?
פלוצלינג אַ היימישער „אל־מלא־רחמים" צעכאָרט,

זיס־נאָגן פון תחינות זאָגן, יידישלעך־פּאָרטרערט — —
ווי אינם רבינס שילכל ביים „כל־נדרי"־ניגן,
גלייך־אויסגעשטרעקט שטיל, בלייבט ער אין „סאַרקאָפאַג" ליגן.

דערנאָך דרייט ער זיך אויס צו זיין „לעדי": „האָסט געהערט?
גלויב מיר, מער ווערט ווי דעם שענסטן קראַנץ מ'וואָלט אונז לייגן,
אַזעלכע טענער א טויט־לאַנג הערן און שווייגן".

## א למד-וואווניק באלאדע

טומלט זיך אויף יאַרמלעניצער יאַרמאַרק־יאַריד,
להבדיל אין בית־המדרש דער רעש נאָך גרעסער;
די גזירות אין פוילן, אין ליטע און רייסן —
דער שטן־המשחית שלייפט זיין שחיטה־שאַרף מעסער.

זיינען זיך צונויפגעפאָרן בוידן, קאַטשן —
ספאַדקעס און סטראָקעס פראַווען גאָר גרויס אַן אסיפה!
און עפּעס אַ באָרוועסער ווער, אין אַ קוטשמע,
אַ ייד מיט אַ פּאָר אויגן, פאַרטראַכטע און טיפע,

טאַפּט זיך ביי די ווענט, קאַלטן טרונק טראָגט ער אונטער,
קוקט רק אין די בליקן די באַקאַלפּעקטע יידן,
ר׳איז איינער פון די למד־וואָוו, דער ראש פון זיי —
אויך זייערע אסיפות אויף יאַרמאַרק יאַרידן!

דערווייל פּאַיען זיי פערד, קאָרמען אַ בהמה,
גלעטן אַ קראַנק קעלבל געבונדן אויף אַ וואָגן;
קומען זיך ערשט צוזאַם, אויפגעכאַפּט ער האָט אלץ,
וואָס די תלמידי־חכמים געהאַט צו זאָגן — — —

צו זייער אסיפה גייען די למד־וואָוו,
דער ערשטער איילט זיך יענער לאַטוטניק, דער שניידער;
דער לעצטער קוים אָטעמדיק, מיט אַ גיך־געקריך,
פאַרשפּעטיקט מלמדל פון אַ דרדיק־חדר.

אַ היטלמאַכער, איינגאַנצן אַ פאַרשוויצטער,
אַ צענטער צום מנין קומט ער פלינק אָנגעלאָפן;
צורעכטמאַכן אַ ריס אין אַ ווערעך געמוזט,
פון אַן אָרים רב׳ל אויפן וועג אָנגעטראָפן.

פאַרוואָס דווקא זיי, חלילה, גאָר פאַרגעסן:
ס׳איינגעמעלטע בעקערל, אַ שיבער, אַ קנעטער,
און דעם שוסטער פעך־שוואַרץ פון יידישע צרות,
אַ שענערער פון אים — שוין לאַנג אַ גוטער־בעטער!

זיצן זיי אבלדיק, וואַרטנדיק ביים ברונים,
די וואַסערטרעגער, אויף איבערגעקערטע עמער — —
דער ראש שנעל זיך אויפגעשטעלט ביי אַ נאַשידלע,
ווי אין בית־המדרש אַ דרשן ביים מעלעמער.

מיט זיינע אויגן ער ציילט אָפּ, נישט איינס, נישט צוויי,
36, יאָ, מיר זיינען אַלע צוזאַמען:
„אַן שהיות, און תיכף שוין, איינער מוז אַהין,
און דאָס מאָל אין די מרחקים, ווייט איבער ימים.

„אבער מדולדול, נשמות ערטלאות,
וועם צוריק באַהעפטן, ווו לייגן אַ לאַטע,
מיר מוזן טון וואָס מיר טון, וואָס מיר נאָך קענען,
בלויז העלפן, איין גאָט ברוך הוא, אויבן דער טאַטע.

„מיר פּראָסטע יידן, מה נאמר ומה נדבר,
גזירות, מסתם, רפואה פאַר דער מכה!“
מיטן שוסטער גיט עס אַ וואָרף, ער טוט אַ מרוק,
רק דאָס בעקערל ברומט שנעל אונטער: „טאַקע, טאַקע“.

דער ראש בלייבט שטיל, די אויגן פאַרגלייזט צום הימל,
ס׳בליצט אַ רעגנבויגן פון געלאַטעטע בגדים —
אַלע בליקן זיינען געווענדט צום לאַטוטניק,
מיט פאַרשפּילעוועטן לאַץ מיט נאָדל־פאָדים.

און ווייל געווען עס איז געוואַלטיק גאַר איילִיק,
האָט זיך זייער אסיפה תיכף באַלד געשלאָסן,
און בשעת ער ביחידות געקפצת־הדרכט,
האָבן זיי זיך גענומען בציבור צו חצותן — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

אין לאָנדאָן דער שטאָט, ביי די ברעגעס פון טעמזע,
אויפגעריכט ווערן יידן, קוואַלן פון פרנסה;
בזיעת אפיך ראַנגלט מיטן שטן,
„גענאָסע“? „מלאך הממונה דיקרנוסא“?

אין איין הרף־עין אַהער אָנגעקומען,
דורך אַ לעכל פון אַ נאָדל אים ווער דורכגעצויגן!
קוים זדאָנזשעט דעם פאָדים איינצופעדעמען,
מיט זיינע בלינדע צוויי געלאַמעוועטע אויגן.

זאָל ער זיין גרייט באַלד צו דזשאָבען, צו סטריגעווען,
חס־חלילה קיין מינוט מ׳טאָר נישט פאַרלירן;
איז עס דאָך אינם זכות פון די למד־וואָוו בלויז,
וואָס אונזער זינדיק וועלטל קאָן נאָך עקזיסטירן.

לאָנדאָן די שטאָט, ביי די ברעגעס פון דער טעמזע,
נישט קיין שפּילעכל איז עס, אין אַזאַ כרך גדול,
אָנצוקומען מיט ליידיקע צוויי ידים,
בלויז מיט לאַץ פאַרשפּילעוועטן מיט פאָדים־נאָדל.

און דער נעפּל־מצרים, ממש וימש —
אַ ווילגאַטש־וואַנט דער קעלער ווו אַריינגעצויגן !
עס טאַפּן זיך ביים האַלדז נאַסע קאַלטע פינגער,
און ברייטע תכריכים־שטעך לאַמעווען די אויגן.

און ער דזשאַבעט און סטריגעוועט און ניטשעוועט,
אויף וואָך און אויף טאָג, אויף „באַנדל״ און לאחדים ;
עס צעקריכט די מאַטעריע ווי שטיקער נעפּל,
און אָט דאַכט זיך, ס׳גייט אינגאַנצן שוין אויס דער פאַדים.

אין שוויץ־באָד אויף העכסטער באַנק מ׳גייט אָפּ אין „סוועט־שאָפּ״ —
ס׳וואַרפט זיך אַ מין קדחת צווישן „סלעק״ און „האָסע״ !
מינדסט ווייטשעפל־געסל — יאַרמלעניצער יאַר־מאַרק,
אַ, וואָס טוט נישט אַלץ דער מענטש פאַר שטיקל פרנסה.

יאָ, בזיעת אפיך איז קריעת־ים־סוף,
אָבער ביזנעס — ביזת־הים און גאָלדן עגל —
דורכן געדיכטן נעפּל אַ לאָנדאָנער זון,
ווי דורך „מענעדזשער״־פענסטערל „פּאַרמאַנס״ שטרענג אייגל :

צי געגנאָסע ? צי להבדיל דיקרנוסא ?
אפילו מיט למד־וואָוניק מ׳איז דאָ נישט זיכער !
אַז גאַנצער שניידערוק ס׳ווערט דאָ אַ לאַטוטניק,
מיט כל־ערליי קרענק טשעק־און בענק־און קאָנטע־ביכער — — —

אַ וואונדער די וועלט וואַקלט בלוטיק פאַרווונדיקט ?
בלויז יעדע רגע, אַז זי פאַלט נישט גאַנץ צוזאַמען,
אַ סימן פון די למד־וואָוו ס׳פעלט נישט איינער,
צומאָל דער אַהערגעשיקטער דאָ, מעבר לימים.

## משה מאנטעפיארע

אין דאַמאַסקוס, אין מאַראָקאָ, רומניע — —
ערשט ווען נאָך וואַרשע־ווילנא אָנגעקומען,
און די יידן דאָרט דערזען, אַרום זיין האַרץ
אַזאַ צער, אַזאַ פרייד אַרומגענומען.

פון אַזאַ שטאָלץ וואָס ער איז איינער פון זיי,
זיינע צוויי אויגן צוויי קוואַלן פון טרערן;
נישט צו די איבערזעצערס, צו זייערע רייד,
צום קול, צום קלאַנג, זיין האַרץ טוט זיך צוהערן.

הערט ער נישט זיין טאַטן, צי גאָר זיין מאַמען — —
זייערע נשמות רוען אין גן־עדן! —
ווי וווּנדערלעך אין אים און ווי געוואַלטיק,
ווי ער וואָלט געהערט די נביאים ריידן —

„כי מעולם ועד העולם את אל!"
די גאָט־אימפעריע אַלע פינף ערד־טיילן;
ער זיין אַמבאַסאַדאָר, זיין עמיסער,
דעם „באחרית הימים" צוצואיילן.

און ווען די ארץ־ישראל ערד באַטרעטן,
אויף זיין אייגענעם האַרץ האָט ער געטראָטן;
זיינע ליפּן פאַלן צו צו יעדן שטיין,
אַ שטיק פון די לוחות מיט גאָטס געבאָטן.

צי איז נישט דאָ בית־אל, און אויף יענעם דאָרט
יעקב אבינו׳ס קאָפּ אויף אים געלעגן?
„ירושלים ההרים סביב לה" —
דאָ ווו, מאַמע־רחל, מיטן די וועגן — — —

ער איז יענע לייטער, אַרויף און אַראָפּ,
אַ גוטער מלאך מיט אים מיטגעגאַנגען;
„אכן" — — אויב אַזוינס מיט אַ מענטש ס׳קאָן געשען,
אַ גרויסער גאָט איבער דער וועלט פאַראַנגען.

## זיין ווייטשעפּל־באַזוך

מיטן פסחדיקן געפעס און מיט די פּאָרטרעטן
פון משה מאָנטעפיאָרע און פון ווילנער גאון
און דעם געהאַפּטענעם לייבן־מזרח פאַר אויבן אָן,
איינגעניית אין די גרויסע ווייכע איבערבעטן,

אַזוי זיינען זיי דאָ־אַהער דעמלט אָנגעקומען;
מיט דאַרע שנעלע פינגער פאַסטריגעס צו ציען,

פול מיט „עקדות־יצחק" און „שולמית"־מעלאָדיען
און מיט „מן־המצרלעך" אַזוי זיך אונטערצוברומען — —

און איז מאָנטעפיאָרע אין אַזאַ ווייטשעפּל שטיבל,
אַריינגעפאַלן — — ס׳האַרץ איז אים געבליבן שטיין!
אָ, ווי אָרעמע מענטשן קאָנען דאָס דאַנקבאַר זיין.

ווי אַ יידישן קעניג אין די צייטן פון ביבל —
אַ געזאַלבטן אַזוי אין זייער בלוט און טרערן,
האָבן זיי מיך אויפגעהאָנגען — הימנען צו הערן.

דער סאָנעט פון זיין לעצטער נסיעה — ראַמסגעיט׳

עס פאַרבינדט די ענגלישע אימפעריע דער ים,
אינמיטן דער אינזל — דער פונקט אינדערמיט,
און תמיד איבער איר — די זון אין צעניט;
איז עס דער ים התלמוד וואָס האלט אונז צוזאַם?

גוט, „גם כי אלך" דורך בלוט, דורך טרערן, דורך פלאַם!
בלויז ווו אונזער אינזל צו שטעלן די טריט,
ווען צום תהום לעצטע כוואַליע שלעפּט שוין מיט,
דערטרונקן צו ווערן ווי פאַרזונקענער שלאַם?

דאָס געפלייץ האַלט איין, שטיל אין אים ווערט, ער הערט:
אין גאָטס האַנט זיינען מיר דאָס הייפעלע ערד,
און ווי זעמדל ביי זעמדל ווערן מיר אַ ברעג;

ס׳ברויזן די כוואַלעס, ס׳עפנט זיך דער אָפּגרינט,
פון אַלע פיר זייטן ווילד דער שטורעם־ווינט — —
אין גאָטס האַנט קיין איין זעמדל ווייעט נישט אַוועק.

## שמחה בעקער

די שיפן וואָס פעסער מיט הערינג אָנגעפּירט,
האָבן זיי אַהערגעבראַכט דאָ פולע געפּאַקטע,
אַנטלאָפענע פון פּאָגראָמען, פון קאָזאַקן.
אָ, ווען נישט שמחה בעקער אַנשטאָט אין שטאָט אַרום,
אַרויסגעפירט דאָ דאָס ברויט וואָס אָנגעבאַקן.

אויף די נאַסע באָרטן, אין די קאַלטע ווינטן,
אין נעפּל אויסגעווייקט, אין בלאָטעס און ווילגאָטש,
זיינען זיי דאָ טויט־פאַרהונגערטע געלעגן,
ווי די אויסגעלייגטע הרוגים אין שטעטלעך,
ווי די פּליטים אַוועקגעפאַלענע אויף די וועגן.

די לאַבּנס ברויט אָקאָרשט פון אויוון אַרויס,
קאָרענע, שוואַרץ־ראַזאָווע, נאָר צום אויפפּלאַצן,
אויוונס ברויט גאַנצע גאַסן צו באַשמעקן,
אויפגעגאַנגענע ווי מעוברתרע לייבער,
טויטע שוין צוריק צום לעבן אויפצוועקן.

דאָס היימישע הייליקע, דאָס שוואַרץ־ערדיקע,
אויף די קני וואַרעם־פאַרעדיק אויפצוברעכן,
מיט שבתדיקן מוציא־מעסער צו שניידן — —
מיט געזאַנג ר׳איז אויפגעגאַנגען דער גערוך דאָ,
דער בזעת־אפּיכדיקער טעם גן־עדן.

אָ, ווען נישט שמחה בעקער אויף זיין ברויט־וואָגן,
די אַלטע דעמלט, די שוואַכע, די קינדערלעך,
אהיימגענומען זיך וואַרעמען ביים אויוון,
צי וואָלטן מיר דען אַצינדער דאָ געפינען,
אַן אייגענע וואַרעמע היים צווישן קרובים ?

## די ווידוי

(נאָכן לייענען די בריוו פון אהרן ליבערמאַן)

אין העברעאיש, רוסיש, אין דייטש און ענגליש,
פון אַלץ וואָס געשריבן אין אַלע זיינע טעג,
איין וואָרט געדענקט ער בלויז, פאַר זיין בליק עס שטייט,
ס׳קוקט שטייף אויף אים, מיט אַזאַ העזהדיק געפרעג.

ס׳איז נישט קיין וואָרט, אַ מענטש איז עס, זיין טאַטע,
עס שטעלט זיך פאַר : „געדענקסט מיך ? בין איך עס דער ,זשיד׳״ !
דאָס איינע וואָרט פון אַלץ וואָס ער געשריבן,
אַ גאַנצן טאָג, קוקנדיק אויף אים, ס׳ווערט נישט מיד.

ווי מיט אַ לופּע געצילט, קאָסאָקע שיף —
ס׳דרינגט אַריין אין אים טיף: אַ קול, אין שליף אַ קויל?
ווי פייערדיק גליאיק, געשליפן שפּיציק,
אין זיין קאָפּ אויסגעליידיקט אַלץ, אויסגעבערענט הויל.

אַז פון אַלץ וואָס געשריבן אין זיינע טעג,
בלויז ער געדענקט נאָר דאָס איין־איינציקע וואָרט, „זשיד“,
איז וואָס הילכט עס אין אים אַזוי וואָרט נאָך וואָרט,
ווי געליינט פון אַ בריוו, ווי געזונגען אַ ליד?

זיינע קינדער שטייען אים פאַר די אויגן — —
זיי ליינען אַצינד צום ווי פילטן מאָל אַ בריוו — —
איז עס זיין ווייב, צי יענע פון יענזייט וואַנט?
די לופּע קוקט קרימלעך אויף אים, קאָסאָקע שיף —

ער האָט ס׳ווייב נישט געליבט, און די ליבט אים נישט — — —
איז טאַקע אַלצדינג דער מענטשלעכער לייב, דער גוף?
און פון וועם הערט ער אין זיין ליידיקייט,
אַ בת־קול, אַן עכאָ, אַזאַ דייטשלעכן רוף?

ס׳איז זיין מאַמע, ער הערט דייטלעך יעדעס וואָרט,
ווי נאָנט, ווי היימיש־אייגן, ווי תהומיק־טיף — — —
ווייטשעפּל ווו־ווידער, ווילגאָטש־ווינט און שוויס,
ער תפילה׳ט צו די קינדער אין יידיש אַ בריוו?

אַ נעפּל איז אַלצדינג פאַר זיינע אויגן — —
נישט דער דייטשער זשאַנדאַרם, נישט דער רוסישער שפּיק,
קיינער פון זיי קיין וואָרט אַרויסבאַקומען,
בלויז דאָס סטראַשנדיקע מענטשעלע אין זיין בליק.

ווי עס קוקט אויף אים, גאַנץ צו פאַרניכטן אים:
„מיט דיין יידישער האַנט האָסט עס געשריבן, ליין,
שוואַרץ אויף ווייס: ,אַ פּאַטש פאַרגייט, דאָס וואָרט באַשטייט׳,
איז דיין אייגענער שופט זאָלסט דו אַצינד זיין“ —

צום ווענטל אַ צוגעשטעלטער, שטייט ער איצט!
ווי צו דעם וואָס געכאַפּט ווערט פון אייגענער האַנט!!
אויב די ליבע בלינד, פאַרבינט אים די אויגן
אט־אַ יענע וואָס שטייט אויף אַנדערער זייט וואַנט.

אַליין ר׳איז זיין ריכטער, לייגט אַליין זיין פּסק,
זיין אייגנער הענקער, זיין האַק, ער וועט זיין אַליין;
ווי קלאָר מיט אַמאָל אין זיין קאָפּ, די ווערטער
נישט קיין גייסטלעכן, נישט ר׳זאָגט זיי נאָך מיט געוויין.

ווי וווּנדערלעך די לעצטע רגע קאָן זיין — —
זיינע ליפּן פּעסט פאַרביסן צווישן די ציין;
אָבער אַזוי דייטלעך ער הערט יעדעס וואָרט — —
שאַ, עמעצער ווער אין אים רעדט מיט זיך אַליין:

„ניין, איך האָב קיינמאָל נישט זייער טיפן פּיין,
זייער צער מיט מיין גאַנצן האַרצן דערפילט;
מיט געשליפענע, מיט גלאַטע פרעמדע רייד,
מיינס צי דערגרייכן בלויז רק כסדר געצילט.

„נישט ישעיה׳ס חזיון, נישט עמוס׳ן יושר —
אייגענעם אונטערגאַנג — אָט דעם אחרית געזען!
דער הילך־קלאַנג פון וואָרט, דער הילוך פון גאַנג,
אַלץ וואָס אונזערס ווי פאַרמיאוסט איז עס מיר געווען.

„מליצהדיק געצאַצקעט זיך מיט באָרד קאַצאַפּ׳ס,
אַץ־קוצצדיק ביים שפּיץ־בערדל געצופּט דעם ייד;
ויין, וויב, נעקראַסאָוו־געזאַנג — מיין פּאָעזיע,
אַ בעטלער מיט אויסגעשטרעקטער האַנט — אונזער ליד.

„וואָלט איך אין געסל דאָרט דערפילט זייער לייד,
מאַמעדיק לשון ס׳וואָלט פון מיר אַרויסגערעדט,
וואָלטן זיי נישט, מיך אַנטרעפנדיק אין גאַס,
געקוקט אויף מיר פרעמד ווי אויף עפּעס אַ שד.

„געיאָגטע, געפּלאָגטע, עלענדע און פרעמדע,
פון אַרבעט אויסגעטרוקנט, אויסגעווייקט אין שווייס,
דערשלאָגן, פאַרגרעבט, פאַרגולמט, אַ וווּנדער
פאַרגעסן צומאָל מיטגעברענגטן אלף־בית?

„און האָב איך באמת טאַקע עברית געמיינט,
די לשון־קודש הייליקע נביאים שפּראַך?
אַ דרדקי מלמד געזאָלט ווערן,
און לערנען מיט זיי סידור, עברי, האַלב טראַף.

„פון רב אין בית־המדרש, פון מגיד אין שול,
אַ „שולחן־ערוך״־סעיף, אַ משל שטיל מ׳האָרכט צו,
דער פאַרלוירענער הערט אַ היימישן טאָן,
אַן אייגן נאָנט וואָרט, און געפינט אַ רגע רו.

„צווישן אייגנע ער זיצט ביי „געדעקטן״ טיש,
מיט אויפגעשטעלטע אויערן ער הערט „דאָס בלאַט״,
און אויב נישט אויף דער, איז כאָטש אויף יענער וועלט,
מיט לויתן, מיט שור־הבר ער וועט ווערן זאַט.

„צומאָל אַרום מיסיאָנער, להבדיל, אין גאַס,
פאַרמאַטערטע פערד זיי בלייבן שטיין אין ראַד ;
פון וואָרעמען קלאַנג, קרום־צעבייטשט, פיפיק־פאַרטייטשט,
דאָס אויסגעליידיקסטע וואָרט פול נאָך מיט גענאַד.

„אַ פאָלק איבער ערד־קיילעך זיין בלוט־געשפּרענגט :
‚כי מעולם ועד עולם אתה אל׳,
רעוואָלוציע־ראָד מיט לעצטן בדמיך טראָפּ,
שמירן אַצינד ווי מיט ביליקן שמיר־אייל, ווייל — —

„הויל־אָנגעשוואָלן, ליידיק־אויפגעבלאָזן,
פלאָנטערט שווערע צונג אין מויל ווי א פּאַפּוגיי ;
מיט אויסגעלערנטע ווערטער מ׳נעמט שפּרייזן,
ווי אויף שטאָלצן, כאָטש צעפּאַיאַצעווען מיט זיי.

„גדלותדיק איבער זיך אַליין דערהויבן,
מיט לעצטן, מיט פרעמדן כוח שוין — — אויב דאָס איז אַלץ ?
איז פאַר מיר נישט מער איבערגעבליבן איצט,
ווי פאַרוואַרפן אַ פעסטן שטריק איבערן האַלדז.

„כסדר כ׳זע אים באַמבלען איבער מיין קאָפּ,
עס טראָגט אים מיין שאָטן נאָך הינטער מיין געניק ;
אויג אויף אויג קוקט מיך עמעצער ווער שטרענג אָן,
עס איז דאָס מענטשעלע אין מיין אייגענעם בליק.

„ווי שפּיציק עס קוקט, ס׳איז אַ שפּיאָן, אַ שפּיק
דער שפּייער אין טאַש אַ געלאָדענעם ער טראָגט,
‚דאָס איז ער, נעמט אים, שליסט אים אין קייטן,
איבער קאָפּ מיט נהגייקע׳ ! עס שלאָגט — —

„ס׳יאָגט מיך שפּאָטיש נאָך מיט אַזאַ שפּיי־געציש —
דער גאַנצער אָצעאַן אין איין טראָף, אין איין אות.
„זזששיד״ ! שיסט עס מיר דירעקט אין פּנים אריין,
אין מיין מוח גליט עס שוין — כ׳הער דעם שאָס !״

— — — — — — — — — — — — — — — —

ביז דאָ אַהער, ביז איצט כ׳הער די ווידוי־ווערטער,
איך זע דאָס געציל, ביים ציינגל דעם לעצטן צי, —
דער הילך פון אַזאַ „על חטא שחטאתי״־קלאַפּ !
אויף ליפּ כ׳דערפיל בלוט־טראָפּ פון „בדמיך חיי״.

## א לעצטער שפּראַץ

וויאַזוי מעגלעך אַז אַ שפּראַץ פון אַזאַ דעמב,
די טאָכטער פון קאַרל מאַרקס, זאָל זעלבסטמאָרד באַגיין ?
האָט דאָך שוין אין אים, אין דעם גיבור, אין דעם ריז,
דער סם דערפון, ס׳זוימנקערנדל געמוזט זיין —

מיט מח, שאַרף־פאַרשפּיצט, פונקן געשלאָגן פון שטיין,
דעם טויט שוין געטראָגן אין אייגענעם געביין,
אָדער ווייל לעצטן פונק פון זיך אַרויסגעשפּריצט,
אין הייפעלע אַש, אין אייגענעם אויסצוגיין ?

דעמלט אויף דער גרינדונג דאָ, פון שניידער־פעראיין,
פון איין זייט פּיליפּ קראַנץ, פון צווייטער פייגענבוים,
און מאָריס ווינטשעווסקיס קול דערהערט, ווי קלאָר ס׳קלינגט,
צו אַן עולם געהאַלטן זיך אויף די פיס קוים :

„שוועסטער און ברידער, עס איז נישט קיין זיסער חלום,
עס איז אַ קאַמף, ווי אין פסוק שטייט, ׳ולאם מלאם
יאמץ׳, די וואָס פרעסן אייער שווערע פּראַצע,
וויגן אייך איין, מיט, ׳ברוך אדני יום יום׳ —

„דאָס פערד איז ווערט די בייטש, וועלכעס קייעט דעם צוים — —״
אַן אויפגעברויזטער ים, אָט צעשפּריצטער אין שוים !
זע, אין זיי די טויט־שטילקייט ווי פאַר אַ שטורעם ! !
זי קוקט אויפן רעדנער, זי קוקט אויפן המון :

דער ברייט אויפגעריסענער און טיפער תהום,
צווישן זיי דאָ, און „די דינער פון מאַמאָן־גאָט״!
און איר טאַטע, דער נביא פון אמת און רעכט,
גראָד די אונטערדריקטסטע פון אַלע פּאַרזען האָט...

איבער איר קאָפּ דער אַפּלאָדיסמענטן געשאָט,
ווען מען האָט דעם נאָמען פון איר פאָטער דערמאָנט;
אין זייערע אויגן, אַרויפקוקנדיק צו איר,
דעם ברענענדיקן בליק פון איר טאַטן דערקאָנט...

צווייגל אין ווינט וויגט זי זיך צווישן שוואַרץ און בלאָנד:
ווי איר מאַן זי, איר פאָטער פאַרראַטן זיין שטאַם!
אַ וואָרצל טיף־געצויגן זיך, ווייט־געוויקלט,
רוטנבערג, פּאַדוא, פון מהר״ם צום מהר״ם — —

איר אָפּגעריסענער פלאַם גייט אויס, ברעכט צוזאַם,
ווען נישט פון איין זייט פייגענבוים, פון צווייטער — קראַנץ!
„עלעגאָרא? האַרמאָניא, די טאָכטער פון צויס״ — —
אין ווינטשעווסקיס אויגן דער פייערדיקע גלאַנץ —

אַזאַ זיסער געזאַנג אין אים, אַ שטילער טאַנץ,
ווי ריטמיש־שלאַנק, און מיט אַזויפיל עלעגאַנץ
טרעטן אויף די ווערטער, פּאָרן זיך די גראַמען,
אַ מינוער וויגט זיך לייכט דער „משקל״־באַלאַנס —

נאָך קיינמאָל אַ ליד געלונגען אים אַזוי גאַנץ,
ווי דעמלט זיי דריי זי באַגלייט האָבן אַהיים,
ס'האָט דאָס ליד פון די דריי מיידלעך, די „דריי שוועסטער״,
געשפּראָצט אין אים „מיט טרערן וואָס בלייבן געהיים״ —
— — — — — — — — — — — — — — — —

זע, אַ זוימענדל פון אונזער זאָמען, אַ „קיים״ —
אויסגעוואָרצלט דער בוים, אויף פרעמד־ערד שוין פאַרפלאַנצט! —
ער זאַפּטיקט ווידער אין אייגענעם פייגענבוים,
זיין צווייגל ווי וווּנדערלעך אונזער קאָפּ באַקראַנצט.

פאַר גאָט, צי פאַר שטן אַ פאָלק האָט אויסגעטאַנצט,
צעשאָרט ליגט לעצטער זשאַר, בלויז פערז־פוס פון זיין ליד,
ס'גליט ווייטער, ס'פליט ווייטער מיט צווייגל אין ווינט,
וואָס גייט נאָך אויף, רויט־פאַרוווּנדיקט, מיט לעצטן בליט.

# מאריס ווינטשעווסקי אפּאטעאָז

(צום 100־סטן געבוירן יאָר פון קלאַסיקער פּאָעט *)

1

אַ קרישקל פון דאָ, אַ שטויבל פון דאָרט,
וואָקל פון טריט געבּרענגט אַנגעטראָגן,
אָפּשטעלנדיק, אָטעם־אָפּכאַפּנדיק,
אויף אַ ווײַלע אײַנמיטן אין יאָגן.

די שטויבעלעך צוזאַמענצוהאַלטן,
היימיש שטעטל דערפון אויסצוקנעטן,
דערצו בײַטיק ס׳איז בלויז, דאָס וואַרעמע,
דאָס האַרץ־בלוט פון אמתע פּאָעטן.

דער ערשטער פון אַלע דו ביזט געווען,
דאָס שטיקעל ערד דאָ איבערצוטרעטן;
נאָר דעם מענטש, נאָך דײַן בילד געפּאַרעמטן,
היינט צו טאָג דאָ קוים נאָך מען דערזעט׳ן.

2

אַז דעם מענטש, וואָס גאָט אַליין געמאַכט האָט,
דיאַגענעס געזוכט אים מיט זײַן לאַמטער,
ערשט פילאָסאָפיש אויסגעפורעמטן,
אים צו געפינען, ווער בין איך דאָס ווער —

טאַקע נאָר אַזוי, אַזאַ נאָר אויף מאַרק,
דריי איך מיך אַרום אַהין און אַהער,
זוך נעכטיקע טעג, פּאַריאַריקן שניי —
דײַנע שניידערלעך מיט נאָדל און שער!

האָבן זיי עוקר געווען, זיך פאַרשטעלט?
ווער קאָן וויסן וואָס מיט זיי איז דער מער?
אַט ווײַזט זיך אַ שאָטן, אַ „סילועט" — —
נאָר כאַפּ אינם וואַלד דעם עק פון אַ בער.

3

בײַטאָג הערט זיך נאָך כאַטש פון די „בערעס",
מיט היימישקייט פון פיש און פון עפּל,
אָבער סמוטנע זײַנען דײַנע געסלעך,
אָן דײַנע „עמך"־שניידערס — ווײַטשעפּל.

און ערשט ווען ס׳קומט אָן די פינסטערע נאַכט,
ווען דער מאַרק אַ ליידיק אויסגעקערטער,
אין די רינשטאָקן די פוילע סחורה,
קלויבט שטיל צונויף אונטערדערנערטער.

מ׳זינגט נישט מער דיינע לידער, ווינטשעווסקי,
ביי דער זינגער־מאַשין און ביים פּרעסל;
פון דיין ליד יענס מיידל פון לעסטער סקווער,
קומט אַרויס געפּאַדערט פון אַ געסל.

4

צו ליכטיק אַצינד אויפן לעסטער סקווער,
אַז דריטע שוועסטער זאָל דאָרטן נאָך שטיין;
רעקלאַמע אותיות, מיט אַ געשריי,
געיאָגט זי ביז אין געסל דאָ אַריין.

ווי אויסגעלאָסן איר נאָכגעפּיפן,
מיט אַן אַרגל פון גרעלע נעאָן־לעמפּ —
ווייטשעפּל, ביזט אַן עיר מקלט אַצינד,
פאַר גרין־געפּאַדערטער זונה און טרעמפּ!

דער שוואַרצער אין ווינקל פאַרשטעקט דאָ ווו,
ווי ווינקנדיק צעפּונקלט זיין בליק גליט.
ווי הייליק עס מוז דאָס זיין אַ פּאָעט,
פון אַ קדישה צו מאַכן אַ ליד.

5

ווען דיין „די אָרעמע מאַריע" נעבעך,
אַ ביסעלע מער שכל בלויז געהאַט,
וואָלט זי נישט פאַרהונגערט, זי וואָלט געווען,
ווי „דער הער מאַגיסטראַט... קרעפּטיק און זאַט".

פאַר אַ שותף אים צונעמען געמוזט,
וואָלט אַלץ געגאַנגען כשורה און גלאַט!
ווער איז שולדיק אַז קיין טראָפּן שכל,
„די אָרעמע מאַריע" נישט געהאַט?

מאָריס ווינטשעווסקי, וועסט מיר מוחל זיין,
ס׳איז געפּלאַפּלט בלויז פילאָסאָפיש גלאַט;
ווי „די אָרעמע מאַריע" וויל אויך
זיין בלויז „קרעפּטיק און זאַט... הער מאַגיסטראַט".

6

אַן אַפּאַרטמענט אינם פֿאָרנעמסטן „קאָרט״,
אין גאָלד־ליוורע אַ לאַקיי אויף דער שוועל — —
אַז „הער מאַגיסטראַט״ ערשטער דירעקטער,
ווערט גלאַט כשר, אַפילו, אַ באָרדעל.

אמת, „ביזנעס בעפאָר פּלעזשור״, אָבער
„פּלעזשור״ קאָן אויך אַ גוט ביזנעסל זיין!
אויף דער עלטער וועט נאָך אַזאַ איינער,
נישט אין דער תפיסה — אין לאָרדן־הויז גיין.

און ער וועט עס האָבן ערלעך פֿאַרדינט:
אי ער האָט דעם גרויסן ריינעם פּראָפיט,
אי אַ גרויסע זאַך פֿאַר שטאָט אויפגעטון —
אָרעמע מיידלעך פירן נישט אויף דער „סטריט״!...

7

אַ פֿאַרקילטע, ב׳נעפל פֿאַרהילטע,
מיט אַזאַ כריפעדיק קרענקלעך היסל,
אַ דעקאָלטירטע אין קורצן קליידל;
מיט נאַקעט געטאָקט קאָקעטן פּיסל,

דרייט זי זיך אויפן קאָרק — אויפן ראָג דאָ!
ווי לבנה דערזען האָט דעם אַלטן,
ווי ער שאַרט זיך בייכלדיק קריכעריש,
האָט זי זיך גאַנץ אין נעפל באַהאַלטן:

זי קאָן שוין די טל־מטר אותיות
אין אַ קליין סידורל צומאָל לעזן...
אין אונזערע טעג לבנה צומאָל,
איז נישט מער דאָס וואָס אַמאָל געוועזן.

8

זיי שטייען ווי צוויי הינט הינטער אַ וואַנט
און ציטערן איינער אינם צווייטן,
אונטער זיי די לבנה — דער אַלפאָנס,
וואָס האַלט זיי אין זיין אויג פון דער ווייטן.

ער באַשיצט די ליבע פון אָרעמאַן,
פאַר אָפּגעשפּאַרטע פּרוטה צו קויפן,

און אַז זי, „די אָרעמע מאַריע״,
זאָל אים נישט מיט פֿאַרדינסטל אַנטלויפֿן.

מיט שטאָלענעם שנאָבל, קדישה שטאָט,
אַלע די דריי פֿון דיר אויסגעזויגן,
און לבֿנה, מיט מעשענעם שטערן,
דרייט זיך אַרום מיט פֿאַרבליפֿטע אויגן.

9

פֿון אינדיע, פֿון מאַלטאַ, פֿון די גאָלד קאָוסט
אין די טויזנטער — פֿול מיט זיי די גאַס!
אַזעלכע ברוינע, האַלב געל, גאַנץ שוואַרץ,
איז ווי דערקענען, אַז פֿון הונגער בלאַס.

„זאָלבע אַכט״ וואַלגערן זיך „די גרינע״
אין אונזערע הייזלעך פֿאַרוואַנצט און נאַס!
צי האָט ווער פֿון זיי מיט זיך מיטגעבראַכט,
אַ פּיעטריקאָווער חומש, ווילנער ש״ס?

זיי וועלן אָבער דערפֿילן איצט דאָ,
אַ ליבשאַפֿט צום מענטש, צום אַכזר אַ האַס —
אַ פֿונק פֿון אונטער דיין זיכערן טראָט,
אויף האַרט־פֿאַרשטיינערט געיידישטער גאַס.

10

דער אַרבעטער, זאַט־אויסגערוטער דאָ,
שטאָלץ־שטייענדיקער דענקמאָל נאָך דיר איז;
פֿון געפֿאָלדעוועטע שטערן אַרויס,
גלאַנצן דיינע געשליפֿענע שורות.

„אַ סוועטערל... ווערט ער אַ פֿעטערל...
קומט אויף אסיפֿות, נעמט און גיט חניפֿות״,
אָדער „דאָס שרייבערל, דאָס קלייבערל״ —
קאָן מען עס מאַכן מיט מער חריפֿות?

וואָלטן מיר בלויז געווען ערלעך און גרויס,
אַרום דיין פּנים פּירושים צו שרייבן,
אַז דיינע גלויביק גליאיקע פּערזן,
הייליקע פּסוקים געאייביקט בלייבן.

11

דיין „מיטלמאַן, טיטלמאַן, קיטלמאַן",
ער וועט ליידער קיינמאָל נישט אויפהערן;
אין אַנדער גילגול — אין אַ דיבוק
אַ מיאוסערער וועט ער ווידערקערן.

אַז וועסט אים אין אַ שטייסל צעשטויסן,
יעדעס שטויבל אַ „טיטלמאַן" ווערן;
עס איז יענער דריי־איינקייט־שטן,
מיט קיין שום „בעזעם" נישט אויסצוקערן.

צדיקל־ל"ווניקל, צומאָל,
טוט פּעלץ אויף צווייטער זייט איבערקערן,
אַבי אַ „קיטלמאַן", אַ „מיטלמאַן",
אַבי אַ „טיטלמאַן" נאָר צו ווערן.

12

וויפיל טייכן בלוט שוין געפלאָסן,
זייט דעמאָלט פון דיינע גלויביקע טעג,
די ראַנגלענישן און די נצחונות!
און וואָס מען האָט דערגרייכט, בעסער נישט פרעג.

נישט איין חייט דאָ עולה לגדולה,
און פירט ביד רמה אַ מלוכה אַליין!
יענע מלאכה לייכט אויסגעלערנט,
הונגעריקן הונט צוצוואַרפן אַ ביין.

ר'איז כל ימיו אַ שניידערוק געווען,
און אַ שטאָך טון מיט דער נאָדל ער קען!
אפשר שוין לייכטער פערצן שעה שוויצן,
ווי פון „האָפמאַן"־פרעסאייזן — אַ ברען.

13

נאָך שטייט נאָס דיין בלומען־מיידל אין גאַס,
נישט איינמאָל כ'קויף איר אַ בוקעטל אָפּ,
און ווייס נישט: טראָגנ'ס אין מיין מיידלס שטוב,
לאָזן מיך אין זונה־געסל אַראָפּ?

ווי פינסטער, ווי תהומיק אָפּגעלאָזן,
נאָך פֿאַרלאָזענער אין מיין מיידלס שטוב ;
עס פֿלאָטערט שוואַרץ די נאַכט — אַ פֿלעדערמויז
מיט אַזאַ פֿאַרכלינעט בלוטיקן דזשוב.

כ׳בלייב שטיין אַ צעמישטער אין ראָג געסל,
און אין מוח אַזאַ שאַרפער שנאָבל־פּיק :
קיין יידיש מיידל מער ביי אַ וואַרשטאַט,
זינגט נישט דיין ליד מיט אַ טרער אינם בליק.

14

לייכטער טויזנט בלימלעך צו פֿאַרפלאַנצן,
ווי פֿאַראַקערן דערפֿאַר ס׳שטיקל ערד ;
און נאָך מער, ס׳ערשטע בלימל־זוימענדל
אַהערברענגען דאָ, דיר געוווען באַשערט.

אויב אָבער בראשית־בלימל בלויז פֿאַראַן,
ווערן שוין מערער, מערן זיך אַ סך ;
זוימען טראָגנדיקע, זיי געהערן,
צו די דידואים־בלומלעך פֿונם תנ״ך.

האַרץ־פֿאַרוואַרצלטע, טרערן־באַנעצטע,
איז נישט שולט אין די בלעטלעך קיין וויאַן !
וואָס זון, וואָס רעגן און וואָס שטורעם־ווינט,
ווען האַנט צו פֿלעגן ס׳איז נאָר פֿאַראַן.

## דער ייִנגער מאַריס ראָזענפֿעלד אין ווייטשעפּל

1

אין שניידער־געסלעך אַ טויט־הונגעריקער ער שפּאַנט,
פֿון בוזעם־טאַש שפּיץ־שער, אַ צינגל־שלאַנג טוט אַרויסשטעקן,
צישט ציינדלדיק־געקריץ אין זיין צעשורהטן שטערן ;
מיט שוואַרצער טשופּרינע, מיט אַ כמאַרע עס צו פֿאַרדעקן,
זיין שטייפֿן נאַקן ער טוט אַזאַ שאַרף־צעכעסטן וואָרף :
כאַטש אין אַ טונקל ווינקל אַ טויטער הונט מיך אויסשטרעקן.

ווי נערוועז דעם שפּיץ־וואָנס האַסטיק־גיך ער נעמט אים דרייען,
זאָל ער זיין שאַרף־פֿאַרעקשנטן ליפּ־ווינקל צודעקן :
ווער ברויך דען צו זען, ווען ער ציטערט אַ טיף־פֿאַרבענקטער,

און ווען מיט ניכטערן שפּייעכץ ער טוט אים פּייכט באַלעקן — —
מיט וויפיל גוטסקייט זיינע אויגן ווערן אָנגעפולט,
אַז זיין שאַרף־שפּיציקער בליק די קינדער זאָל נישט דערשרעקן.

אַמבעסטן איז אים אין די פאַרטונקלטע נעפּל־טעג,
ווי אין אַ געדיכטן וואָלקן ער טוט זיך גאַנץ פאַרשטעקן;
נישט דעם טראָט פון זיינע צעווייקטע צעטרעטענע שיך,
ער הערט דעם שפּיציקן קלאַפּ פון זיין פערעקשנטן שטעקן:
„איינס־צוויי, איינס־צוויי, איינס־צוויי", טויט־דערשראָקן זיין האַרץ
בלייבט שטיין:
אַן אָדלערל אין זיין פוכיק־ווייכן נעסט נעמט זיך וועקן.

2

אַ נעפּל אַזאַ גרינער, קלעפּיק געדיכטער,
ליידיק דער מאָגן, צעריסן בגדים און שיך;
אַ שניי־פּעדערל דער גאַנצער גוף אַזוי גרינג!
דו קענסט נישט קיינעם דאָ און קיין איינער נישט דיך.

עס ברענען די אויגן — צוויי אָפענע וואונדן!
„פּאָג"־ביטער דער ניכטערער שפּייעכץ וואָס ער שלינגט;
נישט נאָר די הענט, זיך אינגאַנצן צו פאַרקויפן —
לעצטן מנובל, ווי זונה כאָטש צוגעווינקט!

די פאַרוואָגלטע דאָרט אויף ראָג אַ גאַסן פרוי?
פון אַזאַ איינעם ווי איך בין מסתם אַ ווייב!
ווי עס זינגט אין אים, און ווי צום טאַקט עס פייפט צו —
אַ מין דודלזאַק זיין קראַנקע לונג אין זיין לייב!

הער, ס'איז דאָס ליד וואָס זיין מאַמע אים געזונגען,
ווי וויגנדיק, ווי איינלוליענדיק, ער דערקענט —
— — — — — — — — — — — — — — — —
אייגן בלוט פון זיך זייגנדיק, אויסגעזינגען,
מיט זיינע בלינד־טאַפּנדיקע צוויי אַרבעטס־הענד.

## די באלאדע פונם טאבעק שקעטעלע

1

האָבן זיך פערזאַמלט די גדולי ליטע און פוילן,
אויף אַן אסיפה אַן עצה זיך צו האַלטן,
אַז וויאזוי זיך נאָך טיילן אין חסידים און מתנגדים,
אויב קיינער פון אונז דעם הימל שוין קאָן נישט שפּאַלטן.

מיט תורה עבודה, מיט ישיבות און טישן פראַווען,
מילא, אַז דער כלל ישראל איז צוזאַמען,
אָבער אַצינד, בשעת בהלה, איז וואָס קאָן מען אויפטון,
ווען שטעטלעך צעלויפן זיך איבער שבעה־ימים.

ליידיק די ישיבות, די בתי־מדרשים, די שטיבלעך,
ווי פון אַ פייער מ׳האָלט אין איין אַנטלויפן!
רבנים בלייבן אָן שטעטלעך, ישיבות אָן בחורים,
עס, פוסטעווען רחבותדיק די רבישע הויפן.

און דאָרטן, אין מרחקים, אויף יענער זייט אקינוס,
רחמנה לצלן, טריפה אין גאַס די שטיינער — —
די געוואָלטן, עד לב השמים, הימלען געשפּאָלטן!
ביז אויפגעשטעלט פון די גדולים ס׳האָט זיך איינער:

„שאַ׳ט רבותי״, האָט ער אַקלאַפּ געגעבן אין טיש אַריין,
אויפגעציטערט אַלע אַרום אים געזעסן,
„אין דער תורה הקדושה, די סאַמע סמי דחיה,
האָט איר מנהגי ישראל, חלילה, פאַרגעסן?

„מיר וועלן קניפּלעך ציען, וואַרפן וועלן מיר אַ גורל,
און איינעם פון אונז דאָ, און תיכף פון דאַנען,
וועלן מיר אַריבער שיקן אויף יענער זייט אקעאַן,
מיט תורה, מיט פולע געפּאַקטע טשעמאָדאַנען״.

און אומר ועושה, און וואָס מ׳האָט נישט אַלץ אַריינגעפּאַקט!
ווילנער שס״ן, שולחן־ערוכ׳ס גאַנצע זאַצן,
און יעדער גדול האָט נאָך זיין ספר מיט אַריינגעשטופּט,
בייכיקע טשעמאָדאַנען ממש צום אויפפּלאַצן...

2

און בשעת טרוד געווען זיינען די גדולים מיט זייערע ספרים,
ר׳ חזקאלע ראַדאָמסקער פאַרטראַכט געזעסן:
רק נוי־יאָרק, דהיינו, מען שאַרט געלד דאָרטן אין די גאַסן...
און אין שטייניקן לאָנדאָן אינגאַנצן פאַרגעסן —

וואָרום טאָקע, באמת, ווער קאָן דאָרט קויפן אַ ספר,
ווער מעיין זיין דעריין, צומאָל אַריינבליקן;

אַז דאָס אָרעמסטע בלײַבט דאָרט בלױז און מיט אױגן טראַכאָמע,
איז װאָס ספרים נאָך לאָנדאָן אַריבערצושיקן . . .

נאָך צימצומדיקער אין זײַן ענוות איז ער געװאָרן,
און אין זײַן רחמים־צער נאָך טיפער געבױגן,
ער װאָלט אַזױ־אָ אױסגעגאַנגען אין זײַן דבקות־טרױער
װען נישט אױף טאַבעק־שקעטל ס׳פֿאַלן זײַנע אױגן:

דער זיידע, דער „תפארת שלמה״, האָט זיך דערמיט געשפּילט,
מיטן גראַװירטן פֿײגעלע אױפֿן צװיטל,
פֿון זײַנע הענט ער האָט עס ממש נישט אַרױסגעלאָזן,
און טאַטע „חסד לאברהם״ — בײַם לײַנען אַ קװיטל.

דער רבי ר׳ בונם ס׳שקעטעלע געבערענגט ר׳ משהלען,
אַ מתנה, פֿון אַ נסיעה געקומען — —
איך פֿאַרגין מיר נישט אַ קוק צו טון דעראױף, אָנצורירן,
איז װי אַזױ גאָר אין װעג עס איצט מיטגענומען?

„והריחו ביראת ד׳״! געלאָזנ׳ס אין זיידנס הענט,
האָט ר׳ משהלע, װען פֿאַרלאָזן ר׳האָט פּױלן — — —
און דער ראַדאָמסקער רבי דרייט זיך ראַפּטים צום שמש אױס,
און זײַנע שװאַרץ־אַפּלען צװײ ברענענדיק קױלן:

„װעסט פּױלן! תיכף־מיד פֿאָרן קײן ענגלאַנד, אין דער שטאָט לאָנדאָן,
און גיב עס איבער װעם דו װעסט איבערגעבן — —
די שטײנער אין גאַס זײַנען טריף, אָבער דער ייִד איז כשר,
„וחי בהם״ שטײט, אַזאַ תורה װאָס זאָל לעבן״.

3

אַז װער נאָך װי שמואל שמש, דער קװיטל שרײַבער אין ראַדאָמסק,
געװוּסט װאָס אַזױנס מײנט דאָס טאַבעק פֿידעלע,
דעם ר׳ בונמ׳ס! האָט דער רבי עס אים אָנפֿאַרטרױט,
אים גאָר, פֿון אַלע ייִדן דאָס קלײנסטע ייִדעלע.

„אױף הימל אַ יאָריד״ האָט רבי ר׳ בונם פֿון פּשיסכע,
עס געפֿינען אַן אַנטיק צװישן אַנטיקן,
אַ פֿײגעלע כולו אײגעלע אױף צעצװױט צװײַגעלע,
נאָר אין לעלעװ קאָן אַזױנס באַקומען אַ תיקון.

דאָס הימעלע אין לעלעוו, די לאָנקעלעך, די טייכעלעך,
ס'הייליק ר' דודל, און ערשט זיין משהלע — —
דאָס צוויטעלע וועט בליען, דאָס פייגעלע אַרומפליען,
איך הער שוין פון די פליגעלעך דאָס געראַשעלע.

ווען ר' משהלע איז קיין ארץ־ישראל געפאָרן,
דאָס טאַבעק־שקעטעלע ר'האָט נישט מיטגענומען:
אַ טשוויטשערל, אַ צוויטל וועם עס לאָזן, אויב נישט ראַדאָמסק?
עס וועט שוין נעמען זינגען, ווען די צייט וועט קומען.

„בונם, בונם, האָסט אַ שיין פייגעלע אונז אָנגעהאָנגען!"
אין „תפארת שלמה" דער כהן זיך צעשריגן:
„געברענגט עפּעס אַ מין פושקעלע פון אלדי גוטע יאָר — —"
און זיך ווייגענדיק צעוויגט אין אַ דבקות־ניגון:

„וואָס האָט דאָס פייגעלע חוטא בעגל'ע געוועזן?
ווי עס ציטערט אזוי צווישן מיינע פינגער,
צום מלך סאָביעסקי'ן אַהין ווילט זיך אים צוריקפליען — — —
נישט איינצושטילן עס מיט אַלע מיינע זינגער".

און זיך ווידער גענומען מיטן שקעטעלע צו שפּילן — —
אַ, דער חסד לאברהם, ווען בטל ומבוטל,
לייגענדיק אַ פּרנסה־קוויטל, טרערן ווי טוי־טראָפּן
האָבן זיך אים געגאָסן אויפן צעצווייגטן צוויטל —
— — — — — — — — — — — — — — — —

4

שיקט דער רבי אים גאָר דערמיט, אין דער שטאָט לאָנדאָן אַצינד,
ער זאָל עס געבן דעם וועם ער זאָל עס געבן — —
ער פילט דאָס בליטל עפנט זיך אַ שמעקעדיקס אין זיין האַנט,
און די פליגעלעך פון פייגעלע נעמען שוועבן.

און ווי אַ מלאך אויף יעקב אבינו'ס חלום־לייטער,
אָט אויף העכסט שטאַפּל, אָט גאָר ס'נידריקסטע טרעפּל,
אַזוי איז ער אַראָפּגעפאַלן אין אַ צעדרייט געסל,
אַ צעטומלטער אין צעטומלטן ווייטשעפּל.

דאָס געלויף, דאָס געיאָג, אַרום עפּעס זיי וואָלטן טאַנצן,
פון אַ נעפּל אַרויס, אַריין אין אַ כמאַרע —
ווייט פאַרווייעט, ווי אין אַן ענן־וואָלקן ווייס־געוויקלט,
ווי באַוויזן ס׳וואָלט זיך ווער — — אַזאַ וווּנדער־מראה —

און געגעבן האָט ער עס דעם וועמען געהאַט צוגעבן!
און געגאָסן דערפון האָט מען און געשמאָלצן,
דאָס פייגעלע און דאָס צוויטל געקריצט אין גאָלד אין זילבער,
קונציק אויסגעטאָקט אין כל־ערליי מינים האָלצן.

און ווו אַ מניך, ווו אַ שטיבל און ווו אַ שולכל,
אַ טאַבאַק־שקעטעלע אויף שולחן געלעגן,
און צו דער וויטסטער באַנק און שטענדער אין פינסטערסטן ווינקל,
גבאי אַליין „שמעק טאַבעק?" געקומען פרעגן.

דאָס עכטע דערנאָך משה מאָנטעפיאָרע מיטגענומען,
קיין ירושלים געפאָרן פון דאַנען.
אַ, נישט מינדער האָט דאָס קליינע שקעטעלע אויפגעטון דאָ,
ווי אין בוי־יאָרק די פול געפאַקטע טשעמאָדאַנען...

און אין בלעקליין־יאַד־געסל, דעם צעטומלטן צעדרייטן,
ווו טאַבעק־פידעלע געגאָסן געוואָרן,
שאַרט מען נאָך איצט דאָס גאָלד פונם פסולת־און אָפפאַל שמעלץ —
איז דאָך שמואל שמש ביים אָנקומען דאָ פאַרפאָרן.

## ר׳ בנימין השני

ערגעץ ווו, דאַ־הי, האָט זיך פאַרלוירן דער שליאַד,
אַ פאַרשלייפטער, אַ פאַרקניפּטער מיט טויזנט ווייטן.
קיין זכר, קיין שפור מער פון בנימין דעם צווייטן,
פון זיינע אַוואַנטורעס, פון זיין נע ונד.

ווו זיך פאַרלוירן דאָ, ס׳ווייס קיינער אַקוראַט:
לייכטער פאַטשיילע איבער ימים אויסצושפּרייטן,
ווי אויף „אויסגעלאָזטן טייך" פון אַלע „אַלרייט"ן.
וואָלט ער אַ „סענדערל די יידענע" געהאַט?

ווּ דער פּעפּער וואַקסט אויף אַ פּוקס אים נאָכגעריטן!
פאַרהוילענער מהלך פון ערשטן ביזן דריטן!
ס׳רענדל אויסגעביטן, אויף הוצאות צו האָבן?

אַ „מעשה זיך געטון״, געפאָרן אויף יענער וועלט?
גיכער אַ נאָמענלאָזער פּאָעט, אָן קבורה געלד,
ליגט ער קבורת חמור אונטער מויער באַגראָבן.

## „דור הולך״...

מיט אַ נאָדל אין דער קריעה־לאַץ, —
דאָס האָט מען נאָך ראַטעווען געקענט! —
מיט אָנגעצונדענע נשמה־ליכטלעך
אין די פייערדיקע אויגן צעברענט.

אַזוי־אָ זיינען מיר אָנגעקומען דאָ.
שנעל פּעדעמט זיך אַ נאָדל צוריק איין!
אָבער אַז דאָס קניפּל נישט פאַרקניפּט איז,
און מ׳ציט נאָדל רק ארויס און אַריין.

וויאַזוי פאַרפּלאָנצן זיך, אָן וואָרצלען,
אָן צעאַקערטע זאַפטיקע ערד?
כאָטש אין מיטגעברענגטע שטיקער הימל,
פאַרוואָרצלען מיט די צעפּלאָשעטע בערד!

הערל צו הערל צונויפגעקליבן,
געסלעך ווי נעסטלעך שנעל אויפגעשטעלט,
און פון פייערל אין בליק צעגליט
יעדעס שטיבעלע ליכטיק צעהעלט.

גייט זי איבער בירושה, די נאָדל,
אָן איינגעפעדעמטע פון טאַטן צום קינד;
פאַסטריגע־שטעך, ברייט־תכריכמידיק זי נייט,
ווייל קיינער פון זיי ס׳קניפּל נישט פאַרבינט.

און די אָנגעצונדענע נשמה־ליכטלעך,
אין די פייערדיקע אויגן מיטגעברענגט,
אין שול, פאַר ליידיקן ארון־קודש,
שטיל אויסצוצאַנקען שוין אויפגעהענגט?

## „. . . ודור בא“

ווי אַ ייִד וואָס קומט אַהיים אויף שבת,
איז ער נאָך ווייטשעפּל אָנגעקומען;
מיט היימישן ריח פון געפילטע פיש,
האָט געסל אים פריידיק אויפגענומען.

געבענשטע ליכט קוקן היליק אַרויס,
דורך פאַרהענגלעך פאַרהאָנגענע שויבן;
פון שולכל קומט אַ ייִד אַקייגן,
איבערגייענדיקער בליק פול גלויבן —

גאָט ברוך הוא, געסט שיקט ער אונז צו,
צו קאָנען בענטשן אַמאָל במזומן,
ווייזט דער ייִד זיין זון אויף אים אָן: „דו זעסט
אַזוי בין איך אַהער אָנגעקומען“.

אַן אשת־חיל עפנט אויף די טיר,
אַ טאָכטער קוקט מיט אויגן צוויי טויבן:
שלום עליכם טאָקע אַ מלאך,
אַראָפּגעשיקט פון הימל אויבן.

יין־צמוקים, ס׳געשמאַקע מעגעלע,
ממש ווי אין דער היים ביי דער מאַמען!
נאָך די זמירות ס׳זיסע מערן צימעס,
אַ מאכל מלכים טויזנט טעמים.

און ווען דאָס געלעגער ווערט אויסגעבעט,
אַ פּוך־ווייך דוכנטל — בישט צו גלויבן! —
שפּירט ער שוין די היימישע וואַרעמקייט,
ווען וואַנצל צו בייסן וועט אָנהויבן.

## די אדלער־דינאַסטיע...

„אדוני נתן“ און „אדוני לקח
יהיה שם אדוני מבורך“ — —
דער ערשטער נאָך אַ תלמיד־חכם געווען,
דער לעצטער שוין אַ בלויזער קורח.

דער פאַטער נאָך אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט
אין זיין פרעדיק פון „חתם־סופר״,
דער זון דערהערט אַמאָל פון עזרת־נשים
ראש־השנה פאַר תקיעת־שופר,

אַ פּרוי פון „מענה־לשון״ אַרויס זאָגן,
היימיש אַזוי, מיט טראָפּ און ניגון,
האָט זיך אים דער שטן אין האַלז געלייגט,
און זיך „למנצח״דיק צעשריגן:

„דאָס פאַרפלוכטע געמאושל, די אָסט־יודן!״
ממש געשוימט אים פאַר די ליפּן;
די פרוי דערהערט דעם דייטשמערישן געמרוק,
האָט נאָך העכער גענומען כליפּן.

מילא, וואָס אַלץ ס׳קאָן אַ שוואַכע יידענע,
אַזוי מאוס נעבעך איבערשרעקן;
אָבער פון איר געוויין איז אים זיין פרעדיק,
אַ ביין אין האַלדז געבליבן שטעקן.

מעשה־שטן, געהטע ליגט אים אויף שפּיץ־צונג,
בלויז פאַפעריק זיין גאַנץ באַמיען — —
וואָלטן סינאַגאָגן גלאָקן שוין געהאַט,
ער וואָלט זיי געהייסן איצט ציען — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

דער ערשטער אַריינגעוואָרפן נאָך אַ וואָרט,
אין זיין פרעדיק פון „חתם־סופר״;
דער לעצטער ציטירט שמאַלציק שילער׳ס „גלאָקע״
ראש־השנה פאַר תקיעת־שופר.

און אין יענער נאַכט, ווען טעאָדאָר הערצל
איז פון די ווייטשעפּעלער יידן,
ווי אַ קעניג אויפגענומען געוואָרן,
גאַנץ פאַרלוירן זיין „זעעלען־פרידן״:

„די שניידער געזעלן!״ ווי זיין האַרץ וואַרפט זיך,
עפעס רייסט זיך אָפּ אין אים, ס׳גוססעט:
ער שפּירט, פון אונטער זיינע „בישאָף־שטיוול״,
די דינאַסטיע ריטשט זיך אַרויסעט.

## דער טאַטע און זון

(אַן עקידה־באַלאַדע אין סאָנעט און ליד)

נישט טאַטע און זון — צוויי לייבלעכע ברידער,
אַ צייטיקע פּרוכט פּאַלט אַראָפּ פון איר צווייג:
טו וואָס דיר איז ליב, בלויז מיין אָמט איך לייג,
גיין, ערלעך צו זיין, עס לייגט מיך אַנידער.

„אַז וויאַזוי נאָך זיין אַ ,טשיף׳, אַ ,לידער׳?״
שפּיץ־באָרד צווישן ציין פּאַרביסן אין געשווייג,
אַרויף און אַראָפּ אַ חיה אין אַ שטייג — —
שטעלט זיך אָפּ, און הייבט אָן צו ריידן ווידער:

„עס גייט נישט אין ליבע, צי אין יראה,
עס גייט אַצינד — מיין, צי דיין קאַריערע!
דער ענין גאַנץ קלאָר, כ׳גלויב האָט מיך פאַרשטאַנען — —״

נישט געקענט מיט „מיין קינד״ דעם זאַץ שליסן.
אַ דיני־נפשות פּסק... זיך שיסן...
פאַרמשפּטער פאַר זיין שופט געשטאַנען.

* * *

נישט טאַטע און זון — צוויי קעמפער, צוויי העלדן!
נאָך האַלבע נאכט, ווען געהערט די צוויי שאָסן,
צום טעלעפאָן צוגעגאַנגען ענטשלאָסן,
ביי דער פּאָליציי זיך אַליין צו מעלדן.

איז דער דראָט געווען איבערגעשניטן:
„טאַטע, נישט קיין נסיון — אַן עקידה!
פון ליבע, פון יראה, גרעסער פוןביידע —
דער בזיון וואָס דורך דעם וואָלסט געליטן״ —

נישט די שורות — אים דאָ שטיין ר׳האָט געטראָפן!
וואָרט נישט געקענט אויסריידן — אַליין אַצינד!
פון זיין יאָמערלעך־געוויין־אויסשריי: „מיין קינד״!
דאָס גאַנצע הויזגעזינד צונויפגעלאָפן.

# פרינץ קראָפּאָטקין

ווי אַ גוטן־יידן אַזוי האָט מען אים אויפגענומען,
און ווי אַ גוטער־ייד האָט ער זיך צווישן אונז באַזעצט,
מיט זיין ברייט־רבניש־רבישע־באָרד די געסלעך באַשיינט —
פּרינץ דאָ צוריק ער ווערט, אין זיין לאַנד וו אַ הונט געהעצט.

ווי האָט ער דעם „בתוך עמי אני יושב" טיף דאָ דערפילט,
ווען ביים שרייב־טיש פון דער גאַס דאָס יידיש ריידן דערהערט;
ערשט שבת, ווען דער עולם איז פון די שולן געגאַנגען,
מאַיעסטעטיש אַזוי מיט היימיש־צעפּאָכעטע בערד.

מיט איינגעהאַלטענע הערצער די געסלעך אים נאָכגעקוקט,
ער האָט זיך באַוויזן מיט זיין במתינותדיקן טראָט;
אַלץ וואָגיקער און אַלץ געוואַגטער איז געוואָרן זיין גאַנג:
נישט בלויז אונז — דעם גאַנג פון לעבן פאַרשטאַנען ער האָט —

ס'שיצט די סטאַדע צומאָל דעם הונט, ווען זי נויטיקט זיך אין אים!
כ'שפּיר אין זיי די ליבשאַפט נישט בלויז צו מיר — צו מיין גאַנץ פאָלק!
ער שמייכלט ברייט אין זיין באָרד אַריין, און פון זייבע אויגן
ווישט ער אויס אַ טרער: געפון פונם לעבן אויס דעם טאָלק — —

אַך, די אַדעסער יאַטן צעהרגענען זיך דאָ אין ראָג,
ווי אויפן טאָלטשאָק, מיטן אמתן רוסישן וואָרט!
ער פילט דעמלט אַזאַ נאָנטקייט, אַ קאַצאַפּיש־סטעפּישע,
אַז אַליין שיער ער וואָלט זיך צעשריגן, טאַקע, קאַק טשאָרט — — —

פריש־אָנגעפּאָרענע לויפן פון תפיסות, פון פּאָגראָמען,
קומען „שלום נעמען", פּאָפּראַווען" זיך, צו אים אַרויף;
אַ לחיים גענומען, געהאָלפן מען איז געוואָרן —
גאַנץ וויטשעפּל פאַר זיי עפּעס אַ מין רבישער הויף!

יאָ, איבער קאַהנ'ס רייזע־ביוראָ, וו זיין חדר־המיוחד,
נישט איינער געקושט די מזוזה, ווען אַרויס פון דאָרט:
געפּראַוועט אַ נסיעה, — סאַמע נסים און נסיונות! —
ס'איז עפּעס, ווי פון אַ טאַטנס הויז ווייט אַוועק מען פאָרט.

## סאנאטע 1905

פון ציטאַדעל, פון שפּיצל, און פון זשאַנדאַר,
מבהולדיק מבושימדיק אַנגעלאָפן,
און ווען האָבן זיי שוין דאָ אָנגעטראָפן,
אייגענע, אַנטלאָפן פון פּאָגראָם און צאַר.

דעם טעם אַ שפּאַציר אויף ברייטן טראָטואַר!
און פּאַר אַלעמענס אויגן אַזוי אָפן,
ריידן פון מאַרקס, באַקונין און ראָבערט אָוון,
אָן אַ מינדסטע מורא אָן א שום געפאַר.

און אַז די שטיינער דאָ זיינען חזיר־טריף,
נו, וועט מען זיי צעגריזשען און ווערן זאַט!
און מען פאַרבייסט מיט אַ ליד פון עדלשטאַט.

אין „גאַרדנערס־קאָרנער" דער „פּאָליס" גלייך און שטייף,
שמייכלט זיי היימיש אין די פּנימער אַריין,
און טרעלעלייקעט מיט, אויף יידיש, דעם רעפריין.

## רודאלף ראקער

נישט בלויז מיך, דעם ייד און אָט־אָ דעם און יענעם,
געסלעך דאָ אָפּגעראַטעוועט פון גיהנום,
נאָר אויך אים, דעם גוי, דעם דייטש, מיט אונז צוזאַמען,
אַז נישט אויפגעגאַנגען אין די שייטער־פלאַמען.

און עס איז זיין נס אַ סך גרעסער געוועזן!
וויפיל שילער, געהטע און ניטשע געלעזן,
און נישט געוואָרן ווי ער „רעבעל" און דענקער,
נאָר ווי די מיליאָנען פון זיין פאָלק — הענקער!

אין די געסלעך דאָ זיין בלוט געוואָרן לויטער,
„מיינע פריינט ווען איך וועל שטאַרבן", יענער טויטער,
האָט געיידישט זיין האַרץ געאיידלט צו ווערן — —
ווען אונזער יידיש פון זיין מויל כ'פלעג הערן,

געהערט כ׳האָב דאָס געזאַנג פון עדלשטאַטס לידער!
איבער אַמבאָס אַ האַמער ס׳הויבט אויף אַ שמידער,
פון אַ פלאַמען־צונג פונקען־געשפריץ געפלויגן —
אַ וואָטאַן־גאָט געשטאַנען פאַר מיינע אויגן!

און איצט אַז איך דענק אין דעם בלוט־פאָלק, די הענקער,
כ׳טראַכט טרויריק אין דייטשע דיכטער און דענקער,
און אין ראָקער׳ס צווישן יידן זיך באַזעצן —
ס׳זיינען די אויסנאַמס וואָס מאַכן די געזעצן.

## צו שלום עליכמען

אַז ווער מעג, ווער קען ווי דו, שלום עליכם,
מיט איין פונק־און טרער־שפריץ אַלצדינג באַשפאַסן?
מיין געסל — ווי ביים ערשטן בליק, ווען דערזען עס! —
אין גין־גאָלד כ׳וואָלט׳ס געקענט איצט איינפאַסן.

דעם פלי־לויף בלויז דערפאַסן ר׳ מנשה אַדלערס,
אַ חיות־הקודש־אַדלער, אַ לעצטער!
כ׳זע אים נאָך ווי ער פלאַטערט איבער ווייטשעפל,
אַן אַראָפּגעשאָסענער, אַ געהעצטער.

פאַראויס דעם קאָפּ געבויגן, די הענט צעפלויגן,
פלינק־פיסיק — אַ פויגל פאַרן אויפפליען!
ווילד־פערווייעטער טרויער אין ווייאיקן בליק —
לעצטער פונק אין אַש רייסט זיך אויפצוטליען.

צי קליין יאַנקעלע גאַר, פון כשר־רעסטראַנדל,
ווי האָבן זיינע אייגעלעך געשמייכלט:
איבערגייענדיק, אַ פולער טעלער וואַקלט,
מיט גאָלדענע רענדלעך, בייכיק צעייכלט.

און להבדיל, דער איינציקער גוי אין געסל,
ער ערשט עס שבתדיק געמאַכט אינגאַנצן:
פונם אויוון אַרויס שפריצן פריש די פונקען —
אַ היימיש רקודל אין שטוב זיי טאַנצן.

פאַרטרעטן אין ג׳ראַמען העגנגן מיר אין הארצן,
געזאַנג וואָגלט געוויין, אין מיינע אויגן — —

בלויז צי קאָן מען איינראַמען בילדער פון לידער,
וואָס קומען ווי פייגל־טשאַטעס געפלויגן?

צי אַ דריי־עק, אַ קרומע־ליניע שטריך?
זע, פינטעלע ייד — שוואַרץ־פאַרווישטע „פאַגע״!
זונטיק אין דער פרי די קירכע צעקלינגט זיך —
„די לעין״ — היימישער קערמאַס אין אַ כאַגע.

אַז ווער ווי דו גאַנץ ווייטשעפּל מיט איין „פייף״,
מיט איין גרוי־גרין־נעפּל אויסגעמאָלן?
די צער־פנימער פון „די גרינע״ פון אַמאָל,
די איצטיקע, וואָס רשעותדיק זיך נאָך קהלן — —

אין איין כהרף־עין געזען און געזיגט:
אין חמץ צו פאַרברענען אונז פאַרשריבן!
און צי זיינען מיר דען נישט דער עפר ואפר,
וואָס פון אונזערע שטעטלעך איבערקעבליבן?

ווען אָנגעקומען כ׳בין, איין קאַץ פון געסל דאָ —
פאַרצעלאָן געמאָלן 50 סאָנעטן,
און אויף וויפיל לייוונטן ווייט צעוויקלטע
נישט דערמאָלן כ׳קען איצט מיינע פאַרטרעטן — —

שלום עליכם „לאָנדאָן פאַרוואָס ברענסט דו נישט״ —
דיין ייד פנים לפנים, לעבעדיק מ׳זעטן!
פון אַ הויפן ערד דאָ, פון דער ווייטשעפּעלער,
און דיין אָטעם אין אים אַריינגעקנעטן.

## היימישע ערד

ווען כ׳זע זיי פון געסל דאָ אַרויסשפּרייזן,
פאַראויס, שטיל־פּלאַטערדיק, די גרייז־גרויע בערד,
כ׳בלייב שטיין, כ׳וואַרט, באַלד זיך באַווייזן מיין טאַטע,
גאַנצער אַרום אַזוי היימיש אייגן ווערט.

שאַ, עס דערקייקלען זיך ווערטער צו מיין אויער —
אַ גילדן רענדל עס האָט יעדעס די ווערט.
כ׳גיי זיי אָקייגן, נישט בלויז מיט דרך־ארץ,
מיט יענער פרייד, ווען אויגן ווערן פאַרטרערט:

ווי קורצינק, ווי ווינציק, לעצטע וואָרצל־הערלעך
דרינגען דאָך אין דער טיפעניש פון דער ערד;
זע, סוף־זומער־פעדים פלאַטערן אַרום נאָך,
ס'איז האַרבסט, אַ סימן דער פרילינג ווידערקערט.

און אַסיען אַליין ווי וואונדערלעך קאָן ער זיין!
ווער וואַלד־ווינד וויינען צווישן וויאָן־צווייגן ס'הערט — —
אַריינלייגן אין אַ ליד, ווי אין אַ ספר,
אַ האָר פון אַ באָרד נאָך געוועזן מיר באַשערט.

* * *

אויף טראָטואָר דאָ מיט רבי לעוו אין־סופיק געשפרייזט,
זיין טראָט די שטילע גוטסקייט, די עניוות פון אַמאָל;
דיין אבראַמסקי'ס גדלותדיקער כי „גאה־גאה"־גאַנג —
צו לאַנגע יאָר, אַריבער געשפרייזט ביז ארץ־ישראל.

איצט נאָך רבי צימערמאַנען דעם מסינותדיקן,
צי כ'טרעף אָן דעם „בגילופנ"דיקן רבי שפעטמאַן,
נישט קיין אויסגעוואָרצלטער — אַ צעצווייגטער שטאַם איך ווער,
דעם סדנא דארעא ווי שפיר איך אים אין יעדן שפאַן —

אָן דעם „והוה מתאבק בעפר רגליהם",
שטויב און אַש, עץ־החיים, מחזיקי־דת, חברה־שס!
דעמלט אַ רבי ווערנער, צי גאָר אַ רבי הילמאַן,
ערשט ווען הרב קוק האָט זיך באַוויזן דאָ אויף דער גאַס — —

(צוויי סאָנעטן)

אַז פאַר וועמען שרייבן נאָך אַצינד דאָ אַ ליד,
אַז ווער ברויך עס דען און ווער האָט עס דען נאָך נייטיק,
אַ חוץ אפשר צו זיך אַליין ריידן פון ווייטיק,
אַזאַ געפּלאַפּל ביז די ליפּן וועלן ווערן מיד.

צי ווייסט דען דער בוים פאַר וועם און צו וואָס ער בליט,
און צו וועלכן צוועק זיינע פּרות ווערן צייטיק?
אַז פון מענטשלעכן וואָרט, פניותדיק און צווייזייטיק,
וויל־ייגגיש אַזוי אַ געזאַנג זיך אַמאָל פאַרציט — —

פון אַ שוועבענדיקן פויגל אין העכסטע הייכן,
גאָרנישט שוין צו וועלן, קיין ציל מער צו דערגרייכן,
ס'אייגענע קול אין דער לײדיקייט צו הערן —
יאָ, נישט קיין זיפצן איז עס און נישט קיין געוויין,
בלויז פון אַזאַ געוואַלטיקער פרייד שוין אַליין,
ס'קאָנען זיך שטעלן אין די אויגן די טרערן.

* * *

גישט נאָר אין ריחות און גישט בלויז אין קלאַנגען,
עס ליגט אַזוינס איך דער לופט אַנצוטאַפּן קוים, — —
מיט האַנט אויף האַרץ, ווי אינמיטן שווערן טרוים,
פיבערן פינגער עפּעס צודערלאַנגען —

די טריט וואָס ווינטשעווסקי איז דאָ דערגאַנגען,
ריטמיש זמרותדיק „ברוך ד׳ יום יום״,
בליען אויף ווי בליטן־בלעטער אויף אַ בעז־בוים,
שוואַלבן־נעסטלעך צעפּלאַטערטע מיט געזאַנגען.

און אונטער די פּיס וואָגיקן טראָט נאָך מען הערט,
ברענער געטראָטן און געקנאָטן שווער די ערד,
קוים מיטן ריח נאָך, און מער מיטן געהער — —
ווי אויסגעריבן, ווי גלאַטיק שוין טראָטואַר,
אַנצוטאַפּן נאָך אַלץ לעצטע שליאַדעס פון צער,
פון די אָנגעקומענע דעמלט דאָ אַהער.

## לעיעלעס

(דעם בעל־יובל השבעים פון „די יינגע״)

ראָזענפעלד איינגעפעדעמט דאָ זיין נעדעלע דין,
אויסצושטעפן רחמים־געזאַנג אויף זינגער־מאַשינען;
לעיעלעס — אַ פעדעמל פון דאָ מיטגענומען,
דאָס גרוי׳סטע, צווישן די פאַרביקע מיט איינצושפּינען.

ווי לייכט עס טיף אַרויס פון די גילדענע דרימען —
אויפגעגאַנגענער שאַריען אין גרויען באַגינען;
לייכט קאַלירל צו קאַלירל ליכטיק זאָל פאַסן,
דעם טיפן סוד בלויז, מען מוז אים נאָר שטיל אויסגעפינען.

פאַרביק זומערפייגעלע זאָל פרילינגדיק אַרויס,
ווי מוז עס זיך צווערשט אין אַסיען־נעפּל איינשפּינען;
פון פאַנצערל ווי צעשפּרייט עס גרויס דאָס פליגעלע,
ווען פון שפּינגעוועב אַרויס ס׳געלינגט אים צו אַנטרינען.

און אַ גרויען דרים ווערן אַלע גילדענע בלייך,
מוז מען אים ליכטיק פון פינסטערן האַרץ אַרויסשפּינען!
גלייך ווי ס׳פאַלט פעדעמל ליכט אויף פאַרנעפּלטן גאַנג,
דורך ענגער טיר־שפּאַלט, אַזוי געזאַנג טיף פון דרינען.

# דער קראַנקן פּאָעט נתן האראוויץ

געווידמעט דר. י. זיידענבערג

ווי קומט דער אבן עזרא קיין קאַירא ?
אָבער אין לאָנדאָן איז ער דאָך געווען !
איז טאַקע יענע מעשה מיטן רעצעפּט,
דאָ אין אונזער עיר־הבירה געשען —

והא ראיה, איך קען אים דעם דאָקטאר !
אצינד אַז איך ווייס גענוי ווער און ווו,
(אין „הו איז הו" איז עס דער רמב"ם געווען...)
הערט זיך מיט קאָפּ־—נישט מיט האַרץ־וויטאָג צו :

נישט אין קאַאירא, נישט אין אַנדאַלוזיען
איז אַ פּאָעט אויף רויזן אויסגעבעט,
אָבער אויך אין לאָנדאָן זינגט זיך געשמאַקער
אַ פּאָעט, ווען ער דערעסט נישט צו זעט.

אַ שעקספּיר זשאַבאָ־שלייף, אַ בייראָן־קראַגן ?
מ'איז אויך יוצא מיט צעריסענע שיך ;
אלא די לאַנגע געקרייזלטע לאָקן ?
זאָל זיך אייך דוכטן געהאַט ר'האָט — אַ פּליך.

אַ קונץ אַ שפּאַנישן הימל צו באַזינגען,
מען ברויכט ערשט נישט אַ דאַן קיכאָט צו זיין !
אַן ענגלישן נעפּל ווען ער צעשטראָלט זיך — — —
דו זינגסט זינגסט, ביז מען זינקט אינגאַנצן איין.

ווי אַ שפּרודלדיקער קוואַל אין אַ פעלדזן,
ווערט אויך אַ האַרץ אַמאָל גאַנץ אויסגעשעפּט ;
יאָ, נישט זינגענדיק — ניסנדיק און הוסטנדיק
מען שלעפּט זיך צום דאָקטאָר נאָך אַ רעצעפּט.

ער קלאַפּט אים, האָרכט אים, קוקט אים אין די אויגן :
כ'גלויב גיכער טויט־הונגעריק, ווי טויט־קראַנק,
די צעריסענע שיך זייבען אויך נישט גאַנץ...
און גיט אים אַ רעצעפּט אַ דערלאַנג :

קודם־כל גיט אים אַ פּאָר גאַנצע שיך,
דער נאָך אָפּעסן אַ פיינעם קאָטלעט,
גוט אויספּאַרען אין אַ הייסן שוויץ־באָד,
און שלאָפן לייגן אין וואַרעם בעט.

סוף כל סוף איז אַ פּאָעט אויך נאָר אַ מענטש,
אַז מען דערעסט נישט, צעריסן די שיך,
העלפט אַ מעדיצין ווי אַ טויטן ביינקעס,
איז קודם די אַלע זאַכן און — גיך.

און צו אים: „מיט דעם רעצעפּט נישט אין אַפּטייק,
גיי אויף דעם אָנגעשריבענעם אַדרעס,
און תיכף־מיד, אויב איר ווילט נישט באַלד ווערן,
אַן אומשטערבלעכער און אמתער מת".

עס איז אונזער פּאָעט פון דאָקטער אַרויס,
דאָס רעצעפּטל געהאַלטן אין די הענט,
און געטראַכט: אפנים, דערקענט נישט נאָר מיך —
ר' האָט שוין דעם אבן עזרא אויך געקענט.

גרינג צו זאָגן: „גייט גיך, תיכף ומיד",
אויף אַ פּאָר שיך, ווי אַ פּאָעט צעדרייט;
אַ, נישט אַזוי אייליק ווערט מען אומשטערבלעך,
נישט אזוי פלינק דעם אַדרעס מען דערגייט...

און טראַכט: אפנים, טאַקע אין קאַאירע,
דאָרטן האָט די מעשה געמוזט געשען,
וואָרים אויב ביי אונז דאָ, אין אונזער לאָנדאָן,
ר'וואָלט דאָך שוין לאַנג אויף דעם אַדרעס געווען.

און ווען שוין למזל דערגאַנגען ער איז,
וואָס מיר קאָטלעט, ווער מיר ווייך וואַרעם בעט:
ער האָט זיך מיטן אבן עזרא דערזען,
און געווען שוין אַן אמתער — פּאָעט.

נאָר איין גאָט אין הימל קאָן אים נאָך העלפן!
דאָס ווייסט שוין צומאָל דער רמב"ם אליין:
גרינגער צו שרייבן אַ „מורה נבוכים",
ווי אין לאָנדאָן אַן אבן עזרא זיין.

## ווי דער פאעט שטארבט אויפן אייגענעם בעט

1

ווער זאָל אים צוגרייטן זיינע מאַלצייטן,
אַז קוים זיך אַליין פאַרזאָרגן געקענט ;
אָבער אַ סך בעסער ס׳ביטערע פון גאָט,
איידער דאָס זיסע פון מענטשלעכע הענט.

אויב דאָס רעפטל ברויט אַ ביסל אַלטלעך שוין,
איז דער טרונק דערפאַר קלאָרינק און פריש ;
ווי פון אַ קוואַל בלאַנקט קאַלט דאָס וואַסער אין גלאָז,
ציטערדיקע האַנט כאַפּט אויף מינדסטן קריש.

מילא, איז דער טיש נישט באַלבאַטיש געגרייט,
ער זיצט דאָך ביי אים גאַנץ איינער אליין !
לאַנג לעבן זאָלט איר, ביי אַזאַ מין לעבן,
צי לוינט נאָך מאריך בשולחן צו זיין . . .

אָבער אַז דרויסן איז שיין, אַרויסצוגיין
שטיל בנעימותדיק, און נישט מיט געאייל
זיך צו דערשלעפּן ביז צום נאָנטסטן פּאַרקל,
אויף אַ באַנק זיך צו זעצן אויף אַ וויַיל —

2

נישט קיין סך בלייבט איבער פון זיין אָנבייסן,
אָבער וואָס עס בלייבט נעמט ער מיט זיך מיט ;
די פייגעלעך זיי וואַרטן אויף אים שוין,
זיי דערקענען זיין פאַמעלעכן שריט.

נישט מיט אַמאָל די ברייזעלעך אַ צעשיט !
ער וואַרט ביז יעדעס קומט צו צו זיין באַנק ;
ער זעט און הערט, ממש בחוש : טשוויט־טשוויט־טשוויט,
ווי עס גיט אַ קניקס און זאָגט שטיל אַ דאַנק.

און דאָס גאָלד־העלזל מיט זיין בלאַנק געזאַנג,
עס דויערט זייער לאַנג ביז עס ווערט זאַט,
כאַפּט זיך אויף העכסטן בוים אַרויף, אויף שפּיץ,
און פייפט אים נאָך אַ לוסטיקן וויוואַט.

קוים ער שלעפּט זיך אַהיים, שלעפּריק, מיד און מאַט,
ווי לאַנג ס'ציט זיך זיין וואַקלדיקער גאַנג,
פאַרוויגט, פאַרטיפט אין געדאַנק, אַ קינד אַ געשטילטס,
פון דעם גאָלד־און האָניק־זיסן געזאַנג.

3

אַז קיינער נישטאָ וואָס זאָל גרייטן דעם טיש,
איז ווער זאָל אים מאַכן צום שלאָף דאָס בעט ?
איז מילא, ביינאַכט פאַלט ער אַריין דערין,
אַ הרוג, און וואַרפט זיך אין „הינערפלעט".

די פאַרקאַלטנטע קישנס נישט אויסגעגלעט,
צעקנייטשטע קאָלדרע — פאַרקנוילט און שווער,
ביי יעדן דריי דאַכט זיך אים: אַ נישט־גוטער,
אַ גילגול, אַ דיבוק ליגט דאָ — נישט ער.

אָבער איצט אַהיימקומענדיק פון שפּאַציר,
בלייבט ער זיצן אויפן בעט מאַט און מיד,
ווי גן־עדנדיק זיס עס זשימעט זיך איין,
און אין אויער זינגט „גאָלד־העלדזל" אַ ליד.

עס שטייט אים אויפן אַקסל און פּייפט אַזוי זיס,
פּיקט ווי פון זיין האַנט, פון האַרץ אים אַ קריש — —
שאַ, וועקט אים נישט אויף, און שטערט נישט דעם פייזל,
ס'לעזט לעצט לידל זיינס, געלאָזן אויף טיש.

## יוסף חיים ברענער

1

גנעסין איז צוריק געפאָרן, שאַפּירא — ווייטער,
ממש ווי אויפן וואַסער איז ער איבערגעבליבן;
ווען נישט ער, דער זשיטאָמירער, און זיין „מעורר",
כאַטשבע אין לעווערטאָוו'ס הייזל זיך אַריינגעקליבן.

אַ גרויסע קאַזאַרמע עס איז די גאַנצע וועלט,
עס מוז דער מענטש האָבן אַ קויקע אויף איר צו ליגן;
„מעבר לגבולין", גרענעץ־לאָז דאָס געראַנגל,
בענטער צו דער שיסל מיט קאַשע זיך צוצוקריגן.



5

בלויז אַלץ וואָס רינט איבער דער באַרד איז חזיר־טריפה,
צומאָל דער שמן־זית פון כהן־גדולס קריגל;
עמך — שער־און־אייזן! אויב כ׳וועל דאָ איבערבלייבן,
איידער אַ פרעסע־מענטש — ביים פרעס־טיש מיט אַ ביגל.

גרעסער פון ביאַליק, אחד־העם, באַרדיטשעווסקי,
ס׳שטיקעלע ערד מיט לייב און לעבן זאָל זיך צעוואַקסן;
ישראל, דא איז נישט גלות, דאָ איז כף הקלע!
און איך נישט בערטא — „דאָס הייליקע לאַנד” צו צעפלאַקסן! *

„נאַראַדניצקי”, ס׳איז נישט אפילו דער „מעורר”,
וואָס כ׳האָב מיך צו דיר אין הויז — אין הארץ! — אַריינגעקליבן;
עס איז וואָס דער גרויסער פרץ האָט פון דיר געטראַכט —
ס׳איז דער עיקר דאָס טראַכטן, נישט וואָס מ׳האָט אויפגעשריבן.

און אצינד, בא, געגאַנגען צו דיינע כלי־קודש!
ווי קליין ישראל געווען, אַזוי גרויס זיין בליק געוואָרן,
געקויפט ביי זשאַן אייזיקס „צוויי פאַפירן פיש און טשיפס”,
ברומענדיק: „צוויי טיקעטס” אויף די 11 באָס צו פאָרן.

2

צווישן די חובבי און דובבי שפת עבר,
איז ער אַריינגעפאַלן ווי אַ יוון אין סוכה;
און ווען זיי דערזען, די עברית בעברית „טיטשער”,
האָט ער געגעבן אין זיין באָרד אַריין אַ מין מרוקע —

אַ חיה אין וויסטן וואַלד וואָלט זיך אַזוי וויסט צעוואָיעט,
אַ וואַנדלדיקער טיגער אונטער שטאַנגען און גראַטעס:
ענגליש או עברית און פאָרן גוי, ראַקער׳ן בעק׳ן,
לאָזן דאָס לשון פון אונזערע מאַמעס און טאַטעס?

„כלב על השולחן, כלב תחת השולחן,
כ׳וועל שוין באלד דאָ ביי אייך אָנהויבן ווי אַ הונט בילן — —”
דון־יחיא פון איין זייט און גאָלדבלום פון דער צווייטער,
זוכן מיט כל המיני מיטלען אים איינצושטילן.

* ישראל נאַראַדיצקי, איידער ער איז געקומען קיין לאָנדאָן האָט ער איז זשיטאָמיר מיט בערטאַ פלאַקסער אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג „דאָס הייליקע לאַנד, וועלכעס י. ל. פרץ האָט שטאַרק אַראָפגעריסן „נאַראַד־ניצקען”, אַזוי רופט ער אים אין דער רעצענזיע־עסיי.

ביז דער לויפנדיקער בליק פונם זשיטאָמירער,
פון „באַראָדניצקין", וואָס קייגנאיבער אים געזעסן,
מיד פון אַ גאַנצע נאַכט דעם „מעורר" צו זעצן,
האָט זיך אין זיין צער־כעס מיט לויטערקייט איינגעגעסן:

„יוסף חיים, ביי מיין ווילנערקע ביי מיין רבקה'ן
וועלן מיינע קינדער יידיש במילא שוין קענען — —"
און פון גרויס מידקייט, צי פון נאָך גרעסערער ליבשאַפט,
געפאַלן זיך מיט געוויין אויף די העלזער זיי זענען.

## אין א נעפל־טאג פון „לא יום ולא לילה" (צוויי סאָנעטן)

1

ער באַהאַלט זיך נישט אויס דאָ אונטער אַ פלויט,
פּאַר נאָכיאָגנדיקן גזר, בייזן און האַרטן,
צו יעדע רגע ער שטייט גרייט, ער דערוואַרט אים —
ס'האָלץ ער שפאַלט, דעם מזבח אַליין זיך אויפבויט!

איז דאָס נאָר נסיון גאָר, צי שוין דער טויט?
אויף לעצטן דאָך געהאַלטן רק אין איין וואַרטן!
גענוג געשפּילט שוין דעם תם, דעם אָפּגענאַרטן,
ער וויל עס דערשפּירן אויף אייגענער הויט.

און אין די פינסטער־געדיכטע נעפל־נעכט,
אַ פאַרפלאָנטער ווי אין קשזאַקע־געפלעכט,
גייט ער, דער גזר, גרוילעך איבער זיינע גלידער —

ווי עס צעוואַקסן זיך געדרייט זיינע הערנער,
טיף אין זיין לייב ער שפּירט שפּיציק שאַרף די דערנער —
צו דער עקדה דער צוגעגרייטער ווידער.

2

אַ קרבן אויפן מוריה אויפצוגיין,
פאַרפלאָנטערן זיך די הערנער צווישן געצווייג;
שטיל־צעגלאָצטע שאָף־אויגן פולע מיט געשוויג,
קוקן שטייף דעם טויט אין די אויגן אַריין —

בייסט פאַרביטערניש פאַרביסן מיט ציין!
אַ נפש אַזאַ, אַליין זיך ווייזט עס אַ פייג,

נאָר פּאָר מינדסטע בריאה בלייבנשטיין מיט גענייג;
אַלצדינג מקבל באהבה צו זיין:

אין גאַל־גרינעם נעפּל דאָ, צווישן וויאַן־געקזשאַק,
כ׳דערשפּיר שוין ביי די סאַמע וואָרצלען די האַק,
„אם בעל־נפש אתה״ — — דעם האַלדז אויסצושטרעקן,

אַן עולה גאַנץ אויפצוגיין, אויף נישט מער צוריק,
און דעם פּייער־פלאַקער געטראָגן אין מיין בליק,
נישט גאָטס רחמנות — דעם מענטש האָרץ שוין אויפצוועקן.

## אברהם וויעוויארקע

ווי זיין טאַטע האָט דעם חלף געשטעלט,
אָן פּגימה, אַזוי ער — זיין געדאַנק;
אָבער נישט בלויז אַ חלף שלייפט זיך אויס,
אויך חריפישער מוח, פּיקחותדיק־בלאַנק.

אין די נעפּלען דאָ זשאַווערט צומאָל שטאָל!
און ווי האַר־שאַרף אויסגעגלעט, דינינק־גלאַט,
ווי מיט אַ בויגן מיט אים צו ציען — —
בלאַנקער קלינג אַ פרישן פּגם גאָר געהאַט.

ווי זיין „מיידל״ ס׳האַרץ אויסגעוויגן דאָ,
אויף לויט — אויף וואָגשאָל שטאַרקער פונם טויט!
און וואַקלדיק, ווי זיין „כייקל־שכור״,
איינגעפאַלן זיין וועלט, וואָס אויפגעבויט.

ווייט־ווו, ווי אַ וויגע־וויבט וויסט פּערווייט,
געזען אים ווער פּאַרוואָרלאָזט, בלינד און קראַנק,
אָבער ווי זיין טאַטנס שאַרפער חלף,
אָן פּגימה, אַזוי געבלאַנקט זיין געדאַנק:

מיט בלישטשענדיקן בליץ־בלאַנקן קלינג,
אָן פּחד געגאַנגען כ׳בין איבער אַלץ,
מאַכן ציטערדיק־נאַרישע שהיות,
איצט, ווען עס גייט אין מיין טריפענעם האַלדז?

## דער „הייקאמיסיאנער״

גיין, ס׳איז נישט אַ מאָנאָקל דאָס אינם אויג,
ס׳איז אַ ברען־גלאָז ס׳פּייקעלע אָנצוצינדן!
מיט רינגעלעך הויך, געטאַקטע, לעבן איבערצווווינדן,
אַ מעסער אויף בײדע זייטן געשליפן — יעדער פאַרבויג.

יאָ, צייט איז געלד! און לעבן אָבער וואָס איז?
אַ קאַץ אין אַ מויז זיך איינגעזויגן, אויסגעזויגן,
אַ קאַץ אין אַ זאַק מיט אַ פעטלע פאַרצויגן,
פאַר צייט און פאַר געלד נישטאָ איז קיין ביז!

רינגעלעך רויך וויקלען זיך און קייטלען:
וואָס איז שעקספּיר און שעלי און בייקן און גיוטן,
און אַז אייגן האַרץ צומאָל וועט מוזן פאַרבלוטן — — — —

ביבלישע פּסוקים גריזשען זיך זיסלעך ווי טייטלען!
„שײלאָק!״ און דורכן מאָנאָקל אַזאַ ברענענדיק פאַרטרויען:
„מיר וועלן נאָך דעם באַרג מוריה אין אַ רעיאַלטאָ אויסבויען!״

## א סאנעט איבער א ווייטשעפּל־סענאטאר

מאיר אַמשל׳ס און דעם חכם צבי׳ס אן אייניקל,
און משה מאָנטעפיורע, דער שר, אַליין,
דערנאָך זיינען אַלע געקומען צו גיין,
גאַליציאַניש־ליטוואַקל, פּויליש־אוקריייניקל,

מיט קישן, מיט קוישן, אויף שטריקל צעקלינגט טשייניקל,
כאַטש אויף דער פּאַליצע צו לייגן די ציין!
ווער האָט געגלויבט אַז זיין אייניקל וועט זיין
אַ לאָרד, אַ סער, אַן עקסעלענץ — אַ זיין־ווייניקל?

טאַטע נאָך נאָדל אין לאַץ, טשוועקעס אין מויל,
ידים אויסגעאַרבעט פון איין שטיק זויל!
און זיין זון אַן מ.פּ. און אין לאָרדן־הויז.

„מי כעמך״ — — ווער נאָך קאָן אַזוינס נאָך באַווייזן?
געגאַנגען מיט נאָדל־פּאָדים, מיט שער און אייזן,
און אין לאַץ איצט, יעדן טאָג מיט פרישער רויז.

# נחום סאקאלאוו און אחד העם

אַהערגעקומען דאָ וויסאָצקיס טיי פּאַרקויפן ?
אַ פאַרשיקטער אויף אינזל פון ים־הקרח ?
דער ברענער, באַן־אַפּאַרט, האָט זיך אַרויסגעריסן,
איך — לעבעדיק באַגראָבן על־אם־הדרך.

קוועטש יין־צמוקים אין לשון קודש־פסוקים,
פון די תורות פון ספענסער, דאַרווין און באָקל.
ער בלייבט זיצן אַ פאַרגליווערטער, ס׳האַרץ בלייבט אים שטיין,
ער שפירט : זיין קאָפּ גיט אַ מין רבישן שאָקל.

וואָלט איך כוח געהאַט אַנשטאָט אין אָפיס צו גיין,
אין אַ וויטשעפּל קלייזל מיך צו פאַרקריכן,
פון קיינעם נישט דערקענט, זיצן איבער אַ זוהר,
ברומען אַ ניגון און וואַרטן אויף משיחן,

די היברו־טיטשער, דעם גלאַנץ אין זייערע אויגן,
אפשר וואָלט אים מענדעלע געקענט באַשרייבן !
זיי לערנען עברית מיט פרעמדע און זיי גלייבן, אַז
זייערע קינדער וועלן שוין ענגלענדער בלייבן.

„לאָ זו הדרך" ! צו מיר אַליין שוין אויסשרייען,
אַפּצוראַטעווען מיינע אייגענע קינדער — —
ווישט ער כסדר די שייבלעך פון זיין בינאָקל,
בלינצלט צעבליקט — „מ׳זיין בעטלערס" דער בלינדער.

ווער ווייסט ווילאַנג ער איז אַזוי געזעסן פאַרקלערט,
נאָר אַ חוני־מעגל קאָן אַזוי לאַנג טראַכטן !
פלוצלינג עפנט זיך אויף די טיר, אין איינע פון די
„לא יום ולא לילה" נעפּלדיקע פאַרנאַכטן —

אין צילינדער, אין פראַק, אַ בלום אין זיידענעם לאַץ,
ווייסע הענטשקעס, זילבער באַגאַלקעט דער שטעקן,
ביידע אין איין האַנט, די צווייטע מעשה דיפּלאָמאַט,
מיט זיגל־רינג אויף פינגער פלינק אויסצושטרעקן.

אַזוי איז ער, סאָקאָלאָוו, גלייך פון שיף אַראָפּ,
אין דער וויסאָצקי־פירמאַ אַרויפגעקומען;
אחד העם פון אָפיס־שרייבט־טיש שנעל שטעלט זיך אויף,
במתינות דעם בינאָקל אַראָפּגענומען.

פון אינטער הויכן שטערן קוקט ער פאַרטיפט אַרויס,
„הזאת?...‟ ער קאָן מיטן שכל נישט באַגרייפן:
מילא אַ צילינדער, אַ פראַק, מען טוט זיך אָנעט,
אָבער איינשלינגען אַן ענגלענדער, אַ שטייפן?

זיי קוקן זיך איבער, איבער אַ טיפן תהום!
על רגל־אחת זיי האָבן זיך פאַרשטאַנען:
אַלע אייזערנע בריקן שוין איינגעבראָכן,
די פּאַפּירענע שנעל איצט אַריבערשפּאַנען.

„אשר‟, שמייכלט ער: „אַלץ מוזן מיר אויסלערנען,
נישט בלויז פון ביכער פון עפּעס אַ יום, באָקל;
ווייסט, פאַרוואָס אַרויפגעשפּרונגען צו דיר? פאַרגעסן,
אויף זיידן שנירל באַמבלדיקן בינאָקל — —

בין אויף אַ געהיימען באַזוך צו לאָרד באַלפורן,
לענגער געוואַרט אויף אים, ווילאַנג ער וועט דויערן?
מיין בריל ליגט אַן „עירוב‟ איבער מיינע ספרים, ביז
מיר וועלן שטיין פאַר ירושלימס טויערן — — —

„נחום, ס׳טייטש, אפשר פּאַסט דיר גאָר נישט מיין בינאָקל‟?
„נישט צו די אויגן, ס׳מוז פּאַסן צו די בגדים‟,
שמייכלט סאָקאָלאָוו: „האָט נישט גאָט אַליין אַ מלבוש,
אים אויפגענייט, אַז אַ מענטש ס׳זאָל ווערן אדם‟.

ווען ער איז אַרויס, אחד העם געבליבן שטיין,
„על פרשת דרכים‟ איבער שרייב־טיש געבויגן;
פון גלאַנץ פון די ארויסיאגנדיקע לאַקיר־שיך,
אַ טרער געבלענדט אים די קורץ־זיכטיקע אויגן.

אַ מין שמייכל פאַרציט דינער זיינע ליפּן:
זיין בריל ליגט אַן „עירוב‟, מיינע צוגענומען,
אפנים טאַקע, „יתי ולא אחמיניה‟...
מילא, אַבי זאָל ער מיט מזל שוין קומען.

## כהן לאסק

כ׳האָב אים נאָך געטראָפן ביי גויצען אין קאַפע,
אַ גוטער־ייד פירט טיש אַזוי איז ער געזעסן;
די אויגן גלאַנצן אים, ביי אַ יונג־פאַרליבטן,
אַז ער איבער שמונים שוין, אַליין פאַרגעסן:

„מ׳זעמיר אָנגעקומען מלמדים און קרעמער,
אַ יקר־המציאות אַן אויסגעלערנטער שניידער;
ווערט יעדע אָפענע טיר אַ היימיש קרעמל,
יעדער צווייטער ייד אַ מלמד אָן אַ חדר.

„איז ווער פון אונז געפאַלן אויף אַן המצאה:
דער ווער אָנגייען ס׳קנעפל, דער מאַכן אַ לעכל,
יענער מיט קורצער ריאה פאַסטריגעס ציען,
דער מיט שווערן אָטעם מיט נאָדל טון אַ שטעכל.

„און ס׳איז געגאַנגען ווי אַ מזמור, ווי אַ זמר,
מיט ראָזענפעלד׳ס אַ ליד, מיט אַ חסידישן ניגון,
געוואָרן „הענט״, „אַ לעבן געמאַכט, ביז איינער
אָנגאַנצע וואַרשטאַטן אין די הענט אַריינגעקריגן״!

„ס׳איז גאַנץ ווייטשעפל אַ יידישע המצאה,
די שניידער, די גבירים און אַלץ מיט אַנאַנדער — —״
ער קוקט מיך אָן מיט אַן איינפאַל־שמייכעלע:
„לך לך, מאַכט רש״י, נעם דעם שטעקן און וואַנדער״...

## סאנאטע 1936

אויף די פאַסטקעסטלעך, פייער־אַלאַרמס, די פאָליציי,
לבנהניש־היימיש, גרויסע אותיות צעשריבן;
אויף טראָטוואַר אַ טויב זשאַרנעס שטיל געקליבן,
„שלום עליכם״, טאַנצט זי מיר אַקעגן: גורר־ריי — —

אַ מצווה־טענצל אויף אָפענעם ווייטשעפל כ׳גיי:
אַהיים כ׳בין געקומען, נישט אין גלות געטריבן;
נישט פאַר „די צייט״ איך שטיי — די צייט איז שטיינגעבליבן!
זע, אַלע שוידערן אין מיין בליק אויס און פאַרביי.

מיינע באַרוישטע אויגן גלויביק אַרויף איך הויב,
אותיות שטעלן זיך אויס ווערטער פאַרן זיך צונויף — — —
אַ געזאַנג אַז אַלע שוידערן וואַכן צריק אויף — — —

כאַטש נעם און ברעך איין אַזאַ יידישע אַלאַרם־שויב,
און שריי אַריין: ס׳ברענט, ס׳ברענט, די גאַנצע וועלט אין פלאַמען
אַ שריפה, לאָמיר ראַטעווען, אַלע צוזאַמען.

## דער שול-פּרעזידענט

זיין טאַטע אַ געגריוועטער שוסטער געווען,
דעם קייסער ניקאָליי אַראָפּגעזעצט פון שטול;
ער אַ שיך־געשעפט אויף אָפענער גאַס האָט דאָ
און איז „לייף־פּרעזידענט" אין דער „רויטער שול".

איינמאָל אין יאָר, ערב־יום־כפור, „דער שאָפער",
פירט אים אין „לימוזין" צו כל־נדרי צו,
און פון דער „באָקס" קוקט ער אויף „די יידעלעך" אַראָפּ,
פון הימל, להבדיל, הקדוש ברוך הוא —

דער טאַטע געלאַטעט דאָ הינטער אַ פענסטער,
און ער אַ ווילע שוין האָט אונטער דער שטאָט;
זיין זון, דער פּראָפעסאָר אין „לאָנדאָן האָספּיטאַל",
אַרבעט שוין מיטן מעסער אויף גאָטס באַראָט.

צו פּתיחה עפנט אים דער גבאי „דאָס טירל",
און ווינטשט אים: „איבער אַ יאָר ווידער אַמאָל" —
זיין זון, אויב ער וועט אים נישט אַליין באַגראָבן,
שוין זיכער נישט קומען צו קבר ישראל.

## די באַלאַדע פונם פּרעזידענטס אתרוג פּישקעלע

אַ שול אין לאָנדאָן, די פּרוכתער, דאָס זילבער,
די סיגנעטן, די דיוועסקעס איבער די וועסטן,
די לייכטער, מנורות, צום דוכענען דער בעקן,
און ערשט אינם לאָנדאָנער טעמפּל, אינם גרעסטן.

די מזרח־וואַנט גין־גאָלד און פּלאַטין און צעדער־האָלץ,
די ווייבער־שול סאַמעט און זיידן און בראָקאַטן;
דער פּרעזידענט פון אַזאַ גוג־מגוג סינאַגאָג,
זיצט אין „באָקס" — אַן אויסגעגאָסענער פון דוקאַטן.

אַ טשעק־בוך זיין „פּסאַלטער" געבונדן אין עלפנביין,
זיין „פּענטאַטוך" — אַ „שער" וואָס האַלט אין איין שטייגן!
און ביי די „פרעיערס" ווען דער „מיניסטער" בוקט זיך טיף,
ווער ווייסט אויב נישט צו אים ער האַלט זיך אין איין בייגן?

ווי לויטער ווי גין־גאָלדן עס קלינגען די גלעקלעך,
ווען די הייליקייטן מען נעמט אַרויס צום לייענען — —
נישט אַ בר מצוה־בוי גייט אויסזינגען זיין „פּאַרשן" —
צום „טאַבערנאַקל־פעסט" צו גיין גרייט אַלע זיינען.

דעמלט די אתרוג־פּושקעס געבן זיך אַן עפן,
ס'איז דער טעמפּל אַ מאָזאַאיק פון איידלשטיינער,
איין קעסטעלע, איין פּושקעלע שענער פון צווייטן — —
בלויז ער, דער פּרעזידענט, דער מאַגנאַט, בלויז ער איינער,

וויקלט אַרויס ווי פון קאַניפיעס, ווי פון וואַטן,
אַן אתרוג פון עפּעס פּודעלע, אַ פּראָסטן — — —
ער, דער מיליאַרדער, דער רויטשילד פון די רויטשילדס
אַ פּושקעלע קוים שניפּטאַלבן פּייעם ס'זאָל קאָסטן?

און טאַטעס צו קינדער און זיידעס צו אייניקלעך,
נישט קיין בייקע, אַן אמתע מעשה דערציילן:
דאָס איז ער, ערשטער דירעקטאָר, דער אייגנטימער,
ער אַליין, דער קעניג פון די פּעטראָלס און איילן.

נישט עפּעס אַ בערטאַן־לייענס, אַ וואָלפסאַן און זיוו,
מיט כל־ערליי באַקאַליי שמע־קולינו־קראַמען;
ס'איז דער לויתן, דער מלך מלכי המלכים —
פּאַשאַס און סולטאַנען ציטערן פאַר זיין נאָמען!

עליו־השלום, זיין טאַטע אַהערגעקומען,
פון פּוילן, פון ליטאַ, פון רומעניע־אוקריינע;
ווער ווייסט פון וואַנען אַן אָרעמער ייד קומט,
און זוכט ס'שטיקל ברויט פאַר ווייב און קינדערלעך זיינע.

ס׳איז גוט צו זוכן, אַז מ׳קאָן עפּעס געפינען,
אָבער אַז ביים ברעג ים אויף הפקר אייסגעשפּיגן;
ליגט אַזוי אין געהאַקטע צרות, ברומענדיק,
פון דער היים אַ נישט פאַרגעסענעם סמוטנעם ניגון.

און אויף די קינדערלעך אַ לעבן: די זון, דער ים,
שפּילן יאָגערלעך מיט די לויפנדיקע וועלן,
און מושל־שיסעלעך און שעלס, אין די מיליאָנען,
סילען זיי ווי שנירלעך פּערל, ווי בייטשן קרעלן.

און די גרויסע וואָס מאַכן נישט אַלץ? און ווי קינציק!
מושל־שיסעלעך, שעלס פּודעלעך באַקלעבן — — —
אַהער אהין, וואָס לאַנג ברייען, פון אָט דער „סחורה״
ס׳האָט דער ייד מיט ווייב און קינד געמאַכט אַ לעבן.

טויזנט און איין וועג פונם וויגל ביזגל קבר,
ווער ס׳איז רייך ווי קרח און ווער ס׳לעבט ווי אַ כלב;
טויזנטער מוזן זיך ווי די הינט צום טויט מוטשען,
אַז ווי אַ קעניג ס׳זאָל לעבן אחד מאלף.

און ווען ער געוואָרן, דאָס וואָס ער איז געוואָרן,
פון די דירעקטאָרן דער ערשטער און דער גרעסטער,
געקרוינט האָט ער זי, די פירמע, מיט אָט דעם נאָמען —
„שעל״! ער, דער אייגנטימער, דער גרעסטער אינוועסטער.

מסתם זיך דערמאָנט אין טאָג, ווען אַהערגעקומען,
פון פּאָגראָם געלאָפן און דאָ אַהיים געפונען,
אין די מושל־שיסעלעך זיך דערמאָנט, — אין די שעלס!
אין ים אַ פריידיק צעשפּילטער מיט טויזנט זונען.

דאָס איז נישט קיין בייקע קינדערלעך איינצושלעפן,
און ווען מען ווערט גרויס איבער זיך אַליין צו לאַכן!
איר זעט דאָך דאָס פּודעלע, וווּ ער האָלט דעם אתרוג,
ער אַליין, מיט זיינע הענטלעך געטון האָט׳ס מאַכן.

## דער פּרעזידענט און זיין מורה מורינו

1

נישט אין שטיין געהאַקט און נישט אין בראָנז געגאָסן,
נישט אין גאָלדענער רעם אַ געמאָלענער פּאָרטרעט,
עס געגוגט זיין „פּיקטשער״ אין „דשואיש קראָניקל״,
ווי ער שטייט, וואַזשנע אַזוי, אויף דער פּלאַטפאָרם און רעדט.

נאָך גוט מ׳הערט נישט ס׳אינטעליגענטיש געגאָרגל,
עס גענוגט שוין דער אַקצענטירטער שטרעק פון איין האַנט ;
מען זאָל נאָך זען, ווי דאָס רעדט מיט זיינע ביידע,
און הערן דאָס ענגאַליש — צו אונזער גרויסער שאַנד,

האָב איך עס נישט איינמאָל געהערט, ווי זלידנע, ווי . . .
מילא פון אַ יהודי, אָבער פון אַ יידלאַק !
עס שטייט טאַקע „הידים ידי עשו״ — —
מיין יידישע האַנט האָט זיך געפויסט אין אַ קולאַק.

ווי ווילט זיך פאַרפאָרן אין דעם פורים־שפיל־פנים,
אַראָפּרייסן די מאַסקע און די כובע פון קאָפּ ;
איידער ער זאָל קומען אויף גויאישע הענט,
בנאמנות, פון מיינע געווען אַ סך בעסער אָפּ . . .

2

אַז אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר מ׳עסט קרעפלעך,
און המן־טאַשן אָנגעפילטע מיט מאָן,
אַ וווּנדער אַז אַ גאַנץ יאָר אַ פורים רב,
דער „מורה מורינו הרב הגאון״ ?

דעם פרעזידענטס שלח־מנות אונטערטראָגער,
אויף אַלץ וואָס ער זאָגט, זיין מעקעדיקן : „יאָ״.
גוט וואָס זיין ציגן־, אַ קמץ־בערדל איז,
קאָן ער וויסן, אַז קמץ־אלף מאַכט אָ.

אָ, אויף „עד דלא ידע״ ברויכט ער נישט וואַרטן,
ביז עס קומט פורים און ער שכורט זיך אָן . . .
דערפאַר טאַקע יום־כפור פול איז זיין שול,
ער ליינט דעמלט ווי אין „בני אדם״ דער האָן.

## „דער רבי זאל לעבן״

אָפּגעשלאָגענע, וואָס קוקן אויס ווי בני אדם,
אויסגעאַרבעטע שניידער ביז צום לעצטן פאָדים,
אין ברוסט נאָר גיט די נאָדל נאָך אַ שטאָך ;
מען בלאָזט שוין נישט אויפן הייסן אייזן —
אויף לעצטן פייפנדיקן לונגען־לאָך.

אַז וואָס האָבן זיי נאָך צו האָפן, וואָס צו וועלן,
איז אויף אַ הינטל, אויף אַ פערדל כאָטש צו שטעלן?
אַזוי קומען זיי אין קאָפּע אַריין,
פון וויסטער שטוב ווער, פונם בייזן ווייב,
און וואַרטן אַז „דער רבי" זאָל קומען צו גיין.

דעם ריכטיקן „ווינער" אַליין קענען אויסזוכן,
ביים „בוק־מייקער" בכבודו ובעצמו צו בוכן,
מוז מען דאָך די קליינע אותיות פאַרשטיין,
די גויאישע „פעיפּערס" קענען לעזן,
און דאָס קאָן נאָר „דער רבי" אַליין.

אַזוי־אַ רופן זיי אים „דער רבי זאָל לעבן"!
איך וואָלט אַלץ אַלע לאָנדאָנער „ראַביים" פאַרגעבן,
ווען עס וואָלט נאָך פון זיי עמעצער ווער,
אין אַ יידיש ספר זיך פאַרזונקען,
ווי אין די הינטלעך און פערדלעך — ער.

ווי אין שטיק זוהר, פון „הנך כלבא דכזיפין",
טוט ער להבדיל אין די „רייסעס" זיך פאַרטיפן,
ביזקל דעם ריכטיקן „בעט" ער זוכט אויס;
זיי קוקן צו אים מיט לעצטן גלויבן,
און נעמען שנעל די שילינגלעך אַרויס.

אַ גאַנצן טאָג וואַרט מען ביז ס׳פערד איז געלאָפן!
אויב נישט אויף „ליטל ייד", אויף וואָס שוין צו האָפן?
נישט זיי ווייסן אויף וואָס ער האָט געשטעלט,
נישט זיי ווייסן וועלכעס איז דערלאָפן,
הינטערן טיש שטופּט ער זיי אין האַנט אַריין ס׳געלט.

„דער רבי" ווייסט שוין, ווער עס זאָל און מוז געווינען,
ווער אַמנויטיקסטן עס דאַרף — דעם האָט ער אין זינען!
ווי זיי גלויבן אין אים, און ר׳איז עס ווערט.
וויטשעפּל, אַז קיין אַנדערן דו האָסט —
כאָטש אַ „רבין" פון הינטלעך און פון פערד!

יאָ, דער „בוקי" איז נאָך דערצו אַ שאַרפער חריף!
ווייסט ער ווער „די פּעני" אַמנויטיקסט „באַדאַרף",
און ווער גלאָט אַ „געמבלער" אויף גאָטס באַראָט;
און נישט איינמאָל שטופּט ער גאָר אונטערן טיש,
אַריין אין אַ יד וואָס נישט געשטעלט האָט . . .

„ווען איך האָב נעכטן שפּעט דעם 'פּיוואַריט' באַקומען
האָב איך דיך פּאַר אַ שטילן שותּף גענומען
און זעסט ביזט טאַקע מזלדיק געווען —"
און דער מופת דערפון, וואָס היינט צו טאָג,
דער נס נאָך קאָן אין ווייטשעפּל געשען.

## „אייבי דע לאג"

וואָלט ער געלעבט אין דער צייט פון די שופטים,
ער וואָלט געווען אַ שמשון הגיבור;
זאָל נאָר אַ גוי פּריוון אַ ייד אַנרירן,
ער לאָזט זיין „בערע" אויף הפקר איבער;

און נישט ערשט אַן אייזל־באַק ער ברויך זוכן,
מיט זיין קנאָכיק פּנים, האַלז און נאַקן,
אַ פּאַרפּאַר יענעם אין טריפהנעם טרעל־בויך,
כאַטש אים אויף קרעפּל־פלייש צו צעהאַקן.

און פּאַרנאַכט אין די געפּאַסטע שטיוועלעך,
ווען ער דרייט זיך דאָ צווישן די ראַגן,
פון זיין בלויזן בליק, אַ יידישע טאָכטער,
אַ צענטע אַזאַ וועט שוין פּאַרזאָגן:

דאָ האָט זיין מאַמע געאַרבעט, געבידעט,
און יינגען ווי די בערן אויסגעטראָגן!
און קאָנסט דו נישט אַנדערש, אַ נכפּה אין דיר,
איז נאָך פּיקאַדילי זיך אָפּגעטראָגן — —

פון די געסלעך די שוואַרצע קוקן אים נאָך,
און רוקן זיך אַריין אין די ווינקלען —
אין די אויגן זיינע צעבלישטשעט אַ טרער,
אָדער פון די שטיוועלעך דאָס פינקלען:

ס'קומען נישט מער אַן די היימישע יינגען,
און פון אַמאָל די ליכטיקע מיידן;
ער געדענקט נאָך די באָבע פון פּאָלטאַווע,
און דעם פלאָצקער ריז, דעם שמיד, זיין זיידן — —

וואָלט ער געלעבט אין דער צייט פון די שופטים,
ער וואָלט געווען אַ שמשון הגיבור!
אַ פּאַרשפּעטיקטער צו מנחה דערזעט אים,
כאַפּט זיך זיכערער דעם ראָג אַריבער:

איז עס נישט קאָפּל־יאָקל פלאָצקערס „אָנעק"?
שמייכלט דער ייד אין באָרד אַריין ברייטלעך:
דער ווינגדיקער סקריפּ פון די שטיוועלעך,
ווי היימיש־ווילעריש, גאוה'ש פאַרשייטלעך — —

ס'ציטערט דער טראָטואַר אונטער זיינע שריט —
דער זיידע צעטאַנצט זיך אַ „הוידאַנע"!
פון די ראָגעס די שוואַרצע קוקן אים נאָך,
זיינען אים די שטיוועלעך מקנא.

ס'ווערט נאַכט, פון איין שענק אַרויס ב'צווייטער אַריין,
ער קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען:
כאַטש אַ קרענק אויף אים! און דווקא, די נפקא,
זי גייט אים נישט אַרויס פון זינען.

## א הושע-פּאראדיע

מאַטשעיוווקעס, שמענדערווקעס, קאַפּעלאַטשן,
דאָס אַלץ וואָס געבליבן פון גאַנצן בציבור;
ווי אַמאָל אַ מלמדל מיט אַ שווערער קילע,
טראָגט זיך נאָך שרייבערל אַרום דאָ מיט אַ חיבור.

דער פּאַרמעט פון אַלע אונזערע ספרי־תורות,
איז וויניק איבער אַ קעסל־פּויק צו ציען,
אויסצובאַראַבאַנעווען אַ פּאַרדאָסט נגידל,
וואָס שנדרט שנאָרעריש פאַר פאָלק און פאַר ציון.

און די גרויסע אונזערע, ווי קרענקלעך נעבעך,
ס'חלשט די נעמען זייערע צו הערן רימען!
און ווער פון אונז איז נישט שוין אַזאַ גרויסער,
פון די שמענדערווקעס, מאַטשעיוווקעס מכל־המינים.

און אין אים אַ פּויק ס'וואָלט געבאַראַבאַנעוועט,
צום קנס־מאָל פון אשמדאי און לילית זיין טמאה!

אָדער אפשר גאָר דאָס בת־קול פון יענער שטימע,
אַן עכאָ פון גאָטס וואָרט צו זיין נביא הושע:

„גיי און נעם אַ זונה און שיק זי אין גאַס אַרויס,
„און זאָל זי דיר אַהיימברענגען אַ כשרן גראָשן,
און אין דיין פינסטער שטובל זאָל לייכטן די שכינה,
איידער זי צאַנקט אויס און ווערט גאַנץ שוין פאַרלאָשן.

„און וואָסער מחלה זי וועט דיר נישט מיטברענגען,
און ווי קלעפּיק עס זאָל זיך צו דיר נישט קלעבן,
עס וועט אַלץ הייליקער זיין און קדושהדיק ריינער,
ווי דאָס שמענדערוווקע און מאַטשעיוווקע לעבן".

## דער גויאנא-עמיסעער

(צו דער דריטער יאָרצייט פון דר. יצחק נחמן שטיינבערג)

1

ווער לענין און ווער טראָצקי, און וואָס סטאַלין,
אַדורך און אַדורך ער קען זיי;
טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, דאָס רוסישע פאָלק,
ער שטייט פאַר זיי מיט גרויס אָפּשיי.

אין געהטע, אין שילער, אין העגל און קאַנט,
ווי האָט ער זיך אין זיי געזוכט!
„וארשתיך לי לעולם בחסד — —"
מיין פאָלק, גאָט געבענשט און פאַרפלוכט.

ווי טיף דערפילט דאָ דיין שפלות, דיין פערפאַל:
טריף די קאָך־לעפל, טריף דער טאָפּ,
און וואָס, מישטיינסגעזאָגט, קאָכט מען שוין אין אים?
וואָס ס'פאַלט פון פרעמדן טיש אַראָפּ.

ס'„סערקל־הויז" מיט זיינע „סעקסשנס" און „בראַנזשן!"
„די גרעיט ראַסל סטר." וואָס איז זי שוין?
ס'„אָפּיסל" פון אונזער קאָלאָניאַל־פּישקע,
צי פון דער קעניגלעכער קרוין?

ביי די „יידישע סעקציע״, רחמנא לצלן,
ווי אויפן פיש־מאַרק — ס׳שטינקט פון קאָפּ!
ערשט דער „לאָרד ווייטשעפּל״ — דער „שעף רעדאַקטאָר״!!
איך וועל נאָך פון זיבען אַראָפּ — — — —

איך פאַרליר דעם פאָדים, דעם טראָפּ —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

זיך צו ראַטעווען, ווען מ׳מוז לויפן,
ווו מ׳קאָן נאָר, אויף וואָסער אופן,
צי פרעגט מען, וויאַזוי, וואוהין?

ווען איך בין געלאָפן פון בערלין,
פון „הייליקן״־צעגלאָקטן קרעמל,
האָב איך געזוכט אַ ציל דעמל?

געקלעטערט איבער צוים, איבער פלויט!
און אַצינד אַנטלויף איך נישט פון טויט?
מ׳וועט מיך דאָ נישט הרגענען, אָ, ניין,

אָבער זעלבסט־מאָרד איך וועל נאָך באַגיין!
פון אַ רייך געוואָרענעם חבר,
דער וויסטער ריח־נחוח־אויר —

ס׳גייט אויף פון אים ווי פון אַ טכויער!
מען האַלט עס נישט אויס אויף דער דויער,
ערגער ווי פונם היימישן גביר — — —

די פעטלע אַרום האַלדז שוין איך שפיר —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

2

אַן איינגעהילטער אין טלית און תפילין,
ווי שמונה־עשרהדיק, ווי שטיל;
זיין ווינקל דאָ, ווו ער שטייט צום לעצטן מאָל,
גאַנצע ערד אַן גרענעץ, אַן גבול:

„גאָט, זאָלן מיר דאָך אַן אייגן ווינקל,
אונזערס, געפינען ערגעץ ווו,
צעגראָבן עס פּאָר שטיקל ברויט, צי חלילה,
אַ קבר גאָר פאַר לעצטער רו.



6

„באַווייז דיך מיט דיין רחמים, מיט דיין צדק,
צומאָל מיט דיין משפט — ווי שווער!
ווער ווייסט, אפשר פירסט דיך גאָר אַרום מיט אונז,
ווי אַ ציגיינער מיט זיין בער?

„ווו איז דיין רחמים און ווו איז דיין צדק?
אונזער אמונה איז נאָך גרויס!
אויב מיר מוזן וואַרטן ביז משיח קומט,
פאַרפיר אונז לעבעדיק אַרויס.

„גאָט, דו ווייסט, אַן אמתער עמיסער,
אין שליחות פון דיין פאָלק איך גיי — — —"
אַזוי, צי אומגעפער זיין לעצטע תפילה,
נישט איין טרער פאַרגאָסן דערביי —

— — — — — — — — — — — — — — — —

פון גאָט דעם סוד ווער ווייסט, און פון תפילה טון?
ווייל דעם מענטש, וואָס ווייסט עס און קען,
בלויז ביי אונזער בעסטן ווילן און וויסן,
אַ סוד אויך ס׳בלייבט, אף־על־פי־כן:

האָט ער געוווסט ווער און וואָס דער טשעמבערליין?
נאָר אַ דיפּלאָמאַט אַן פאַרטפעל,
איז אויב שוין נישט אין „קרעמל", כאָטש אַ קרעמל,
אבי, גאָט צו דאַנקן — אַ שטעל?

אָדער געזען די כמאַרע, וואָס ציט שוואַרץ אָן,
גאָטעניו, „שומר מה מליל!"
זיין האַרץ געציטערט, געפלאַטערט איבער אונז,
געזוכט כאָטש אַ דאַך אויף אַ ווייל?

דעם משפט לאָזן מיר פאַר דער געשיכטע!
ס׳וויזיאַן־וויזאַזש האָט ער געהאַט,
אי, פאַרן אמתער מ׳גויאַנא, אי —
פאַר אַ מאָדערנעם דיפּלאָמאַט.

## וולאדימיר זשאבאטינסקי

דאָ איז ער געבענדיקט געוואָרן דער לייב,
ווי אין אַ שטייג אונטער געקאָוועטע שטאַנגען.
כ׳האָב אים געזען איינמאָל דאָ, אין אַ געסל
נישט בלויז פון אָפשיי, פון גרויס דרך־ארץ —
פון אַ מין מורא אויסנוועג אים געגאַנגען.

בערגלדיק דער שטערן, זילבער־געהעמערט,
פּאָראויס, ווי אויף וועמען מיט כעס זיך צעוואָרפן:
אָט שטייט ער אים דער שונא פאַר די אויגן!
אונטער די דינע ליפן גריזשען די ציין,
ממש מען האָט געקענט דערהערן דאָס שאַרפן.

עפּעס וועט היינט אין די געסלעך דאָ געשען,
דער לייב האָט זיך פון דער שטייג אַרויסגעריסן:
צווישן די אַלדגייט־און מיילענד־טויערן,
די וויסט־אַרומלויפנדיקע פיקסלעך דאָ,
געפונען מ׳וועט זיי פון זיינע ציין צעביסן —

אָדער אפשר, ווי אין פסוק דאָרטן ס׳שטייט:
זנב לזנב פלאַקערס צונויפגעבונדן — —
און משוגענער־ווייז אַרומלויפנדיק,
וועלן זיי די שטאָק־פינסטערגעגעסלעך דאָ,
אין אַלע פיר־עקן אָצינד אונטערצינדן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

דאָ איז ער געבענדיקט געוואָרן דער לייב,
צו בייטש־געקנאַל מ׳האָט אים אויסגעלערנט טאַנצן —
גערעוועט אַ ביסל, געוויזן די ציין,
מיט אַ קניקס געוואַרט אויף: „גוט געשריגן לייב״!
„מעז יצא מתוק״ — לאַקריץ־זיס איגנאַנצן.

## דער זעער

נישט ער ווייסט וווּ ער איז, נישט ער ווייסט ווען עס איז,
איז ער אין מדבר, אין שטאָט ? איז עס טאָג, איז עס נאַכט ?
אַ האַנט וואָלט געלעגן אים שווער איבערן מוח,
און אַנדערע, מיט מאַכט — געהאַלטן זיין מויל פאַרמאַכט.

שרייען וויל ער, פון אַזאַ שרעק איבערפאַלן,
איינס שרעקלעכער פון צווייטן די בילדער וואָס ער זעט !
אַ פינסטערע כמאַרע ברעכט צוזאַם, שווער און שוואַרץ —
פאַלט ער צוזאַמען אין זיך און ברעכט אויס אין געבעט :

„אַז קיין וואָרט קומט אויף מיינע ליפּן נישט מער,
מיינע אויגן רק פול זיינען מיט טרערן,
ווייס איך : קיין וואָרט שוין פאַר די צרות פאַראַגנען —
אַזוי געוואַלטיק גרויס גייען זיי ווערן !

„ווי פינסטער שוואַרץ מיינע רעיונות זיינען —
אָפּגענומען מיר געוואָרן מיין לשון !
ווו נעמען מיינע אויגן טרערן אַזויפיל,
דאָס בילד אין מיין בליק זאָל ווערן פאַרלאָשן ?

„ווי ברענענדיק עס פלאַמט און ווי צעפלאַקערט,
אַלץ גרעסער ווערט עס, אַלץ בליציק צעגליטער ;
און וויפיל מיינע טרערן זאָלן נישט פליסן,
מיין זעענדיק אויג־אַפּל — אַלץ צעבריטער !

„גאָט, אַז קיין וואָרט נישט אויף מיינע ליפּן מער,
און פינסטער אַזוי די געדאַנקן זיינען,
פאַל איך אויף די קני פאַר דיר, דאָס בילד אין מיין בליק,
צוזאַם מיט מיינע אויגן אויסצווויינען —

און זע, ווען אויפגעעפנט די אויגן ער האָט,
דאָס שרעקלעכסטע, דאָס מוראדיקסטע איז ערשט געשען :
פון אַלע בילדער, דאָס בילד, דאָס פחדימדיקסטע,
אין פלעטש פון טרערן, צעשפּיגלט — ער האָט זיך דערזען.

# כאטש רעד צום לאמטער

אַן אויסגעלאָשענער, פינסטערער,
ער זוכט קיין מענטש מער מיט אַ לאַמטערן;
ער ברויך שוין קיינעם נישט, צו וועמען,
צו ריידן, צי עמעצן אויסהערן.

גוט׳ס? שלעכט׳ס? וואָס ווייסן מיר וואָס אַזוינס?
דער עיקר עפּעס אייגנס פאַרמאָגן;
ס׳המצאהעלע ליגט אויבן אויפעט,
און די כיטרעקייט — ס׳לעצטע אויסנאָגן.

דרייט ער זיך אַזוי אַרויף אַראָפּ,
אויף טראָטואַר רחבותדיקן ברייטן,
ווי ער וואָלט צווישן סעדער שפּאַצירן,
און ביימער שטייען פון ביידע זייטן.

פון די טישלעך שמעקן די פירות,
פון די שטייגלעך אַרויס זינגען פייגל;
ווי מיט וועם, רעדט ער מיט זיך אליין,
טיף אין זיך אַריין, זשמורעט זיין אייגל:

„גוט, ווען מייזלעך קריכן אויפן טיש,
אַ צייכן אַז נאָך דאָ ברייזעלעך;
אַ סימן מובהק, אפנים, מ׳לעבט,
אויב אויף קאָפּ קריכן אַרום לייזעלעך;

„בלויז, אַז אָפּן שוין ס׳מויל פון קבר,
און די עכברים גריזשען און פרעסן,
די ווערעם סלינען די געדערים — —
און דו גלייבסט נאָך אַלץ?״ „טאַקע פון דעסן:

„עס פאַרדייען זיך די מיקראָבן,
זיי פאַרצערן זיך איינער דעם צווייטן —
מיט זייערע טויטע פגרימלעך,
אַ ניי לעבן אַזוי צוצוגרייטן״.

שטעלט ער זיך אָפּ, ווי געפינען וואָס,
אָנגעלענט אויפן שטאַנג פון לאַמטערן,
און שוין אַזוי פינסטער שטיין בלייבן,
ביז דער לאַמפּ אָנגעצונדן וועט ווערן . . .

## דער קאָזשעניצער פּירט טיש אין ווייטשעפּל

אָן, אַ שמש, אָן אַ גבאי, גאַנץ אַליין,
האָט זיך באַוויזן, זיין צעגריזשעט געביין —
עגבערדיקער גאַנג טרייבערט טריפ׳נע שטיינער ;
זיין זיידע, דער קאָזשעניצער, לויפט זיך מיען :
אונטער זיין יעדן טראָט, כשר־שטיין זאָל גליען,
אַרויסקומען פון דאָ ער זאָל אַריינער.

גייט אַ מענטש אין צעריסענע שטיוול,
די בגדים זיינע צויטן און געדריוול,
נישט געוווסט ווער ער איז עס האָט קיינער ;
און טאָקע באמת, וואָס שוין דער מער,
אַז ראַפּטים צו פאַרשווידן געקומען אַהער,
ווען גייט אָן : צווישן מיליאָנען נאָך איינער.

* * *

... נישט ער ווייסט ווער איך בין,
נישט איך — ווער ער,
נישט בלויז פאַרהוילענע טריט כ׳הער —
זע שוין זיין פּנים איצט !

אין געדיכטן נעפּל עס צעבליצט,
דורכזיכטיק דין,
פויגליש פאַרשפּיצט,
פון נוס־בוים האַלץ געשניצט,
פון שוואַרץ־זילבער אויסגעהעמערט,
ווי פון גרויען הימל אַראָפּגעפלויגן ;

אין זיין פאַרמעט־צעגלאַנצטן שטערן,
פינסטערע פאַלטן געצויגן ;
ווי סודות־טיף עס דעמערט.
די צעהאַקטע קנייטשן־זיג־זאַגן,
איבער פאַרהוילענע אותיות — די תגין.
עס זשומט און עס זמרט,
מיט אַזאַ גיפטיק־זיסן שלשלת ;
קיין וואָרט — דעם טראָפּ קוים צו הערן !
אַזאַ געטשוויטש,
אַזאַ יללה געריטש,
פון איכה, פון שיר־השירים, פון קהלת

אותיות פונקלדיק אַרומגעפלויגן —
אויפגעהויבן אין פערדבקט קלערן,
לייענען פאַרטראַכט זיינע פערגלייזטע אויגן.

אַ מין תהילימדיק לויבן,
אַ מין תחינהדיק גלויבן,
האָט די גאַנצע וועלט פול געמאַכט —
דער וויסטער פאַרנאַכט,
אַ לאַנקע אין נעפלדיקן דעמער!

זע, מיט ראַזשינקעס און מאַנדלען,
געקומען איז עס האַנדלען,
דאָס ציגעלע אונטער יעקבס וויגעלע —
אויסגעצויגן בערדל אויסגעציפט שיטער.
פון וואַנס אַרויס, פגימהדיק ביטער,
ציטערט אַ חלף־שאַרפע ליפ.

האַרץ מיינס, שווייג,
הער זיך שטיל איין,
עס ווייגט צו זיך ווער —

אַ פויגל סאַרפעט זיך אין אַ שטייג,
אין נעפל אַריין וויאַנעט אַ צווייג:
„און פון וואַנעט?

„ווי גיך,
דערוווסט זיך!
וואָס שוין ווידער דער מער?
ווער ווייסט דאָ פון מיין געביין?
ווי אַ גאַנץ חדר ביז דאָ אַהער,
וואָלט מיר נאָכגעלאָפן:
‚שיר, אַ געזאַנג, השיר‘ — —“
ווילד דרייט ער זיך אויס צו מיר:
„ביזט פון דאַנעט?
אפנים געטראָפן!
קום!!“

איך האָב דערזען,
זיין מטורף מטושטושער בליק,
פולט זיך אָן מיט מיושבדיקייט און גליק.
אַ וואַרעמקייט נעמט מיך אַרום,

ווי צו אַן אייגענעם נאָנטן איך גענען.
און מיר גייען,
גישט ווי איין־צווייען;
ער פירט מיך,

ער איילט גיך,
אַ רוח טראָגט זיך,
און איך אים נאָך;
ווי אָפּגערעדט דאָ,
מיר וואָלטן געווען,
אויף אַ באַשטימטער שעה;
זיך דערזען,
און מיר גייען פאַרשוויגן שטום.
און דערנאָך — —

אין אַן־הינטער־געסל צעבויגן קרום,
אונטער אַ קוימענדיק שיף־דעכל,
צווישן גרין משוגענע ווילגאָטש וועגט.
איך זיך ווי אויפן דנאָ,
פון אַ דעמפּיק טוכלע פּעסל,
דורכן שפּונט — דורך שליסל־לעכל,
לייכט געסל גרעל אַריין —
דער גאַנצער דרויסן ברענט!
און אין מיר,
ווי אינדערהיים אַמאָל, פריר,
די שקועה־שרעק פון די בין־השמשות שעה.

אַ פליגעלע פּיטשעדיק קליין,
וואָס פאַלט ראַפּטים אַריין,
אין פאַרשימלטן גרין־געשפּין.
אין דעם געשאָקל אַהער, אַהין,
האָב איך דערשראָקן אויפגעצאַפּלט;
די אימה, די מרה־שחורה:
אַ משוגעת וואָס האָט זיך צעפלאַפּלט,
מיט משונה ווילדע הועיות?
אַ דיבוק, אַ גילגול, אַ שד?
אַ דבקות זאָגט שלוש־סעודות־תורה?
דער געבליבענער חלה־כזית,
לייכט גוסטדיק־ווייס פון טיש אַראָפּ,
מיט ווין לעצט ביסל חיות.

אָדער האָט זיך מיט גרויס רחמנות צערעדט,
(ווי טרויעריק ער קוקט דאָס אַזוי אויף מיר!)
דער איין־אויגיקער הערינג קאָפּ,
אַן אורח געקומען אויף אַ „פּלעט״,
דער דריטער אין אונזער מזומן?
צי ס׳קאַלטע גלעזל ביר,
ס׳ביסל משקה גענומען,
אויף אַ לחיים,
בורטשעט אין די בני־מעיים:
ווייטשעפּל,
לעצטע ירידה־שטאַפּל,
אַרויף קיין ירושלים.

ווי וואָרקנדיק וואָיענדיק עס וויינט:
פון אונטער דער קראָקווע אַפיר,
אַ טורטל־טויב?
אַ שאַקאַל הינטער דער טיר?
נישט צו מענש מער קיין טענה,
נישט צו גאָט קיין לויב,
הושענא — —
אַזוי רעדט אַ האַרץ צו זיך שוין אַליינט:
„מיין אינגעווייד האָט נישט גערוט,
און אין דער לעצטער מינוט,
אַ רגע נאָך,
פאַר אונזער בראָך,
כ׳בין געקומען דאַ אַהער.

„הזאת ווייטשעפּל?
הער,
פון סיר־הבשר־טעפּל,
הערט זיך צוגעברענט״.
צעפּאַטשן זיך שוואַרצע זיינע הענט,
צוויי פלעדערמויז פליגל צווישן ענגע פיר ווענט.
„זאָל עס זיין פונם שטן,
אַבי פעט־געבראָטן — —״
ווי עס וואָיעט, ווי עס וויינט:
„כולו חייב, חלילה, געמיינט,
כ׳וועל גריזשען פון סיר־הבשר אַ ביין,
און בחברותא משיח׳ן אַקייגנגיין.

„נישט ווי ירמיהו צעברעכן דעם טאָפּ —
דורך אַלע זיבן הימלען מיט מיין קאָפּ !
אזוי בחברותא אַרויפשטייגן,
ביז צו קידשא בריך הוא אליין,
ברוך הוא ברוך שמו אמן״.
מיט דער פּויסט אויפן טיש,
איז געפאַלן שווער זיין קאָפּ,
אין אַזאַ שטיל געוויין,
אַז מען הערט פאַלן יעדן טראָפּ :
„במקום שאין איש !
און ווער בין איך ?
אדם אַ מענטש קאַטשקע ריר זיך — —
זיידע זיי אויף מיר מגין !

„ביין, מיין צערגריזשעט געביין,
אין סיר־הבשר אַריין,
ס׳לוינט נישט אַריינלייגן.
מישטיינסגעזאָגט אַ ביין ? !
דער טאָפּ אויפן פלאַם,
וועט ליידיק באַלד זיין.
בלויז מיין טיפּה־סרוחה־טראָפּ,
סאַרכעט נאָך גאַנץ פיין — —״

און ווי אַן אויפברויזנדיקער ים,
מיט כוחות פון זיין זיידן מסתם :
„איך נעם מיך צוזאַם,
צוגיין,
צוריק אין מיין ריר אַריין״
די ברענענדיקע שוואַרץ־אַפּל,
דאָס משוגעת־געפּלאַפּל,
און נאָך שרעקלעכער דאָס שוויגן.

מיינע בלויע אויגן — משוגע גרין :
אַ קאָפּ ווילד־נאָכאַנאַנד,
אויף דער ווילגאָטש־צעגלאַנצטע וואַנד,
אַרויף, אַראָפּ,
אַהער, אַהין ;

אַט געוואַלטיק גרויס,
אַ צונג שטעקט לאַנג אַרויס,
און אַט, פּיטשעדיק קליין;
אוי,
דער ימח־שמו,
דער שטן, חלילה, אַליין —

ווי פון טויזנט טיש־זיצערס אַ שאָטן,
טויזנט קעפּ שאָקלען זיך,
משוגע גיך;
אַ משונה געקריך,
אין אזא ווילד געוואַרף,
און ווי פון זיידענע סטרונעס פון א האַרף,
און ווי אַ קראַנקער שאַקאַל וואָלט געהיילט,
הער איך:
„טאַטע זיסער, איז עס מיר געראָטן.
און ווען אפילו מעשה שטן — — — —"
און דעם לעצטן כזית חלה ער צעטיילט,
שריים צו געבן.

און זע:
די אלע שאָטן־קעפּ לעבן,
און פון די פיר ווענט,
שטרעקן זיך הענט,
און זע:
די טויזנט קעפּ,
אונטער טלית שכולו קרעפּ,
דעם האַלבן לבנה כזית שלינגען,
און דעם „ויאתיו"־ניגון מיט זינגען.

און איידער נאָך,
צו דער פולער וואָך,
ער האָט פריידיק אויסגעשריגן,
דעם „ויתנו לך כתר מלוכה"!
אזא זאווערוכע געוואי — —
אזא יללה־הלל ניגון — —
„ביים אל מלא רחמים, ביים אחד,
ביים באַשעפער פון גענאָד,
בעטן, ער זאָל רחמנות האָבן?
כ'וואָלט מיך פאַר חרפה באַגראָבן — — — —

„בשם אדני,
מיך ציט צוריק,
צום שמן־המור־קוואל פון אונזערע טרערן.
די כפרה כ׳וואָלט געוואָרן אַצינד,
פאַרן בשמים־נעגעלע,
פון איין יידיש קינד ;
מיין גאַנץ לעבן,
אַוועקגעבן,
פאַר איין רגעלע,
הערן פון אַ חדר־פענסטער אַרויס,
קולעכלעך קלינגען : אלף־בית.

„צומאָל נאָך דעם חלבנה־זינגען,
פון דער חברה ווילע יינגען,
גייט דאָס חיות מיר אויס — —

„אָבער איבער דער אינדזל,
למען־השם, ווייס,
וועט געוואָרפן ווערן
יענע בריק,
ווען קומען ס׳וועט די אחרית שעה״.

און זיינע ברענענדיק־בויערנדיקע אויגן,
פלאַקער־פלאַמען גליאיק הייס,
אַ גלאָוונע יעדער בליק
פון אַ שייטער־הויפן געפלויגן —
נישט עס רעדט — עס טרערט :

„וועמס האַרץ ס׳ווערט שטיל, דער הערט :
די אינדזל,
דער פאַרגליווערטער בלוט־גערינדזל,
אין חרוב קראַנקן האַרץ פון דער ערד,
טאָר נישט ווערן צעשטערט —
כאָטש ז׳איז׳ס כשר דער ווערט !
איר טריפה גליק,
די פאַפירענע בריק,
בזמן קרוב איבער איר,
געוואָרפן ווערט.

„דער שקר־געמעקל,
דער שקל־געעקל —
דער רוח נעם זע!
אָבער די טעמזע,
זי געהערט,

„ווי דער פּרת און ווי דער חידקל,
צו די טייכן וואָס גייען פון גן־עדן.

„כ׳האָב׳ס בקבלה פון מיין זיידן!
איש מפּי איש!!
‚צוזאָם מיט מנא מנא תקל׳,
גייט דער קץ — — —
עץ הערט — — —“

און מיט אַ מאָל,
נישט ווי אין טיש,
ווי אין הימל אַ זעץ!
ווי אַ בת־קול —
פון אַ שייד אַ צוקנדיקע שווערד:
„ויתנו לך כתר מלוכה!“

נישט קיין מענטשלעך געשריי,
אַ ווילדער זאַווערוכע זאַוויי,
און דאָס גאַנצע הייזל האָט מיטגעשריגן,
פונם קוימענדל ביז אַראָפּ צו די שטיגן.
דער באַלטן זיך געהויבן פון די געוואָלטן,
אויף איין שאָטן־קאָפּ קוים זיך נאָך געהאַלטן.

* * *

אַזוי ווי געקומען אַזוי איז ער פאַרשוווּנדן,
אויף די שייטער הויפן פלאַמען אויפצוגיין,
דער קרבן לד׳ גאַנץ דאָרטן צו זיין.
בלויז זיין שאָטן צום רויטן פאָדים צוגעבונדן,
דער שעיר לעזאזל דרייט זיך נאָך אַרום דאָ,
צו פאַלן אַלץ טיפער אין תהום־טיפסטן דנאָ.

# רבי פרדס

(דער גרינדער פון דער „יסוד־התורה״ און די מתיבתא״

שווערער פון זיין וואָגיקן גוף, דעם ווייט־צעוויגטן,
זיין כוונה ווען אויף טראָטואַר דאָ געטראָטן;
ער איז נישט געגאַנגען, עפּעס האָט עס אויסגעזען,
ער וואָלט מיט זיינע פּיס האַרטן ליים געקנאָטן —

אַ פּויער אויף שטייניק אויפגעריסענעם אַקער
זייט זשאַרנעס באַדאַכט, יעדע איינע זאָל געראָטן.

ווי ברייט פּאַראויס, ווי גרויס געוויגט ס׳האָט זיך זיין שאָטן!
ווען אָבער אָנגעקוקט איינעם מיט זיינע אויגן,
האָבן זיי אויסגעזען, אַזוי גלעטנדיק הייליק —
אַ קו קוקט איר קאַלב אָן, איידער זי גייט׳ס אָנזויגן.

אין נאָך פּשוטער זיינע רייד, געציילט, געמאָסטן,
גאָלד ווערט נישט אַזוי גענוי אויף קאַראַט געוויגן:

„ווען געווינדשאָוולט די פּלעווע אָוועקגעפלויגן,
אַזוי אַלץ וואָס איך אויסלערנען און דו פּאַרשרייבן;
האָט מען עפּעס מיטגעברענגטס, אינם האַרץ־טאָרבעלע,
מיט די אייגענע לייבער מוז מען עס פּאַרלייבן״.

כ׳קוק נאָך דעם שווער־וויגנדיקן גרויס־וואָגיקן גאַנג,
עפּעס טראָגט ער אַזוינס, וואָס מוז אייביק פּאַרבלייבן —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אַז אַזוינס זיך דאָ פּערפלאַנצן, ווער געקענט גלייבן:
אַ בליק שטיל־גלעטנדיק פון של״ה אַרויס, פון חק׳ל,
אַ בלאַנק־צעבליצטער ביים תומים, ביים שאגת אריה,
מיטן פינגער־דריי, אַקוראַט מיט קנייטש און שאָקל;

„ואני — —״ יינגעלע מיט זינגענדיק קולעכל,
מיט פינגערל אין פיאהלע געדרייט אין לאָקל.

און ווען אין שטריימל און בעקישע, שיך און זאָקל,
געזען דעם שווער־וואָגיקן אַ ריקודל טאַנצן,
די פּאָלעס צעפלאָשעט, באָרד און פיאות צעפלאַטערט,
אויסגעטון פון גוף, אַ באַפליגלטן אינגאַנצן,

לייבהאַפטיק געוואָרנער פּאַרטייטש: „ברינה יקצורו״ —
אַז אזוינס־אַ, זיינע הענט געקאָנט דאָ פּערפלאַנצן — — —

## „חבר דזשאזעף"

וואָלט איך אינדערהיים דאָרטן געווען געבליבן,
לכל־הפחות מיינע הענט געבליבן ריין,
דאָ מוז איך בכבודו ובעצמו אליין — —
און אויף קיין איין טאָג איך טאָר עס נישט פאַרשיבן.

נאָך גוט וואָס אין טאָש די פּאָר שילינג געבליבן,
ס'וועט סטאַיען, בלאַנקט קלוגער קוק: פונקט גענוג זיין,
נאָך נידריקער געוואָרן, ווי זיי געמיין,
ווען מער אויף פּאָסט־ביכל געווען אָפּגעקליבן.

שמייכל־ברייטע ליפּ פאַרציט זיך אין אַ ליפּל,
ווען ער נעמט אין מויל אַריין דאָס גאַז־רערל:
„פע, דזשאָזעף, נאָר נישט קיין פאַקסן, קיין טרערל".

ווי תמיד, נישט צו מערקן אין אים דעם קריפּל,
אין זעסל זיך אַרויפגערוקט אַ קאָפּ העכער,
און דערפילט: סאָקראַטעס טרינקט אויס דעם גיפט־בעכער.

## שמואל זיגעלבוים

יאָ, פונקט ווי פון זייער קאַמף און קראַמף־געשריי
ער איז דאָ געווען דער ווידער־קול —
אַזוי איז ער געוואָרן איינער פון זיי,
ווען ער איז געפאַלן אונטער זיין עול.

עס האָט צוזאַמענגעבראָכן זיין לעבן
מיט זייער לעצטן גסיסה געשריי —
אונטער זייער פינסטערער וואַנט צו ליגן
אַ געפאַלענער מיט זיי.

און דאָס ביסל אַש געלאָזן דאָ נאָך זיך,
אַז מיט אונזערע אויגן נאָך זאָלן מיר זען,
ווי דאָס אויפפלאַמען זייערס צום לעצטן קאַמף —
ווי ברענענדיק און ווי עכט ס'איז געווען.

## דער „רעפיודשי"

יענער לעצטער קאַליעדיקער צאָן אין מויל,
וואס איז נאָך אויף ווייטאָג בלויז איבערגעבליבן,
פונקט אַזוי איך פון מיין גאַנצער משפחה,
דאָ אַהער אין גלות־ווייטשעפּל פאַרטריבן,

געוויער צו ווערן אַז אַלץ וואָס גאָט טוט
איז גערעכט, אויף קיין האָר נישט איבערגעטריבן;
דעם „ברוך דיין אמת" איך זאָל זאָגן,
אַ קריע צעריסענער — אויף דעם מיך אויסגעקליבן.

## דר. חיים ווייצמאַן

(ביים כאל־מלא־רחמים אין דיוק־פּליים־שול 1943)

טויזנטער יידן, אינעווייניק, אין דער שול,
און טויזנטער, דרויסן, אַרום די מויערן;
אָן אָנגעפּולטער בעכער פון צער איבערגייט:
„עד אנה", ווי לאַנג נאָך וועט עס דויערן?

נישט נאָר אַ באַווייגען די מיליאָנען קדושים,
יתומים זייער אייגן לעבן באַדויערן.

פּלוצלינג אַ שטילקייט, אַז די האָר שטעלן זיך אויף,
אַלע ווייגענדיקע אויגן אויפגעהויבן:
צום פּתיחת־הארון, צום כאל־מלא־רחמים,
עס גייט ווער אַרויף צום ארון־קודש אויבן — —

יאָ, צו גאָט אַליין שוין גייט מען מיט אַזאַ טראָט,
אַ פעסטן, אַ שטאַרקן, אַ פולן מיט גלויבן.

„אל מלא רחמים — —" אַ וואַלד אין ווילדן שטורעם,
ביז צו די וואָרצלען בייגן זיך איין די שטאַמען!
עס ברעכט אויס געוויין, אַז די ווענט פאַלן איין,
דער דריגען, דער דרויסן גיסן זיך צוזאַמען —

ביים אָפענעם קבר שטייט דער עלטסטער ברודער,
אַרום אים די יתומים אָן טאַטן, אָן מאַמען.

דעם גאַנג צוריק אַלע בליקן קוקן אים נאָך,
מען הערט צו דער ערד פאַלן די טרערן־טראָפּן;
די מאַיעסטעטישע שטילקייט — צער־שבצער!
צען טויזנט הערצער דעם טריטטאַקט מען הערט קלאַפּן —

אַזוי ציט אַ קעניג אַרויס! פאַראויס,
מחנות רייטער סאָפּן אין פלינקסטע גאַלאָפּן.

די ברידער־קברים, לעבעדיק באַגראָבענע —
דאָס חייל דרויסן, וואָס אין די היילן לויערן!
אַז מען ציט אַרויס שוין צום לעצטן געראַנגל,
ווער ציילט די טויטע, ווער ווייסט וויפיל פאַרלוירן?

מיט צעפאַקלטע שייטער־הויפנס פייערט מען,
דעם נצחון פאַר ירושלימס טוירן.

## קאצעט נומער אזוי און אזוי

דאַרווין איז גערעכט, זעסט מיין נומער,
איך קום פונם אוראַנג אוטאַנג.
ווילאַנג די סעלעקציע געמומען?
איבער 6,000,000 דורות לאַנג.

אויב אַלע מענטשן פון איין אדם,
פון ערד געקנאָטן אין גאָטס הענט,
וויאַזוי דער סעלעקציע־נומער,
אין לעבעדיק פלייש אויסגעברענט?

אמת, דאַרווין איז דורכאויס רעכט,
דאָ אויף דער האַנט ס׳ליגט דער באַוויז!
גאָט, אויב דו ביזט פאַראַן, די מענטשן,
פונם אוראַנג אוטאַנג דערלייז.

פרעגסט דערשראָקן מיט אַ מענטשלעך האַרץ:
„קאָן אַזוינס־אָ געשעהן אויף דאָ?"
אויב נישט, ווי איין מענטש אויסגעקנאָטן,
אין גאָטס האַנט אַלע מענטשן — יאָ!

האָסט דאָך געפרעגט, געוואָלט וויסן — — —
קוק נישט אזוי טרויעריק, פאַרגעב!
דאַרווין, האָסט דאָך רעכט, זע מיין נומער — — —
בלויז, נצח ישראל, אַז איך לעב.

פון גאָט אויסגעוויילט מיר זיינען?
מיטן וואָל פון שטאַרקן אין מין?
אייביקער שתי־וערב־דרים,
געשליידער, אהער און אַהין.



7

# און וואס וואלט געווען ווען ברעג דא וואלסט דערגרייכט

און וואָס וואָלט געווען ווען דעם ברעג דאָ וואָלסט דערגרייכט ?
אָ, עס וואָלט דיר נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט,
ווי דאָרט, ווען מיט אַלע ביזט אין גאַז־קאַמער געגאַנגען,
אין־סופיק די בליציקע אויגן האָסט פאַרגלייזט,
הימל־לייטער פון שטאַפּל צו שטאַפּל געשפּרייזט,
מיט אַן עדה פון זעקס מיליאָן ביז גאָט צו דערלאַנגען.

זע, פון שטופּע צו שטופּע אַלץ נידריקער כ׳זינק —
עס לעשט זיך אויפן וואַסער־פלאַך דער לעצטער רינג,
ווען דאָס געפּאַלענע שוין טוט דעם תהום דערגרייכן !
אַליין אַזוי צו גיין אַ פאַרלאָשענער שיין,
אַ פאַרפלויגענער פונק פון אַ שייטער צו זיין —
אין די טיפע טיפענישן פון די העכסטע הייכן !

אַ שבועה, אַ קללה, אַ נבואה, אַ טרייסט,
דיינע לעצטע ווערטער משיג צו זיין — ווער דרייסט,
הייליק פאַרהוילנס פּותר צו זיין, ווער וועט דערוועגן !
אין מיין געפּאַלנקייט, אין מיין גיפטיקן בייז,
דעם צאַפּל אין מיינע ליפּן שטיל איך פאַרבייס,
אַז מיט ווערטער זיי זאָלן זיך נישט קענען באַוועגן.

* * *

(צו מיינע נישט געזאַמלטע חורבן־לידער)

וואָס איז וואָרט ? צווישן ציין געקריצט ווי אין שטיין,
אות — אויסגעשניצטער גוף, ווי פון עלפנביין ;
אַ כשוף־שפּרוך, מלחמה־רוף מוז עס זיין,
אַ פאַראַל, אַ פאַרמול טיף אין זיך אַריין —
אַטאָם־תמימידיק, תודהדיק אויפצוגיין.

יעדעס וואָרט — דאָס לעצטע שוין צו גאָט אַליין !

## ביי שעקספּירס קבר

זע, אזוי גרויס דו ביזט ביי מיר, —
ווי אַ בלעם הרשע שיעור! —
אויב דו האָסט אונז אזוי געזען —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

נישט רויט־געשניטענע בלומען —
אין מיין האַנט מיין האַרץ גענומען,
אַזוי צו דיין קבר כ׳געגנען.

(פון אַ סאָנעט)

ווייל אַ פרוי האָט דיך געבוירן,
וועל איך אַלץ די פרוי פאַרגעבן.
(פון אַן אַפּאָטעאָז צו שעקספּירן, פאַרלוירן
געגאַנגען מיט אַלע מיינע כתבים אין דייטשלאַנד)

## שעקספּיר

אַ ציגיינער פון די דלאָניע־שטריכן אַרויס
האָט ער די דאָליע פון דער וועלט פון גאָטס האַנט געליינט,
און ווי אברהם אבינו פון אַלטן אַמאָל,
זיין שיילאָק בלייבן דער פּאַטריאַרך פון אונזער היינט.

אַן פּגימה דאָס מעסער שאַרף־אויסגעשליפן,
אַז דער ייד זאָל קיין פחד נישט מער האָבן פאַר טויט;
זע, עס קאָן דער גרעסטער רשע קיין שלעכטס נישט טון,
אויב גאָט האָט אים זיין גענאַד אַזוי גרויס אָנפאַרטרויט.

ער פעלטשט נישט, ער טראַכט נישט צו — ווי דער נביא,
וואָס גאָט אים געזאָגט אין חלום, דאָס פאַרשרייבט דער גאון;
מיט בלעמ׳ס „מה טובו אוהליך יעקב״,
אונזערע תפילות, ביז היינט צו טאָג, הייבן זיך אָן.

און צו אונזערע קינה־לידער פון אַצינד,
עס וועט דער שיילאָק־מאָנאָלאָג די הקדמה זיין;
אַז די וועלט זאָל באַשטיין, איז עומד בנסיון,
נישט נאָר אברהם — גאָט דער נוקם ונוטר אַליין.

# די קעניגין אין ווייטשעפּל

ווי חוהלע צום גט האָט זיך ווייטשעפּל אויסגעפּוצט,
אָן אויסגעצירטע שטייט עס אין עסיק און אין האָניק;
צו ווייטשעפּל קומט מען, מ׳איז זיך געגעדיק מטריח,
נישט מען ווינקט אַראָפּ, פון עפּעס אַ „באַקינגהעם״־גאניק.

ווי באַשיידן, ווי עניוותדיק האָט זי אויסגעזען,
אירע אויגן, אַ טרויער־שלייער וואָלט זיי פאַרגלייזן,
די האַנט מיד שוין פונם באַגריסן — ציטערט איר האַרץ איצט:
אַ קעניגין ווען דאָס פאָלק טוט זיך פאַר איר באַווייזן — —

האָט די אָרעמקייט דאָס האַרץ אירס אַזוי טיף באַנומען,
אָדער די פאַרגלייזטע אויגן מאַכן זי פאַרלעגן:
הינטער מיר האָט אַ ייד געמאַכט די ברכה איבער איר,
וואַשנדיק זיך די הענט פריר, אין טריפנדיקן רעגן.

כ׳האָב געקוקט אויפן ייד, אויף זיינע פאַרגלייזטע אויגן:
איבער אַ מענטש, ווי איבער ברויט, אַ ברכה צו זאָגן!...
צווישן די טויזנטער קינדער, כ׳בין אַ קינד געוועזן,
פון אַ מאַמע אין אָרעם, פון דער מאַסע געטראָגן — — —

# אין גאַרטן פון לאַמבעט פּאַלאַץ

## די 300 יאָר פּייערונג, יידן אין ענגלאַנד

1

שטאָלץ רויטלט זיך דער ערץ־בישאָף אין זיין טאַלאַר,
אַזש דער טשיף־ראַביי, אין שוואַרץ, שאָטנט זיך בלאַסער:
אוי, ווי שמאָל די מחיצה צווישן ייד און גוי,
אַזוי ברייט קוים, ווי ס׳ריטשקעלע פון טויף־וואַסער...

„קול מבשר, קול מבשר״, פלאַפּלט די טעמז!
באַגלייט פון כאָר שוואַלבן, אויף צעבליטע צווייגן,
איז דער בישאָף מקבל־פּנים די געסט,
און דער טשיף־ראַביי מיט אַ שכלדיק שווייגן.

טויזנט מענטשן אויפצונעמען און פאַר יעדן,
אַן אייגנע פראַזע, אַ פראַזע ס׳זאָל פּאַסן,

קאָן דער טשיף־ראַביי צייט גענוג האָבן אַצינד,
אַ רעיון נאָכצוטראַכטן, שטיל און געלאַסן:

ווי געוואַלטיק, ווי גרויס האָט שטאָט זיך צעוואַקסן,
צעלאָפן און צעפלויגן אויף טויזנטער רעדער;
פאַרן וועג, גלאַט־צעיאָגטן, אין אַלע זייטן,
אונטערגעזעגט שוין, ס׳איז די סאָסנע און די צעדער —

6,000,000 מאָל אים געשענדעט און געמאַרדעט,
צו גרויס אַזאַ גאָט אויף קרייץ־וועג אויפצוהענגען!
ווי דער יידישער גלות אַזוי אומענדלעך,
ווער קאָן מעסטן זיינע ברייטן, זיינע לענגען.

2

ברייט און ווייט וויגט זיך אַ צעשטראַלטע די טעמזע,
אירע כוואַלעס צווישן זיך סודותדיק ברומען,
ווי דעמלט ווען זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען,
ווי דעמלט ווען זיי זיינען צוריקגעקומען.

עדות הונדערטער דורות איבערצודוירן,
שטייען פאַרשטיינערט פּאַרלאַמענט און וועסטמינסטער;
אויף דעם „ביג־בען" רוקט זיך רואיק ווייזער פון צייט,
און ס׳פאַלט קוים אַ שמאָלער שיין אין דער פינסטער — —

נאָך וויקלען זיך יריעות, הייליק מישט זיך טראַקטאַט,
בלויז נישטאָ מער איבער וואָס פירן וויכוחים:
דער קריסט־קרייץ קרימט זיך קאָמיש אין האקנקרייצן,
און, להבדיל, משיח צעברעקלט אין ישראל שליחים...

עס שטייט דער טשיף ראַביי שמונה־עשרהדיק שטיל
זיינע ליפּן ווי זיי וואָלטן תפילות שטאַמלען:
ווען וועסט דו שוין, גאָט, דיינע הענט ווייט אויסשטרעקן,
דיינע פאַרלוירענע קינדער איינצוזאַמלען? —
— — — — — — — — — — — — — — — —

אוי, ווי שמאָל שוין די מחיצה צווישן ייד און גוי,
אַזוי ברייט קוים ווי דער שאַרף פון מוהל־מעסער — —
אָבער ווי בלוטיק, ווי תהומיק אויפגעריסן,
אויב דאָס האַרץ פון מענטש נישט פאַרטיפטער און בעסער.

## ביים מירמלשטיין טישל...

1

אַלץ אַרום עפּעס אַזוי אויסטערליש פרעמד,
ווי אין ערשטן טאָג ווען געקומען דאָ אַהער;
מיטן לעבן גיט מען זיך שוין אַן עצה,
אָבער מיט שטאַרבן פאַלט עס אַ ביסעלע שווער —

אַ פעל־טריט וואָס נישט צו ענדערן ס׳איז מער!
איין אייגל קוקט קלוג, לאַכעדיק צעוויצלט,
און פון צווייטן קייקלט שווער זיך אַ טריבע טרער:

„אַליין איז אַ שטיין!״ צומאָל דער טויט איז פרעמד,
אָן אַ הויזגעזינד אָן אַלטער מאַן וואָסער ווערט?
אַז צו וועם און ווו און נאָך וואָס גיין אַהיים?
ערשט נאָך מינדער, אַז קיינעם דאָ נישט אין דער ערד;

ס׳איז דער טויט אַ זאַמען וואָס פרעסט אויף און פאַרצערט
און וואַקסט אין האַרץ אַריין! ער קוקט זיך אַרום,
און זע, ס׳צווייטע, לאַכעדיקע, ווערט אויך פאַרטרערט.

ער וואַרעמט די דלאָניעס אין טיי־טעפּעלע,
שוידערנדיק פלאַשן זיך דינע גרויע האָר,
פון אונטער געדיכטע ברעמען די אויגן
קוקן אַרויס געשאָכטענע טויבן אַ פּאָר —

ווי אויף אַ געפּודערטע גאַסן־פרוי גאָר,
וואַרטן ביי אַ קאַפע־טישל אויפן טויט!
מיאוס־און־מאוס עס ווערט אויף די־אַלטע־פאַר־יאָר.

2

ווי רוצחים אין דער נאַכט ויברח געמאַכט,
אַז גאָר נישט צו זוכן דאָ מער;
אָבער ווי צום פלאַץ פון זיין קרבן דעם מערדער,
ציט עס רק צוריק דאָ אַהער.

ווינקלדיק־ווינקנדיק, גנביש־צעוויצלט,
ווען מ׳טרעפט זיך אין באַשטימטער שעה:
קודם אַ קוק טון, ליגט נאָך דער בר־מינן,
און צי עפּעס זאַק־רויב ס׳איז דאָ?

זיצט מען געמאַסקירט, נישט דערקענט צו ווערן,
און וואָס מען רעדט איז מן הצד;
אַ קרום רכילותל, אַ שיף חניפהלע,
און די אויגן פולע מיט חשד —

איינער האָט דעם זאַק־רויב צונעמען מוזן!
רייסט זיך ווי אַ מעסער פון אַ שייד — —
און בלוטיקער נאָך, ווי רוצחים פאַרשיכורטע,
ס׳באַפאַלן זיך חניפישע רייד,

מיט טרערן אין די אויגן, מיט רחמנות פול,
פון זיין פּלאַץ דער טויטער שטייט אויף
און טרושיקלעך לייטישע, אַרום טישל שטיל:
ווער זיך געקענט ריכטן דערויף?

און זע, ס׳טישל הייבט זיך קוים, און באַוועגט זיך לייכט,
און דייטלעך קלאָר הערן זיך קלעפּ,
און אַלע וואָס זיצן אַזוי לייטיש אַרום,
לאָזן ראַפּטים אַראָפּ די קעפּ.

3

פונם „ראַטנהויז“, פונם „סאַלוויישן“,
פון אַ שטיבל ווו דאָ, שטויביק פאַרוואַנצטן?
עס צאַפּלען אותיות צווישן די שורות,
אויף זיין שטערן אַ צעקנייטשטן צעגלאַנצטן.

אויסגעדרייט פאַרקרומט קוקן צוויי ליפּן,
פינסטערנישן גיסן אָפּ זיינע אויגן,
צומאָל אַ פרעמדער, אַריינגעקומענער,
מאַכט אַרום זיין טישל אַ ווייטן בויגן.

ער טראַכט, דערמאָנט זיך, אַלע פון דער היים,
אויסגעזעצטע קייגנאיבער אים זיצן,
מען מיינט ער רעדט צו זיך — עס איז צו זיי,
מיט אַמאָל ווי זיינע אויגן צעבליצן:

מיטן טלית־זאַק אונטערן אָרעם,
אַהיים פון דאַווענען קומט דער טאַטע,
בנעימותדיק שטיל די הענט ער וואַשט זיך!
פון זיין מוציא ער הערט דעם „ברוך אתה" —

ווי זינגענדיק־ניגונדיק יעדעס וואָרט — —
און נישט בלויז דאָס קול ער הערט אַזוי דייטלעך,
די פאַרברוינטע קנאַקעדיקע קייזערקעס,
די אויסגעבאַקענע קאָרענע ברייטלעך —

דער בליק קוקט פאַרגלייזט, די נאָז אָטעמט ברייט,
ווער ווייסט ווי לאַנג ער וואָלט אַזוי געזעסן,
ווען נישט דער „נו, נו, מלח" — די מאַמע
דאָס זאַלץ אַרויפצושטעלן האָט פאַרגעסן.

ער זוכט מיט די אויגן, דאָס זאַלץ־מעסטל,
אויבן אָן דעם טאַטן עס צו דערלאַנגען,
און זיינע אָנגעצונדענע אויגן,
צוויי יאָרצייט־ליכט — מיט אַמאָל אויסגעגאַנגען —

— — — — — — — — — — — — — — — —

מיט אייזערנע צוואַנגען האַלט ער זיך אָן,
פאַר אַלע אויגן נישט ליגן אויסגעצויגן!
ער פילט דעם קאַלטן מאַרמאָר פון טישל
און די בליקן אַרום אים קרום אויסגעבויגן.

צווישן די שורות איצט פון זיין שטערן,
די אותיות — אַלע קאָנען זיי שוין לייענען!
עס ציטערט דער מאַרמאָר אין זיינע הענט,
זיך איינהאַלטנדיק, הויך נישט אויפצוויינען.

## א רביש פּאָרטרעט

איינגעבעט אַ קאַרפּיער אתרוג אין וואַטן,
מיט אַלע זיינע בליטות איינגעוויקלט ווייך,
נישט צו פאַרלירן זיין פיין שמעקנדיקן ריח,
קיין ווינטל, קיין בייז אויג, חלילה, נישט שאַטן;

טראָגט ער זיך אַזוי־אַ פון טאַטן צו טאַטן,
אויף קאָפּ שטאָלץ די קרוין פון ריזשענער קעניגרייך;
ענוותדיק־געוויקלט גאוהדיקע הייך,
אין טשערנאָבלער זיידנס זיידענע כאַלאַטן.

און ווען ער גייט איז דער טראַט אַזוי ווייך פאַרטראַכט,
(און ווען אפילו קונציק בלויז גוט נאָכגעמאַכט!)
ווי אין טאַלנערס לאַטשן ער וואָלט געטראָטן —

עפּעס אַזוינס־אַ טראָגט זיך נאָך פון דור צו דור,
אונטער אַש אַ פונקל פון יענעם יהי אור — —
אַז צומאָל דאָ נישט געוואָרן גאַנץ פאַרשאָטן —

## דער ווונדער דיוואַן . . .

(איצוש׳ן, פון בוך „גלות און גאולה״)

שטיקלעך מוסטער־פּראָבקעס פון אַ וואַיאַזשאָר,
אין געשטאָפּטן פאָרטפעל אָן שום נוצלעכן ווערט,
אַזעלכעס אונזערע ווייטשעפּל געסלעך,
געבליבן פון די שטעטלעך, אַמאָל אונז געהערט.

איז וואָסער ווערט האָבן נאָך מוסטער־ שטיקלעך,
אַז די מאַטעריעס זיינען מער שוין נישט פאַראַן?
חוץ אַ לאַטוטניק זיי צו פאַרשלייערן,
ער זאָל צוזאַמענשטיקעוון פון זיי אַ דיוואַן . . .

קאָן דאָס ווערן אַ ווונדער פון אַ קונסט־ווערק,
פון אַ מאדים אַ שניידערוק — אַ מייסטערשטיק,
קעסטעלע אין קעסטעלע פּאַסט ווי איינגעפּאַסט,
פון די הייליקע שטעטלעך — אַ מאָזאַאיק.

צו פליען אויף אים על כנפי נשרים!
ער פלאַטערט, און דיין האַרץ פלאַטערט מיט אים מיט!
צו די פיס פון ירושלים זיך צו לייגן,
אַז גאָט אַליין זאָל טרעטן אויף אים זיינע טריט.

## פראָפעסאָר זעליג בראָדעצקי

דאָס וואונדער־קינד פון ווייטשעפּל איז ער געווען,
מאַמעס האָבן קינדער מיט אים געטון איינוויגן;
אין הייבל געבוירן, וויקעלעך געבונדן,
פון דער היים דער נישט־איבערגעריסענער ניגון.

מיטן פאָלק אַלץ געקניפּטער, עניוות־דיקער,
וואָס גרעסער נאָך די טיטלען, וואָס ער האָט געקריגן;
און ווען דאָס פאָלק געקריגן דאָס טייערסטע,
ווען דאָס אויסדערוויילט, פון ישוב, פון היגן?

אַז העכער און העכער, ביז „אויב נישט נאָך העכער",
של־מעלה די שטאַפּלען, מירמלשטיין פירן שטיגן — —
ערשט פון ירושלים צוריק געקומען,
דאָס געשריי אַן ווערטער ווי גרויס אין אים געשוויגן —

קריגן דעם טויט־שטויס אין רוקן און — פאַרקוקן!
ער אונזערע עוולות אַזוי הויך אויסגעשריגן;
אַ שטיקל הייליקע ערד אַליין געוואָרן,
נישט חלילה פון הייליקן לאַנד אויסגעשפּיגן.

אַ שטיק קרקע־קודש ר׳איז צוריקגעקומען,
וו מיט זיינע ווייטשעפּעלער דאָ ער זאָל ליגן,
אַז נישט איבערגעריסן קיינמאָל ס׳זאָל ווערן,
פון דער היים דער מיטגעבראַכטער אייביקער ניגון.

## אסתר קרייטמאַן

אויסצוטאַנצן דעם לעצטן „שדים־טאַנץ",
דאָ צווישן אונז אַז ס׳איז איר געלונגען,
נאָר זכות־אבות זיינען איר בייגעשטאַנען;
אָ, אַזוי טיף אין זיך צו אַנטלויפן,
פון וואַנען ווייטער שוין מ׳קאָן מער נישט שפּאַנען.

אויף אייגענעם לייב און לעבן דעמאָלט,
ווי אויף דער לייטער אין הימל אַריין,
אַלץ תהומיק טיפער מען נעמט שוין שפּרייזן!
דאָס לעצטע מאָל געזעסן מיט איר דאָ,
געוווּסט, נאָר דער טויט נאָך קאָן זי דערלייזן — —

דאָס בעפּלדיקע קרייזן אין איר בליק,
אין רויך־קנויל פון קרעמאַטאָריום־אויוון —
ס׳פּלאָנטערט זיך איר האָרץ אַ פאַרקנוילטס אין קניפּן!
קליינע שדימלעך, אין קעצלעך פאַרשטעלט,
טאַנצן דעם טויטן־טאַנץ אויף אירע ליפּן.

## קייטי בראון און ס. פּאַלמע

האָט זי געטראָגן היינט אַ פרישינק שפּילקעלע,
איז דערפאַר מאָרגן אַ שפּאָגל־ניי בראָשקעלע;
אַ חוש נישט נאָר פאַר הומאָר בלויז — אויך פאַר קאָלעגן!
„פון וועם קייטי דאָס פּאַטשערקעלע באַקומען?"
אויפגעשיינט האָט זי ביים האַלב־שמייכלדיקן פרעגן.

איך פלעג ליב האָבן צו קוקן, ווי מיט פּאַלמען,
שרייבעריש געזעסן ביי אַ קאַפּע טישל,
פּאַצעטיש פאַרצויגן אַ ציגאַרעטן רויכל,
און אין גאַס, ווען איר פוס קראַנק אַ גליטש געטון האָט,
געמאַכט זוכן גאָר דעם באַנאַנען־שאָל — דעם שטרויכל . . .

פּאַלמע ווי לאַנג ערשט טויט, שוין לענגער פאַרגעסן,
און מיר אַלע ווי עליו־השלומדיק שוין — — —
צומאָל דאַנטע, נאָר אייביקער ווי זיינע ליינער!
און איר „ווייטשעפּל לאַכט" וועט אומשטערבלעכן,
ווי לאַנג פון אירע לעזער ס׳וועט נאָך לעבן איינער.

## יוסף הלל לעווי

ווי ער וואָלט אָקאָרשט פון מקווה געגאַנגען,
אַ שם הויה אין יריעה צו שרייבן,
אויסגעזען ווען אין קאַפּע אַראָפּגעקומען;
זיינע בלויע איבערלאָפּענע אויגן,
ווי פונם תיקונדל פאַרטיפט אַרויסגענומען.

און ווען געגומען ריידן איבער יידיש — —
אַ פאַרמעט צעשריבן האָט זיך זיין פּנים,
פייערדיקע תגין שפּריצן זיינע אויגן!
ווי זיין געהייליקטער טאַטע, דער סופר,
איבער אַ צעוויקלטער יריעה געבויגן.

ייִנגלעך אונטער מלאך־הגואל־טלית,
ראַזשינקעס און מאַנדל־געשיט איבער קעפּ,
און דאָס קאָפּע רוישט — שמחת־תורה ביים ליינען!
בלויז זיינע בלוי־איבערלאָפּענע אויגן
זעען אויס, ווי זיי האַלטן אין איין באַוויינען.

## בן-א. סאכאטשעווסקי

אדער דאס פינפטע ראד פונם וואגן
אדער צעריבן אונטער די רעדער,
איז דער גורל פון יידישן ליד דא;
דאס הארץ — אדער צעבראכן די פעדער!

אז דאס טינטארן גאנץ אויסגעליידיקט,
טיף אין הארץ די פעדער איינגעטונקען;
איין ליד זיס זאל ווערן אויף די ליפן,
ביטערסטן כוס ביז דנא אויסגעטרונקען.

ביז צו זיינע לעצטע מידע רגעס,
האט ער דא זיינע לידער געשריבן;
איינגעשפאנט אין יאך אונטער די רעדער
מיט צעבראכן הארץ ליגן געבליבן.

## משה עובדן

שאול המלך נישט בלויז זיין קרוין געפונען,
זיינע אייזלען זוכן ער איז אַרויסגעגאַנגען,
צוזאַם מיט די נביאים אין טראַנס טאַנצדיק,
זוכה געווען צו זינגען חזיון געזאַנגען.

דו, דיין פאַרלוירן האַרץ דו ביזט זוכן אַרויס,
קעניגלעכע הערצער האָסט גענומען געפאַנגען,
און צוזאַם מיט אונז דאָ זינגענדיק אין „כאַאָס”,
זוכה געוועזן צו דיינע „שטילע געזאַנגען”.

ס׳קאָן אַמאָל בלינדע הון אַ פּערל געפינען,
פאַרליבטער נאַר — טעלערל פון הימל דערלאַנגען!
צוריקגענומען ס׳ווערט טיילמאָל אַ קעניג די קרוין!!
אבער נישט שטילע רגע, ווען מ׳טרערט געזאַנגען.

## שלום אש

פון ניצאַ, מיאַמי־ביעטש און בת־ים,
איז ער גאָר שטאַרבן געקומען דאָ אַהער ?
מסתם, זיך צו שיידן מיטן לעבן,
ס'איז ווי אין יענע שטעט, דאָ נישט אַזוי שווער.

די זון, דער ים — איין צעכוואַליעטע פרייד !
ערשט מיט יידן אין בויענדיקן ישראל ! !
ווי עס קאָכט דאָס לעבן, עס זידט, עס שווימט,
און אָט דאָס אַלץ צו פאַרלאָזן אויף איינמאָל.

דאָ איז אַלצדינג אַזוי נעפּלדיק קלאָר,
צומאָל דער טויט גייט דאָ זיין נאָרמאַלן גאַנג !
געמיטלעך־אומשטערבלעכער אומבאַדינג — —
צוריק אין גאָטס דזשונגל ס'גייט אוראַנג־אוטאַנג.

## אויף יעקב עפּשטיינס אָרון

אַ דלילה שמשונען די לאָקן אָפּגעשוירן,
און דיך — יעקב עפּשטיין, אונטערגעשניטן ביזן שורש ;
זיי זיינען ביידע נעבעך גאָט די נשמה שולדיק,
יענע געמיינט שמשונס כוח, די — צו ווערן דיין יורש !

ווען מען באַגראָבט דיך אויף אַ יידישן בית־החיים,
וואָס ווערט געוועזן דיינע אויסגעגלעטע יוזל־געצן ?
אָבער איצט, אַז אַזוי סאַנט־פּאוליש באַבלעקעצט דיין רום !
דאָס עשירות געבליבן נאָך דיר — נישט אָפּצושעצן.

ווי באַרימט די ביבלישע דלילה נישט געוואָרן,
ווילט זיך מיר דענקן, די געמיינט אפשר געמיינער ;
וואָרים ווילאַנג שוין קאָן אַ בלינדער דרייען אַ מיל־ראָד ?
אָבער ביז אין דער ערד ס'פּאַרפּוילן מענטשלעכע ביינער . . .

מילא, מאָדעלירן, מסחר מאַכן מיט ערלים,
אָבער ליגן צווישן זיי אויף סמענטאַרזש און פּוילן ?
באמת, אַ סך מנוחהדיקער עס ליגט זיך אַ ייד,
אויף העכסטער באַנק אין גיהנום, אויף געברענטע קוילן.

פאַרוואָר, ס'איז דאָ נישט פוילן, און נישט מער יענער סמענטאַרזש,
מיר נישט — די דיבוקים־דערשראָקענע חדר־קינדער:
הינטער שטעטל, אויף פלויטן קנאָקעדיקע הויטן,
אויפגעהאָנגען צו טרוקענען פונם נבילה־שינדער — — —

דרויסן הינטער לאָנדאָן־פאַרשטעט, גויאישע בית־עלמינס,
צווישן די טויט־שטילע, די ריין־ציכטיקע אַלייען,
אַ מחיה ווי ס'ליגט זיך, נישט טויט־איבערגעשראָקן,
ווי אויף יידישע בית החיימס, פון לויה־געשרייען —

בלויז, זאָל, חלילה־וחס, זיך אַרויסכאַפּן ביי איינעם:
„דער ייד, אונזער גאַנצע ערד דאָ טוט ער דאָך פאַרשטינקען"!
און דו מוזט פאַרשווייגן, קאָנסט דאָך נישט אָפּלייקענען,
צומאָל פאַר חרפה אין דער ערד נישט מער איינצוזינקען...

אָ, ליגט מען דעמלט אין געהאַקטע פינסטערע צרות,
מען פאַרגעסט אפילו, אַז די ווערעם איינעם פרעסן;
כאַטש נעמען און לויפן ווו די רויטע פעפערלעך וואַקסן —
דיין ווערעמדיקע אומשטערבלעכקייט ווערט דיר דערעסן...

ווו יענער גוטער מלאך מיטן שנעל הינטערן נאָז,
אלצדינג וואָס פאַרן טויט עס איז געווען צו פאַרגעסן — —
אויבן קלינגט קאַפּעלע גלעקל, און האַרץ דיינס רייסט זיך אָפּ:
„אך הפעם"! און אַז נישט שמשון? אַ ייד פון דעסן —

אַזאַ גילגול־מחילות דורך טיפעניש דער ערד,
אַ סך שווערער ווי אַ קריסטוס פון איר אויסצוקנעטן!
און אי"ה ווען מיר וועלן זיך דאָרטן טרעפן,
וועל איך מיט גרויס הכנעה ביי דיר מחילה בעטן.

## דוד באַמבערג

„געהערט אַזאַ נאָמען, דעוויד באַמבערג?
איך האָב דעם מאַן היינט קובר געווען;
באַגראָבט מיך נעבן מיין טאַטנס קבר',
זיין פרוי אין זיין צוואה געלעזן.

„און זי האָט אים אַליין אַרויסגעבראַכט".
איך קוק דעם רעוורענד אָן ווי אַ ווילדער:
„ווייסט איר ווער ער איז"? ציטערט אויף מיין קול:
„צוזאַם מיט דעגאַ אויסגעשטעלט בילדער".

„און ווער איז דאָס דער״? קוקט ער פאַרוווּנדערט:
„וואָסער נאָמען? דעגאַ, זאָגט איר, הייסט ער?״
אַ שווייגנדיקער כ׳לאָז אַראָפּ מיין קאָפּ,
כ׳גיי ווייטער אָן אבל אַ געטרייסטער...

און פאַר מיין בליק: שוועך הענגט נאַסער נעפּל,
זיין פרוי, אויף זיין האַנט קינדער אירע;
צוזאַמען מיט זיי צווישן קוימענדלעך,
כ׳קלעטער אַרויף אין זייער דאַך־דירה.

מסתם אין באַהעלטערלעך צו שפּילן,
אויף אַ בוידעם ווו אַרויף מיר קריכן — — —
אויף זיין פּאַליטע — גרויט אַ שטיק נעפּל,
פּעטלע־שטריק — די געצויגענע שטריכן,

אַ, ווי זיין מרה־שחורהדיקע בליק,
האָט זיך שטילינק געלאַשטשעט מיט מיינעם!
ווער קאָן אַזאַ שווערקייט אַרויס הייבן,
כ׳וויל מיך צעווייגען מיט אים אינאיינעם —

און כ׳דערציי ל אים פון זיין טאַטנס שטעטל,
נישט שאַגאַלס איבער דעכער געקראָכן,
פון סוטינס — איינגעגראָבן אין דער ערד — — —
זיי פרוי קוקט: רעד איך נישט פון וואַן גאָכן?...

ווען נישט דו, דעווויד, אין יענע טעג דאָ,
כ׳וואָלט ווי אַ ליכט פאַרלאָשן געוואָרן,
און אַצינד, אַ קינד אַרויסגעטראָגן דיך,
דיין ווייב, צו דיין טאַטן אינם ארון.

## יאנקל אדלער

האָט יאַנקל שוין נישט געמאָלן יעזוסן,
נאָר אין טלית און תפילין אַ יידישן זעלנער;
נו, איז ער געזעסן ביים קאַפּע־טישל,
און פאַר אַ טעפּעלע קאַווע געצייכנט דעם קעלנער —

געצוימטער צער אויפגעצאַפּלט אין אַ טאַנץ,
אַזוי האַרציק און גאַנץ — — — דער לאוו „לא תעשה לך פסל״?
מיר האָבן נאָך אין לאָנדאָן יהודימלעך,
וואָס שטעלן, ברוך השם, אין יום־כפור אויף אַ „רעסל״,

און גבירימלעך מיט גאַנצע גאַלעריעס,
וואָס קוקן אויף די בילדער, ווי הענער אין „בני־אדם״;
איינגעראַמשט, ווי אויף בערזע ביליקע „שערס״,
און האָפן לימים, צו פאַרקויפן אויף לאחדים.

דער גוג־מגוג־טרוים: אַ יידישער מאָלער —
אַ וואַן גאָך ליגן פאַרהונגערט אויף אַ בוידעם־קאַמער,
און זיין אומשטערבלעכקייט שפּעטער פאַרקויפט ווערט,
פאַר הונדערטער־טויזנטער אונטערן „אוקשן״־האַמער.

יאָ, וואָלט דער פריינט נישט געשטעלט דעם מצבה־שטיין,
זיין פאַריתומט קבר נאָקעט־פאַרשעמט נאָך געשטאַנען!
אַצינד, ער שטייט, האָט ווער אַ בלומל געלייגט,
אַן „אל מלא רחמים״ מאַכן, ווער אַרויסגעגאַנגען:

נישט אַ יעזוסקריסטוס — אויף גויאישער וואַנט
כ׳האָב געזען הענגען זיין זעלנער אין טלית און תפילין — —
ווי ס׳האָט געקנוילט אין האָרץ, געוואָקלט די קני,
דעם צאַפּל אין מיר איך האָב אים קוים געקענט איינשטילן —

פאַר שאַנד מיין פּנים אין די הענט באַגראָבן!
איינגעפאַלן די מויערן פון אונזערע געמאַרקן,
לאָמיר זיך שטאַרקן, רואיק איינצוליגן,
אויפן יידישן בית־החיים הינטערן פאַרקן.

## יוסף הערמאַן

(צום הענגען זיינס אַ בילד אין טעט־גאַלעריע)

אַז ווו אויב נישט אין וועלס צווישן די קוילן מיינער,
ווי אין דער היים דו האָסט דיך אויפסניי געפונען?
זיך באַוויזן דאָ, שוואַרץ אין שוואַרץ, שוויס צערונען,
פון עמוד־הענן־וואָלקן דער טאַטע דיינער.

האַמער שווער אין האַנט, טשוועקעס צווישן וויים פון ציינער,
איבער קענזשער־קאָפּ שכינה ווי טויזנט זונען;
פון געשפּאַנטער פּעך־דראַטווע אַראָפּגעשפּונען,
כתונת־פּסים, פּורפּורנעם — בן זקונים זיינער.

איז עס דיין טאַטע, מיט האַמער אויף האַרטע זוילן,
מיט לאַמפּ אויף קאָפּ האָקט ער קוביק — שטיקער קוילן?
דראַטוועס געדרייטע דיינע שטריכן אָנגעצויגן!

בלויז וווּ איז שכינהדיק דיין „בלאָ אין ראָז" פאַרשוווּנדן ?
פאַרקוילט, רויך־פאַרקנוילט דאָס טליען אין דיינע אויגן.
גרויל אין גרוי: גאָטס גלאָריע גליט גלאַנציק אַנגעצונדן !

## מיין זעלבסט-וויניעט

אַ הונט פאַר זיין באַלבאָס׳ טיר,
אויף קייט ליגט ער מיט געביל ;
אַז פרעג זשע אים וואָס ער וויל,
ווען אַוועק איז די דירה,
און גאָרנישט שוין דאָ פון איר ?

איז נאָר געבליבן די שוועל,
און אויסגעריבענע בלויז,
רירט זיך דער הונט נישט פון הויז,
ביז ער גייט אויס וואָיענדיק,
און בלייבט ליגן אויף דער שטעל.

בין איך נישט פאַרליבט אין גאָט ?
פאַרראָט אים יעדע מינוט,
ווייסנדיק, אַז כ׳טו נישט גוט ?
אפנים, טאָקע אַ הונט,
וואָס אַזאַ מין טבע האָט —

יאָג איך מיך ווילד נאָך מיין עק —
אַ גילגול, אין עיגול־קרייז !
צעגריזשעטער אלף־בית —
צונויפגעשטעלטער שם־המפורש,
אויף כף־הקלע־אל־די־העק.

## ווייטשעפּל

1

19׳טער אַפּריל 1959

צו אונזערע שטעטלעך מען וועט דיך ווייטשעפּל צו רעכענען,
מיר, צו די קדושים, ווער ווייס צי מיר וועלן געהערן ;
די שטעטלעך ביי זייערע נעמען, ווען מען וועט אויסרעכענען,
דיין נאָמען ווייטשעפּל צווישן זיי מען וועט אויך דערהערן.

היילִיק ווי זיי דו וועסט בלייבן, אָבער מיר, דיינע באַוווינער — —
נישט נאָר דיך — זיך אַליין מיר האָבן געטון־טאָן צעשטערן !

„תמות־נפשי״־העלדן, „פלשתים״־גבורים שאַנד־באַגראָבענע,
אונטער חורבה־מויער — קענען זיי קדושים נאָך ווערן ? !

אונזערע טאַטעס אין די ברענענדיקע שטעטלעך נישט זיך —
גערנאַטעוועט היילקייטן מיט זייער בלוט און טרערן ;
מיר, פון די פלאַמען אַרויס, וואָס ראַטעווען מיר ? די בעזעמער !
ווי דאָס לעצטע, חלילה, פון דער ערד זיך אויסצוקערן.

2

אַז איך לייג צו מיין קאָפּ צו דער ערד דאָ,
מיט אַן איכה־עכאָ ווערט פול מיין אויער ;
שאַריען־גרויער נעמט אַרום מיין האַרץ,
בלוטיק גייט עס אויף מיט יאוש און טרויער.

דאָס פאַרנעפּלטע דאָ, סודותדיקע — —
כ׳הער מיין טאַטנס מורמלען, לערנענדיק זוהר !
אָ, אַ לאַבירינט מיט טויזנט טירן,
פון דור דור אונזער דויער־באַדויער.

נאַכט אויף נאַכט אויף אונזער גאָלדענער קייט,
איך ליג דאָ צעבילט, אַ הונט אויף דער לויער — —
איינס פון די מאה־שערים־געסלעך,
ווייטשעפּל, פון אַלדגייט ביז מייל־ענד־טויער.

3

אין דיין ווי כ׳האָב מיך פאַרטשעפּעט, ווייטשעפּל,
און כ׳מעסט דיך אויס אין דער לענג, אין דער ברייט ;
אין לעצטע דלת־אמות, אומענדלעכע,
ציט מען זיך אַזוי אויס אין דער אייביקייט.

אין זון פאַרגיי שטייט ווער און בעט אַ צענטן,
צאַנקענדיקער נר־תמיד, ווען כ׳גיי אַריין ;
אַ גרייז זאָגט אַ פאַרגרייזטן קדיש נאָך זיך,
אַ פאַריתומטער, ענטפער איך שטיל אמן.

מיין קרומער שאָטן אויף דער וואַנט הערט זיך איין,
אַ פאַרשעמטער אויף דער גאַס איך אייל אַרויס ;
אויף דער גאַנצער ברייט פינסטער ער יאָגט מיך נאָך,
טויזנט־אויגיק און אומענדלעך אַזוי גרויס.

## אויף ווייטשעפל גאס

כ׳דריי מיך אַרום דאָ אין ליידיקער גאַס,
אַ בעדנער אין אַ פּאַס אַ צעלעכצטן,
ער קלאַפּט די רייפן, פּאַסט די קלעפּקעס צו,
אַרום אַ דנאָ אַ פוילן צעקרעכצטן.

אפנים קיין אַנדערע ברירה מער:
„אַלטן ווײַן אין נײַע פּעסער גיסן״,
און וואָס צעקראַכן און פאַרזשאַווערט איז,
צום הויפן בראַכוואַרג אַוועקגעשמיסן.

עס איז לײַכטער געזאָגט ווי שווער געטון!
אַז דאָס מינדסטע ניטל אַזוי אייגן,
און איבערן שפּונד, ווײַן־אַנגעזאַפּטן,
שכורלעך כ׳וואָלט מיך וואַקלען און בייגן.

בייג איך מיך אַהין און כ׳בייג מיך אַהער,
און נעם אין דער פּאַטליצע מיך קראַצן:
אַך, אַז עס פעלט אַ קלעפּקע אינם קאָפּ,
ווי אַ זשאַווער־רייפן ס׳האַרץ קאָן פּלאַצן.

## ווי אַזוי אליהו האָט זיך באַוויזן אויף ווייטשעפּל

(באַלאַדע)

1

אין אַ סערמינגע, די האַק אין שטרוי־פּאָוורוס פאַרשטעקט,
אין די שטעטלעך אליהו אַרומגעגאַנגען;
אַ פאַרדורשטיקט פערדל אַ פולן עמער וואַסער,
אַ ייד אַ נצרך אַ בייטל געלד דערלאַנגען.

צו יעדן ברית, זיצן אויף כסא־של־אליהו,
אויף רייטוואָגן אַראָפּגעקומען פון הימל,
פריש יאַכל אונטערטראָגן קראַנקע קימפּעטאָרן,
שטאַרקן די ביינדלעך פונם רך־הנימול.

אפקומען פאַר די געהרגטע נביאי־שקר,
צו גיין איבער דער וועלט מיט האַק, זיך פאַרוואַלט אים;
און ביי שוואַכע אלמנה, ביי אַ ייד א חלוש,
אַ קלאַפּטער האָלץ אויף שייטערס און שפּענער געשפּאַלטן.

האַלבע שעה פאַר ליכט־בענטשן נאָך, אין אָרעמער שטוב,
אַריינגעוואָרפן אַ קאָרפּ אַקאָרשט געפאַנגען — —
דאָס איז געווען אַמאָל אין די הייליקע שטעטלעך,
יענע צאַפּלדיקע צייט לאַנג שוין פערגאַנגען.

אליהו הנביא בייַנאַנד מיט די יידן,
געלאָזן זיך פאַרברענען אויף שייטערהויפן,
און צוזאַמען מיט יענע, מיט די געבליבענע,
אַהערגעקומען קיין ווייטשעפּל צו לויפן.

„שפוך חמתך" פון אָפענער טיר נאָר דערהערן,
וועט ער אַריין, ווי אין שטעטלעך אַמאָל פסח — —
כאָטש נעמען רייסן אין טיר און טויער און שרייען,
„אני שלמה" — אליהו נביא, הייס איך!

ווייס איך וואָס? און אַז זיי וועלן וויסן ווער ער איז,
מ׳וועט אים דען אין אַ יידיש הויז אַריינלאָזן?
נאָך גוט ער האָט נישט מיט זיך זיין קנאַישע האַק,
אויסגעלאָזן ער וואָלט זיין גאַנצן ירגזון — — —

יאָ, אינגאַנצן אַנדערש שוין גייט ער דאָ אָנגעטון,
און זיינע וואונדער אויף אַ גאַנץ אַנדערן אופן;
נישט לייפּציקער יריד דאָ, נישט טשעלעדזשער יאַר־מאַרק",
נישט די ווילנער זאַוואָלקעס, נישט וואַרשעווער הויפן.

דאָך אליהו הנביא, פאַרלאָזט זיך אויף אים!
הערט אַ מעשה, וואָס עס קאָן זיך אַלץ פאַרלויפן,
מיט אַ יפת־תואר, אַ יידישע טאָכטער, וואָס האָט
געהאַלטן שוין, רחמנא לצלן, ביים טויפן —

אַז מיט ס׳זייעריקע גאַנצע טעג אויף איין שול־באַנק,
מיט זיי אין די נעכט אין טעאַטערס געגאַנגען,
זייערע ביכער יום ולילה געלעזן,
איר זיס קולכל זינגט רק זייערע געזאַנגען;

איז פון זייעריקע געהאַלטן אין איין טראַכטן,
ווען נאָך אַ מאַן איר האַרץ געגומען פערלאַנגען!
נישט קיין „מזל־טוב" און נישט קיין „מגן־דודל" —
צלמל כאָטש אויף געטאָקט העלדזל אויפגעהאַנגען.

און וואָלט זי עס דען נישט שוין לאַנג געווען אָפּגעטון,
און אַנשטאָט צו דער חופה — צום „אלטאַר" געגאַנגען!
אָבער דאָך אַ בת־ישראל, אַ יידיש האַרץ געהאַט,
טאַטע־„מאַ" נישט געקענט אַ טויט־קלאַפּ דערלאַנגען.

2

אין איין בעפל־טאָג קומט זי נאָך ווייטשעפל אַראָפּ,
נישט קיין מנורה פאַרן טאַטן צו קויפן,
נישט צומאָל אַ פליטע, „אַ בריוועלע דער מאַמען",
און נישט צו באַזוכן דאָ אָרעמע קרובים —

אויפן מציאות־מאַרק איז זי אַראָפּגעקומען,
„קריסטמעס"־מתנות פאַר חברטעס צו קויפן;
אַז מען רעדט דאָך, רחמנא לצלן, פון אַזאַ,
וואָס האַלטן שוין, חלילה ביי שמד, ביים זיך טויפן — —

און אפשר טאַקע גילדן צלמל איינהאַדלען,
זאָל זי עס האָבן גרייט, ווען זי וועט עס ברויכן!
ווי זי האָט זיך פאַרשמאַכט־פאַרטראַכט, פאַחלומט־פאַחושט,
אויף אַ טיף גרינען יאָלקע־בוים, אַזאַ הויכן — —

אַ ווייטשעפל־מאַרק אין ערב־קריסטמעס וואָכן,
אַזוינס — בלויז טרוימען געקענט שטעטלישע יידן:
איינשלאָפן אין באָד אויף העכסטער באַנק צעפּאַרעטע —
אין גן־עדן אויף די הימלישע ירידן — —

אַז וואָס אַלץ מ'קאָן נישט איינהאַנדלען און ווי שפּאָט־ביליג,
די מציאות — ממש אַן אָקס פאַר אַ דרייער!
צווישן די צעזינגטע פלאַטן רייסט זיך נאָך העכער,
דער הייזעריגער גאַרגל פון אַן אויסשרייער —

גראַמאָפאָנען, ראַדיאָס, רעקאָרדערס, טעלעוויזיעס,
און יעדער סטראַגאַן געוואַלדיקט ווילד אַ הילכער!
טויזנט הענט שטרעקן זיך און טויזנט אויגן גאַפן:
אַז וואָס קאָן שוין זיין ביליגער און וואָס בילכער?

קאָפּ אויף קאָפּ דאָס געדרענג, דאָס געשטופּ, דאָס געלד געזשאַב,
אַרום די לעמפּ אין בעפל שפּיל פון קאָלירן;
אונטער יעדער „בערע", ביידלדיקטער באַדעקטער,
פאַרשלייערטע כלה אונטער חופה פירן.

די שאַלעכלעך, פּאַטשיילעכלעך, די ניילאָן־זאַקן,
די פּאַטשערקעס, די פּערל־שנירלעך, די קרעלן,
פון אינטערגעגאַנגענע שיפן גאַנצע אוצרות,
אַרויסגעשליידערטע פון די שוימיקע וועלן.

אַ צעטומלטע זי שטייט אין דעם געדרענג־געבלענד:
אַ צעכוואַלטער ים אין ווילדן אויפברויזן,
און אויפן ברעג, ווי פון די כוואַלעס אַרויסגעשווענקט,
מיט נאַסע וואָנסעלעך שמאָל־געפּאַסטע הויזן,

אַ שייגעץ ווי אין פּסוק ער שטייט — אַ „טעדי־בוי״!
„ראָק און ראָל״ מיטן גאַס מיט אים אויפצוטאַנצן!
אַזאַ איינעם שטעלט מען נישט פּאָר, מיט איין אויגל־ווינק,
און מען געהערט אים אויף לעבן שוין אינגאַנצן.

אַז גאַנצענע טעג רק מען טראַכט פון אַזאַ איינעם,
איין אויגן־בליק געניגט, און מ׳איז געפּעלן;
בלויז אַהיים אין שטוב אַריין ווי אזוי ברענגט מען אים,
און פאַר דעם טאַטן און פאַר „מאַ״ אים פאָרשטעלן?

אָדער טאַקע דירעקט צום „רעגיסטער אָמט״ צו גיין?!
איר ווילט וויסן וואָס די סוף־מעשה געווען?
בפירוש ווי אין „קב־הישר״, ווי אין „לב־טוב״
ווי ביי פּרצן אין אַ מעשה צו לעזן — —

* * *

זיין נאָמען איז געווען אליהו, אַ ווילנער,
געקומען איבער ישראל, פון שייטערהויפן,
וווינען וווינט ער, אויפדערווייל, אין „יידישן שעלטער״,
און זוכן זוכט ער דאָ זיינע רייכע קרובים.

דאַכט זיך, אפנים, ער האָט טאַקע שוין געפונען,
אָט שטייט זי פאַר אים ווי פון גאָלד אויסגעגאָסן!
און צי קאָן דען נאָך זיין אַ רייכערער ייד אַצינד,
ווען זיין טאָכטער געפינט אַ יידישן חתן?

אַ תנאים געווען אַלע יידישע קינדער געזאָגט,
נישט טאַטע־מאַמעס הארץ — מ׳האָט טעלער געבראָכן!
אזוי האָט זיך אליהו געטון טאָן באַווייזן,
אויף ווייטשעפּל מאַרק אין ערב קריסטמעס וואָכן.

## טרעביטש לינקאָלן

אַז פון אַ ראַביי אַ רעווערענדל, אַ פּריסט,
פון געשמדט גלחל אַ ליבעראַל עם־פּי,
און דאָס אַלצדינג־אַ געקענט געשען בלויז דאָ הי,
פאַרוואָס נישט אויסוואַקסן צום וועלט־אַפּעריסט —

איין וואַסער־טראָפּ־שפּריץ און פון אַ ייד אַ קריסט!
די דינע איבער־ליפּ טוט שטייף אַזאַ מין צי,
און פון אַ ליבעראַל — אַ טאָרי דו ביזט!
מיט מינימום דעמאַגאָגי, מיט מינדסטער מי —

און ווען אים געכאַפּט, אַ טאָפּלטן שפּיאָן,
פאַר ביידע צדדים, וואָס געקענט בעסער׳ס טאָן,
ווי ווערן אַ הייליקער בראַמאַן צום סוף?

אַ בודיסט מיט אַ צוויי־פּנימדיקן גאָט!
וויפיל „גאָלד־הענטלעך״ ס׳מינדסטע געצל האָט?
„שאַנטאַ״זשירט ער איצט גרויס מיט נירוואַנאַ־בלאָף.

## זיין זון

אויף וויפיל רעליגיעס זיין טאַטע זיך נישט געשמדט,
און פון וועלכן ווייב דאָס זינדל זיינ׳ס ער האָט געהאַט,
בלויז ווען מען האָט אים צו משפטן אַרויסגעפירט,
ס׳מעסער אין האַרץ יעדער יידישער זעלנער געשפירט.

דעם יידישן טשאַפּלין נישט גערופן אין זיין צעל —
ווען געבוירן פאָטער גראָד געווען אַן עוואַנגעל!
יאָ, עס שטאַרבן די קינדער פאַר די עלטערנס זינד,
אויב נישט ס׳מעסער — דעם שטריק דער פאָטער פילן אַצינד!

אַפּעריסט, היטלעריסט? אין די שטיק ווער קען זיך אויס?
אָבער פון אייגענעם לייב מען קאָן אַלץ נישט אַרויס,
און ווי מיר מיט־ערובדיק שפּירן זיין מעסער־שטאָך,
ער זיין שטריק אויף האַלדז — אַ טאַטע בלייבט אַ טאַטע דאָך.

## „די — פּרעס — ט...“

מען זאָל וויסן ווען זיין זייבען געשטאָרבן,
ברויכן מאַנכע נאָך דאָ אַ יידיש־בלאַט,
און די, וואָס מאַכנ׳ס — צו מאַכן אַ לעבן,
צו מאַכן דעם מאָגן ווי נישט איז זאַט.

צדקה תציל ממות! ווי אומשטערבלעך!!
פאַרלאָזט זיך אויף אונזער חכמת־האיאַט!
וואָרום דאָס לעצטע בלאַט ליגט שוין אויסגעזעצט,
אויבן בלויז צוצושטעלן דעם שנת ופרט.

## אותיות מחכימות

אַזויפיל און אַזויפיל באַצאָלט דעם שרייבער,
אַז אזוי און אזוי וואָרט פאַר וואָרט, אויפשרייבן,
און יענער, פון פאַך, געגומען האָט עס געגוי,
פאַר אַ פרוטה מערער נישט איבערצוטרייבן.

אבער ווען שוואַרץ אויף ווייס געדרוקט זיי זעען עס,
וווּנדער איבער ווונדער, — ממש נישט צו גלייבן! —
ביידע, דער פון זיין פעדער, דער פון זיין גרויסקייט,
קאָנען גאָר נישט געגוג נחת פון זיך קלייבן.

## „צוויי דיכטער...“

אַ גרויסער דיכטער, טאַקע דער גרעסטער,
מנובל און פאַסקודסווע מאוסע בריאה;
וואָס דאָס קאָן אָנטון, צו וואָס ס׳איז פעאיק,
האָט ווער דען בלויז די מינדסטע ידיעה.

אַ טאַלאַנט, ממש אַרויסגענומען,
פון דער וואַגנערישער טעאָריע.

איצט אַז איינער טאַקע געוואָרן שוין,
„אַ גרעסע“ — דער גרעסטער וועלט־זשעניע,
פאַרוואָס נישט אויך ער שפּילן דעם דיכטער?
פעלט אים יענעמס טאַלענטל — קיין מניעה.

האָט ער דאָך דערפאַר אַ „גאָלדן הענטל“,
און איז אַן עכטע פאַסקודסטווע בריאה.

# „שמע ישראל"

רעשטלעך אַנאַרכיסטן דאָ, הייפעלעך ציונים דאָרט,
איינער וואַרפט אַריין־אַ צווייטער ווידער כאַפּט אַ וואָרט;
נישט יעדער קאָן דאָך דערגיין ביז צום היידפּאַרק צופוס,
רעדלט זיך ווייטשעפּל אין יידישלעכן שמועס —

מיט די הענט און מיט די פיס און מיט לייב און לעבן,
מען שווימט, מען „גייט קלאַפּטער" — ממש אין אַ טיפן טייך!
צי גלייך פאַר אַלע קומען וועט צוגעזאָגטע צייט?
קודם איז שבת איצט, און צו אים ווער איז דען גלייך?

אויפן ראָג פון די מיסיאָנערן האָט עס געברענט!
„ידו בכול": ווער ווי ער זיי בייקומען געקענט?
ער איז תמיד „גערעכט" געבליבן, און אויך געהאַט:
וועלכער ייד קייגן ארץ־ישראל, און ווער פראָ שמד?

ווי האָט זיין בליק פלאַמיק געגליט ווען ער זיך צערעדט,
אָבער זונטיק מיט די קינדער ווי האָט ער געגלעט:
זיין „שמע־ישראל"־פאָן, ווי דער גלות אַזוי גרויס,
די „קרן־קימת"־"פושקע געקלונגען פאַראויס;

חברה קינדערלעך נאָך אים, געמאַכט עס האָט זיי שפּאַס,
ווי פאַרקלונגען שמחת־תורהדיק דעמלט די גאַס!
פאַר גאַנץ פאַרדינסט פון דער וואָך זיסיקייטן געקויפט,
און קליינוואַרג, פריידיק, צום „שמע־ישראל"־מאַרש אַנלויפט.

פון איין זייט פון ראָג דרעשט אַ דרשה אַ מיסיאָנער,
פון דער צווייטער, צעזונגען מיט די קינדערלעך ער — — —
נישטאָ יענע שוימיק אויפגעקאָכטע רעדלעך מער,
אַ שטיל שטייענדיק וואַסער, אַ פאַרגליווערטע טרער.

אים האָב איך נאָך פאַרכאַפּט, בלויז די קינדערלעך נישט,
צומאָל די פאַרגליווערטע טרער פונם אויג אָפּגעווישט;
אַ ליידיקער ר' מאיר־בעל־נס צעקלונגען לער,
און דעם וואַסערדיקן שמע ישראל, וואָס איך הער.

לעצטנס אַזאַ „שמע־ישראל"־ייִנגעלע דערקענט,
יענעמס יידישלעך פּייערל אין בליק אים געברענט,
און איך האָב געטראַכט : אייזיקאָוויטש האָט רעכט געהאַט,
וועלכער ייִד קייגן ארץ־ישראל און ווער פראָ שמד ?

## ווייטשעפּל ירושלים ד׳בריטן

פּומבדיתא, קאָראָדוואַ, קראָקע, אַמסטערדאַם,
לובלין, וואָלאָזשין, ווילנע, בערדיטשעוו און קאָצק,
של־מעלהדיק וועסט בלייבן ווי איינע פון זיי,
מיט האָראָפּאַשניקעס פון זשיטאָמיר און פּלאָצק.

און אויב דער בלוטיקער שליאַד אונזערער אַצינד,
נישט דירעקט ער פירט ביז פאַר דיין אָפענער טיר — —
פון גרויס צער דו האָסט אַ מעשה דיר אָנגעטון,
ביזט דו געבליבן אַ פאַרבלוטיקטע אין דיר!

„בדמיך חיי... בדמיך חיי..."
דו וועסט נאָך לעבן בלייבן מיט דיין לעצטן ייִד !
אין מינדסטן פאַרשוין, און אין פאַרמישטסטן שוין,
ווי אונטערן אַש טליענדיק אַ גלאָוונע גליט.

דאָ האָט ראָזענפעלד געזונגען ערלעך זיין ליד,
ווינטשעווסקי געדינט דעם יידישן וואָרט געטריי ;
ווי אונזערע הייליקע שטעטלעך, פאַרטיליקטע,
של־מעלהדיק דו וועסט בלייבן ווי איינס פון זיי.

ווייטשעפּל, דער ירושלים ד׳בריטן,
וועסט בלייבן איינגעלייבט צווישן אונזערע שטעט !
ווי די קדושים אין דער היים, אויף קידוש־השם,
גרייט צו גיין לעצטער יונג געבוירן אין אָלדגעיט.

# על נהר טעמזע

„כל הנחלים הולכים אל הים" — —
ס'איז די טעמזע — דער לעצטער מסתם!
ווי געוואַלטיק ברייט, וואָסער פאַרגלייך.

ביים היימישן שטעטלדיקן טייך,
אַ וואַסער־מיל אויפגעשטעלט מען האָט,
דאָ ביי דער טעמזע — לאָנדאָן די שטאָט!

זע, אויף טויזנט רעדער דרייט זי זיך,
ווי טומלדיק־פלינק, ווי רעשיק גיך,
און די מיל־שטיינער ווי גרויס, ווי שווער.

הער, דאָס זשאַרגע געשיט אָנאויפהער — —
פונם זעמל־מעל וואָס קומט אַרויס,
קוים אַ האַנט־פול אָנגעגאָרשט דאָ בלויז.

בלויז אַ שמשון אַזוי שטאַרק און גרויס,
אַז מיל־ראָד אַ רגע נישט אויפהערט,
ביז זאַמד־שטויבל צעריבן ער ווערט.

1

אַ שפרונג־ברעט צו די יהודה־בערג צוריק,
איבערן אָצעאַן צו די אַנדן אַריבער,
איז ער, דער אינזל דאָ, געווען פאַר אונז,
און מיר, דאָס רעשטל, וואָס בלייבן ס'וועט דאָך איבער —

אַ מנין יידן דאָ אַ מזומן דאָרט,
עפּעס אַ שולכל ווו מיט אַ שליח־ציבור —
די אייער־שאָל פון אויסגעפּיקטע פייגל,
וואָס געפלויגן בשלום די ימים אַריבער.

מען וועט זיך דערציילן מעשיות פון אַמאָל:
להבדיל, אַ ביבלישן שמשון הגיבור,
עפּעס אַ לאָרד ביקנספילד דיזראַעלי;
פון זאַנגוויל אַ בוך ס'וועט איבערבלייבן; אַ חיבור

פונם בעל־נפש יוסף חיים ברענער,
פון זיין אייגן לעבן געווען ס׳איז אים ליבער!
אויפגעשריבן עס מרה־שחוריק אַזוי,
ווי געהערט פון נעפל אַרויס מפי־הדיבור.

דער זכר פון אונז דאָ, על נהר טעמזע,
אַ טאָפּלטער ווי דער ביי דער עבראָ און טיבער:
פון ריין און ווייסל, פון דניעפּער ביז וואָלגאָ,
פון הונדערט טייכן גראַטעוועט זיך אַריבער —

אַ געבונדענע טראַטווע אָנגעשווימען,
צאָרן־צעצאַפּלטע, צעפלאַפּלטע אין פיבער,
צאַנקנדיק אויסצווזינגען נעפל־ליד דאָ,
אין די טריב־פּאַרזשאַווערטע, ווילגאַטש־נאַסע שטיבער.

פון אַ שווערער נעפל־נאַכט אין וויטשעפּל,
וואָס קאָן שוין זיין מרה־שחורהקער און טריבער?
בלויז, אויב ס׳האַרץ אַן איבער־פּלייץ פון געזאַנג איז,
ברויזט עס צעכוואַלעט, און פון נחת־פרייד ס׳פליסט איבער.

2

פון טויזנט און איין שטעטל זיינען מיר אָנגעקומען,
מיט הונדערט טייכן כוואַליק געוואַקל אָנגעשוומען;
לאָדזשער באַלוט, קאָזמירער מאַרק, טאָלטשאָק אַדעסער,
ווי מאַטראַזן טעטואירטע — מיט פּאַגראַם־מעסער.

קיעווער סטודענט, ישיבה־בחור וואָלאָזשינער,
קאָמיוואָיאַזשאָר אויף גאַנצער ליניע וואַרשע־ווינער,
לובאַוויטשער טיש־זיצער, סלאָבאָטקער טעג־עסער,
פון קאַזאַרמעס, תפיסות — פּאַרטיי־ביכלעך די פּעסער.

„אַ דאַמף־שיף האָסט אויסגעקלערט און נעמסט דיך דערמיט איבער״!
אַז אונזער איינס אַהער דאָ נאָך געקומען אַריבער,
ווי גרויס איז די חכמה, און דאָס וווּנדער נאָך גרעסער —
ווי אַלע שבעה ימים ברויזט ס׳לאַמאַנש געוועסער — — —

שבעה מדורי גיהנום דאָ אַדורכגעגאַנגען,
און אין די נעפּלען אויפגעלויכט מיט גלי־געזאַנגען,
צו לויטערן ווי אַלטן ווייַן אין נייע פעסער,
לעצטן שוויס־טראָפּ נאָך פון אַ פאַרמאַטערטן פּרעסער.

3

בעסער מסתּם מיט דער דירה צובאַקענען זיך קודם:
שטיגן אַזויפיל צו אַ לעצטן גאָרן אויף אַ בוידעם,
בלויז דאָס ווילגאַטש גליטשיקע — אין קעלער־לאָך לעצט טרעפּל;
בייג דיך, ביטע, אַ קאָפּ איין, אַז נישט צעקלאַפּסט דיר ס׳קעפּל.

אויב בוידעם, אויב קעלער, אַן אונטערשיד וווּ מיר זענען?
אַז ביי טאָג בייננאַכט קאָפּטשעדיק גאַז־פלעמל מוז ברענען.
זיכער אַ בעט, וווּ אַ ווייב ביים פּאַרעדיקן טעפּל,
אַ זון ביי דער מאַשין, אַ טאַכטער נייט אַן אַ קנעפּל —

זעסט צומאָל נישט דעם, איבערן צושנייד־טיש געבויגן,
ווי מיטן פּיצל קרייד ער נעמט זיך אַרויס די אויגן,
בלויז ס׳ווייסלעכע פון קריידל, ס׳אינטערשטע פון אויג־לעפּל,
און פון פּאַסטריגע געשלעפּט אַהין, אהער אַ שלעפּל —

ווי פלינק זיי אַרבעטן די פינגער, די דינע, דאַרע!
נישט פון פּרעסל — פון זיין שווייס פול איז די שטוב מיט פּאַרע!
און אויב מיט טויזנט שטובן אַזעלכע פול ווייטשעפּל,
אַ וווּנדער, אַז גאַנצע שטאָט נעמט אַרום אַזאַ נעפּל.

4

אַנצוטאַפּן מיט די הענט אַ נעפּל, אַ געדיכטער,
ווי דורך שווערע וואָלקנס רייסן זיך סיגנאַלן ליכטער;
מיט טויזנט פיס שפּאַנט אין דער גאַס אַ שאָטן־גיגאַנט —
אַ בלינדער זאָס דערטאַפּט זיך ביי אַ גליטשיקער וואַנט.

ווי אין אַ טאַנץ־זאַל אין „וואָרק־שאָפּ“ אַריינגעפאַלן!
הילכערס שאַלן די ווענט, סופּיט — נעאָן־שטראַלן קוואַלן,
טויזנט קליידלעך כוואַליען צעפּאַכעט — אַ שטיק געוואַנט,
אַ קאָלירן מינועט אויף לויפנדיקן באַנד — —

די „קאַטערס“, די מאַשינערס — די „בעסטערס“ כאַפּן אונטער!
עלעגאַנטער „פאָרמאַן“ — טאַנץ־מייסטער, שלאַנקער געזונטער,
„האַרי־אַפּ, האַרי אַפּ“! האַפּט ער אַריין נאָכאַנאַנד:
„אויף די האָלידעי סעזאָן־מאָדלס וואַרט ניוזעלאַנד“!

ווינטער, פרילינג? ווער ווייסט דאָ איצט וואָס ס׳טוט זיך דרויסן?
חושך־מצרים, עבודת־פּרך, גושן — —
צו דער האַפּמאַן־מאַשין יאָגט ווילד לויפנדיק־באַנד — —
אַ מומיע בלייבט זי שטיין אַ מאַניקע ביי דער וואַנט.

## פיר סאָנעטן

1

ס׳שאָקלען זיך די בריקן פאַנען דעמפּנדיקער ווײ־רויך,
פון די כוואַליעס דאָס געפּרעפּל, הײליק, געהײם און שטיל;
ס׳וואַקלט דאָרט די שיף — ס׳קעסטעלע מיט משה׳ן אויפן ניל,
צוקאָפּנס דער אָבעליסק, ווי שוואַרץ ער שטײט, שלאַנק און הויך.

צי גאָר צו דערצײלן עס מיט ווערטער ערשט נאָך מען ברויך:
אַז טרעמפּ אויף באַנק, ווי אין אַ טלית אין נעפּל־געהיל,
דער נביא יחזקאל אויפן טײך כבר? דעם ריח כ׳דערפיל,
פון טראַטווע דאָ ווו — תיבה אויסגעפּעכט פון זײדן נח.

אַרום שטאָט דרײט זיך — וווּנדערלעכער קאַלײדאָסקאָפּ,
אַ צעמישטע ליכטיקײט פון גאַסן און פון סקווערן,
פון הימל אַראָפּ לײכטן שוי־פענסטער און לאַמטערן.

אַ פיבער־צעצינדענער, אַ שטערן־צעפּלאַמטער קאָפּ,
פּאַקלט צעכוואַליעטער אַלץ וווּנדערלעכער און ווילדער —
אויף אַ לײוונט ווו וויקלט זיך אַ בילדער געפילדער.

2

עס וועט דער אינזל־מענטש זײן אינזל לאַנד נישט פאַרראַטן,
אַ געהילטער אין נעפּלען שווימט ער איבער די ימען,
און ווען זײן מאַסט־בוים מיט די זעגלען ברעכן צוזאַמען,
זינגען די כוואַליעס נאָך דאָס געזאַנג פון די פּיראַטן.

אַהײם קומט ער פון ריאַלטאָ מיט שײלאָקס דוקאַטן,
אויף גיבראַלטאַר צינדט ער זײן שטורקאַץ אין שײטער־פלאַמען,
די ווײטסטע פעלקער צו באַצווינגען און די ווילדסטע שטאַמען,
און ס׳רײכע קאָלומבוס־לאַנד — מיט ביבלישע ציטאַטן.

זײנע מאַפּעס, זײנע מעסער־צעשניטענע דלאָנעס,
זײנע קאָמפּאַסן בײ טאָג די זון, בײנאַכט — די לבנה׳ס,
עס איז דער אינזל פאַר אים — פאַר אור־מענטש די הײלן;

זײן הײם — טונעל־וויאַדוקטן, רעגנבויגן־בריקן!
ס׳לײכטן אַרום אים שטערן — פון די הערערס די בליקן,
ווען אין נעפּל־נעכט, פּײקע אין מויל, ער נעמט דערצײלן — — — —

3

אַן איינגעהילטער אין נעפּל שטיי איך אויף דער בריק,
אין מיטן כרך, פעסט צוגעדריקט צו איר האַרצן סאַמע ;
און ווען אפילו אין די אָרעמס פון אַ שטיף מאַמע,
איך וואַרעם מיך אין איר גליאיק געפּרווירענעם בליק.

אויפגעלויכטן לויפן באַסעס אַהין און צוריק —
אייליק באַוועגט זיך אויף אַ לייוונט אַ פּאַנאָראַמע,
אָפּגעריסענע טאַקטן, קוים צו כאַפּן אַ גאַמע,
איבער ימים־ווייטע־לענדער זיס גיסט זיך מוזיק.

ס'שאָקלט זיך די בריק צום טאַקט פון אַ שטילינק וויגן־ליד — —
איך קוק און קוק, ווערט אַ קינד דען אין מאַמע אָרעמס מיד ?
עס שלאָפט איין אזוי פון זיסע חלומות געטראָגן —

עס דרייט זיך וואונדערלעך די שטאָט — די אַלאַדין־לאַמטער !
דעמלט אויף שיף דער פּיראַט געבראַכט האָט זי דאָ אַהער — —
ער דערציילט, כ'הער די כוואַלעס יעדעס וואָרט זיינס נאָכזאָגן.

4

ווי דער ווייסער נעפּל דרויסן, אַ מחשבה אין קאָפּ,
זי וויקלט זיך, פּאַרוויקלט זיך און אַלץ שווערער זי ווערט ;
ס'ציט זיך ווי אַ שפּין־געוועב, וואָס קיינמאָל נישט אויפהערט,
ערגעץ אין נעץ זיצט דער שפּין, זיין קרבן לויערט ער אָפּ ;

אזאַ גרויסער גרויער קנויל פון טיש גאָר פאַלט ער אַראָפּ,
אַ פּאַרקניפּט־פאַרפּלאָנטערטער קוילערט ער זיך אויף דער ערד ;
ביים קאַמין שלאָפנדיק קעצל דאָס געקייקל דערהערט,
און שוין מיט איין שפּרונג : אַ מייזל ? אַ פייגעלע ? גאָטס גאָב . . .

דרויסן ווייסער נעפּל, דרינען קנאַקעדיקער קאַמין,
אין קאָפּ — אַ וועב־שיפּל פלינק געשליידערט אַהער, אַהין,
אַ שניי־באַלעם, וואָס קוילערט זיך פון דער הויך אין דער טיף.

און ווי פונם פייקעלע דאָס לעצטע רינגעלע רויך,
קייקלט זיך קלאָר אויס, אַ דינינק מחשבהלע אין מוח —
שערלאָק האָלמס מעשהלע פון עפּעס — אַ דעטעקטיוו.

# דאס בריקל צום הייליקן היכל

ווי ברייט ברויך זיין אַ בריקל איבער אַ טייכל ?
פון שמאַלינקע צוויי ברעטעלעך קוים בלויז,
ווערט איינס אויסגעטרעטן, אדער ס'ווערט לויז,
בלייבט דאָס צווייטע — — אַזוי ווייט מענשלעכער שכל.

וועלכעס ס'וועט דערפירן צום הייליקן היכל ?
דאָס־אָ עס שטעלט זיך ערשט שפּעטער אַרויס,
ווען דערגאַנגען מ'איז, די געפּאַר איז אויס —
מען שטייט אויף אַנדערער זייט שוין מיט אַ שמייכל.

אַ סך מאָל דערשווימט אַ טויטער אויף לעצט ברעט,
„על שני סעיפים", אויף ביידע מען טרעט, מען טרעט,
פון איין האַלץ־וואָרעם צענאַגט ביידע ברעכן איין —

מען כאַפּט זיך אַן אין יענעם, מ'האַלט זיך צו ביי דעם,
בלויז, וואָס שוין דער גרויסער חילוק, דעמלט, אויף וועם,
אַ מת מען שווימט אין הייליקן היכל אַריין ?

א

„שני כתובים המכחישים זה את זה"

אויפן בלאַט, אויף דער שורה, אויפן וואָרט,
ש"ס אויפן קאָפּ עס קאָן לומדישער גדול ;
כאָטש נעם אים אין אַ צירקוס אַריין דאָ,
וועט ער ווייזן די קונץ מיט אַ שפּיץ־נאָדל.

מיט ענגלישן ווערטער־און געזעץ־בוך,
דאָס נעמלעכע ער קאָן איצט שוין באַווייזן ;
באמת, דורך לעכל פון אַ נעדעלע,
ס'קאָן אין הימל אַריין אַן עלפאַנט שפּרייזן.

בלויז גרינגער אַ בער אויסלערנען טאַנצן,
אַ מאַלפּע ביים שפּיגל אַ שרונט פּאַרקעמען,
ווי אַ „דזשואיש־קאָלעדזש־בוי" אויף ענגליש,
אַ „תומים" מיט שאַרפן קאָפּ צו באַנעמען.

שרפים, אופנים, חיות הקודש — —
די פעל פון לייב פון זיך אַראָפּצושינדן,
אַז נאַטור־און גאָט־געזעץ געצווילינגט —
נישט געטין־געוואָגל, אויגן פאַרבינדן.

ב

קאָן דען אַן אויסגעשטאָפּטע פּאַווע פליען,
אירע בריוועלע שליחות אויספירן?
איין רירל בלויז מען זאָל זי טון, און זי וועט —
אַלע אירע פעדערן פאַרלירן!

אַ בריוו איז דאָך נישט אַזוי ווי מען שרייבט אים,
נאָר אַזוי ווי מען וועט אים טון לייענען — —
„זאַמלט אייך צענויף אַלע, איר פּאָעטן,
אונזער גאָלדענע פּאַווע צו באַוויינען.

„עס איז דאָך נישט אַזוי איר שיין פעדערל,
ווי איבער גאַניקל איר שיין פליען" — —
אַ תרנגול־תרגום, כאַטש צו נעמען אים,
כפרה צושלאָגן, שונאי־ציון.

און אַז מען וועט אים אַן חלף קוילען,
וועט פון אים אַ טראַפן־בלוט דען רינען?
פאַרוואָס מכסה זיין? אַ געטאָ־סעלעקציע,
איינגעזאַמלט, שטערבלעך צו ענטרינען.

## סאָנעט

(פאַר לעפּטוויטשן און די אַנדערע ענגליש־יידישע פּאָעטן)

ווען געשפּיגלטער קריסטאָל ס׳גלאָז זאָל זיין,
פון פיינסטן געשניצטן עלנפנביין די רעם,
אַ שפּיגל־בילד בלויז, אַ מראה מ׳זעט פון וועם,
אָבער נישט דאָס לייבהאַפטיקע אליין.

דאָס גאַנצע האַרץ לייגסט פאַרטיפט דערין אַריין,
פאַר אַ פּרינצעסין מאַכענדיק אַ דיאַדעם,
ווי געפּאַסט צום פנים, דער קאָפּ ווי באַקוועם,
בלויז ווו דער חן, דער פינקלדיקער שיין,

פון די קליגע אויגן פון דער פרינצעס ?
אָ, גאָט זאָל דאָך געשען דער גרויסער נס, —
וואונדער וואָס געשעט אין אַ הייליקן היכל ! —

פון רעם אַרויס אַרויסציטערן כאָטש זאָל,
מיט געפינקל פון געשליפענעם קריסטאָל,
דער גסיסה־פּאַרגליווערטער בת־מלכה־שמייכל.

## איבער אלע שבעה ימים

1

אַזאַ כרך צונויפשטעלן צו קענען,
דורות אויסצוהאַלטן, נישט צו צעקראַכן — —
איז נישט פון די קאָרט אַרויס שוין איר קעניג ?
די לייבוואָך, וואָס זיין פּאַלאַץ טוט באַוואַכן,
פאַר יעדער אָרעמער הייזקע שטייט זי.

צו אַלע ארבע כנפות הארץ,
אַרויסגעצויגן פון דאָ אין די שיפן,
שווערד אין איין האַנט, די „בייבל" אין צווייטער,
און אין דער שטיל דאָס שאַרפסטע אויסגעשליפן :
אַלע הערצער צו באַזיצן — שעקספּיר !

ווען כ'זע דאָ כ'קוק טיף אין די אויגן,
אָט די צווייַ וואונדער באַגרייפן צו קענען :
אַזאַ מין כרך וויאַזוי אויפגעשטעלט ?
בלויז אַ סך מער נאָך — די כוחות וואָס זענען,
פון אַ פּאָלק, אַ שעקספּיר ס'האָט געבוירן ?

2

אַ פּאַרטייטשטן . . . שעקספּירן כ'האָב געליינט,
און אַזוי טיף אים אויפגענומען,
אַז יעדער אַ נאָנטער דאָ מיר געווען,
ערשטן טאָג שוין אַהערגעקומען —
כ'האָב זיי אַרויסגעליינט פון די אויגן !

און אפשר ווייל יעדן וואָס כ׳האָב געזען,
דעם תנ״ך פאַרטייטשט שוין געלעזן,
אַז איך אים, אַן אייגענער נאָנטער,
ביים ערשטן באַגעגעניש געווען —
ער גאָר געליינט האָט אין מיינע אויגן ?!

ווי אַהיימגעקומען אין מיין שטעטל,
כ׳בין אין שטאָט דאָ אַרומגעגאַנגען,
און אין אַ געסל, פאַר יעדער הייזקע,
מיין מאַמע, וואַרטנדיק, געשטאַנען — —
איז דאָס נישט געווען דאָס גרעסטע וווּנדער ?

3

ס׳איז נישט געווען בלויז די ביבל און די שווערד,
מיט וואָס אַ האַלבע וועלט איינגענומען — —
ווי אַ ליבע מ׳זעט מיט ערשטן בליק,
פאַרשטאַנען עס, אַהער אָנגעקומען —
לייבהאַפטיק פאַר די אויגן מיר געשטאַנען:

נישט מער פלאַץ, ווי ס׳בענקל אויף וועלכן ער זיצט,
און פון טיש, וואָס מוז אַלע געהערן!
נישט העכער צערעדט ער זיך, ווען ער רעדט,
ווי הערן ס׳זאָל, דער ווער ס׳ברויך צו הערן —
קיינמאָל שפּירסט דו נישט זיין עלנבויגן!

דערפאַר אין זיין היים ס׳געפינט יעדער אַ ווינקל,
אַן אינזל צוצושווימען פאַר אַלעם — —
און ער, ווו ער קומט, אין ערגעץ קיין פרעמדער,
זיין היימיש ווינקל גאַנצער ערד־באַלעם —
כרך אַרויסגעוויקלט פון נעפל און כוואַליעס.

4

און אַ ווינקל פון שטאָט, אַ נעפל־צעפּוילטן,
אַ גאַנץ שטעטל זאָל זיך קאָנען אַזוי באַזעצן!
צי קאָן מען צומאָל אַש׳ס, דאָס בולטע ווייסבערגס,
אַזוי פאַרטייטשן און מיט ווערטער איבערזעצן?
פון אַ מוטנע טייכל ס׳קוקט סמוטנע דאָ אַרויסעט.

ווען נישט מיט לייב און לעבן, מיר איבער גאָרער וועלט, —
צומאָל נאָך אין לאָנדאָן אַזאַ הפטורה ליינען! —
צי וואָלט ער, — מיט אַלע תּרגום־שבעים לשונות,
מיט אַלע „בייבל״־סעקטעס, אַפּאָסטל־פעראיינען, —
דער געטלעכער ווונדער, דער תּנ״ך, דען געבליבן?

„החיים והמות ביד הלשון״ — —
מיט איין איבריק אות ס׳לעבן מען קען איבערפירן!
נישט איבערזעצער — פיראַטן איבער ימים
שעקספּיר געטון איבער גאַנצער וועלט צעפירן,
ווי דעם כרך אַהער דאָ־מיט צעכוואַליעטע נעפלען.

* * *

ווי עכט פרעמד ס׳איז אַלץ דא, אזוי נאָנט און אייגן,
עס באַהאַלט זיך אויס לויערנדיק אין נעפל,
און פלוצלינג פנים אל פנים ס׳שטייט אַנטקייגן —
דיך אַנקוקנדיק מיט אַזאַ קלאָרן שווייגן.
פרעמד אַוועק זיך צו בייגן, נאָנט צו פאַרנייגן?

אַן אַרומגערינגלטער אינזל ס׳איז דער מענטש דאָ.

נישט בלויז אין נעפלען־פאַלטן זיך צובאַהאַלטן,
זיינען אַנטרינענע דאָ אַהערגעלאָפן,
נאָר שטיל אויסצוטראָגן, געשטאַרק אויסצוהאַלטן,
שטייף־געפּעסטיקט, עקשנותדיק אויסגעהאַלטן —
וואָס אין הערצער געטראָגן, גרויס צוגעשטאַלטן.

אזוי מיר, צו ברעגעס דאָ, ווייט־פאַרווייעט זאַמדל.

# אין נעפּל און אין בליץ

* * *

אַ שפּרינג־ברעט פאַר גערעטעוועטע ביזט געווען,
ווייטער צו שווימען, ביז פון שיפן אויפגענומען;
די אַרויסגעוואָרפענע, דערטרונקענע,
אויפן ברעג דאָ צו קבר ישראל צו קומען.

מאַנכע נשמות, מאחורי הפרגוד,
דרייען זיך נאָך אַרום אויפן עולם הדמיון;
וואַרטן אויף אַ תיקון, אַ „אל מלא רחמים״,
כאָטש אַ פאָסנעם קדיש מיט אַ באַצאָלטן מנין.

מיט דיין ווי דו האָסט דיך פאַרטשעפּעט, וויטשעפּל,
צווישן הייליקע שטעטלעך וועסט בלייבן אַ שטעטל,
און ווען נישט קיין מצבה מיט אַ תנצב״ה,
שרייבן נאָך דיר כאָטש אַ פה־נטמן אויף אַ ברעטל.

## דאס לעצטע הייזל

אונזער געצעלט „ויסעו ויחנו״,
ס׳וועדט צעשאָטן איצט דאָ און צענומען — —
דער „מה טובו אוהליך יעקב״,
דעמלט ווען מיר זיינען אָנגעקומען:

אַ סוכהלע בלויז, פיר ווענטלעך, אָבער
מזוזהלע צוגעקלאַפּט צום ביישטידל;
אויפן קוימען טשאַקעדיק קנאַקעדיק
ברענט אַ פייערל — ס׳„פּריפּעטשיק״ לידל.

אויף רעדל ס׳באַגלייט זינגער־מאַשינדל,
און דער „ציש־ציש״ פון אַ הייסן פרעסל;
מיט געזאַנג פון קינדערלעך אינדרויסן,
הילכט פאַרן פענסטער טאַנצנדיק געסל —

ווי קליין עס איז, אַזוי הויך דער הימל!
אַריין, אַרויס, אַ טרונקל און אַן עסל,

טאַטע ביים „דרעסל״, מאַמע ביים אויוון,
יעדער טאָג פון גאָט אַ געבענשט נס׳ל.

און ווי לייכט מיט ראָזענפעלדס „זונעלע״,
עס טרייבט זיך פליבק „זינגערס״ ניי מאַשינדל ;
אין יעדן פראַכנע צעפּאַלן הייזל,
וואַקסט אויף הייוון אַ דאָקטאָר אַ זינדל.

דאָס געצעלט איצט „ויסעו ויחנו״,
אַן עמוד־ענן־חורבה פון שטויבן,
באַלד אַ געביידע פון שטאָל און אייזן,
צום הימל ארויף הויך אויפגעהויבן.

צענומען שוין ס׳ווערט די לעצטע הייזקע
אַ שטיין אויף אַ שטיין נישט איבערבלייבן — — —
ווער וועט פאַרמעט מזוזות, יידיש לידל,
פאַר די רחבות דירות דאָ נאָך שרייבן ?

## אויסגעגראבענע...

ווי אין שטיינערנע טאָרזאָס, אויסגעגראָבענע,
וואָס אין איין געבליבענעם טיילכל נאָר בלויז,
די גאַנצע הערלעכע שיינקייט, די אַמאָליקע,
מען קען צוריק דערקענען און מען זעט אַרויס —

אין דעם שלאַנקן אויסגעשטרעקטן שטאָלצן האַלדז,
אין די צעלאָזענע ברייטע פאַלדן פון אַ קלייד,
מ׳קאָן דעם פרייען שטערן אירן זיך אויסמאָלן,
אפילו דעם פאַרליבטן באַגלייטער ביי איר זייט.

אַזוי קאָן מען גאַנצע שטעטלעך נאָך דערקענען
אין אַ פּלייצע־קנייטש אַזאַ, אין אַ גאַנג,
מ׳קוקט נאָך, מ׳קוקט נאָך, מ׳בלייבט שטיין
און אַרום האַרצן ווערט אַזוי שטיל, אַזוי באַנג — — — —

ווי אויף די שפּיצן פינגער, נישט אויפצווועקן אים,
מ׳גייט פאַר אַ שלאָפנדיקן קופּידאָ פאַרביי,
אַזוי קוקט מען אויף אַ פאַרבייגעטראָגן קינד,
וואָס אין זיינע אייגעלעך ס׳שלאָפט אונזער וויי.

# דאס שולעכל אין מיין ניובאלד-געסל

(די באַלאַדע געווידמעט אונזערע פאַרחורבטע ווייטשעפּל־געסלעך)

צי נאר בלויז דארטן, אין פוילן און ליטע,
טויזנט און איין שטעטל פארטיליקט, פארשניטן ;
אט־א־דא, אין געסל, אין אייגענעם מיטן,
ווילאנג איז עס, א יאר מיט א שמיטה —

צווישן הייזלעך א שולעכל געשטאנען,
שטילינק און באשיידן, צניעותדיק און הייליק,
און ווען פון דער ארבעט געלאפן ווער איליק,
א בליק געטון, זיך דערמאנט, אריינגעגאנען.

א קדיש, א יארצייט נאך טאטע־מאמען,
עס האט א געטריי הארץ דער גרוי־פאריאכטער ;
א בר־מצווה, א חתונה פון א טאכטער,
און די גאנצע משפחה אין פרייד צוזאמען.

נאך שטייט מיר דאס שולעכל פאר די אויגן,
מיט די רויטע ציגל, דער היימישער בנין,
געבערענגט אים צוזאם מסתם מיטן מניז,
ווען אין געסל דא זיך אריינגעצויגן.

און אונטער די קראקוועס ס׳ברומען די טויבן !
זענען זיי נישט פון דער היים מיטגעקומען ?
אין באגינען, איידער נאך שאריען גאנומען,
שימערן שוין פונם שולעכל די שויבן —

דער פרק משניות, דאס תהלים־זאגן,
דאס צו ווארטן און צו דער ארבעט זיך איילן ;
יעדע רגע אויפן זייגער ממש ציילן,
די תפלין נישט צו לייגן איידער ס׳וועט טאגן.

מיטן עין־יעקב בין מנחה למעריב
גייט אויף ווי ריח־נחוח ס׳גאנצע שטעטל ;
דער שארפער שמעק־טאבעק פון שנופטאבעק־שקעטל
דעם נידריקסטן מכבד, דעם ווייטסטן מקרב —

איין משפחה זיי וואלטן געווען,
ארום טיש אויפהארכנדיק ענג זיי זיצן,
ווי די אויגן גליצן און נייגיריק בליצן —
ווי אקארשט אנגעקומענער בריוו ווער געלעזן:

„פעם אחת, כ׳בין געווען אין א וועג א ווייטן,
„דאווענען אין א חורבה ארייגעגאנגען,
„געביסן געווארן פון גיפטיקע שלאנגען,
„וואלט אליהו הנביא מיך נישט באגלייטן.

„ואמר לי, און ער האט געטון צו מיר זאגן:
„פון דער טורטל־טויב דאס ווארקנדיקע ברומען
„נישט אויפהערן ס׳וועט ביז משיח וועט קומען,
„און דערלייזן די וועלט פון אלע אירע פלאגן״.

זיי הארכן, הארכן, די אויערן זיך שפיצן,
איבער די מידע קעפ קנאַלט עס ווי בייטשן!
אויפצוכאַפּן די זשאַרנעס, די טייטשן,
די האַרטע שטערן שוויצן און זיך קנייטשן.

ערשט ס׳קומען אָן די נאָנטע אלול־וואכן!
דאס היימישע שטיקל הימל איבער געסל,
אין האנט ציטערט דאס צישנדיקע פרעסל,
אין הארץ די דזשאבנדיקע נאדל געשטאכן —

פול ווערט דאס שולכעל שוין מיט א שעה פריער!
די ברענענדיקע ליכטלעך פארן עמוד
עפּעס בלייכער און ציטערדיקער ווי תמיד,
סודותדיק דעם רבינס עין־יעקוב־שיעור:

„טליתדיק פאַרוויקלט הימל און גראָזן —
„גאנצע וועלט אַ שטיק גרוי־פּארגליווערטע אימה!
„דאס מלאכים יחפזון, דאָס געהיימע:
„מן המצר קראתי שופר־בלאזן!

„שוין, דער שטן, חלילה, האלט שוין ביים זיגן,
„פאר אלע־מענטשן אויסשפרייט ער זיינע נעצן,
„טוט זיך גאט דעמאלט אויף כסא־רחמים זעצן — — —״
גאנץ שולעכל וויגט זיך אין א סודות־ניגון —

די ווּיסטע טעג איצט ווען די אלול־טאג קומען:
די שטעטלעך דארטן דער שטן אויסגעראטן!
בלויז ווער שולעכל אין שטויב שקציש־צעשאטן,
שטיקעלע הימל איבער קאפּ צוגענומען?

ווי דעם שול־דאך אין שטעטל די ווילדע ציגן
הפקרדיק צעפּרעסן, שעצקעדיק צעריבן,
קיין שמץ שוין פון גארנישט באַלד געבליבן,
געהיים פארשוויגן הייליק־היימישער ניגון.

א, נישט אזוי שולעכל ווי שטיקעלע הימל,
אז מיר האבן עס נישט געקאנט באהאלטן!
שאטנט עס טונקל אין מיינע שטערן־פאלטן;
ס׳ציט ווי אין א חורבה א שלאנגען־געווימל.

נישט נאר בלויז דארטן אין פוילן און ליטע
טויזנט און איין שטעטל פארטיליקט, פארשניטן;
אט־א־דא אין מיין געסל, אין אייגענעם מיטן,
טאנצט וויסט אין הארץ א קאראהאד פון נישט־גוטע.

## דאס בעז-ביימל אין מיין הייפל

אין ווינקל פונם הייפל, באַהאַלטן און פאַרשעמט,
שטייט אַ בעז־ביימל, אַ בלייכס, פאַרבאָרגן און בלאַס,
דערשראָקן זעט עס אויס, פון ערגעץ־ווו אַנטלאָפן,
ווי ס׳קאָרטשעט זיך, מ׳זאָל׳ס נישט דערזען חלילה־וחס.

טיף ביי זיינע וואָרצל־הערלעך פרעסט עס דער וואָרעם!
און ווען אויף אַ ווייל צווישן זיין געצוויג די זון,
נאָך קלענער עס ווערט, נאָך איינגעקאָרטשעטער בלייכער:
ווו פאַרשטעקט ס׳איז, האָט זיך נישט ווער דערוווּסט דערפון?...

2

אינדערהיים, דאָס בליענדיקע בעז ביימל,
אויפן באַרג אַרויף, פון מקווה ביים אַהיימגיין,
דער טאַטע האָט דערויף אַ ברכה געמאַכט,
האָט עס פרום צוגעשאָקלט און געזאָגט: „אמן״ —

ווען שווער אין זייגע בליטן עס שטייט דער בעז,
כ'זוך דאָ דאָס ביימל, טאַטנס ברכה פלעגט פאַרשטיין,
כ'בלייב שטיין דערפאַר, מיט צעשעפּטשעטע ליפּן,
און עס דאַכט זיך מיר, עס ענטפערט פרום נאָך: „אמן".

## דער געזאַנג פון די שפּערל

ווער קאָן ציילן די צוויט־געצייטיקטע בלעטלעך,
ווען זיי טאַנצן דעם ציטער־טאַנץ אויף די צווייגן,
פּונקט אַזוי די שפּערל אין נעפּל פאַרזאַמלט,
צו זייער „מעפּיל"־געפּרעפּל פאַרן לייגן.

אַזאַ זינג־זאַנג געזאַנג, הייזעריק כאָרכלדיק,
אויף די באַס־צעריטלטע, צעווייקטעביימער,
פון צווייג צו צווייג וואַנדלדיק, געשווינד וואַנדערדיק,
שפּערל צו שפּערל שעפּטשעט שטילטשיק צו, לאמור:

„מיר ציען נישט איבער לענדער, איבער ימים,
רק ליכטיקע פרילינגס צו פליען אָקייגן —
וואָס גרויער די הימלען, אין זיך אַלץ פאַרזינקטער,
געזאַנג־פאַרטערטער, הויך־דערהויבן צו שטייגן.

„שפּערל פליגעלע צווישן נעפּלען עס שאַרט זיך,
וואָלקן־פאַרהילט, פון ווייט־ווו ס'פליט — סוד געהיימער!
ווי וונדערלעך פוך־וויכע בייכלעך דערוואַרמען,
ווינדן־צעוווּנדיקטע פאַרוויאַנעטע ביימער — —"

הייזעריק־פאַררעגנט, נעפּלדיק־פאַרלעגן,
בלויז ווי היימיש זייער געזאַנג און ווי אייגן;
און ווי טרייסט אַזאַ געפּרעפּל פאַרלאָזענע,
ווען גאַנצער אַרום איין מרה־שחורהדיק שווייגן.

## אין א געסל דא

1

ווען דער הימל פאַרווישט זיך אַזוי בלוילעך
און דער אָוונט לייגט זיך גרוי אויפן געמיט,
דער ים מיט קוימענדלעך אויף די דעכער
מיט זון־פאַרגיי אַזוי פיבערדיק פאַרגליט.

פון די שיטערע רויכלעך וואָס ציען זיך
דאָס געסל דאָ ווערט אַזוי בלוילעך שטיל,
ס׳דאַכט זיך אויף איינמאָל אויסעט, מ׳הערט דעמלט,
פון זייער ווייט, די נאָנט־היימישע גריל.

ווי ס׳וואַסערט דאָס אָרום לעפּעלע פונם האַרץ,
פון די אָפענע טירן דער באַקאַנטער ריח,
דער אָוונט לעשט זיך סמוטנע אינם בליק,
אַזוי פּיבריק־ציטריק, אַזוי בלוילעך־בלייך.

ביז צום הימל אויבן אַרויף דערגרייכן זיי
פון די קוימענדלעך די רעדלעך רויך,
און דאָס פּאַרווישטע, דאָס בלוילעך־גרינלעכע,
ווי באַאָטעמט פון לעבעדיקן הויך —

מיטן אין געסל ס׳הילכט שווער אָפּ אַ מידער טראָט,
פון אַ גאַנצן טאָג טרעטן אַ ניי־מאַשין,
און דאָס שטיקעלע הימל הענגט איבער געסל,
אַרויסגעוויקלט בלעטל ביז אַרויף אַהין.

2

שטייט אַ בוימל אויפן שמאָלן הויפל
מיט צווייגעלעך זיינע אַזוי יונג צעבליט,
די אַרויסגעוויקלטע גרינע בלעטלעך
ווי מיט הענטעלעך־ציטער צאַרט באַהיט.

וועלכעס געמיט קאָן דאָס דערפילן
דאָס בלייכע גרין פון אַזאַ בלעטעלע בלויז ?
אָ, פונם פיצעלע הימל איבערן הייפל
ווי ס׳וואַקסט די גוטסקייט אין האַרץ אַזוי גרויס !

אַ גייענדיקן טאָג דאָס רעדל פון מאַשין
און דאָס האַרץ אין האַסטיקן געלויף —
האָט דען אַ גאַנצן טאָג נישט ס׳רעדעלע זון
דעם צוויט געשטעפּט אויפן בוימל אַרויף ?

וויקלט זיך אַזאַ גוטינק שמייכעלע
פון דעם ביטערן־בלייכן אַרום מויל אַרום —
אָ, וועלכעס האַרץ קאָן דאָס דערפילן כאַטש,
דאָס עפענען זיך פון אַ צעקנאָספּעטער בלום ?

שטייט אַ בוימל אויפֿן שמאָלן הויפֿל
מיט צווייגעלעך צעבליט אַזוי פֿריש,
און דאָס סמוטנע שטיבל ווי פֿון צוויט צעשמעקט
פֿונעם היימישן ריח אַראָפּ פֿונעם טיש —

3

אַ מעסטל־זאַלץ, אַ מעסער, אַ טישטוכל,
און ווי הייליק ס׳ווערט אויפֿן טיש ס׳לייבל ברויט!
און פֿון אייגענעם הויפֿל, אויפֿן טעלער,
פֿרישע ראש־חודש־רעטעכלעך היימיש רויט.

אַ גאַנצן טאָג געיאָגט פֿון זיך דעם דעך,
ווי צווישן די פֿינגער דאָס שטעפּנדיקע געצייג!
דערפֿאַר איז שווערלעך איצט ביי געדעקטן טיש
דעם קאָפּ אויסצוגלייכן פֿונעם גענייג.

זיצט ער דאָ מיט שיפֿלעך־מידן רוקן,
דאָס פּנים אַזוי אויסגעבלייכט און שטיל!
און פֿון די טיפֿע קנייטשלעך אַרום מויל
ווייסט זי שוין אַ גאַנצן טאָג וואָס ער וויל.

און אַלץ איז אָנגעגרייט, אַלצדינג איז דאָ,
ווי אויסגערעכנט אויף פּונטל אויף לויט!
און אַ גראָשן תּמיד ס׳זאָל זיין ביי דער זייט,
חלילה ס׳שטרעקט ווער אויס אַ האַנט אין דער נויט.

און ווען אירע גוטע אויגן פֿאַלן שטיל
אויף זיינע צעאַרבעטע צוויי מידע הענט,
ס׳גאַנצע שטיבל ווערט פֿול מיט פֿאַרווישטן הימל,
מיט וויגנדיקן בוימל צעשאָטנט אויף ווענט.

## ס׳פּלאַטער־געפּלאַטער פֿון הויף צו הויף

ווי די קריד־פּלאַנצן אויף די גלאַטע ווענט,
וואָרצלדיק אַזוי מיט בלעטל אויף בלאַט,
נישט זיי בליִען שוין מער, נישט זיי קנאָספּען,
און נישט צייטיקן מיט זאַפּטיקן זאַט.

אַזוי־אָ זײַנען מיר דאָ אין די הײַזלעך.
אָבער ס׳פּלאַטער־געפּלאַפּער פון הויף צו הויף,
איז ווי דאָס פרייד־געפּרוכפּער פון די פייגל,
וואָס הערט אין דעם בלעטער־געפּלעכט נישט אויף.

די פרעמדע שטילקייט ווען זון גייט דאָ אונטער,
די פינסטערניש וואָס לייגט זיך שווער אויפן געמיט —
אַ סאָווע וואָלט געשטאַנען פאַר יעדן פענסטער,
און אַ גאַנצע נאַכט געשוויגן איר סודותדיק ליד.

## פון טאַוער־טורעמל

אַ נעסטל אונטער אַ טורעמל פון טאַוער,
ווי ווייטשעפּל צוגעקלעבט צו לאָנדאָן די שטאָט,
און פון ווו נאָר אַ פויגעלע אָנגעפלויגן,
אַ וואַרעם ווינקעלע עס האָט, אויף גאָטס באַראָט.

דאָס געשוויבל און דאָס געווידמע אין די נעכט,
ס׳געטשעשוויטש ווען אייערלעך ווערן אויסגעבריט גראָד;
אויבן איבערן קאָפּ פלאַטערט דער רויב־פויגל,
און אינעם נעסטל — געטוליעט זיך און געפּאָרט.

„אָ, ווי געוואַלטיק ס׳מוז דאָס זײַן אַזאַ מין כרך,
ברויזעלעך פאַר אַלע עופלעך אָפּגעקשפּאָרט".
שטעלט זיך אַ פייגעלע אויף שפּיץ־טורעם גאַנץ פרי,
און צעזינגט זיך מיט אַזויפיל האַרץ און גענאָד.

דער גערודער, דער געוויש רעדל אין רעדל —
אויף טויזנט־און־איין־ראָד דרייט זיך הינטן די שטאָט!
פאַלט דאָס זינג־פייגעלע פון שפּיץ־טורעם אַראָפּ,
און איבערגעפּאָרן פון אַ יאָגנדיק ראָד.

ווער הערט זיך דאָ צו צו אַ פייגעלע ווען ס׳זינגט,
צו זײַן פלי, ווי הימל הויך, ווי צילעוודיק גראָד.
און ווען פערפאַלן עס ווערט, מען זעט עס נישט מער,
ווער עמען אַרט עס שוין, און וועמען איז עס אַ שאָד?

## א טשוויטשעדיק שוואלבל

1

דאָ אין די געסלעך, גרויע און צעטריפטע,
מיט נעפּלען ווי מיט נאַסע נעצן באַהאַנגען;
אינם פלאַנטער צעקנאָדערט צעקנוילטן,
אַז מיין ליד נאָך ווידער איז דאָ אויפגעגאַנגען.

איבער קאָפּ, די נעצן רייסן כסדר,
די לעכער פאַרצערעוועט קוים צו דערלאַנגען,
אָבער פונם נעפּל אַרויס ווי פון איי־שאָל,
פּיקט זיך שוועלבל אויס מיט צוויטשער געזאַנגען.

2

אַ פּאַפּאַגיי בלייבט אַ פּלאַפּערקע,
און אַ נאַר, דער קאַנאַריק אין שטייגל,
ס׳ציפּט אַ ברייזעלע נאָך אַ ברייזעלע,
ביז ס׳בלייבט איבער בלויז לאָך פון בייגל.

שוועלבל אָבער, פאַרוואָגלטסט נאָך,
זיצט אומעטום אויף צעבליטן צווייגל,
און ס׳לעצטע ליד זיינס עס זינגט נאָך אויס,
מיט פרום־פאַרקוועטשטן, פאַרגלייזטן אייגל.

## אויף דער זייט טעמזע

אַ גאַנצן פאַרמיטאָג אויף יענער זייט טעמזע,
דרייט זיך די זון און קאָן נישט אַהער אַריבער,
ביי יעטווידער בריק שטעלט זי זיך אַנידער
און בלייבט אַלץ אויף יענער זייט דאָרט איבער;

אַ גאַנצן נאָכמיטאָג, דורך פינסטערן טונעל,
שטופּט זי זיך צווישן בוסן און טראַמווייען,
אַ פאַראייטערטע מיט בלוטיקער ווונד,
בלייבט זי ליגן דאָרט אונטערן רעדערדיקן דרייען.

האָט שטאָט אַזאַ מאָדנע מראה גאַנצע טעג,
יענער האַלבער הימל געל אַזש פונם אייטער —
לאַנגע מעת־לעתן וועט עס נאָך מוזן געדויערן,
ביז אַ שיינענדיקע ז'וועט זיך באַווייזן ווייטער.

## טעמזע אין נעפל

נישט שווערע דאַמף־שיפן גייען אויף דער טעמזע —
יענע זעגלען אַלץ מיט שלאַנקן מאַסט אויפגעשטעלט!
די דאַמפנדיקע נעפלען זיי צעפירן בלויז,
אין אַלע זייטן, אין אַלע עקן פון דער וועלט.

נישט פון שיף־קוימענס זיינען די וואָלקענעס רויך —
אַ פאַרנעצטע פיראַטן־פייקע רויכערט זיך שווער!
און די מיטגייענדיקע פולע לבנה אויבן —
אויף אַ מאַסט־בוים די אָנגעצונדענע לאַמטער.

און די סירענעס — פון צווישן כוואַליעס אַרויס
ס'שטעקט אַ וואַסער־הונט אַרויסעט זיין נאַסן קאָפּ;
זיין בענקעניש, אין דער צענעפלטער שטאָדט,
צעוואָיעט זיך מיט אַזאַ ווייאיק־תאוהדיק געסאָפּ — — — —

## פערד אין נעפל

מרה־שחורהניקעס, שוואַרץ־באַוואַקסענע,
מיט שווערן געטראַט, פאַרחושט־געלאַסן,
גרויסע אַזעלכע פאַר געלאָדענע וועגן,
פון זייער גאַנג ווערן שטיל די גאַסן.

נישט ווי אין וועגענער איינגעשפאַנט זעען זיי אויס —
גלייך זיי וואָלטן גלאַט אַזוי זיך געגאַנגען!
און מיט זייער מיושבדיקן ברייטן טראָט
דעם פאַרנעפלטן־טומל דאָ פאַרשטאַנען —

ווי בלייערדיק שווער ס'הענגט דאָס דער הימל,
אָט־אָ וועט ער אין דעם געריש דאָ איינברעכן,
ווען נישט וואָס זייערע לייבער האַלטן אים אונטער,
מיט זייער געלאַסענעם איין־און אויסדעכן.

ווי זיי קוקן דאָס אַזוי פּאַרתּמט און גוט
מיט די בלוי־פּאַרנעפּלטע שוואַרץ־אַפּלען,
אַז דאָס אייגענע האַרץ ווערט אַזוי נאָנט,
און שטיל אין זיין כּסדרדיקן אויפצאַפּלען.

און דער גאַנצער נעפּל אַרום דאַ און אַרום
צי קומט ער דען נישט פון זייערע צעדאַמפּטע לייבער — —
אַזוי היימיש־באַקאַנט, אַזוי נאָנט ס׳ווערט,
צומאָל יענער אויבן מיט דער בייטש, דער אַנטרייבער.

## צו א בוים אין נעפּל

(סאָנעט)

אַז מען קען נישט אַ זון אין זיך אויסקרייזן, —
אויפגייענדיק האַרץ מיט פרייד און מיט מוט! —
און נישט איבער אייגענעם ביסל בלוט,
איבער מוטנע ריטשקעלע אַריבערשפּרייזן,

אויב מען קאָן נישט דאָס־אַ האָפערדיק באַווייזן,
איז אונטערגאַנג אַלצדינג וואָס מען טוט — —
פאַרנעפּלטע ווערטער בלויז, „גאָט" און „גוט",
„גאולה" און „ליבע" און „מענטשן דערלייזן".

זע, עס וואָרצלט בוים אין פינסטערער ערד,
און שטיל ער וואַרט ביז זיין ער ווערט די ווערט,
ליכטיק זון צו טראָגן אין זיינע בליטן.

שוויס באַגאָסן שטרעקן זיך די צווייגן,
דורכן נעפּל צום הימל צו שטייגן,
און שטיל זיי הענגען פאַרשוויגן און צעליטן.

## פון נעפּל ארויס

1

נאָר די איינציקע לינדע בלויז קאָן מען נאָך זען
און אין איר וואָסערדיקן צופוסנס איר שפּיגל־בילד,
און פונם נעפּל אַרויס דאָס ווילדע מעוו־געשריי
פּלאָטערט הייזעריק צעשריגן מיט זיין תּאוהדיקן ווילד.

פון דעם גאַנצן מיליאַניקן אַרום דאָ און אַרום
קוים דיך אַליין נאָך איך קאָן נאָך דערזען,
און אין מיין בלוט, מטושטש פאַרווישט און צעמישט,
ציטערט פרעמד דיין פנים מיר, מיט ווילדן געשען.

ווי מוראדיק פאַרשוויגן ס'איז דער גאַנצער אַרום,
נאָר דאָס ווילדע געשריי ווערט אויף אַ רגע נישט שטיל — —
דעם קאָפּ פון דער לינדע קוים נאָך צו זען,
און דיינעם פאַרוויקלט פאַרקנוילט אין טיולן־געהיל.

2

אַזוי דייטליך צום דערשרעקן איז דיין פנים איצט,
ווי דאָס רעדעלע זון וואָס קוקט פון נעפל אַרויס,
כאָטש אויסשטרעקן די האַנט און זי אַראָפּנעמען!
און דאָס פרעמדע אין דיין פנים ווי נאָנט ס'זעט אויס —

אַרום מויל דאָס איינגעשניטענע אַלץ טיפער נאָך,
און דאָס בולטע אינם בליק אַזוי פאַרשוויגן קלאָר;
איז דער גאַנצער אַרום און אַרום נישט איינגעהילט
אינם נעפל פון דיינע צעפלאָכטן־צעפּאָכטע האָר?

דעם קאָפּ פון דער לינדע אויך שוין מער נישט צו זען,
ווי אַ מאַסקע האַלט איך דיין פנים אין מיינע הענט,
אַ מטושטש צעמישטער, עס אָנצוטאָן איצט מיר!
פון קיינעם, צומאָל פון דיר, נישט צו ווערן מער דערקענט.

### 3. זון אין נעפל

דער גאַנצער מיליאַניקער אַרום דאָ און אַרום
צינדט זיך און לעשט זיך אין פאַרווישטן פאַרהוילן,
פאַר יאַגנדיקער רעקלאַמע אַ גרויע וואַנט
איז שטאָדט צעוויקלט אין נעפּלדיקע קנוילן.

ס'געררויש הינטן אין דעם צענעפלטן אָן אויפהער,
אויפגעשטויבט געיעג פון צעווילדעוועטע רעדער!
איז מענטש אפשר אין דעם פאַרפּלאָנטערט צענעפּלטן מיטן
בלויז צוקנדיק פאַרוויקלטע שפּרענזינע־פעדער?



10

ס'איז דער גאַנצער מיליאָניקער אַרום דאָ און אַרום
אַ ליכט־רעקלאַמע, וואָס הערט נישט אויף צו לויפן!
און די זון אַן אָפּגעריבענע קופּערנע מטבע גאָר
קוים נאָך גילטיק מיט איר עפּעס איינצוקויפן?

4. אין צענעפּלטן מיטן

נישט די זון איז עס מער אין דעם צענעפּלטן מיטן,
אָזאַ ליכט־סיגנאַל, וואָס לעשט זיך און ווערט אויפגעהעלט!
נישט צעפּלאַטערט'ס מער אין מיר און ווילד צעשריגן —
אַ זינגעדיקער בעטלער אויף ראָג־גאַס אַוועקגעשטעלט.

פאַר די מעוועס אַרום, צוגעוואָרפנס צו צעפּיקן,
ס'איז דער גאַנצער מיליאָניקער אַרום דאָ און אַרום!
ניין, נישט פאַרהוילענער ציטער מער צווישן מיר און דיר,
דאָס ווילדע פאַרבענקטע צעריסן שוין און שטום —

נישט איך, נישט דו — אין גאַס־צופוסנס, בלאַס־צעשפּיגלט,
צווייַ לויפנדיקע רעקלאַמעס וואָס לעשן זיך אויס!
מיין בלוט אין מיר צינדט זיך פינסטער פאַרצאַנקט,
מטושטש צעמישט אין דעם פאַרהוילענעם געברויז.

## נאָוועמבער-טעג

נישט בלויז איבער די שויבן גאַנצע טעג,
דער רעגן רינט שוין פון מיינע אויגן אַראָפּ;
אַזש פאַרוואַסערט געוואָרן און מאַנטנע,
מיין קלאָרע טרער, מיין לעצטער געבליבענער טראָפּ.

נישט דרויסן פאַלט עס אָנאויפהער אַזוי —
פון מיין געפּאַלענעם בליק אויסגעקרימט און שיף!
ווי מאַנאַטאַן רינט דאָס בלוט אין מיין האַרץ,
חלב־טראָפּן פאַרגליווערן טרייף, אין געטריף.

איין שטראַל בלויז פון דער זון, ווען עס גייט אויף!
איין וואַרעמער בליק פון אַן אויג, עס וואָלט געניגט — — —
באַלד וועט ער אויפגיין דער גרויער נעפּל
ווי שווער־פאַרגליווערט אויף די אַפּלען שוין ער ליגט.

## אין נעפּל

1

פון נעפּל אַרויס צעהירזשעט זיך אַ פערד
און קומט אויף גיך, ביז צום טייכל געלאָפן,
זיין אייגענע מאָרדע וויל עס דערזען כאָטש — —
איבער אַ שפּיגל מיט אַטעם איבערלאָפּן,

הויבט עס כסדר דעם פאָדערשטן פוס אויף,
און שאַרט און ווישט מיט דער אייזערנער פּאָדקאָווע.
און זיין געהירשע ווערט אַזוי יאָמערלעך —
אינמיטן נאַכט אַן אויפגעשריגענע סאָווע !

2

ווי שטיל עס שטייט דאָס דער בוים, ווי אויסטערליש,
אַז ער דערדריקט שיעור מיט זיין קאַלטן שווייגן ;
אַ מרה־שחורה׳ניק מיט פאַרקראַמפּטע הענט,
הענגען אַראָפּ זיינע אויסגעצערטע צווייגן.

זעען אַלעביימער אויס אַזוי אַצינד,
אָדער נאָר דער וואָס שטייט פאַר מיין פענצטער דרויסן ?
אַריינבליקנדיק אין מיין סמוטנעם שטיבל,
און דערזעענדיק מיך פאַרלאָזט און פאַרשטויסן — —

3

אַ קאָטער אַזאַ, דערשראָקן געהויקערט,
קאָרטשעט זיך מיין רוקן קאַלט און געבויגן ;
קריכט אַרויף אויף מיין שויס דאָס קעצל,
קוקט מיט אַזויפיל גוטסקייט מיר אין די אויגן —

אין דעם גרויען שוואַרץ־געדיכטן נעפּל אַצינד
דאָס ביסעלע גרין אין די צעשטראַלטע אַפּלען !
און לעצטער צאַפּל אין מיין פאַרלאָשן האַרץ,
הויבט ווידער אָן אויפצוצאַנקען און צו צאַפּלען.

## דער שוואַן

און פּלוצלינג צעפּאַטשט אַ שוואַן די פליגל,
און נעמט שניידן די לופט מיט בייזן ירגזון ;
אַזאַ עקל עס האָט אים אָנגעכאַפּט צו זיך,
און צו די ברעגעס אַרום מיט זאַטע גראָזן.

ווי צעוואַקסן ער איז, ווי געצוואָגן זויבער,
פּאַשעט זיך, רק וואַשט זיך און קוקט אינם שפּיגל;
דעם האַלדז יאָק דעם האַלדז, הלמאַי זיינע לאַפּעס,
בלויז צו וואָס טויגן אם נאָך די גרויסע פּליגל?

אָבער מיט אַזאַ פּעמפּיק, אַזעלכע פּולקעס,
ווי ווייט, ווי הויך מ׳קאָן שוין מישטיינסגעזאָגט גרייכן — —
און מיט נאָך אַ רציחערישערן ירגזון,
ס׳לאָזט זיך אַראָפּצוריק דער פרישט פון די טייכן.

## „לאנדאנער פאגע"...

עס שפּיגלען זיך צעשווומען אין דער טעמזע שוין,
די שפּיצן פון וועסטמינסטער און פון ביג־בען;
דער פּאַרלאַמענט, וואַקלדיק, פּאַלט שווער אויפן קאָפּ,
זע, די משקולת קוים האַלטן נאָך ער קען.

מיט אַ מין געברום צעשטורמען זיך די כוואַלעס,
אַז אַט־אַט און אַלע דריי פּאַלן שיעור אום;
אין איר שווער־שוואַרצן שאַל הילט זיך די טעמזע איין,
צו דער וואַנט דעם שפּיגל זי דרייט שוין אַרום.

ווי שטיל. ביג־בען נישט די שעה, ס׳לעבן זאָגט ער אָפּ,
און דער וועסטמינסטער־גלאָק, נישט צו אַ חגא,
ווי צו אַ יציאת־נשמה איצט קלינגט ער — — —
אַ טרער בייסט שווער פון אויג אַרויס — די פּאַגע.

## ציענדיקע קאַשמאַרן (באַלאַדע)

1

ס׳איז נישט דער טומאַן, וואָס הייבט זיך פון וואַסער אויף,
באַהענגענדיק ווי מיט פיש־נעצן די בריקן,
עס איז גיכער און אַ סך מער גאָר דער בעפּל,
וואָס פּאַרציט מיט גרוילעכן הויך מיינע בליקן.

אַרום די פליענדיקע שפּין־געוועב פּעדים —
פּאַרצערעוועטע־נעצן־געפּיקטע־„אויגן"!
ווי די צערעוועטע ווילדע מעוון מחנות,
הייזעריק־רציחיש, זיינען אויפגעפּלויגן!

און אויף באַנק דאָ, שפּין־פֿאַרפּלאָנטערט־לייב־און־לעבן,
אַז ווער האָט עס נויטיק און קאָנ׳ס נאָך באַדאַרפֿן ?
אַ מין צעשאָטענער צעפּוילט־צעריסענער נעץ,
איבער אַ בריק ווו דאָ אַריבערצוואַרפֿן.

עס איז נישט נאָר דער נעפּל איבער דער טעמזע,
און דער גרויער שלייער שווער אויף מיינע בליקן,
אַ סך גיכער די שטיל־ציענדיקע שיפֿן,
וואָס פֿאַרשווינדן אַזוי גיך אונטער די בריקן.

2

טרויריק, מרה־שחוריק, שלעפּן זיי זיך פֿינסטער,
ביז זיי ווערן אין ווייטן גרוי ווו פֿאַרלוירן,
און געוואַלטיק אַזעלכע, שווערע העלפֿאַנטן,
אויף אַנדערער זייט, דאָס פֿערטייעטע הוירן.

פּלוצלינג לאָזן זיי אַרויס די לאַנגע נעזער,
שנויצן־וואַסער צו שעפּן מיט אַזאַ שנאָרכן,
כ׳צאַפּל אויף דערשראָקן, מיט נאַכט אָנגעגאָסן,
און מיין פֿינסטערער שריט פֿאַרלוירן נעמט שאָרכן.

טויטע טאַוער־ריטער פֿערזשאַווערט געפּאַנצערט,
קלינגען אויף אין ווינד די פֿערוויאַנעטע ביימער,
הינטער מיר כ׳הער הירזשנדיקע פֿערד שוין סאָפּן — —
אַ געיאָגטער כ׳ווער פֿון אַ שרעק, אַ געהיימער!

שוין שפּיר איך די שפּיזן, די קאַלטע שטייפֿע פֿינגער,
אין אַ גרוב דא ווו זיי ווילן מיך פֿאַרשלעפּן;
דער גרויל וואָס גיסט שאַרף־שפּיציק איבער מיין רוקן,
פֿון בלאַנק אויפֿגעהויבענער האַק מיך צו קעפּן —

3

טיף אין מיין נאַקן איך פֿיל אים שוין — דעם יעשיען!
בלוטיקט נישט אויס אַ שטאָם מיט בלעטער וואָס וויאַנען ?
דאָס שאָרכן אין מיין האַרץ כ׳הער נישט אויף צו האָרכן,
אַ פֿאַרוויאַנעט בלאַט, ווען שריט איבער אים שפּאַנען.

ווי חשוון־וואָלקן וואָס וואָגלט שווער און ווייט ווו,
שוועבט עפּעס אַזאַ שווער׳ס איבער מיינע אויגן;
כ׳וועל דיך מער נישט געפֿינען, האַרץ מיין פֿאַרלוירנס,
וויפֿיל מיין קאָפּ זוכנדיק נישט אַראָפּבויגן —

צווישן די האַלב־נאַקעטעביימער אין נעפּל,
מיין קאָפּ פליכיק און גרוילעך שיפּער און טיפער ;
עפּעס אַ מין עפּל־געריוויטל גייט פון זיי,
אין מיר, ווערעמדיקט — פון אַלט־ווערן אַ ציפּער —
— — — — — — — — — — — — — — — —

נישט קאָשמאַרן הייבן זיך פון וואַסער אויף,
נישט ס׳פאַרשווינדן פון שיפן אונטער די בריקן ;
נישט דער חשוון־טאָג — דער חשבון פון מיינע טעג !
ס׳ציט זיך שוואַרצער־שטריך שוין אונטער מיינע בליקן.

## די טעמז

תמיד, ווען פון דער טעיט־גאַלעריע איך קום אַרויס,
מיט אויגן פאַרגאָסענע מיט חלום און בילד,
איז זי דאָס דערפרישטע אין מיין פערחלשטן בליד —
פאַרבליפּט־געפּינקל מחיהדיק מיך אָנפילט !

אין דער ערשטער רגע כ׳וויל דערקענען פון וועמען,
מיך דערמאָנען דאָס יאָרהונדערט, דעם נאָמען, ווער ?
פאַרחלומט־פאַרבליפּט איך שטיי, יעדן ניואַנס כ׳זאַפּ איין —
אַליין אַ „וואַסער־קאָלירל״, אַ „וואַלער״ כ׳ווער.

ווי עס רינען די פאַרבן איינס אינם אַנדערן,
ס׳מישט זיך אַזוי לויטער־קלאָר קאָליר אין קאָליר ;
פלעכל־פעלטל, פלעקל־פינטל, מינדסט פּינזל־שפּריצל
מיט צאַרטן־ציטער איבער גאַנצן גוף איך שפּיר.

ווי וווּנדערלעך־באַוועגלעך ווייטן זיך די ווינקלען,
וויסט־געוויג, ווי אויסגעוויגן פון וועל צו וועל — —
און כ׳ווייס, דערקענט : „כי מעולם ועד העולם״ —
דער באַשעפער ! און פול הכנעה כ׳שטיי אויף שוועל.

## טעמזע — אין אפפלוס און צופלוס

נישט אַ פיבערדיק־נערוועזע ליכט־רעקלאַמע,
און נישט פון אויטאָס אניאָגנדיקער שיין —
די יונגע לבנה וויגט זי איצטער איין,
לוליעדיק צוגעטוליעט צום האַרצן סאַמע ;

ס׳איז די טעמזע אַזאַ שטילנדיקע מאַמע,
ביי פולער ברוסט איר געשטילט צוואַנגדיקס ריין!
נישט פון שטערן דער אויפלויכטנדיקער שיין —
די גאָלדן־צעגלאַנצטע קנעפּ פון איר פּידזשאַמע.

אַ פּאַרמאַטערטער פון אַ גאַנצן טאָג מי
איז דער כרך אַוועקגעפאַלן מיט געשנאָרך,
און זי, מיט בליקן פול בענקנדיק געהאָרך,

וועט אַזוי וואַכן ביז אין גרויען אינדערפרי,
אַז נישט אויפשרעקן ס׳זאָל מיט וועקנדיק געוויין
ביי איר פולער ברוסט איר שלעפערל קליין.

## די ווייטשעפּל פּלאַטאַנען

ווער זעט זיי די פּאָר פּלאַטאַנען ווען זיי בליען,
ווען זיי צעוואַקסן זיך אויף די טראָטואַרן,
עס איילן די באַסעס, די מענטשן נאָך שנעלער — —
און זיי פון הימל די כמאַרעס אַראָפּשאַרן.

אייליקע אויגן צו זיי הייבן זיך אויף ערשט,
ווען די בלעטער אונטער די פיס מ׳הערט שוין שאָרכן;
נאַקעט און בלויז אויפשוידערנדיק און פאַרשעמט,
שטייען זיי זייער באַוווּנדערונג צו האָרכן.

ווער זעט דעם הימל ברייט איבער דער גאַס דאָ?
אָבער ווען די נעפּלען הייבן אָן צו בליען — —
שוואַלבן, ווייס־בייכלדיק — ברייטע פּלאַטאַן־בלעטער,
פול „פאָג״־געדרוך, אין אַלע זייטן צעפליען.

## פּלאַנטאַנען אין נעפּל

אַרויסשטאַרטשענדיק פון דעם קאַלטן גרוי,
אָפּגעשיילטע, קנאָכיקע און האַרט,
שטייען די פּלאַנטאַנען ווי סקעלעטן,
מיט טויטן פאַרשטיינערטן געוואַרט.

האָרן זיי אויף שיטנדיקן שניי,
אויף איינהילנדיק סובותדיקן ווייס,
אָדער יעדער איינער פאַרשטייפּט נאָר אַזוי,
אַן אויסגעצערטער גיכטיקער גרייז,

פּאַרקוקט ווייט־פּרעמד, אין זיך נישט־דאַאיק,
רואיק אין זייער טרוקענעם געביין?
איבער דעם צעטומלטן אַרום דאָ
אַזוי דערהויבן קאַלט צו קענען שטיין — —

אונטערן אַספאַלט זייערע וואָרצלען,
דורך קאַלטן גרוי זיי שפּירן די זון,
אַזש דער גאַנצער צענעפּלטער אַרום
ווערט אַזוי שטיל דערהויבן דערפון.

## א זונטיק פרימארגן

ס׳איז נישט דאָס גלאָקן־שפּילן פונם „סאַנט־פּויל״,
ס׳איז דאָס וואַרטן דעראויף אָ גאַנצע וואָך,
וואָס מאַכט די זונטאָגס דאָ אַזוי גוט און שטיל,
מיטצוציילן פון האַרצן יעדן שטילסטן טיאָך —

ווי אויף אַ דאָרף מ׳וואָלט מיטאַמאָל געוועזן,
שעפּסן סטאַדעס קומען אָן מיט גלעקל־געקלינג!
און פאַראויס איינס, אַזאַ טוליענדיק פאַרשייטס,
ווי פון דער ביבל אַרויס ס׳וואָלט געגעבן אַ שפּרינג — —

האָרכנדיק־פאַרגאַפּטע, וווּנדערלעך פאַרשוויגן
שטייט דער גאַנצער, דער צעטומלטער אַרום,
די בענק מיט אַלע קלאַפּנדיקע שרייב־מאַשינעס,
אפילו די פּליט־סטריט מיט איר קייבל־געברום.

און ווי דער פאַס הימל צווישן די הייזער־שורות
פון אַ טערנער־פינזל געמאָלן, אַזוי צאַרט,
איז יעדער פאַרבייגייער פרום אַרויסגעקומען
פון אַ זילבערן איינגערעמט בילד פון האוגאַרט.

# די באלאדע פון די דריי טאנצנדיקע טויבן אויף ווייטשעפל

פערד־און־וועגן איבער גאַס דאָ נאָך געצויגן,
געקומען ס׳וואָלטן שוין פייגל אָנגעפלויגן ;
זינגענדיק געפלאַטערט אין די הימלען אויבן,
פון פערד־אָפּפאַל די קערנער אַרויס צו קלויבן.

און וואָלטן קיין נאַכטיגאַלן דאָ נישט געזונגען —
פון רינשטאָק צו רינשטאָק כאָטש שפערלען געשפרונגען !
צווישן פערדישע פיס פאָדקאָוועס באַשלאָגן,
לערנען זיך קריגנדיקע פייגל פאַרטראָגן.

ס׳שטיקעלע מחיה אַז מען האָט נאָר געפונען,
איז בעפלען, איז רעגן, איז הימלען אָן זונען ;
ס׳קאָן פייפנדיקסטע בייטש קיין פייגל פאַריאָגן,
ווען הירזשענדיק פערד שפאַנט פריידיק פאַר וואָגן.

עס פאַרען די פעלן, די גריוועס צעבלאָזן,
די ביוכענדיקע נאָזדרעס — לאָנקעס מיט גראָזן ;
זינגענדיק שפרינגענדיק — פייגל אָנגעפלויגן !
אַרום די צוויי אויערן דורך כאָמעט געצויגן.

יאָגט אָבער פון פריען באַגינען ביז שפעטלעך,
אַ שפינגע דעגינגע פון בלעכלעך און דרעטלעך
גאַס דאָ — יענער קופערט וואָס ריטשט זיך אויף רעדלעך !
און דער שד וואָס שטופט אים, ער שטינקט אַזוי שעדלעך.

קאָכעדיקער ליאַרעם, פאַרעדיקער טומל — —
פעלן בלויז נאָך אויס דאָ פייגלעך צום רומל ?
נאָך אײדער פון די רעדער איבערגעפאָרן,
פונן בענזין געשטאַנק שוין זאַדושעט געוואָרן.

נאָר באַגינען נאָך אײדער עס נעמט שאַריען,
פליען דריי טויבן דאָ אָן, אַן ער מיט צוויי זי׳ען,
זיי קומען אָן פון דריי זייטן, פון דריי ליקן,
און נישט פונם רינשטאָק דאָ עפּעס צו פיקן —

אויף טראָטואַר אין ערשטן זונען גלאַנצן,
אויף גאַנצער ברייט אַ „ברוגז־טאַנץ“ אויפטאַנצן !
אַ רעוורענץ פון פאָראויס׳ן און צוריק׳ן — —
די רחבות, די ווייט, קיין ענד נישט צו דערבליקן.

און ס׳וועלן נישט דעריאָגן טויזנטער רעדער,
נישט די קוימענס — קיין צוים, די בריקן — קיין גדר;
אויף פלינקסטע לויפנדיקע בענדער און בענדלעך,
איין איינציקן זון־אויפגיי — אַזוי אומענדלעך.

שטילקייט — פאַר ליאַרעמדיק־פלאָנטערדיק געוויקל!
אויף אַ פאַרקעט, אָן אַ פּאַפּיראָסן־שטיקל,
אויף דעם פלאַסטער דעם פרישן אויסגעקערטן,
די צוויי טויבן טאַנצן מיט זייער באַגערטן.

אַזאַ ליבע־מינוטע פון קידער־ווידער,
מיט צאַפּל אין האַרץ און שטילקייט אין די גלידער,
אַ זיך דערוויטערן, אַ זיך באַגעגענען,
אָט איז ווידער די זון און אָט גייט באַלד רעגענען.

דאָס שלאַנקע בויגן, דאָס טוליענדיקע נייגן,
אויף אַ זייטל דאָס קעפּלדיקע זיך לייגן,
אָבער מיטן, אין וואָרקנדיקן ענטציקן,
די צוויי מאַניקעס אין פענסטער זיי דערבליקן.

צו הייליק באַמערקט ווערן פון וועם אינמיטן!
פלינק ער קוק זי אָן: זע, נעמט נישט זון זשאַרנעס שיטן?
און וואַקלדיק־פאַרשעמט צום רינשטאָק זיי לויפן,
מאַכנדיק זיך פיקן פונם קערנער הויפן —

אויפן זייד פון די פליגל שאַריען גלאַנצן,
אין די פיסלעך דער ציטער נאָך פון טאַנצן,
פליען זיי פלינק אָפּ איידער ס׳רודערט דער טומל,
זיי וועלן דאָך נישט אויספעלן דאָ צום רומל...

אין אַ גאַס אָן אַ גרעזל און אָן אַ בלימל
וואָסער פּנים דריי טויבן קרייזן אויף הימל.

## די פרוי מיטן הונט

ווי פאַרטראַכט, ווי שווער ער גייט,
ווי באַדאַכט ער שטעלט יעדן טריט;
ניין, נישט זי פירט אים דאָס אויס,
ער גייט און זי גייט מיט אים מיט.

אַז מען גייט אַזוי פאַרטראַכט,
מוז דאָך דער געדאַנק זיין גאָר גרויס;
גיי איך זיי שריט פאַר שריט,
און פיל: כ׳גיי פון מיר אַרויס.

ווי וייט, ווי ווונדערלעך גוט,
גיי איך נאָך דעם הונט, צי גאָר איר?
אַזוי צו גיין טיף־באַדאַכט,
בלויז ווען מען גייט אויף אַלע פיר.

און ווער עס זעט דיביידע,
און מיך, דעם דריטן, נאָך זיי גיין,
קוקט אונז דריי וווּנדערלעך אָן,
און אליין־פאַרטראַכטער בלייבט שטיין.

## אַ זומער־פּייגעלע אויף ווייטשעפּל

ווי אַזוי דאָס זוניקע פֿאַרביקע זומער־פּייגעלע
פּלאַטערדיק אַהער דאָ איז אָנגעקומען?
מסתּם אַן אָמניבוס וואָס פֿאָרט אַ פּאַרק פֿאַרביי,
מיטציִענדיק מיט זיך עס מיטגענומען:

אַ קאָלירטע רעקלאַמע, אַ שרייענדיקע,
האָט עס פֿאַרטוישט מיט קנאָספּענדיקע בלומען,
אָדער אַ דאַמע וואָס איז אַריין אין אַ באַס,
באַגאָסן מיט שמעקעדיקע פֿאַרפֿיומען.

און איז עס נישט פֿון אַזאַ גרויסן בינען־שטאָק,
פֿונם באַס אַרויס דאָס רוישן און זשומען?
אַזוי איז דאָס זוניקע זומער־פּייגעלע
אַ פּלאַטערדיקס אַהער דאָ אָנגעקומען.

בלאָנקעט עס צווישן די בוידן און די שילדן
פֿונם שטויביקן געשטאַנק ווי באַנומען;
נאָך איידער איין דריי זיך טון אַרום דער זון,
וועט עס אין רינשטאָק דאָ ליגן פֿאַרקומען.

## אַ פֿאַרבלאָנקעט שניידעריש קעצל

אָ, דאָס קעצל מיט די צוקנדיקע אויערן,
מיט דעם רויטן נערוועזן ביוכנדיקן נעזל!
יעדער שאָרך, יעדער ריר — אַ לויפֿנדיק מייזל,
פֿאַר יעדן שאָטן, אויפֿגעציטערט מיט לויערן!

פֿון שטיקלעך „יתור" מיטגעבראַנגט פֿון שטעטל
איז צוזאַמגעדזשאָבעט דאָס דינע פֿעלעכל,
מיט געבליבענע פֿאַסטריגעס פֿול איז דאָס מיילעכל,
די לאַפּקעלעך — קניפּלעך פֿון אַ פֿאַרטאַטשנע נעטל!

פֿונם רבינס שטריימל מיט די זילבערנע האָר
איז דער כּסדר זיך קנייטשענדיקער שוואַרצער עק,
און אויפֿן רוקן דער גרויסער געלער פֿלעק

פונם קצינס סאַמעטענעם כאַלאַט אפשר גאָר — —
ס׳גאַנצע שטעטל שטייט מיר דאָ פאַר די אויגן!
ווי נערוועז, ווי צוקנדיק, ווי אויסגעצויגן.

## נאָר נחת פון קינדער, גאַטעניו

(באַלאַדע)

1

ווען זיי זיינען אַהער אָנגעקומען,
אַלצדינג געווען דאָ אַזוי פרעמד,
אַצינד איז אַלץ אַזוי נאָנט און אייגן,
ווי אויף לייב דאָס אייגענע העמד.

מיט זיין שווייס אויסגעקנאָטן די ערד דאָ,
און מיט אירע טרערן — זיין ווייב!
יעדעס געסעלע, יעדעס ווינקעלע,
שמעקט איצט מיט לייב פון זייער לייב.

איבער דער בריק ווינען די דריי טעכטער,
דער ייגנסטער זון אין אייגן הויז;
ווען ס׳עלטסטע אייניקל קומט מיט דער קאַר,
און נעמט די באָבע־זיידע אויס,

קוקט זי לאַנג אים אָן איידער זי קושט אים:
„זעסט דאָך אויס אינגאַנצן ווי ער" — —
און ווען די באָבע כאַפּט ס׳אייניקל אַרום,
ווישט זיידע זיך אויס פון אויג א טרער.

ווען זיי זיינען אַהער אָנגעקומען,
אייזן ברעכן האָט ער געקענט;
און וואָס האָט זי נישט אַלץ אויסגעאַרבעט,
מיט אירע צוויי גאָלדענע הענט?

דורך לאַך פון נאָדל אַדורכגעצויגן,
זיי האָבן זייער לעבן דאָ:
איינגעפּעדעמט אַ שוואַרץ־גלאַנציקן דרים,
איצט איז ער פאַרבלאַקעוועט גראָ.

אַרויס באַלד ציט זיך ווייסע פּאַסטריגע,
קוים נאָך עס האַלט ביידע צענויף;
וואָס ווערט דען פון שטאַרקסטן דרים־פּאָדים,
ווען קניפּל קניפּט שוואַך זיך שוין אויף?

2

מען מוז שוין זיין שטאַרקער פון אייזן,
70 יאָר ביים פּרעס־אייזן אויסצוהאַלטן;
קנייטשן פּרעסט מען זיך אין פּנים איין,
און אין פאַרטראַכטן שטערן טיפע פאַלטן.

אַז מען ווערט 75 יאָר,
און אין האַנט אַ נאָדל מען מוז נאָך האַלטן;
ווי זי ציטערט ביים איינפעדעמען,
שוין אַ ביסל צו שווערלעך פאַר אַן אַלטן.

די שוואַכע אויגן דינען נישט מער,
פּאַסטריגעס צו ציען, אַ קראַק צו שפּאַלטן;
וואָס גיט מען אַן אַלטן שוין צו טון,
קאָן מען צעבלאָזן אַן אייזן, אַ קאַלטן?

קורץ איז דער אָטעם, אָפּגעהאַקט שווער,
קוים אים צו האַלטן מיט כל־האַגעוואַלטן,
און ווו נאָר מען קערט זיך מען זעט אים,
דעם אָפענעם קבר אַן אויפגעפּראַלטן.

אָבער אַז מען ווערט 80 שוין אַלט,
און נאָך כוח צו דזשאָבן אַן אַלטן פאַלטן!
ווי ווויל און ווי גוט ווער ס'איז זוכה,
אויף דער עלטער אַליין זיך אויסצוהאַלטן.

און נאָך פון געהאַלט, פאַר שפּעטער,
די אַלטע קאַרגט קניפּלעך אָפּ ווו באַהאַלטן,
און אויף טלית פאַר אור־אייניקל,
ווען מען וועט אם־ירצה־השם דערביי האַלטן.

נאָר נחת פון קינדער, גאָטעניו,
און ביזן טויט אונטער אייגענעם באַלטן —
מען מוז שוין זיין שטאַרקער פון אייזן,
מיט דער אַלטער 80 יאָר אויסצוהאַלטן.

3

ווי אונטער דער חופּה וואַרט ער אויף איר,
דרויסן אויפן הייליקן פעלד;
ווי די פיר שטאַנגען, שטייט די מצבה
פאַר זיי ביידע שוין אויפגעשטעלט.

גאָלדן ווי פונם חתונה־בריוול,
שײַנען זייערע נעמען אַראָפּ;
האַלט ער נישט זיינע צוויי גאָלדענע הענט,
בענשענדיקע איבער איר קאָפּ?

אפילו אַ קדיש־זאָגער נאָך איר
האָט ער ביים לעבן נאָך באַשטעלט:
קאָן מען זיך דען פאַרלאָזן אויף קינדער,
אין דער איצטיקער בייזער וועלט?

ווען איר איז נישט גוט, כאַפּט זי זיך אַרויס
צו אים אויפן הייליקן אָרט;
חלילה, זי זאָל זיך אַרויסכאַפּן
אויף די קינדער מיט אַ שלעכט וואָרט.

אלול קומען די קינדער מיט איר מיט,
יעדעס איינס אַ „מלא" באַשטעלט;
זעט עס נישט אויס ווי אויף אַ חתונה,
דרויסן אויפן הייליקן פעלד?

אין זיינע לעצטע טעג די תכריכים
האָט ער נאָך פאַר איר אויפגענייט;
אַהינפירן צו אים מ'וועט זי אין זיי,
ווי אין זיידענעם חופּה־קלייד.

איז עס נישט דער טוליענער שלייער שוין,
וואָס גרוי אַזוי איר בליק פאַרשטעלט?
אונטער דער חופּה וואַרט ער זי אָן דאָרט,
דרויסן אויפן הייליקן פעלד.

ערשט געענדיקט און שוין ווידער אנגעהויבן,
כסדר אזוי חוזר־חלולה, אן אויפהער;
א שפּארע, ווייסע באָרד מען קאַן צונויפשטעלן,
די האָר, אריינגעפּאלן אין ש״ס, צעלערנטן,
ביים איינבייסן תוספותלעך, הארבלעך־שווער.
זאגן בלאַט נאָך בלאַט בעל־פּה אין הימל אויבן,
גייט ער אצינד, א קינד צו גאט, אויף פארהער.

ארום אכציק יאר צוריק, פּרשת ויקרא...
ער געדענקט, ס׳איז זיין חומש־סעודה געווען...
אויבן דער פארהערער: „יינגעלע, יינגעלע,
האָב נישט קיין מורא, געגעבן אַביסל נעגטער״ — —
ממש בחוש צו זען, ס׳וואלט אקארשט געשען.
איצט, די גמרא־סעודה, דער סיום — געענדיקט:
„מיין פארהערער, כ׳וואָלט מיר נאר די הענט, כ׳געגעבן —״

ער שווימט אין ים־התלמוד, זאגט ווי א וואסער!
גאטס הארץ, כביכול, גייט אויף „כי גאה גאה״:
אזוינס בנמצא אין א ווייטשעפל־געסל,
אונטער א גרויסער ש״ס־גמרא זיך פארשטעקט,
איך צומאל נישט געוואוסט, אז אזוינס נאך דא.
ר׳משהלע שמייכלט: מ׳מוז זיך אויסבאהאלטן,
פאר גאט צומאל, צו לערנען תורה לשמה.

דאס שבת־אויבסט אויבן, ווי ברייטלעך אויסגעטיילט,
פון סאמע עץ־חיים די צייטיקסטע פרוכט!
דער נחת־רוח וואס לייכט פון גאטס פנים אראפּ:
א יידעלע הויט־ב׳ביין, און ווי קליין, אזוי ריין,
דעם גן־עדן ס׳וועט באשיינען אַזאַ „צוכט״ — —
צעפלאָסענער שוים ביים ברעג, ווען דער ים ווערט שטיל,
כ׳זע ציטערן דעם שמייכל אין באָרד — מיר דוכט.

און די טרייסט: ווער ווייסט, וויפל אזעלכע נאך דא,
אויב אין ווייטשעפל אַזוינס זיך אָפּגעזוכט.

## א קרוב שמונים

כ׳בין אַרויסגעגאַנגען אַ מרה שחורהדיקער
אויף אַ גסיסה־ליגנדיק ווייטשעפּל געסל,
אַ ייד, אַ קרוב שמונים, קומט מיר אַנטקעגן,
כאַפּט זיך צו מיין האַנט, ווי אַמאָל צום הייסן פּרעסל.

אַ ייד קוים וואָס ער האָט געלערנט דאַוונען,
אין קיין לשון קודש נישט שרייבן, נישט לעזן קען ער,
און ווי ער האָט גערעדט, דערציילט פון שטעטל — — —
אַ „טיימס״־לייענער, אַ שעקספּיר־און פּרץ־קענער,

נישט מער, ווי ער, וויס, וואָס געווען און וואָס ס׳וועט זיין — —
מיט טרערן אין מיינע אויגן בין איך געשטאַנען,
געהערט, געהערט, מיין האַרץ האָט גלאַבט און געוויינט,
און בין אַ געטרייסטער יתום ווייטער געגאַנגען.

אָבער וווּ זיינע קינדער, זיינע אייניקלעך,
אַלע איבערגעלעבט, קיין איינס נישט מער פאַראַנען?
ניין, די האַרבע פראַגע איך האָב אים נישט געשטעלט,
מיט מיין שכל־הישר אַליין שוין פארשטאַנען:

יאָ, אַז אונזער איינס, פאַרן לחם־הפנים,
ווערט מען אין ישראל אַ כנעני, דאָ כאַטש אַ יויקל,
ערשט האַרעפּאַשניקלעך, אויפגעפּאַשעט שוין דאָ —
אַ קולי שוין פאַרן פּאַסנעם לחם הקלוקל . . .

ער האָט נאָך אַ געדונגענער בציבור כאַטש דאָ,
אַ רבנן־קדיש וווּ אויף דער גיך אָפּצוזאָגן,
איך דריי מיך אַרום דאָ אַ גילגול, אַ דיבוק,
אַ נעכטיקער טאָג אויף כף־הקלע וווּ געטראָגן.

## דאס „חנוכה-לעמפל״ פון בריטישן מוזעאום

(צו פּרצעס חנוכה־דערציילונג)

נישט אַ צעברעקלטע ווענוס־געטין צו זען,
צי דעם אַפּאָלאָ־גאָט מיט דער צעקרישלטער נאָז,
איך בין אין בריטישן מוזעאום געגאַנגען,
זען ס׳מנורהלע, פּרצעס, ווי ס׳שטייט אונטער גלאָז —

מיט פיסל צעקרומטן, וואַקלדיקן רערל,
ווי מעשן אַזוי ס׳גלאַנצט פון שייבן־קעסטל אַרויס !
דאָס פייגעלע אויפן בוים, די לייבן די צוויי,
ווער ווייסט ווי לאַנג שוין זיי קוקן זיך די אויגן אויס ?

זיי דערקענען מיך : דאָס שוועלבעלע וויינעוודיק,
חנוכהדיק־חנעוודיק, „מעוז־צור״דיק זיס ;
די לייבן גלאָצן מיט צעגלאַנצטע צונגען,
קוים שוין וואָס זיי שטייען איין אויף די מעשענע פיס.

ס׳וואַקלדיקע רערל — אַן אָפּגעהאַקט קעפּל,
פּיעשטשענדיק, שטיל־פּישטשענדיק — אַ נישט דערקוילעט קינד :
די אייגעלעך־ליכטעלעך, אָנגעצונדענע,
אויסגעצאַנקט פאַרקוילטע, זיינען אַלע אַש שוין אַצינד.

אָפּגעראַטעוועט אונז אין זיין וווּנדער מעשה,
עס האָט פּרץ, זיין ענגלענדער אונז אַהערגעברענגט —
אָנגעצונדן אין מיין בליק אַ מנורהלע,
ווי אויף אַ ביישטידל אין דער היים אַמאָל, איצט הענגט.

כ׳זוך דאָ, כ׳נישטער דאָרטן, און גאָר נישט איך געפין,
קיין זכר פונם „חנוכה־לעמפּל״ נישט צו זען !
ביים אַרויסגיין, קוקט מיך גאָט־צויס שמייכלדיק נאָך :
ס׳איז דאָך אַ פאַנטאַזיע בלויז ביי פּרצן געווען. . .

און זע, נישט קיין פאַנטאַזיע — ס׳איז אַ נס געשען !
„אויג אויף אויג דאָס אַלטע חנוכה־לעמפּל דערקענט״ :
נישט אַ פאַרלאָשנס אין מוזעאום אונטער גלאָז,
אין יעדער יידישער שטוב אָנגעצונדן עס ברענט.

און דאָס פייגעלע אויפן בוים און די לייבן,
קוקן לאַכנדיקע מיך אָן מיט אַזויפיל פרייד !
בלויז דאָס וואַקלדיקע רערל, אויפגעלויכטן,
מיט אַן אַש־טרערל אין אויג טיף־פאַרטראַכט, אַזוי שטייט.

# ווייטשעפּעלער־„דערבי״...

(אַזאַ פּסח־באַלאַדע)

אינדערהיים האָט מען געלעבט מיט נסים,
„ברוך אדוני יום יום״ יעדן טאָג,
און אַז שוין כלו כל הקינצן,
העלפט קראָמ׳ס קורץ־געקאַרבטע אייל, קרומע וואָג...

דאָ אַרבעט מען שווער אויף אַ לעבן,
צומאָל אַ שטאָך אין הייליקן שבת אַריין;
מען ציט די פעדעם פון לייב אַרויס,
מ׳זאָל חלילה נישט פעכגיען אויף די ציין.

מילא אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר,
אָבער אַז עס קומט דער פּסח צו גיין,
פון וווּ נעמען אויף מצות, אויף שמאַלץ,
אויף אייער, פאַר ארבע כוסות דעם וויין?

יאָ, אויב אליהו קומט דאָ נישט אַהער,
קומט אָנגעריטן זיין פייערדיק פערד!
אַ פליענדיקער אָדלער, אַ סוס,
הירהזש! שטעלט אויף אייערע אויערן און הערט:

ס׳האָבן די ענגלענדער אַ קעניג,
און דערצו זייער דערבי אַלע יאָר,
און די יידן האָבן אַ רויטשילד,
ווי ס׳יויקלט זיך יידלט זיך — אויף אַ האָר.

דער הייליקער דזשאָרזש מיט פערד זיינעם,
צעטרעט העלדיש דעם עגדישדיקן שלאַנג!
מוזט איר ערשט אָנקוקן רויטשילדס פערד,
ווען כי „גאה גאה״, אין זיין שטאָלצן גאַנג —

ווי אַטלעס, ווי זיידן ס׳גלאַנצט זיין פעל,
פון די צוויי שליפיעס דאָס פונקן־געשפּריץ,
ס׳קאָן זיין פוס קיין רגע נישט איינשטיין,
און די אויערן — נעדלדיק נאַ־שפּיץ.

דער שטאָלץ־שלאַנקער האָלדז — די עלעגאַנץ!
אָט מיט חנדל גאָר אַ בויג אויף אַ זייט;
פּלוצלינג צעטאַנצט ער זיך אינגאַנצן —
אַ מין מצוה־טענצל מסתם ער גייט.

און ערשט זיין סאַמעטענע גריווע!
אַ מיניסטער קאָפּ, אַ חכם אַ פערד,
יעדן אויגנבליק שיסט ער אים אויף —
עס דאַכט זיך אים, דעם סיגנאַל שאָס ער הערט.

און ווען אַ צעפּלאָשעטער זיין עק,
גיט זיך מיט אַ ראָזמאַך אַ שטעל אויף,
אין שרעק פּלאָטערט אַ מחנה פליגן —
אַרום אים די פערד אין זייער געלויף —

יאָ, אליהו הנביא קומט נישט,
אַז טריפה איז זי דאָך דאָ אונזער ערד!
שיקט ער כאָטש פאַר די פסח־„רעסעס",
רויטשילדן אין „שטעבל" אַריין זיין פערד.

נישט צו „שפוך המתך", ביים סדר —
צו חמץ־בטלען עפנט זיך שטאָל־טיר!
ער אַליין גאָר מכובד מיט פּתיחה:
„יעמוד מאיר בן אַמשיל הגביר!"

און צי קאָן מען דען אָנפּאַרטרויען,
עפּעס א שייגעץ אליהו׳ס פערד?
איז ס׳אייניקל אין זאָטל געזעצט!
און עדמאָנד דע רויטשילד דער „זשאָקי" ווערט.

אַ יונג אַ לויפער, אַ ספּאָרט, אַ ספּריט,
פון זיידן זיינעם בלויז איין רמז־ווינק,
אין פייער און אין וואַסער שפּרינגט ער,
און איבער שטיין און ביין ווי גרינג, ווי פלינק.

אַזאַ מין פערד און אַזאַ „זשאָקי",
שוין איינמאָל ראַסע, כ׳לעבן אַ פּאָר!
דעם רייטער, דעם דאַשעק נאַ באָקום,
ס׳בייטשל אין שטיוול — שטעלט אייך אים בלויז פאָר.

נו, שטעלט גאַנץ ווייטשעפּל אויף „דערבי״,
„אישט-ווער״ קאָן דאָך אָרעמסטער פּרעסער נאָך,
און ס׳איז דאָ אויף מצות אויף אייער,
און ארבע כוסות אויף אַ גאַנצע וואָך.

און ערשט וואָס ס׳בלייבט איבער רויטשילדן —
אָן זיין שאָדן יעדן יידן געזאָגט!
בלויז דאָס, וואָס פּערד אין שטאַל אים געלאָזט,
מיט גאָלד עס אָפּצוווענן ווער פאַרמאָגט.

## אַן אונטערגעוואָרפענער ממזר ביים סדר...

(באַלאַדע)

אַן אונטערגעוואָרפענעם ממזר,
וויאַזוי קאָן דען פּסח זיין?
פּונקט אַזוי ווי די סדר-שיסל,
אָן כזית ביטערס פון כריין.

אויב ווייטשעפּל אַ יידיש שטעטל איז,
וועט שוין אַ ממזר כ׳לעבן זיין;
נישט אַ טויט-אונטערגעוואָרפענער —
פון אַליין גאָר קומט ער צו גיין.

אויף שפּיץ-פינגער אַ „שגצל״
אין אַ פענסטער קוקט ער אַריין,
ווי דער ייד רעכט דעם סדר אָפּ,
מיט חרוסת, מיט כרפס, מיט ווין.

דעם ריח פון פרישע מצה אין נאָז,
ס׳פינקלען פון די כוסות אין בליק,
ער קאָן די אויגן נישט אָפּרייסן,
זיי בלאָנדזשען אַהין און צוריק.

ווי יום-טוב׳דיק עס ברענען די ליכט,
ווי ווייס דאָס טישטוך אויפן טיש,
און דאָס זינגען פון דער הגדה,
די קניידלעך, די אייער, די פיש.

ער קאָן זיך גאָר זאַט נישט אָנקוקן,
אַלץ אויפגעריסענער ס׳אויג ווערט!
און נישט אויף שפּיץ־פינגער ער שטייט מער,
ער שטייט צווישן הימל און ערד — — —

און ווען „שפוך המתך״ צו זאָגן,
עס עפנט דער ייד די טיר אויף,
גנב׳עט זיך „שגצל״ שטיל אַריין
און קוקט מיט אַ געבעט אַרויף:

„אַן אונטערגעוואָרפן ממזר כ׳בין!
די מאַמע וואָס האָט מיך געהאַט,
אַלע יאָר אין די דאָזיקע טעג,
ווען ס׳שמעקט מיט בלום, מיט בליט, מיט בלאַט,

„איז זי אַהער־אַ־דאַ געגאַנגען,
צעשמעקטע מצה מיטגעברענגט,
היי־יאָר איז זי נישט געגאַנגען מער — — — —״
אויף זיינע וויעס אַ טרער הענגט:

„זייט זי איז נישטאָ מער, די מאַמע,
ס׳גייט דער טאַטע אין „פּאַב״ אַריין,
מיך דרויסן אין רעגן און אין ווינט,
אַ ציטערדיקן לאָזט ער שטיין.

„נעכטן אויף דער נאַכט מיך געשלאָגן,
,דזשו באַסטאַרד׳ געשריגן ער האָט,
אויסוואַקסן ווי דיין זיידע, דער ייד,
נישט בעסער ווי די גאַנצע ,לאָט׳.״

האָט דער ייד ס׳ייִנגל אַריינגענומען,
און צום סדר־טיש אים געזעצט,
די טרערן־אויגעלעך אויסגעקושט,
דאָס קעפּל מיט זיינע באַנעצט —

דעם שטילן אייביק־פרעגנדיקן,
דעם יידיש וואַרטנדיקן בליק,
דערזען ער האָט אין די אייגעלעך,
צעווײנט פון אַזאַ גרויסן גליק.

## יום - הקדוש

...א ייד לאָזט שטיין דעם אויטאָ אין אַן אונטער־געסל,
יום־כיפור אויף דער נאַכט, אין דער כל־נדרי־שעה,
גיט זיך אַ קלאַפּ אין האַרצן אַריין: כ'בין דאָס און דאָס,
אָבער מיט אַלע יידן אין שול כ'שטיי איצט דאָ.

עפענען זיך אויף אין הימל די שערי־הרחמים,
און מיט טרערן פולן זיך די אויגן פון גאָט,
און מיט אַלע יידן איז כביכול מתפלל,
דאָ אין שול: „מי כעמך ישראל גוי אחד".

ווי וואונדערלעך, ווי געוואַלטיק, ווי אין־סופיק גרויס,
גאָט, אין אַלע גלותן מיט אונז מיט צוגיין!
און פול מיט הכנעה, ענוותדיג פאַרשוויגן,
פאַרגליווערט אין שול־ווינקל ווו, פאַר גאָט כ'בלייב שטיין.

## יום כפור אין ווייטשעפל

ר' לוי יצחק, נישט אין בערדיטשעוו, אין שטעטל —
אַ יום־כפור ווען דו דרייסט דיך אַרום אויף ווייטשעפל,
נישט נאָר כדבר איש אל רעהו גערעדט מיט גאָט,
דו וואָלט אים גוט־ברודעריש ממש געדרייט ביים קנעפל.

אויף ברייטן טראָטואר געטאַנצט אַרום כביכול,
אַ טאַנצדיקע טויב צווישן וואָרקנדיקע טויבן;
און, נישט גאָט, דעם דערבאַרעמדיקן — די יידן דאָ,
די ווייטשעפּלער, וואָלסט זיך גאָר נישט געקענט זאַט אָפּלויבן:

גאָטעניו, וואָס ווייסט דו אַ טאָרג־טאָג אין ווייטשעפל?
דיר ליגט רק אין זינען די שטעטלדיקע ירידין:
די טאַנדייטערס מיט די בוידן, מיט די סטראַגאַנעס,
פון די פייער־טעפּ די מסחרים קאָכן און זידן.

צווישן די פערד מיט אַ פאָוורוס אַרומגעגאַרטלט,
דרייט זיך אליהו הנביא מיט פולן עמער;
דיין נחת, סוחרימלעך בעל בכי'ס צעכאָרכלען זיך:
„אוחז ביד" — אַ חזן מיט אַ כאָר ביים בעלעמער.

כ׳בין זיך מודה, טאַטע זיסער, פון דאָרטן ביז דאָ,
ממצרים ועד הנה — גרויס די אונטערשידן!
חוץ דעם, ווי האָסט דו צייט איצט דאָ אַראָפּצוקוקן,
ווען מ׳איז מזכיר־נשמות גאַנצע שטעטלעך מיט יידן.

בלויז וואָלסט דו געהאַט דאָ איין מנין אין אַ שול ווו,
ווען נישט די־אָ ווייטשעפּעלער שניידער און קרעמער?
צי וואָלסט געהערט איין ריכטיקן „אל מלא רחמים״?
מ׳וואָלסט דיך אָרגלדיק אָפּגעגאָרגלט מיט אַ „יגדל״־זמר.

גאָטעניו, וואָס ווייסט דו אַ מאַרק־טאָג אין ווייטשעפּל?
ממש אַ ים, אַן אויפגעקאָכטער מיט שטורעם־ווינטן!
וואָס שוין צומאָל אַ יאַריד אויפן הימל אויבן,
קייגן דעם וואָס ס׳טוט זיך אין דיין ווייטשעפּל דאָ הינטן?

סאַמעט און זייד, אטלעס און ציץ — אַ פרייד פון פאַרבן!
וואָס איז אַ סטראַגאַן קייגן אַ „בערע״ מיט עפּל?
אין דעם נעפּל־גרין פון נעאָנען און באַנאַנען,
קוקט זון אַרויס אונטער פישערקע — אַ פייער־טעפּל.

די ראַמשן, די בבלס, די „באַרגנס״, די מציאות,
אין מיטן העלן טאָג מ׳קאָן ממש אַראָפּ דאָ פון זינען!
אין אַז מ׳טראָגט אַרויס שוין די בעבעכעס אויפן מאַרק,
קאָן מען דאָ אויך נאָך דעם ריכטיקן קונה געפינען.

און היינט, ווי שטיל, ווי בהרחבהדיק־יום־טובדיק,
דיין ווייטשעפּל גייט־אויס צו שמונה־עשרה אַצינדער,
מיט אַזאַ נחת־רוח גייען נאָר מחתונים,
וואָס פירן אונטער פרייען הימל זייערע קינדער.

פון ברוסט־טעשל, בלוי־ווייס, קוקט אַרויס זונס שפּיץ־קאַפּל,
אין שול — פאָטער געלאָזן זיין זיידענעם צילינדער;
אַקייגן קומט טאָכטער אין עסיק און אין האָניק,
די מוטער, די פישערקע, אויסגעסטראָיעט נישט מינדער —

און די פולע שולן אין סטאַמפאָרד־גאָלדערס־קריקל,
דאָס זיינען דאָך נאָך אַלץ דיינע יידן פון ווייטשעפּל,
האָבן זיך מיט גרויס מזל דאָרט אַהינגעצויגן,
דורך אַ לעכל פון אַן אָפּגענייטן הויזן קנעפּל.

## דער רעשטלעך ראַמשער

זיין טאַטע דער רב אַ ווילדער חריף געווען,
ש״ס בבלי און ירושלמי אין איין כהרף עין;
ווי סטענגעס פון מויל — ראשונים און אחרונים,
און אַלץ מיטן דף, מיטן עמוד און מיטן „ועיין״.

און ער דער זון, ווי נאָר אויף דער „בערע״ ער שטייט,
ווי ער וואָלט אַ פּילפּול אויפן בעלעמער געהאַלטן!
מיט אָפענע מיילער אַרום אים דער עולם,
עס מעג ברענען די זון און אין נעפּל טאָג אין קאַלטן.

דער פּאַרבן־שלל, די מוסטערן, די קאָלירן —
דאָס סאַמעט, דאָס זיידן, דאָס מוסעלין און דאָס סיצן!
ס׳פליען רעשטעלעך, שטיקלעך מהרש״ל מיט מהרש״א,
סחורה־באַלן וויקלען זיך — איינפּאַלן זיך צעבליצן!

און ווען די אייל און די אַרשין נעמט אַרבעטן —
עליו השלום, זיין טאַטע אַליין ער וואָלט איצט ווערן!
זיינע צוויי הענט פּאַכען קונציק אין דער לופטן,
ווי ביים אויספירן וווּנדערלעך אַ פּילפּול אַ שווערן.

## רומ״ל . . .

ווען מען איז נאָך, ווי אין דער מלחמה נאָך ברויט,
נאָך „מעניקעס יום־טוב־בלעטער״ אין ריי געשטאַנען,
האָט מען נאָך געקויפט אַ „שאגת אריה״, אַ של״ה,
און ספרי רומ״ל — ווי מצה־וואַסער געגאַנגען.

היינט, די אין קייגנאיבערדיקן שויפענסטער,
די מאַנעקין, האַלב נאַקעט, אין באַד קאָסטיום און הייבל,
מען ברויך איר נאָר די באָבע דאָבטשעס ברילן אָנטון,
וועט זי גאַנצע נעכט לייענען די „האָלי־בייבל״.

מען קומט נאָך אַ בר־מצוה־טליתל קויפן,
אַ ברייטן ישראל־טלית פּאַרן טויטן טאַטן,
און דאָס אויך נאָר אַזוי לאַנג, ווי מען קויפט נאָך,
אַ חנוכה־קריסטמעס־פּרעזענט — ידישע פּלאַטן!

ווי אַמאָל „שיר־המעלותער" פאַר אַ יולדת,
איז דאָס שוי־פענסטער מיט קדיש־יתומס באַהאָנגען,
מיט קידוש־לבנה־„לעטערס" אין לאַטייניש — —
אָבער אויך נישט מער איצט — אַמאָל איז עס געגאַנגען!

## שטיל־לעבן

די „בערעס" מיט די פרוכטן ווי זיי פאַרכאַפּן דאָס אויג!
נישט אַזוי מיט דעם שלל פון די קאָלירן,
דאָס מאַטע גרין פון באַנאַנעס, בלוי פון די טרויבן,
צי די שאַכטלעך וואָס די טייטלען באַצירן —

ס'זיינען די עפּל־ און די פּאָמעראַנצן־פּיראַמידן,
ווי אויסגעסדרט געברענגט זיי צו פירן!
דער גרעסטער רענעסאַנס־ און הײנטצייטיקער־מאָלער,
נישט שענער אַ שטיל־לעבן מאָדעלירן.

## היימישע פיש

באמת, לעמבערג הינטערן שול־הויף
האָט קיין שענערע פישערקע נישט געקענט האָבן,
און אויב נישט מיט טויט־קללות לויט אלף־בית,
מיט איר ענגעליש קאָן זי אַ לעבעדיקן באַגראָבן.

צוויי מייל פון דערווייטנס שמעקט ווייטשעפּל,
פון אירע לעשטשעס בלויז און ערשט פון אירע סאָנדאַקן!
די „לעדיס" פון קריקלווּוד און פון הענדן,
צאַפּלען אָן ווי געצויגן אויף וועגטקע־האַקן.

ווי ס'וואָסערט אונטער לעפּעלע פון האַרץ —
געפילטע פיש, אַ שטיק קאַרפּ, כאָטש אַ פּלאָטקע קעפּל!
פולע טאָרבעס, ווייבערישע פּלאָטקעס,
ברענגען זיי אַהיים, כאָטש צו פאַרקאָכן אין טעפּל:

זע נאָר יענע, וואָסער יחסן געוואָרן
פון דער פישערקע, די קאַרפּן, די גרעסטע שטיקער,
ס'זינדל, דאָס תכשיטל כאַסלערע געהאַט
מיטן שכנס שיקסל, דעם „האַנאָרבל" שכור . . .

ניט מער אין מקווה, נישט אין ווייבער־שול —
דער פיש־מאַרק האַלט זיי נאָך אויף ווענטקע געפאַנגען!
פונם פיש „יוסף חצי דג מצא״,
זיינען זיי מסתם אַזוי, מיט פערל באַהאַנגען.

## אין כשרן רעסטאָראַן

### 1. דער אַלטער

אין שבתדיקן קאַפּל אַלע טאָג אָנגעטון,
אין בוזעם־טאַש דעם חודש־טשעק פון זון,
און די סערווירטע חתונה־מאַלצייט אויף טיש;
פאַר אַלעם די שאַרפע געפעפערטע פיינע פיש,

ס׳לעבערל־מיט־ציבעלע אין שמאַלץ גוט איינגעהאַקט,
דערנאָך די שילגערלעך אונטער דער היגערשער יויך,
נאָר דאָס געבראָטענע הינדל ברומט עפּעס אין בויך,
דער זיסער שטרודל אונטערן האַרצן זיך באַקט — —
אַך, וואָלט ער נאָך ווי אין די אַלטע צייטן גע...

בענטשט ער די שבע־ברכות, דזשימיעט ער, חלומט ער?
מיצקע דרינען ווי קומט זיין אַלטיטשקע גאָר אַהער?
צי זיצט ער טאַקע שוין אין גן־עדן מיט איר, ווי?
ס׳גיט אים שטאַרק אַ ציטער די איינגעשלאָפענע קני:

„מזל־טוב!״ אין מויל שמייכלט דאָס צימעס אַזוי זיס!
ער רייבט זיך דעם שלאָף פון די אויגן: ווייס איך וואָס?
צעבראָכן אַן אַרונטערגעלאָזן לידיק גלאָז,
שלימזלדיקע קעלנערין פאַר זיינע פיס — —
„מיס״, נאָך אַ פאַרציע צעקאָכטן פלוימען צימעס „פליס״.

### 2. די אַלטע

דריימאָל אין טאָג טוישט זי די געשטריקטע היטעלעך,
און אויף די שאַלן קלעבן נאָך די פּרייז־קוויטעלעך,
און די צווייערליי אַריינגעזעצטע ציין,
צום עסן און צום שפּאַצירן גיין...

דאָס ייִנגסטע פריילין מיט די פערלדיקסטע ציינער
קאָן נישט שמייכלדיק „זיי באַוויזן״ מלא חנער;
דאָס פּאָלקעלע, אַזש רויט צווישן די ציין,
דו ווייסט נישט איז עס פון רוזש צי פון כריין;

אַז פֿאַרן עסן נאָכן עסן און אינמיטן
פֿונם פּודער־פּודעלע האַלט זי אין איין שיטן!
און ס׳רויטע ליפּן־שטיפֿטל נאָכאַנאַנד,
גייט נישט אַרויס „גראַציעס" פֿון איר האַנט.

נאָר איינמאָל ביים טיש, מיטן אין עסן,
האָט אַן אומגליק פּאַסירט, זי האָט זיך פֿאַרגעסן,
מיט זאַלץ שטאָט פּודער — אַז מען איז אַלט,
פֿאַרגעסט מען, באַשייפּערלעך, ווי מען האַלט.

## מיט דער קאַר

מיט דער קאַר קומט דער זון מיט דער שנור אַהער,
ס׳אייניקל נעמען זיי צו דער באָבען מיט;
די ביטערקייט פֿונם גאַנצן ווינטער
פֿאַלט פֿון איר שווערן האַרץ אַראָפּ,
ווי דער לייכטער ליכטיקער פֿרילינג־צוויט.

דער נחת פֿון קליגן אייניקל — —
און די פֿאַרנעמקייט פֿון דער שנור — —
אָבער נאָך איידער זי נעמט זיך איבער דערמיט,
ווינקט דער זון מיט דער שנור זיך שוין איבער:
„דאַרלינג׳ מיר גייען באַלד, ,שור־שור׳"...

## אויף א דערלאנגט וויזיטן-קארטל

דאָס ליד מיט דריבנע אותיותלעך ב׳האָב אויפֿגעפּינטלט,
אויף אַ וויזיט־קאַרטל וואָס אַ „וואָכער" מיר געגעבן:
אוי, ווי ס׳ווילט זיך נישט די נשמה דאָ־הי אויסהויכן,
ווי ביטער שווער ס׳זאָל נישט אָנקומען ס׳ביסעלע לעבן.

דאָ שטאַרבט אונזער איינער צווישן פֿרעמדע, אין „האָספּיטל",
קיינער זעט נישט, גיך אין „מאָרטשערי" אַראָפּגעטראָגן;
און צי אַליין פֿערזענגלעך אַריינגעפּאַקט אין קאַסטן,
דאָס צומאָל, אַפֿילו, מ׳קאָן אויף זיכער אויך נישט זאָגן.

אָנגענומען, אַז מען איז שוין טאַקע יאָ דערזעלבער,
מען ליגט געל אין אָרון איבער קאָפּ הענגט שוואַרץ אַ צלם;

(מ׳מוז שוין זיין פון אייזן, רואיק אַזוי איינצוליגן,
אפילו אַ טויטער, קאָן מען אַרויס פון די כלים).

קאָן אונזער איינער מיט אַ וואָלענעם גרויסן טלית,
זיך רק אַרומטראָגן, צו ווערן אין אים באַגראָבן,
אַז אַ פּאָר גאַנצענע וואָרעמע זאָקן אויף ווינטער,
מען איז נאָך צומאָל גאַנץ נישט זיכער, אַז מען וועט האָבן.

נו, קומען זיי די חברה מיט די גלאַנציקע דאַשקעס,
טרעפן דיך אַ באַקעט־קאַלטן אין קאַסטן ליגן — —
מילא, די „תשעה קבין" וועלן זיי דיר נאָך געבן,
אָבער ווו זאָלן זיי אַ טלית אויף דער שנעל קריגן?

טאָ, וואָס מיר אַ וואַכער, זאָלן זיי דיך שוין אַ נעם טון,
ווי דער רוח דעם מלמד אוועק ווו דיך פאַרטראָגן,
און אויף וויסט־ווייט „פעלד", נישט דיינס אַקינד, ס׳וועט לאַנדאַנער ווינט,
אַ קדיש־יתום, וואָרט נאָך וואָרט, דעם רעוורענד נאָכזאָגן.

## דער קומענדיקער סוחר

עס ווערט אַ יידיש שטעטל אונזער תל־אביב,
ס׳דרייען זיך שוין אַרום דאָ תל־אביבער יידן,
אַ מלמדות זוכנדיק, אַ חזניש־שטעל,
און אַז אַ פּרעסער איז מען אויך שוין גוט צופרידן.

אין יידישן שעלטער איז ווידער יידישלעך!
פון וואַנען איז אַ ייד? בישטאָ זיך וואָס צו שעמען,
אַ נכתב אין תל־אביב, געבוירן, חיפה־צפת?
אַזאַ יאָר אויף מיר וואָס פּאַר אַ טייערע נעמען.

ווי אַזוי דערקענט כ׳האָב דעם איראַקער בחור?
זיכער נישט אין זיינע ברייט־צעשפּרייטע נאָז־לעכער —
אין זיין תל־אביבער־שניט און אין זיין „היברו"!
און אין זיין סאַברע־ענגליש — „אויב נישט נאָך העכער"!

דרייט זיך נאָר אַרום מיט די הענט אין די טאַשן,
באַנוצט זיי בלויז דעם קענזשער זיינעם צו פאַרקעמען;
יבא יומו, ער וועט שוין האָבן דאָ זיין שטעל!
קוקט זיך דערווייל אויס בלויז, מיט וואָס זיך צו פאַרנעמען...

## די באַלאַדע פונם ווייטשעפּעלער שטאָט-משוגענעם

אַ גאַנצן טאָג אַזוי אַהין און אַהער,
פונם שפּיטאָל צום קאַצן-פליש-ביידל;
אָט מיט אַ געשריי צו זיך, מיט אַ טענה,
אָט ווי געררעדט צו וועם שטיל און איידל:

„נישט נאָר נישט קיין פערד, אויך קיין מענטש נישטאָ מער —
ס'לויפן בלויז מאַשינען און מאַשינדלעך!
זיינען טאַטעס אונזערע געווען די פערד,
זיינען די לאָשעקעס מיר, די זינדלעך".

ביינאַכט בלייבט ער שטיין ביים קאַצן-ביידל,
ענטשלאָסן דאָס געשעפט אָפּצושליסן:
„ביין, נישט דעם שפּיטאָל פאַרקויפט ער זיין קערפּער —
זאָלן קעץ כאָטש פון זיין פליש געניסן!"

און ווי דעם גאַנצן טאָג אַהין און אַהער,
אַ רגע נישט אויפגעהערט צו זיך צו ריידן,
אַזוי איצט קיין ריר זיך נישט, קיין פּיפּס פון מויל,
און שפּירט הערלעך-ווייז זיין פליש מ'טוט שניידן.

„כאַ, כאַ, שיילאָק, האָסט נישט געוווּסט ס'פונטל פליש
אָן דעם בלוט פאַרגיסן אָפּצוקויפן — — —"
און מיטן באַגינען הייבט ער ווידער אָן,
פון פליש-ביידל צום שפּיטאָל צו לויפן.

אַ גאַנצן טאָג אַזוי אַהין און אַהער
פונם שפּיטאָל צום קאַצן-פליש-ביידל — —
„יעסיקאַ!" גיט עס אים אַ שטאָך אין האַרצן,
ווען פאַרביי ער לויפט אַ יידיש מיידל —

## „ר' שאול"

(„וואָס אַמאָל ווייניקער", אָדר „דריי דורות")

ר'שאול דער ערשטער „א ליטווישער גאון געווען",
ש"ס אויף דער שורה מיט אַ שפּיץ פון אַ נאָדל;
געלעבט ער וואָלט פון איר דאָ בכבוד גדול,
וואָס קאָן אין לאָנדאָן אַ בעל-הנאָדל געשען?

און ווען די קינדער אין צילינדער אים דערזען,
און אין סמאָקינג אַזוי — אַ מאַנעקין־מאָדל:
„ר׳ שאול גייט, סאַלוט! דער טשיף־ראַביי־הגדול״!!
פון די קולות ציטערט פריידיק אויף גאַנץ בריקלען.

פאַר צווייטן אַזאַ זיין באַמען גרייט שוין געהאַט,
באַגלייטנדיק אים: „אַ ר׳ שאול גייט צום בלאַט!״,
ביז ער שטייט ביי די אָרעמלייט פאַר מחזיקי־דת.

אַ נאָמעלאָזער איצטער איז שוין דער דריטער,
ווינטער אין די נעפּלס, זומער אין געוויטער,
אַ מרה־שחוריקער „טרעמפּ״ אויף פאַרוואָרלאָזטער גאַס.

## אין איינזאַמער אָוונט שעה

ווי דער וואַלד אין ווינד ווו, די וואַכנדיקע טעג דאָ,
סטראַגאַנעס רוישן —ביימער מיט אָסיען באַהאַנגען!
ביליקע פלאַטן זינגענדיק זיך דרייען —
פילן דעם נעפּל אָן מיט פייגל־געזאַנגען.

די פאַרנאַכטן שטיל, ווי נאָך וויסטן שטורעם,
די ליידיקע קעסטלעך — ווי צווייגן אַרום ליגן!
אַ טונקעלע שקיעה זעצט זיך שווער אויף די הערצער:
ס׳ביסל הייצונג פאַרן ווינטער צונויפצוקריגן.

וואָס איז דען אַ וואַלד מיט זיין גאַנצער שיינקייט?
וווּנדערלעכער זון־פאַרגיי זעצט זיך אויף די ביימער!
כ׳וואַנדל אין אָוונט־שעה, איינזאַם אַרום דאָ,
אַרומגענומען פון אַזאַ אימה געהיימער.

## דער שמירמית־גאָרטן פון ווייטשעפל

(די גאָלדבערגס)

אַ מלכה אַמאָל אַ גאָרטן אויפגעהאָנגען,
אויף בריקן־קניפּן, אויף קייטן־שלייפן,
און דער וולוינער בעקער פון ווייטשעפל,
אַ ווונדער גאָרטן זיך פאַרפלאַנצט האָט דאָ,
אין הערינג־פעסער און אויטאָ־רייפן.

פון ארבע פינות פעלדער ערד צוזאַמגעשלעפּט,
און די פלאַנצן ווו געקאָנט באַקומען,
און אויפן אַספאַלט האַרט־געגאָסענעם,
אין קוואַדראַטן פון שטאָקן און גאַרנס,
גייט אויף אַ גאָרטן ביימלעך און בלומען.

און ווי פייערדיק די רויטע ריזן בליען!
יאָ, ס׳איז דער „קיוגאַרדן״ אַ סך גרעסער,
אָבער פון שמירמית־גאָרטן צומאָל,
וואונדערלעכער דער וויטשעפּל גאָרטן,
אין אויטאָ־רייפן און הערינג־פעסער.

פאַרנאַכט, ווען די זון צעברענט זיך אויף עק הימל —
דעם באַק־אויוון דער בעקער נעמט גליען!
אין שטייגל דאָס „באַדזשער״ל בלאָזט זיך אויף,
און נעמט עפּעס אַזוי מאָדנע־סמוטנע,
אַ היימיש ליד אויסטערליש פאַרציען.

## די חורבה פון פּאַוויליאָן־טעאַטער

. . . וואָס ס׳טוט זיך דאָ אָפּ ווען די נאַכט פאַלט צו!
אַז אַ צוויי ברעטער נאָך פאַרוואַלגערט ווו,
איז ווער ברויך אַ דאַך דען און ווער אַ דיל,
„גאָט, מענטש און טייפל״, און ס׳גייט אָן די שפּיל;
אָן אויפגעהענגטער מיטן קאָפּ אַראָפּ,
גייט הערשעלע דובראָוונער אויף און אָפּ.

איז עס דען ס׳געבלעקעץ פון דער מיסיאָן,
צי דאָס קעץ־געמיאוקעץ פון פּאַוויליאָן?
איין גאָט אָן עדות, וואָס ס׳טוט זיך דאָ אָפּ — —
פיינמאַן אין אַ דיבוק צוריק אַראָפּ!
פּראָוועט „בר־מצוה״ אין גרויסן פאָרמאַט,
ס׳„טליתל״ הענגט צעריסענער פלאַקאַט.

דער גרויסער אָדלער אויף אַ בעזעם רייט,
ווי אַ נישט דערקוילעטער האָן ער קרייט,
ר׳איז מרעיש־עולם, די וועלט לייגט ער איין:
אַמאָל דאָ דאָס נחתדיקע געוויין,
טרערן־ימים איין קוועטש בלויז מיטן אויג!
מיט קאָפּ אין ד׳רערד אריין אין קעסל־פויק —

צעזעצטע פלעצער ביז צום לעצטן פלאַץ,
ס׳אָרקעסטער דיריגירט — אַן עק פון אַ קאַץ!
צו דער קאַסע קוקט קעסלער דורך אַ לאָך,
ער זעט, אַז פאַרטיק איז נעבעך די בראָך,
קלאַפּט ער ביי דער פרימאַדאָנע שטיל אָן,
און ליליתט שוין מיט איר ביז ס׳קרייט דער האָן.

עס דיבוקט נאָך, עס גילגולט נאָך דער שונד —
עס יאָשקעט פיינבערג דאָרט אַ שוואַרצער הונד!
בלויז אַז שונדיש ס׳ווערט שוין ס׳לעבן אַליין,
ווי אויף דער בינע זעלבסט־מאָרד צו באַגיין,
זילבערבערג אויף אייגענעם האַלדז דעם שטריק,
ער פערוואָרפט אים קינציק, ווי אין אַ שטיק.

און זיין אַרויסגעשטעקטע לאַנגע צונג,
באַלאַקעט: „עפּעס אַ ווייטשעפל יונג,
האָט ער אונז אַלע געגומען באַגרענד;
זעט, אויב מען וויל נאָר איז עס קיין לעגענד!
600 מאָל דער „לאַמפּעדוזע קינג“,
ליר? חשורוש? עפּעס אַ שפּינגע־ד׳גינג“ — — —

## די באַלאַדע פון די בייגל־פּאַקויפּערקע פון בריקליין

אַז בסך־הכל לעבט מען זיבעציק יאָר
און דער טויט ציט זיך אַ בייזער שרעק,
איז ווי אַזוי קאָנסטו אים אויסמעסטן,
אַז ר׳איז אַ שטעקן גאָר אָן אַן עק.

ער מקל׳ט, ער מזיקט און ער הרג׳עט,
דעם אין קאָפּ אַ וווּנד, דעם אין האַרץ אַ לאָך,
צו וועלכן אבער נאָר ער רירט זיך צו
איז שוין אַ פינסטערער גרויסער בראָך.

אַז בסך־הכל לעבט מען זיבעציק יאָר
און טויט איז מען אַ לעבן לאַנג אַלץ —
אַ דריי אַהין אַ דריי אַהער — אַן עלינו־שפּיי!
כאָטש שיט אים אָן דעם ווייִדל פול זאַלץ.

לאַנגווייליג צום שטאַרבן און דו ליג, ליג,
מיט אויסגעפּרעסענע אויגן פול געשוויג,

מילא, אַז לעבער זיינען געגוג פֿאַרהאַן,
פֿעלט דאָך בלויז אויס נאָר דאָס ביסעלע טייג —

טאָ כאַפּ אַ טייגל און מאַך אַ בייגל,
אַז דו קאָנסט נישט כאַפּן דעם טויטן־עק!
און קנעט און פלעכט און שיב אין אויוון,
שוייג היינט, שווייג מאָרגן — סיי ווי סיי קיין צוועק!

וואָרים פאַר וואָס זיינען דען תכריכים ווייס,
כדי נישט איינצושמעלן זיך ביי די זעק;
און ס׳זאָל זיין וואָסער פאַר ראָשטשינע־טייג
גראָבט מען דאָך די קברים טיף, אַ שרעק.

נו, איז אַ לעבן אויפן עולם האמת!
פון יעדן ארון אַ קנעט־מולטער געמאַכט,
די מענער קנעטן, די ווייבער קאָכן
„כל־הנערים" צום פלעכטן אויפגעוואַכט —

נישט אַזוי לייכט איז אַ לאָך צו כאַפּן!
און ביז ס׳ביסל טייג איז אַרומגעקלעפּט!
מילא, זאָל ס׳קליינוואַרג „כאַפּערלעך" שפּילן,
ווייל זיי האָבנ׳ס ביים לעבן נישט דערלעבט — —

איז דאָס אַ לעבן אויפן עולם האמת,
דער אויוון צום שיבן — דער גיהנום ברענט!
נאָך האַלבער נאַכט, ווען מ׳לאָזט זיך אין שול,
שוין קאָשיקעס פרישע בייגל פולע הענט — — —

די זכרים טאַקע גייען אַריין אין שול,
די נשים אָבער בלייבן דרויסן שטיין —
די הערצער זייערע וואַקסן ווי אויף הייוון,
זיי הערן זיך צו ווי מענער רייסן איין.

מיט זייערע אויפגעשטעלטע סקעלעטן,
שטייען זיי דרויסן ביי די פינסטערע ווענט,
אַז אַ געוואַלטיקער פחד ס׳נעמט אָן,
אַזאַ בייגל־סוחרטע, ווען מ׳דערקענט —

אויף אויסגעשטרעקטע קנאָכיקע הענט
הענגען קאָשיקעס בלייענדיק שווער,
און פון די אויסגעפרעסענע אויגן־לעכער
קוקט אַנשטאָט אויג, אַ געשוואָלענע טרער.



12

און אַז אַ פאַרבײַגײער אײַלט פאַרבײַ,
בלײַבט זײַן שריט װי געלעמט, מיטן אין גײַן,
און פון אַ גרױסער מורא איבערפאַלן
שטרעקט זיך שטײף אױס זײַן האַנט, װי פון אַלײן.

נאָך אַ בײגל, אַ ברױנעם, אױסגעבאַקענעם — —
אײַן האַנט נעמט, די צװײטע באַצאָלט — אַן װאָרט!
דעמאָלט ערשט טוט זיך די שרעק פון אים אָפּ
און די פיס זײַנע רירן זיך פונעם אָרט.

װען די זכרים דרינען, די מתים,
רופט מען אין װײַבער־שול צו די „עליות" אױף,
נעמען די מתות פון די לעבעדיקע
פאַרן עולם־אמת דעם ערשטן נאַדרױף —

דרינען די מתים מיט יעלות און געװײן
רײַסן אַ װעלט אײַן, אַז ס'טוט זיך עפּעס גאָר;
און דרױסן די מתות יאָגן זיך אַרום
ביז אױספאַרקױפט ס'איז ס'לעצטע פּאָר.

## דער קוש אין דער פינסטער

נישט קײן אָרעם בוידעם שטיבל צומאָל,
און נישט אין קײן פינסטערן קעלער לאָך,
נאָך האַלבערנאַכט אין אַ פערלעגן געסל,
אונטער אַ צעבראָכענעם טויער, און דאָך — —

ר'װעט קײנמאָל נישט פאַרגעסן יענעם קוש,
װאָס געקריגן פון איר בײם אַװעקגײן,
ער דרײט זיך אױס און קוקט פרום־נאָענט איר נאָך:
דאָס שפּלסטע נאָך װי הײליק ס'קאָן זײַן...

זי האָט דערשפּירט זײַן עלנדקײט,
זײַנע שװער פאַרפראַצעװעטע צװײ הענט,
צו איר קראַנקן מאַן אַהײמגעקומען,
ס'טריפט פון די דעכער, די פיס זײַנען נאַס,

האָבן אירע ליפּן נאָך בלױ געברענט,
אַזאַ שװידער איבערן קאַלטן לײַב,
אױף שפּיץ־פינגער גײט ער אין שטוב אַרײַן,
נישט אױפװעקן זײַן שלאָפנדיק שלאָף װײַב.

## אויף דער ווייטשעפל פּאַטשענע

די ברייטקייט פונם טראָטואַר דאָ, דאָס רחבות,
מיט צוועלף אין דער ברייט זיינען מיר געגאַנגען;
קייזער און קעניג, די מייער־סוויטע נאָ־שפּיץ,
אין רינשטאָק בגלופין זיין מאַיעסטעט, דער טרובאַדור,
סקאַנדירט דעם שריט מיט סקאַנדאַלן־געזאַנגען.

פוקס און קאַץ און מייזל און ליסקי און טיגער —
שלמה, דער מלך פון דער בארע געוועזן!
איצט מ׳דרייט זיך אַרום דאָ מיט עק צווישן די פיס,
די אייגענע ביינער כאָטש אַרומצוגריזשן,
די ווייטשעפּל קעץ ס׳ליד אַדורכצולעזן.

נאָר נישט אויף דער זייט אַרויף, ווו „די צייט״ דאָרט שטייט,
אַ פּאַרהאַקטע מיט נעגל און מיט ברעטער —
אַ מת אינם ארון זיין רעכט נאָך צו טון!
אַז איך גיי די שדים־חורבה אַמאָל נאָך פאַרביי,
מיין בליק אַ טרערן־פּאַרגאָסענער ווערט ער.

גוט וואָס כ׳זע נאָך סאָכאַטשעווסקי׳ן דאָרט אָנקומען!
אָדער איז עס זיין שאָטן „למך שפּרינג אונטער״?
אָבער, אויב אַ שאָטן, אַ סימן מען לעבט נאָך, — —
קלינגער פּאַראויס מיט געשפּיצטער פען און טינטער,
און קרעדיטאָר שמייכלט, זקן־סופרימדיק און מונטער?

## ...אין דער ליין

אינדערהיים געוועזן איז זומער זומער, ווינטער ווינטער,
פון הימל איז גאָט אַליין אונז געגאַנגען אַנטקעגן;
אויפגעשטעלטער קבלת־פּנים־טויער — אַ רעגנבויגן,
מיט צעקלינגטע שליטן־גלעק קומט ער פון אַלע וועגן.

די פרילינג בין־השמשותן, דאָס געזאַנג אין די ריטשקעס:
„אַ זון און אַ רעגן, עס איז אַ כלה געלעגן״,
ערשט אין די ווינטער־נעכט די שניי־מענטשן — : די חנוכה־ליכט,
דאָ יעדער טאָג אַ געמיש פון נעפּל און פון רעגן.

קיינמאָל כ׳וועל נישט פאַרגעסן יענעם ערשטן באַגעגן דאָ!
ווו הימל, ווו ערד, ווו זון און ווו לבנה און שטערן?
עס הענגט הער גאַנצער־אַרום — „תולה ארץ על בלימה״,
אַן אייל־אויסגעשמירטער, קאָלירטער, פּאַפּיר־לאַמטערן.

טראָגט אים אין דער האַנט אַ יינגל וואָס גייט פון חדר אַהיים?
הענגט ער אין סוכה? סטראַגאַנעס מיט געדעקטע טישלעך!
„אויף הימל אַ יאַריד״, שטיקער שור־הבר, יין־המשומר,
דער לויתן האָט זיך געפּישלט — אַ ים מיט פּישלעך.

זע, ס׳גאָלדענע ציגעלע אַרויסגעפּאָרן האַנדלען,
וואָסער מינים סחורות עס האָט נישט אַלץ צו פאַרקויפן!
ס׳בערדעלע שאָקלט זיך, די הערנדלעך שפּרונגען אונטער,
די שמעקעדיקע פּיסעלעך ווי געשמאַק זיין לויפן.

שטייט נישט אליהו־נביא דאָרט מיט גאַנצע פּעק מציאות?
ס׳„טעלערל פון הימל״ דו ברויכסט פון אים בלויז פאַרלאַנגען,
קלעטערט ער אויף יעקבס לייטער אַרויף אונטער אַ וואָלקן,
און אין איין הרף־עין ער וועט עס דיר דערלאַנגען.

מלאכים, שרפים אופנים — ווי עס פלאַקערט אַ מסחר!
צום זיבטן הימל אַרויף די פּרייזן זיך שרויפן:
צום ערשטן מאָל, צום צווייטן מאָל, צום דריטן מאָל — זכה לו!
ווידער דרייט זיך ס׳אופנים־רעדל אויף זעלבן אופן.

איינער פון חיות־הקודש בייסט אַ ציגאַר צווישן ציין —
אַ זאַנג פון יוסף הצדיקס זיבן פעטע זאַנגען.
אַ פּאַטשיילע שפּרייט ער אויס — „ואד יעלה מן הארץ״!
שעוציקס באַד צווישן סטראַגאַן־שטאַנגען אויפגעגאַנגען —

אויף שטאָלצן און אויף קוליעס טאַנץ קאַפּעליע מ׳„ז׳בעטלער״
און דער „טויב־שטומער״ גאָרגלט זיך אויף גראַמאָפאָן־פּלאַטן;
ביז צום הימל אַרויף אין נעפּלען ס׳פּנים באַהאַלטן —
דער באַרדיטשעווער גיט גאָט אַליין אין טאַטנס־טאַטן:

„דיין וועלטל, גאָט, אַ גאַז־קאַמער מיט אויפגעדרייטע קראַנען,
אַ טשאַדנדיקער, רויך־דושנדיקער שייטער־הויפן — — —״
ראָד אין רעדל אַריינגעציינדלט דרייען זיך די „בערעס״,
און די אופנים — מיילער גייען ממש אויף שרויפן.

איז ווער זעט, אַז נאָך אַ ייד שטעלט זיך מיט אַ שטעלעכל ?
ס׳קאַכט, סזידט דאָס קויפן־פאַרקויפן גערידער־האַרמידער !
גאָט צו דאַנקען, נאָך געפּאַקט אַ פלאַץ אויף הימל יאַריד,
אויסצופּאַקן מיינע פּעקלעך פּאַעמעס מיט לידער.

## „לשון און לעבן, לשון און לעבן״ !

מאַנכעסמאַל, ווען פּאַר אַ „לשון און לעבן״ איך לייז,
כ׳ווער־דערלייזט, ווי ווען כ׳שרייב אַ סמוטנע־מוטנע ליד ;
גליאיק־גליווער געגאָס גייט סקרוך דורך גאַנצן גוף,
און בלייב שטיין אַ מאָנומענט פון בראָנז אויסגעשמידט —

דורך אַזאַ מין צער וואָס איבערפולט מיינע אויגן,
קוק איך טרויעריק אָן דעם קויפנדיקן ייד :
צי וואָלט נישט בעסער געווען, ווען ער ענטפערט מיר אויך,
ווי צענדליקער אַנדערע : יידיש ? „איי קאַנ׳ט ריד״ ?

קאָן איך אים געבן אַ גאָט, ישראל, סאָציאַליזם ?
אין צומאָל, אויב מיין ליד איז גוט ווייס איך אויך נישט.
שנעל דרייט ער זיך אויס, ווי דערשראָקן, ווי באַנומען,
זיין אָפּהענטיקן טראָט כ׳קוק נאָך צעחושט צעמישט.

שפּעטער, כ׳זע אים, אין האַלב־ליידיקן, נעפּלדיקן,
אַ שטיל פּאַרטיפּטער, בלעטל נאָך בלעטל ער מישט — —
אַז קיינער זאָל נישט זען, פון אַזאַ מין גרויסע פרייד,
נישט איינמאָל פון מיין אויג אַ טרער מיר אויסגעווישט.

נ. רובינשטן

אַרויסגעפאַלן שוין די נאָדל פון זיין האַנט,
צוזאַמען מיטן לעצטן וואָרט פון זיין מויל ;
ווי אויסטערליש אויסגעקרומט עס האָט זיך — אַ גרויל !
אָבער אין קאָפּ גראַמט זיך אים נאָך אַלץ, נאָכאַנאַנד —

דער קוק זאַלקינ׳ס מיט אַזוי פיל צער און פערשטאַנד.
און שמואל ווייהט׳ן, ווי גוט איז אים און ווי ווויל,
ווען מיט ווייך שטיקעלע קרייד אויף האַרטער זייל,
אויף פון פאַרשריבענעם „אינוויס״־בוך, אויפן ראַנד,

גראַמט זיך אַ ליד צו זיין אסתר, צו „פּאַמאַכעט",
און מיר, דעם דריטן, דעם מזומן, אַ פּאָעט
צו זאָגן דעם פּראָסטן „רבותי מיר ווען בענטשן".

צו דער ברכה מיט שם המלכות מוזן זיין צען,
הערשמאַן, זיידנפעלד, צומאַל זילבערג — ס'וואָלט נישט געווען!
כאָטש גוט צום פּאַסנעם מזומן געגוגן דריי מענטשן.

י. ביעטשן

נישט די קונציקע פּאַרציקט־געציקלטע,
אַטלעס און זייד געהאָפּטענע מאנעגראַמען —
דער אַרויסגעצויגענער פּאַסטריגע־דרים,
דווקא ער האָלט ס'געמאַכטע בגד צוזאַמען.

אַ גאַנץ לעבן ערלעך, שערלעך און אייזנס,
שוין שווערלעך שפּיק־פּען געשליפן אויסצופיינען.
ווייל אַזאַ מענטש, וואָס פיינער ער אַליין איז,
ווי צונויפגעהאָפטן זיינע ווערטער זיינען.

צו קליין אונזער פאָלק איז, אפשר גאָר צו קלוג,
ראַסקאָלניקאָווס, קאַרמאַזאָווס אויסצוטראָגן;
ווייל, ווער אויף אַ דאָסטאָיעווסקי זיך פאַרמעסט,
דער סמערדיאַקאָוו אין אים האָלט זיך אין איין צוואָגן.

„אויף שיידוועגן", צי „אויף חרובע וועגן"?
אַלע פירן פון עמק־הבכא־טאָלן — —
עס־גייט אין די טיפעניש, אין באַרג־אַרויף!
בלוט־שליאַד — ציט זיך דער שטריך, מיילשטיין צו באַמאָלן.

אויף מיין גורל־זכות שווער אויסגעפאַלן איז,
דאָ אַ קאָפּ צוגלעטן, דאָרט אַ טראָפּ אויסווישן;
בעסערע ביכער, ווי אונזערע לעצטע דאָ,
איין גוט בלעטל צו לעזן — וויפל מ'מוז מישן!

„גלעזערנעם באַרג", גלאַט־גליטשיק, אַרויפשטייגן,
דאָס גאַנצע לעבן מען מוז זיך דאַצו קלייבן — —
וויפיל פאַרזילבערן דעם באַרג מיר קענען,
אויף אַזויפיל צעשפּיגלט די טאָלן בלייבן.

ווי אין שטעטל אין דער היים, פרייטיק אין דער פרי,
אויף פישמאַרק אַרויסגעקומען אַ פרומער ייד,
קומט ער שבת אַראָפּ צום ווייטשעפּל יאַריד,
איינקויפן און טרונקען ביי לייאָנס אַ „קאָפּ־טי״.

איבער אַ האַלבן יאָר־הונדערט ער וווינט שוין הי,
דעמלט ווייטשעפּל, — אָ, דער גרויסער אונטערשיד! —
גאַנצע גאַס געוועזן איין צעזינגט עדלשטאָדט־ליד,
ער יונג, נאָך יינגער, עליה השלום, זי — —

און וועם דעמלט נישט אָנגעטראָפן ביי אַ טישל,
פון גרעסטן העכט, קאַרפּן־קאָפּ, ביזן קלענסטן פישל:
קאַפּיטאַנטשיק־קאַפּלאַן, פרומקין־ריווקין־זאַלקינד.

און איצט זיצט ער דאָ פּונקט ווי עפּעס אַ שבת־גוי!
דערמאָנט זיך: פאַרקנייטשט בליקל ריווקינס — — זעט׳ס געגנוי;
שמייכלט ער נאָך צו זיך דאָ ביים טישל אַצינד.

## מיין תפילה איצט

אַז נישט מיט שמע ישראל אויף די ליפּן,
אין גאַז־קאַמער אויסגעגאַנגען ווי אַ ייד,
כאָטש די זכיה האָבן ביז לעצטער מינוט,
האָוונען יידישלעך, מיין פאַר׳דבק׳ט ווידוי־ליד.

אַנידערגעפאַלן אין גאַס, אויסגעשטרעקט,
צווישן די ציין פאַרביסן דאָס לעצטע וואָרט,
איך האָב עס דאָך אין מיין ביטערן לעבן,
נישט פון איין ביסן מיינעם שווער אָפּגעשפּאָרט.

אַ וואָרט ווי אַ מענטש פאַרפּייניקט קאָן ווערן,
און ביי לעבעדיק לייב צו קבורה געבערענגט;
אַליין אַ מעשה ס׳וואָלט זיך אָנגעטאָן,
אויף פאַרביטערטער ליפּ בלייבן אויפגעהענגט —

ווי אין גאַז־קאַמער שוין אַריינגעשטופּט איצט,
שטיקט זיך מיין וואָרט אין מיין כאָרכלדיקן האַלדז!
נאָר אויסהאַלטן קענען לעצטע מינוט דאָ,
מיט עקל נישט אַ בראַקע טאָן כ׳זאָל שוין אויף אַלץ.

## רחום וחנון דו

וואלט איך געווען א פראנצויז,
א סיפיליטיש־צעפרעסענער גוי —
(געהעטע דער דייטש און שעקספיר דער גאון,
זיי גייען מיך שוין ביידע לאנג נישט אן!...)
זיכער זיך געפונען א היילקע פרוי,
אריינגעמענדיק מיך צו זיך אין הויז,
מיך שטיל געקארמעט מיט איר לייב —
מיר גאנץ צו זיין, ווי קראנק כ'בין שוין און גרוי!
יעדן מנוול זיך פארקויפט פאר א ווייב
ביז איך וואלט שטיל אויסגעגאנגען אזוי.

וואלט איך א רוס געווען,
מיך צוגעשארפט, קיינער זאל נישט זען,
צום פושקין מאנומענט,
אין די קעשענעס פארשטעקט די הענט,
געהאלטן כ'וואלט דעם פיסטויל
און באפרייט מיך פון שאנד און פון עול —
אין הארצן אריין דער געצילטער שאָס,
עס וואלט געווען פון מיין לעצט ליד
דאס לעצטע אות — — —
בין איך דאך אבער א ייד —

גאטעניו, רחום־וחנון, דו,
גיב מיר כח זיך צו פארקריכן ערגעץ־וואו
אין א געסל פינסטער און פרעמד,
אין א לעצט־פארלויזטן העמד,
שטיל אויף מיינע אויסגעטרעטענע שיך,
אז קיינער זאל נישט דערקענען מיך;
און מיט צוויי שאכטלעך שוועבעלעך שטיין,
אנביטן יעדן פרעמדן וואס אדורכגיין;
מיך דערנערן אזוי, ביז פאלן כ'וועל טויט,
באַרגראבן צו ווערן ערגעץ הינטער א פלויט.

# די אָרעמע חתונה

## ס׳חתונה-בריוול

קול ששון וקול שמחה, איר זאָלט אייך נישט דערשרעקן,
ווען מיט גרויס מזל ס׳חתונה-בריוול איר וועט קריגן;
קיין מגיפה, קיין פעסט, קיין כאָליערע, רחמנה לצלן,
קליינע קינדער שטאַרבן נישט, חלילה, אין די וויגן.

פון דער מיטה אַראָפּ אַ פאַרבלוטיקט-געשענדעטע,
אַ טויט-באַליידיקטע, די שפחה אַראָפּגענומען — —
אַ חתונה אויפן בית-הקברות — ס׳איז חי-געלעבט,
קאָקלע-קהל, אין עסיק, אין האָניק, אַרויסגעקומען.

דער געדודער, דער געטומל: ס׳גאָרגלט זיך דער חזן,
דער שמש, אַ פאַרקייכטער, שלעפּנדיק די פיר דרענגער;
מכוח׳ן סילוק׳ן האַמפּער זיך די מחותנים,
די מחותנטעס זעען אויס דיקער ווי לענגער.

און ווו קאָן מען נאָך זען, אַזעלכע זיסע תחינה-ליפּלעך,
פון פאַרצויגן פּיסקל אַזאַ מענה-לשון הערן;
אויף אַלע כלים צעקלינגט זיך אַ כ„אל מלא רחמים״,
ס׳שטעלן זיך ווי די באָבעס אין די אויגן די טרערן.

פון שטערן-טיכלעך ווינקן טענצלדיק ציטער-שפּילקעס,
אויף ברוסט-ברעטלעך בלישטשען ברייטלעך — ברילאַנטענע בראָשן;
ביז אויפן האַלדז אַראָפּ פּערלען זיבן שנירלעך טרערן,
ווען דער בדחן, ביים באַדעקנס, צעלאָזט זיך מיט לשון.

ווישט די אויגן אויס, אַ מצווה-טענצל אויפגעהאָצקעט!
אָט די טענדע-ווערענדעס וועלן דיך נישט „באַגרעבן״;
דעם הויך-אויפגעגאַנגענעם קוילעטש אויפן קאָפּ!
מיט אַזאַ שפחה אַלע גבירנטעס איבערלעבן.

## פון חתנ׳ס צד

באמת, אַז עוולה גדולה אייך צו פאַרגעסן
האָט איר דאָך דאָ צרות אונז אָפּגעטון און זיך אויך;
מילא, אַז דער מאָגן ליידיק און נישט פול דאָס האַרץ,
טראָגט מען זיך אַרום מיט אַן אויפגעבלאָזענעם בויך.

גרויס ווי יעסעניק, צי אַ בעל־כוסה ווי יענער,
אויב נישט עכט, בלויז נאָכגעמאַכטס, וואָס שוין דער אונטערשיד?
ס'ערגסטע, וואָס אַ מבין אַ ייד, פאַרשטייט זיך בעסער,
ווי אויף אָנגעשטעלטן טרונק, אויף איינגעמאַכטן ליד.

אונזער געזאַנג — „על כל פשע תכסה אהבה״!
אָבער אָנגעהויבן טשאַדען פון שטעטל דער רויך — —
איז ווער זעט נאָך די פייגל, וועם גייען זיי שוין אָן,
ווי שיין זיי זאָלן נישט זיין, זייער פליען ווי הויך?

וואָלט ער דאָ געבליבן, ר'וואָלט שוין בייגל געבאַקן,
אויף יענער וועלט, דאָרטן, עסט ער זיי געשמירט — אויף דער;
וואָדקא פון פלעשל? זיינען נישט פאַראַנען „גרעסען״,
דייטש, ענגליש? וואָס טרינקן פון קעלישקל ליקער?

אַ לעבן אויף אייך דאָרט, בלויז אַ בייז אויג נישט שאַטן!
טאַקע, אַז וועלט „טשאַדעט״ אַ וועלט, פאַרוואָס נישט מיר אויך?
שוין עפעס גרויס'ס אויסדרייען — אַמבראָזיש־לאַמבראָזיש!
האָט יונה זיך נישט געראַטעוועט ביים פיש אין בויך?

„יידיש? מיר שרייבן מיט העברעאישע אותיות!״
זיך שוין אַרומגעדרייט דאָ ווי פאָט און פאַטאַכאָן:
סאַנשאַ פאַנשאַ נעבעך פאַר טעלער זופ, דאָך קיכאָט —
פאַר כוסה, וואָס נגידל געשטעלט פאַר „באַדאַכאָן״.

אי״ה אויף קנס־מאָל איינלאַדענען ביידע,
אים, די כלה צו באַזינגען, ווי ער קען — מיט כוח!
און סאַנשאַ, זעט ער נישט אויס ווי אַן עכטער שדכן?
ס'בייכל אים אָפּרה״שן מיט דער גילדענער יויך —

אויפן אויסגעבעטן כלה־שטול אים באַזעצן!
גיי און שרייב אין עברית מיט זיבן גרייזן נח?
ערשט, ווען יענער ליד אויף שיילעקיש איבערזינגטס,
גאַנצע ענגאַלישע דיכטונג דעמלט ווער נאָך ברויך?...

## די „ארעם־סעודה״ נעבעך...

ממחרת, נאָך דער חתונה די „ארעם־סעודה״!
ס'האָט זיך געטון אויף בענק און אונטער די טישן,

עס שמייען די סאַרוועס משוגענער־ווייז אַרום,
דער קאָכלעפל האַלט אין איין שוימען און מישן.

בלויז פון דרויב פון די עופות, די קעפּלעך, די פיסלעך,
און ערשט פון נעכטיקן שריים אויף די טעלער,
אַז „אָרעם־סעודה פאַר אַ כאַפּטע אונטערלעקער ?
חתונות, אמתע, פראַוועז און מאַלצייט־בעלער.

און וואָס קלענער דער עולם אַלץ גרעסער די שמחה !
אַ חוץ עפעס אַן „אפגעדאַוונטן" בעל־תפילה,
אַ פאַרשלעפּטע קרענק מיט פעדער שוין אונטער די נאָז,
האָצקעט אַריין אַ חולה־נופל אויף אַ קילע.

יענער מיטן מחיש וואָס האַלט זיך אין איין קוועטשן,
זיצט אויבנאָן, ביים שפּיץ־טיש, אַ ברייט־צעקנעפּלטער !
אַז וויפיל בסך־הכל, נעבעך, געבליבן נאָך ?
איינער „אַנאָנגעפאָרענער", אַ צעווייטשעפּלטער.

הייזעריקער חזן־האַלדז בלאָזשנט „משברכ'ס",
צום טאַקט באַמקען שכור צו די ליידיקע גלעזער :
„מורינו ורבינו הגביר הנגיד" — — —
די גבאיטעס שנייצן אין די טיכלעך די נעזער.

אַן „אָרעם סעודה" אויף אַלע קבצנים געזאָגט !
האָט מען דאָס געשנאַשקעט און פופּיקלעך פאַרביסן . . .
בלויז אַן קאַפּעלע נעבעך : די פּויק אַ געפּלאַצטע,
און פון פידל די לעצטע סטרונע שוין געריסן.

* * *

ס'וואַלגערן לערע פלאַשן, צעבראָכענע גלעזער,
אין געבליבענע ביינער ברעכן הינט די ציינער ;
אַ פאַרשנאָשקעטער איינגעשלאָפן ביי אַ בענקל,
צו אַ מצבה אַצוגעפאַלנער וויינער.

„שאַ, שטיל מאַך נישט קיין גערודער" בלויז דאָס באַס־געגרעבץ
דאָס גערומפּל אין די בייכער — די פּויקן דעכן !
לאָז זיי זיס טרוימען אין זייער שלאָף דעם גערעכטן,
אין דעם געמייקע טריפהנע קושקע אויסצוברעכן.

## דער ווייטשעפּל טראָטואַר

עס איז אַ שטאָט אַ ברייט־באַבלעטערטער, צעצווייגטער שטאָם
מיט הייזער מיט גאַסן, איר וואָרצל — דער טראָטואַר!
אַלץ איינגעשרופּענער בלויז דאָס האַרץ, וואָס גרעסער די שטאָט —
אַ פאַרשטאָפּטער מאָגן צעגרעבצט זי זיך מיט אַ קאַר.

ווערט אונטערגעהאַקט אַ כרך, געשניטן ווערן גאַסן —
איבערגעוואַקסן געביי אין וואָלקנס זיך אַ שפּאַר!
בולוואַרן און סקווערן, ווייט צעלויפן זיך די וועגן,
בלויז דאָס האַרץ עס בלייבט דאָס זעלבע — געוואָרצלט אין צער

### 1 דער שבת־שפּאַציר

אָן אירע געסלעך וואָס איז ווייטשעפּל,
ווי אונזערע שטעטלעך אַצינד אָן די יידן;
היימישלעך בלויז די שבתים זיינען נאָך,
זיי דערמאָנען אין די שטעטלדיק ירידן.

די געבליבענע, שבתדיק אָנגעטון,
לאָזן זיך אַרויס מנוחהדיק שפּאַצירן,
און דרייען זיך צווישן די „בערעס" אַרום,
ווי אויף אַ יאַרמאַרק צווישן גויאישע פירן.

דער חלול שבת, צי ס'שטעטל דערמאָנט זיך?
דער ייד, אויף צווייטער זייט, ווי אבלדיק גייט ער:
לאַנג ווי דער יידישער גלות ציט זיך דאָרט,
טראָטואַר ברייטער, אַלץ רחבותדיק פאַרשייטער.

פון די געבוירענע דאָ בענקט ווער צוריק,
צום געסעלע וווּ זיין וויגל איז געשטאַנען?
אויב יאָ, וועט ער אַזוי ווי דער ייד דאָרט,
אַ סמוטנער אויף ברייטן טראָטואַר דאָ שפּאַנען.

### 2. אויף דער אנדער זייט

נישט אויף דער זייט, טראָטואַר, דער יריד־צעטומלטער,
אויף דער אַנדערער, גייען מענטשן אַזעלכע שטילע,
ווי צו אַן אַלטאַר, ווי להבדיל צום ארון־קודש,
עס איינצורייסן, אַנידערצופאַלן אין תפילה.

ס׳גייט אַ זון צו אַ טאַטן, אַ גוסס, אַ שכיב־מרע,
אַ מאַמע צו אַן איין־איינציק קינד וואָס ליגן מסוכן,
אַ געליבטער ציילט די שריט, ציילט די רגעס ווי אַמאָל,
ער גייט, זיין געליבטע אַ לעצט מאָל איצט נאָך אָנקוקן.

צו זיין קאַר גייט ווער אַ שווער־פאַרקלערטער אין געדאַנקן,
אָקאָרשט אַ יונגער מענטש געבליבן אונטער זיין מעסער,
ער דערזעט שטיל אָנקומען אַ פרוי, און ווי אַ מערדער,
כאַפּט ער זיך גיך אַריין, אין זיין קאַר — דער פּראָפעסאָר.

נישט אויף דער זייט, דער יידישער, דער מאַרק־צוטומלטער,
אויף דער אַנדערער, ווען כ׳שפּאַציר אין די זומער פאַרנאַכטן,
ווערט מיין שריט אַן אַנדערער, אַ שטילער, אַ פאַרטראַכטער:
פירט מען מיך נישט אַרויס פון אַמבולאַנס אויפגעמאַכטן?

אַ לעצטן בליק כ׳וואַרף נאָך אויף דער אַנדער זייט אַריבער!
טויט־שטיל, קיין „זעל״ מען זעט נישט מער דאָרטן, אויסגעשטאָרבן,
צעלאָפן זיך יעדער אין זיין לאָך, אין „זיין ריר״ אַריין,
יעטווידער אין זיין גן־עדנדל וואָס זיך דערוואָרבן.

פון אַ שויפענסטער בליקט בלייך אַריבער אַ מאַניקען,
אויף דער פאַטשעגנע שטייט שטיל אַ פאַרגעסענע „בערע״ — — —
אין דער ליידיקער רחבותדיקייט כ׳דריי מיך דאָ אַרום,
אַזאַ מין פאַרלוירענער רואה־ואינו־נראה.

## 3. ווי - זא - ווי

ס׳לאָנדאָן־האָספּיטל אויף צווייטער זייט טראָטואָר
ס׳טראַיאַנער פערד מיטן מאַרק אָוועקגעשטעלט,
געשטאָפּט מיט דאָקטוירים פול מיט קראַנקן־שוועסטער,
אַריינצובאַקומען געפּערליסטן העלד.

פון דער זייט פאַטשענע, פונם קאַפע לייענס,
קוקן די „אַלד־פענשנס״ אַריבער מיט שרעק:
זיי וואַרטן דאָרטן מיט זייערע כלי־זיין,
קורץ און שאַרף, אונז איינגעשלעפערט, און — אַן עק!

נישט זעלטן פאַרדרייט ווער ס׳קעפל, ווי אַ הינדל,
און פון קייגנאיבער — ס׳טראָגבעטל איז דאָ!

די „אָלד פענשנס" קוקן זיך פֿאַרלעגן איבער:
אַ ייִנגער מענטש נאָך געווען... געכאַפּט די „פּלאו"...

נעפּל־פֿאַרהאַנגען קוקן גרוי די שפּיגלען,
קאַלטע טראָפּן קייקלען זיך סמוטנע אַראָפּ — —
די אַלטע ביי די טישלעך הערן ווי מען טראָגט,
יעדן טראָט אויף טראָטואַר ציילן זיי אָפּ.

*  *  *

אָן אירע געסעלעך, וואָס איז ווייטשעפּל,
אָן אונזערע שניידער וואָס זיינען מיר דאָ?
אויסגעלייגטע שויפענסטער אויסצושלאָגן,
ווען חלילה קומען זאָל, אַ בייזע שעה — —

אָ, נישט נאָר מאַניקענס אויפן טראָטואַר,
אויסגעלייגט, ליגן מיר ווען — אין אַנגראָ!
און אין טרויאַנער פערד אַ דאָקטאָר, אַ זון,
איינגלייגט: הארכט פון ווי־זאַ־ווי דעם עכאָ...

## א לעצט געזאַנג צו מיין לייב אויסצוזינגען

אַ לעצט געזאַנג צו מיין לייב אויסזינגען,
און נישט אַז עס זאָל עס ווער נאָך לייענען,
וואָרים ווען איך וועל זיין שוין געשטאָרבן,
מען וועט דאָך אים צומאָל נישט באַוויינען.

אַ לעצט געזאַנג צו מיין לייב אויסזינגען,
ווייל ביז אַצינד ער האָט אויסגעהאַלטן;
עס וויגט שטיל איין ווי אַ קינד דעם זינגער,
ווי אַ זיך וויגנדיקער שטריק פון באַלטן.

אַ לעצט געזאַנג צו מיין לייב אויסזינגען,
צווישן די פיר ווענט עס זאָל בלייבן פֿאַרשוויגן — —
אַ זינגענדיק האַרץ, ווערט עס אומעטיק,
בלויז דער טויט קאָן עס, ווי אַ מאַמע פֿאַרוויגן — — — — — — — — — — — —

## אין שפיטאל בעט

ווען ער איז דערגאַנגען זיין לעצטן טראָט — —
נישט צו מענטש, נישט צו זיך און נישט צו גאָט
איז ער אַ פאַרמענצעטער צוגעקומען;
אַן אַמבולאַנס האָט אים צוגענומען,
פון ריינשטאָק אַ פאַרקערט קופקעלע שטויב.
צו זיך ר׳איז געקומען ביים אַראָפהויב —

ער קוקט זיך אַרום, פון אַן אַמבולאַנס,
על־עהיי פון אַן עגלה, אַ שאַנס
אים, אפנים, געוואָרן נאָך געגעבן,
אַזאַ לעצט פאַרעכץ אויך איבערצולעבן.
ער שמייכל: צו שטאַרבן צומאָל שוין טויט־מיד,
און אין קאָפּ סדרט זיך נאָך אַלץ אַ ליד.

אַן אָפּ־אין איבערגעלעבטן פּאָעט,
אז מען לייגט אַריין אין אַ שפיטאָל־בעט,
נישט צוצוגרייטן פאַרן דאָקטאָרס מעסער —
(גלאַט אַזוי ביז ווערן אַ ביסל בעסער...)
נאָך נישט צייטיק פאַר מלאך המות שווערט!
דאָפּלט שווער אויף האַרץ אַזאַ איינעם ווערט.

פּאַלאַצן גאַנץ לעבן געבויט, געשפּינט,
און צומאָל געבליבן אַן הויזגעזינט,
און אַצינד אז אַביסל זיך אויסרוען
ער מוז, איז וואָזשע זאָל ער נעבעך טוען,
דערפרייט אים יעדער גראַד היץ וואָס שטייגט הויך:
זיין לאַגע וויסן, צי מוזן זיי אויך...

ליגט ער צופרידן, די אויגן פאַרמאַכט,
קיינער נאָר נישט דערקענען וואָס ער טראַכט,
זאָל נאָר אַוועקגיין דער לעצטער גראַד פיבער,
וועט דאָס לעבן אים ווערן דאָפּלט ליבער:
איז דאָך פאַר אַן אָפּגעלעבטן פּאָעט,
זיך אויסצורוען דאָך פאַראַן אַ בעט...

ווי זי לויפט אַזוי אַהער און אַהין,
מיטן פּענצאַלין שפּריץ, מיט פלאַש אורין;

און ווי שטאָלץ זי טראָגט דאָס אזוי די פלאַשן,
און דעם עמער דעם געלעמטן צו וואַשן;
ווי מאַיעסטעטיש דערהויבן, די קרויז
פון הייבל אויף קאָפּ, ווי אַ קרוין זעט אויס.

איידער געקומען ס'איז די באַזוך־צייט,
אַ טישל אויסגעצוגן, געמאַכט גרייט;
אָבער אַז קיינער איז דאָך נישט געקומען,
איז ווער האָט געזאָלט אים ברענגען די בלומען?
באַזוך־שעה אַוועק, ברענגט ווער אַ בוקעט,
ס'צעטעלע: „אַנאָנים פאַרן פּאָעט".

און ווען זי שטייט אים צו געבן אַ שפּריץ,
האָט זיך זיין בליק געטון אַזאַ צעבליץ:
דער אַנאָנים, דווקא זייער אַ נאָנטער...
אין צאַרטן ציטער פון איר האַנט, דערקאָנט ער —
די מאָרפיום־נאָדל אין אַ נערוו אריין,
און ער קיין קרים זיך נישט געטון, אָ, ניין — —

אַז ס'האָט אים געפירט אַהער דאָ זיין טראָט,
באַרג־אַראָפּ, צו מענטש, צו זיך, צו גאָט,
מוז דאָך דער אומוועג אויך האָבן אַ זינען,
און אויב נישט ס'געזוכטע — דאָס אויסגעפינען!
ער ציילט דעם ריטם, דעם פּולס פון אַ פּערז —
די אַוועקגעאיילטע שריט פון דער נערס.

## פון מיינע לידער „אין יידישן שפּיטאָל"

רוט די שכינה מיר צוקפּנס?
איך ווייס נאָר אַז עמעצער שטייט איצט דאָרט.
מיינע ליפּן באַוועגן זיך, כסדר פאַרט,
אָבער ס'כאַפּט קיינער נישט אויף קיין וואָרט.

איך אליין נאָר הער עס און פאַרשטיי עס,
און מאַך מיד די אויגן צוריק צו — — —
רוט דאָ די שכינה מיר צוקאָפּנס ווו
אָדער שטיל אין איר שויס שוין איך רו?

* * *

קוועקזילבעריק, אַרויף אַראָפּ צאַפּלט ביסל לעבן,
איין גראָד נאָך און — אַריבערגעשפּרינגען!
מוז מען דען ערשט צוריקשפּרייזן אויף צוריק,
כדי לעצטער שפּרינג זאָל געלינגען?

איין איינציקער גראָד נאָך, אַ האַלבער — —
הער איך טאַקע, די מלאכים שוין זינגען?...
„מאַמע" — — —
ניגונדיק־וויגנדיק וואָרט אויף מיין ליפּ־געשטאַמל,
רייסט מיך וועקנדיק אויף צום לעבן מיך צו צווינגען — —

אויף אירע וואַכע אָרעמס טראָגט זי מיך וויגנדיק אַרויס,
פון אַ טונקלען שפּיגל וואָס ווערט אויף פּיצלעך צעשפּרינגען.

* * *

אַזאַ תפילהדיק טורטלטויביק וואָרקען,
ווי די בלוט־טראַנספוזיע אין האַרצן אַריין איך'ס דערשפּיר:
אַלע אין די בעטן הער איך בעטן פאַר מיר — —

די ליבשאַפט איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן,
און עס לוינט זיך שוין צו לעבן פאַר איר.

(צו אַ נערס)

אַזוי איז מיין מאַמע איבער מיין בעטל,
טעג און נעכט געזעסן און גאַנצע וואַכן,
פּערעלעך דרילעוועו זיך אירע טרערן,
און ס'האַרץ פון דינסטן נעדעלע צעשטאָכן —

איבער איר שויס דאָס געשפּאַנטע שטיק־רעמל,
איר האַרץ — בייטאָג די זון, ביינאַכט די לבנה!
אירע ליפּן שלשתדיק געשנירלט —
אַ תחינה זי האַלט אין איין זאָגן בכונה.

אין מיטן נאַכט, ווען כ'עפן אויף די אויגן,
און דערזע זי אַזוי תפילהדיק זיצן,
האָט זיך איר פרום מויל פּערלדיק צעשמייכלט:
„געפעלן דיר אינם אַזשור די שפּיצן?"

פאַר דר. ישראל פעלדמאַן

וואָס מיינט דען אַ פּאָעט צו זיין?
קענען מיטפילן דעם צווייטנס פיין!
גאָט, נישט די יסורים מיך שרעקן,
נאָר די מורא זיי קאָנען אויפוועקן,
רחמנות צו זיך אַליין — —

ווי שרעקלעך ווי קריכעריש קליין,
ציטערדיקע הענט אין געוויין,
פאַר זיך גופא בעטנדיק שטרעקן.

* * *

די שטילקייט דריי אַזייגער:
און אויפן זעסלביים פענסטער איינער אַליין,
איך לאָז די אויגן פאַרשעמט אַראָפּ,
און דרימל ווי אַ זקן, שטילינקע איין.

* * *

אויף כוואַליעס פון ים? אין אַ שפּיגל?
קריסטאַל שטייף באַוועגט זיך מיין בליק,
נישט אַ וואָרט אַרויסצוריידן צו וועם.

ווי הינטערגרונט דער ים וואָלט געווען,
און איך אין וויגנדיק טיפן זעסל,
איינגערעמט אין דער גילדענער רעם.

מיין זיידע זצ״ל

אַז נאָך חצות אָפּריכטן,
האָט זיך מכינען געווען,
פאַרטיק ערשט געוואָרן גלייך מיטן טאָגן.
און שטייענדיק אַזוי אַ צעבראָכענער ביים כיור,
און געוומען מיט כוונה אשר־יצר זאָגן,
איז ער מער שוין צום דאַווענען נישט געקומען.

אין קריאת־שמע בזמנו פֿאַרגעסן,
אין „פֿון פֿאַרנט" און פֿון מיטן מיטן,
געשטאַנען זיינען אים פֿאַר די אויגן
די אַלע וואָס האָבן אַזוי געוואַלטיק געליטן:
„וברא בו נקבים נקבים חלולים" — —
האָט זיין געוויין דאָס האַרץ צעשניטן.

„שאם יפתח אחד"! האָט אים דערדריקט דעם דלד:
צי קאָן זיין תהלים זאָגן וועמען דען היילן?
אַ פֿויער וואָס ברענגט קרייטעכצער אין שטאָט,
וואָלט ער געוואָלט צו יעדן קראַנקן איילן;
אַ גרעזעלע ווערן אַ שטיקעלע קרייטעכץ,
און צו יעדן אַ שטיקעלע זיך פֿאַרטיילן.

* * *

די צוויי שטייף־אויסגעאַרבעטע בלייכע הענט
אויף דער וואָל־ווייכער רויטער קאָלדרע,
ווי אויסגראַווירטע זעען זיי אויס;
אין שאַרפֿן פּנים די שוואַרץ־אַפּלען,
(אונטער אַש ס'וואָלטן פֿונקען געברענט!)
היימיש פֿאַרטיפֿט און אַזוי אויפֿגעריסן גרויס,
מיין טאַטנס אויגן כ'האָב אין זיי דערקענט.

אַ גאַנצן טאָג זיינען די ליפּן אַזוי שטיל,
נאָר ביינאַכט ווען ער מיינט ר'איז אַליין — — —
מיט מיין גאַנצן האַרצן איך הער זיך איין,
און ווי איך וואָלט עפּעס אייגנס דערקענט,
האָרכן מיינע אויגן, אין זיך אַריין געווענדט.

* * *

(מיין ווי־זאַ־ווי אין „מיילענד־האָספּיטל")

נאָך באַלעקט דעם לעצטן לעפֿל אים דערלאַנגט,
געוואָלט נאָך וואָס אויסריידן, וואָס געדענקט:
וועגן ווידוי, אפֿשר ירושה צעשענקט,
צי עפּעס אַ לעצטן ווילן נאָך פֿאַרלאַנגט.

קוים צו דער וואַנט זיך אויסגעדרייט — „אָפּגעדאַנקט“,
אויף צויטל פון דער היים מיט זיך מיטגעברענגט,
האָט עפּעס אַ מין פונקל זיך אויפגעהענגט,
און אַזוי מיט אַ שמייכעלע אויסגעצאַנקט:

...אַ פּיטשעדיקס, ווי אַלט האָט ער געקענט זיין,
צום ערשטן מאָל געפירט אים אין חדר אריין,
דער מלאך־פּאַמפּער וואַרפט אים פייגן אַראָפּ...

ער זאָגט נאָך דעם רבי'ן: קמץ אלף, אָ — —
ער הערט: „מיין קינד אין אַ מזלדיקער שעה“ — —
ער שפּירט אַצינד די מאַמעס קוש אויף זיין קאָפּ — — —

## די שפּחה

צוגעשניטן, געפּאַסטריגעט, געדזשאָבעט,
מיט דער מאַשין געשטעפּט, מיט די הענט גענייט,
צוגעפּרעסט שוין מינדסט פּעלדל ווי קונציק פיין —
פערטיק דאָס מלכותדיקע חופּה־קלייד.

אָבער ווער זאָל עס דען אָנטאָן, און נאָך וואָס,
אַז קיין חתונה וועט סיי ווי בישט זיין;
דער חתן נישטאָ, טויט צי גאָר אַנטלאָפן,
כלה־עגונה אויף אייביק אַליין.

קענען מייז צעגריזשען, מילבן צעפרעסן,
מיט אַזויפיל פרייד דאָס קלייד אויפגענייט?
וויפיל טרערן, וויפיל בענקשאַפט־פּיין — —
אַ חופּה־קלייד פאַר גאָט און פאַר לייט!

אַ שיפחת געווען און אַ שיפחה זי בלייבט,
און איין־אַליין, שפּעט אין קיך זי וועט שטיין,
איר קופּערט גיט זיך אַן עפן אויף אַליין,
און איר האַרץ געטרייסט פון אַ זיס געוויין.

## א סאָנעט

אויף שריט און טריט מיט אים מיך אָנשטויסן איך פּלעג,
וועג געפּירט פון שטוב אין קאַפע, פון קאַפע אין שטוב:
אויב ס׳וועט זיין ווערעמדיקער און פינסטערער אין גרוב,
וועט עס דאָך אָבער שוין זיין דערפאַר דער לעצטער וועג.

כ׳קוק אים אָן! ברודער כ׳וועל דיר נישט ענטפערן, נישט פרעג;
ווערט מען געבויערן אַ פויגל מיט אַ שטומפּן דזשוב,
אין האַרצן אַריין אַלץ טיפער און טיפער אים שטופּ,
און דיין זינג וועט זיין דער זיסטער און די לעצטע טעג.

און זע, ווי דאָס פּנים ווערט אַלץ פויגלישער, אַלץ דינער,
דער בליק — קריסטאַל־געשליפער, שפּיציקער גרינער!
און ווי ס׳ברויערט אין האַרצן אַלץ טיפער און שאַרפער —

צעשפּיגלטע קוקן מיר איינער אויפן צווייטן —
צוויי נאָענטע, וואָס דערקענען זיך פון דער ווייטן!
הער, איינער פון אונז די האַרף, דער צווייטער — דער האַרפער.

## צוויי לידער

פון וויפל שטעט איז דען לאָנדאָן צונויפגעשטעלט,
און פון טויזנט און איין שטעטל ווייטשעפּל, דו — —
מען דאַרף נאָר אַ וואָרט צו הערן, אַ תנועה בלויז,
און מען דערקענט דעם איינגעזעסטן פון ווו.

און נישט נאָר די אָנגעפּאָרענע, די פרעמדע,
זייערע קינדער אפילו — אין זינג־אַקצענט!
ווי דעם טשעלסי־טעדי־בוי אין אַ פּאַרק־לעין קלוב,
און ווי אין היידפּאַרק דעם „קאָקני" מען דערקענט.

הער איך אַ ייד נאָך ריידן דאָ מאַמע־לשון,
ווי אין שול ביים לייענען הער איך צו צום טראָפּ,
און דערזע זיין גאַנץ שטעטל פאַר מיין בליק,
שפּיגלט אין דער טרער, וואָס פאַלט שווער פון אויג אַראָפּ.

ווו איז עס דאָס שטעטל — טויזנט און איין מעשה. —
ווי די מעשיות פון חומש וואָס אַמאָל געווען?
און פון דעם נעסל דאָ, דעם שאָטן נאָך פון דאָרט,
ווער קאָן וויסן וואָס אין איין טאָג ס׳קאָן געשען.

* * *

נישט פּאַר אַן אָפּענעם ים צעפּונקלט מיט זון —
פון אַ בלעטעלע אַראָפּטריפט אַ טראָפּעלע טוי,
ס׳טובלט זיך מיין בליק דעריין, ווי די זון אין ים,
גייט אויף אַ צעשפּיגלטער ווי זי קלאָר און בלוי.

און ווען אַ שוועלבעלע בלייבט שטיין הויך אויף אַ שפּיץ בוים,
און צעוויינט זיך מיט זיין לאַנג־צעצויגענעם אוי,
בלייב איך טיף פאַרטראַכט אין מיר קוים עס צו פאַרשטיין,
ווי אַזאַ קליין באַשעפעניש לײַדט אַזוי.

און ביים טישל, ווען זי זיצט קייגנאיבער מיר
איז עס אין קאַפּע פּונקט אַזוי, האָר געניי:
דאָס גאַנצע פאָלק איר׳ס זיצט איצט קייגנאיבער מיר,
אין אָט דער האָרץ סודותדיקער, ווייט־נאָנטער פרוי.

דאָס אַלביאָן־בלאָנד פון אירע גאָלד־קופּערנע האָר,
ס׳שנייט נאָך אַרויס פון דעם זילבער־געדינטן גרוי,
ווי פון איר שטאָל־בלויען נעפּל־באַהויכטן בליק,
ס׳קוקט בייז אַרויס צו מיר איר זיידע, יעדער גוי.

## די באַשמירטע שולן

1

מאָלט זיך בלויז דער שאָטן פון שטן אויף די ווענט,
אָדער גייט שוין ווידער דאָס שרעקלעכסטע פּאַסירן?
איז עס אַ ווילדער אַנהויב, ווידער פּאַר אַ סוף,
צי ס׳ווידער־קול ווילדעוועט נאָך אין די געהירן?

פאַרוואָר, מיר שטעלן שולן אויף וווּ מיר קומען,
נישט נאָר תּפילה צו טון — גאָטס וואָרנונג צו דערהערן!
עס זאָלן זיין ווו די „עצים ואבנים״,
ווען גאָטס כעס איבער מענטש אויסגעגאָסן מוז ווערן.

ווי די כותל־מערבי פון בית־המקדש,
זיינען פון די געטאָ־ווענט די שולן געבליבן;
ווי שווער ס׳איז אַ פאָלק, ווען אין גלות אַריין ס׳גייט,
אַזוי שווער ווען פון גלות אַרויס ס׳ווערט אַרויסגעטריבן.

„אדוני אדוני אל רחום וחנון" — — —
האָסט אונז אויסגעקליבן אייביק דיר צו געהערן;
גאָט, אייביק פּרוווסט דו אונז — עשרה נסיונות!
מיט פֿאַרטריבן ווערן, ווי מיטן ווידערקערן.

2. צו דער פאַרברענטער שול

אין אָנהויב איז געווען דאָס פייער — —
אויב ס׳וועט אונז צו אונז נישט צוריקברענגען,
צו וויסן וואָהין מיר געהערן,
וועט מען אונז באַלד אויף גאַסן־לאַמטערן,
ווי די געהרגעטע היינט אויפהענגען.

עס איז דער שייטער־פייער, ווי דער סנה,
ס׳טאָר קיינמאָל נישט אויפהערן צו ברענען,
עס וועקסלט זיך בלויז אָפּ איינס אין צווייטן;
צו גיין אַזוי אין די אייביקייטן,
זיך און גאָט אין פייער צו דערקענען.

אַז אַ פונק דערפון זאָל בלייבן טליען,
וויפיל אַש דערצו מוז מען געברויכן!
אַ ווונק בלויז איז עס, אונז צו דערמאַנען:
זע,ביידע זיינען זיי נאָך פאַראַנען,
דער סנה, ווי די קרעמאַטאָריום־רויכן.

3

פון די צייכנס, פון די ווערטער אויף די ווענט,
דעם מנא־מנא־תקל פאַר דער וועלט כ׳ליין אַרויס;
יאָ, עס איז ווייניק איצט שוין אין וואַנט, איין לאַנד,
אַ קללה עס קומט ווי די וועלט אַזוי גרויס.

נאָך דעם וואָס ס׳איז געשען, נאָך דעם וואָס געווען,
קומט עס ווידער אָן דאָס שרעקלעכע, הזאות?
נישט דער שטן, נישט לילית, נישט דער טייוול —
גאָט אַליין לאַכט געוואַלטיק פון מיר אַרויס:

אָ, אַז 6,000,000 זיינען ווייניק געווען,
וועט איצט 600,000,000 שוין מוזן זיין,
און ווייל אַזויפיל יידן דאָך נישט פאַראַן,
וועלן אַלע פעלקער אַצינד מוזן גיין,

ניִשט אין קרעמאַטאָריום, נישט אין גאַז־קאַמער —
אַן אַשוויץ־מיידאַנעק־טרעבלינקע — צו קליין!
גאַנצער־ערד־קיילעך, אויב ס׳גייט ווייטער אַזוי,
איין פאַרניכטונג־לאַגער וועט שוין איצטער זיין.

* * *

אויב נישט זיין אַ ווייטשעפּל,
מיט פינגער אַהינצווייזן:
זע, 60,000 שניידער,
וואָס שטייען מיט שער און אייזן — —

אמת, נישט קוילן, נישט ערץ,
טורבינען אויף טויזנט שרויפן!
אָבער ווי מוז מען שוויצן,
אַז ניי־מאַשינדל זאָל לויפן —

פון די אָדערן אַרויס
די פּאַסטריגעס מען מוז ציען!
די פויסט ווערט פעסט־געשמידטער,
וואָס הייסער די פּרעסלעך בריען.

אַ ווייטשעפּל וועט אַ מאָסלי,
קיינמאָל נישט איינברעכן;
מען שטייט פּנים אל פּנים,
שווער ס׳מעסער אין רוקן שטעכן.

אָבער צעקראַכן אַזוי,
צעוואָרפן אויף טויזנט ערטער:
אַן אַרצט מיט קריסטיר־רענצל,
אַ לויער מיט הילך פון ווערטער;

דער מענידזשער־דירעקטאָר,
אין דער ווילע מיט צוועלף צימער,
און ערגעץ גאַנץ דרויסן שוין,
אין „מענטשן״ — דער אייגענטימער!

נאָך וואָרפט זיך אין די אויגן,
דער אַלטער שניידער אַצינדער:
בלויז „סייענטיסטיק״, ביידע,
באַברילטע באַרימטע קינדער!

צעוואָרפן און צעקראַכן,
דער „בוקי״, ווי דער געלערטער;

עס האַלט זיי נאָך צוזאַמען,
דער טויט אויף „די גוטע ערטער״.

כאָטש וואַרטן אויף יום כפור
ווען זיי קומען אָנגעקראָכן;
(טויזנט־און־איין שילכל,
קוים מנין אין דער וואָכן . . .)

דער פּרעזידענט איז דאָ שוין?
יאָ, און ער מעג שוין אָנהויבן;
איינמאָל אין יאָר — דאָך ער קומט!
גאָט צו דאַנקן און צו לויבן.

וועט ער אַרויס, דער „ראַביי״,
מיט פּעטן פריידיק אויף מלעמער,
און אויף דעם פרעמדן פייער,
גיסן וואַסער פולע עמער —

עס גיסט זיך ווי אַ זמר!
ווי „מיקסט״ ער שעקספּיר מיט „ביבל״;
אַ „מאַסטער פּיס אויף לענגוויטשס״,
כאָטש נעם עס און „צעקייבל״ —

דעם „דזשודאיזם טראָבל״,
מיט זיין פריידיק אויסגעפונען!
בלויז דאַכט זיך עפּעס, ר׳איז אים,
אין זיין וואַסער־שטראָם צערונען.

— — — — — — — — — — — — —

אין יום־הדין, יום־כפור,
מיט גאָט קאָן מען נאָך ריידן,
אָבער אַז קומען דער טאָג,
חלילה נישט מער אויסצומיידן — — —

עס גייט נישט אין תירוצים,
צומאָל געגרעכטע באַווייזן!
טויזנט הענט מוזן האַלטן,
שאַרפע שער און שווער שטיק אייזן.

## „ידינו לא שפכו את הדם הזה!״

יידיש ווייטשעפּל, שטעטל ד׳בריטן,
האָט מען דיך אין גאַז־קאַמער נישט געטריבן,

פון שייטערהויפנס, און קרעמיאַטאָריעס,
געבליבן געביין אויף אַש נישט צעריבן,
לעבעדיק אין קבר דיך נישט פאַרשיט,
אָבער וואָס איז פון דיר איבערגעבליבן?

אין דיינע גאַסן כ׳וואַנדל אַרום איצט,
קוק און קוק און קען דיך קוים נאָך דערקענען:
אין די שולן, ווי אונטער אַש-קופּעס,
צאַנקנדיקע פונקן — נר־תּמיד׳ס ברענען!
מילא, די טאַטע-מאַמעס געשטאָרבן,
בלויז די קינדער, די אייניקלעך ווו זענען?

יידיש ווייטשעפּל, שטעטל ד׳בריטן,
האָט מען דיינע שרייבער נישט אויסגעשאָסן,
פּרעסע, טעאַטער מיט מאכט נישט פאַרמאַכט,
קלובן און שולעס מיט צוואַנג נישט געשלאָסן — — —
דעם פּסוק צומאָל נישט קענען זאָגן:
„ס׳האָבן אונזערע הענט דאָס בלוט נישט פאַרגאָסן״.

קאַצעט, גאַז-קאַמער און קרעמאַטאָריע,
האָט דאָך צו אַלץ אַמאָל אַ סוף גענומען;
נ.ק.ו.ד. — געשאָסן און אַ סוף,
האָט זי בלויז וואָס געוואָלט אַרויסבאַקומען.
אומענדלעך און מענטשלעכע געמוטשע,
אין אייגענעם דרעק טאָג-טעגלעך פאַרקומען.

## און תּמיד אונזער בלוט מיט גאָט עס טוט רינען

האַלב האָבן די געטאָ-ווענט צוגענומען,
אַ העלפט פערפאַלן געוואָרן ווי אין וואַסער,
און דאָס ביסעלע וואָס איבערגעבליבן, —
דער שארית־ישראל, דער מעשר מן המעשר! —
אַ מאַנקאַליע אין זינען זיך גענומען:
פאַרטיליקט צו ווערן פון אייגענע האַסער.

ס׳האָט גאָט זיין געוועט נישט פאַרשפּילט ביים טייפל!
מ׳שטיינסגעזאָגט, וואָס קאָן יענער שוין געווינען?
ער טאַפּלט אַהין, ער פאַרטאַפּלט אַהער,
אַ מאַנקאַליע וואָס גענומען זיך אין זינען.
אַ שטיין אויף אַ שטיין שטייט די מוריה-וואַנט,
און תּמיד אונזער בלוט מיט גאָט עס טוט רינען.

* * *

אַז דער קול־העם, כל־הגוימדיק,
באַשטימען וועט פון אונז פטור צו ווערן,
(אומעטום זיינען דאָ די ערענבורג׳ס !...)
וועלן מיר זיך קייגן אים קענען ווערן?

ט׳מאה׳דיק, מיט מערהייט באַשטימט שוין מ׳האָט,
צומאָל אויף אַ דעמאָרדקראַטיש אופן:
מיט ברייזל שפּיז, אז מיר זאָלן אַליין,
ווי די מייז אין די לאַפּקעס אַריינלויפן.

ווי מיר גריזשן זיך שוין איינס ס׳אַנדערע,
זינג־און שפּרינג־קדושים אויף הינטער־פּיסלעך:
ניין, מ׳וועט נישט פאַרגאַזן, נישט דערשיסן,
מיר וועלן אויסשטאַרבן, מעט מעט — צו ביסלעך.

בלויז זע, לעצטע פעדער אונטער דער נאָז,
דאָס לעצטע וואָרט פון גוסס טוט אויפשרייבן,
און פון גרויס שמחה, אַ לעבעדיקער,
פון טויטן־בעט ער טוט זיך אויפהייבן.

* * *

זיי וועלן צוריקקומען ווינען דא,
קיין אַנדערער אויסוועג זיי נישט איבערבלייבן;
נישט חלילה — גאָט באַהיט און באַשיץ!
מען וועט אונז דאָ אין אַ געטאָ אַריינטרייבן.

בלויז ווו שוין צו געפינען אַצינד נאָך,
אַגויאישע געגנד אָן יידישע שכנים?...
און אין ווייטשעפּל גאַנצענע גאַסן,
און אַ יידן אויף אַ רפואה — נישט איינעם.

אַ כשרה מקווה, ס׳וועט ווער ברויכן,
ער וועט זיך שוין מוז באַמיען קיין הענדן,
מיט אַ שאלות נשים צו אַ דיין,
אַרום פּיקאַדילי ערגעץ ווו זיך ווענדן.

און וועט זיך אַ יידיש האַרץ פאַרבענקן,
אַ רבישן טיש, אַ יידינע אין אַ שייטל:
אַריבערכאַפּן קיין ברענט, אין איין וועגס
מיטברענגען אַ שמאַלץ־הערינג פון בשמים־קלייטל.

# אין בליץ

* * *

ווי ערב יום־כפור אין שטעטל נאָך מנחה
זעט אויס היינט דאָ אין די לאָנדאָנער גאַסן,
עפּעס איילט מען זיך, עפּעס לויפט מען אַזוי
און דאָך אַזוי פאַרטיפט אין זיך און געלאַסן.

עפּעס זען אויס אַלע פּנימער איצט,
איינער דעם אַנדערן אַלצדינק צו פאַרגעבן,
און די פאַרקניפּטע ליפּן, בלאַסע אַזעלכע,
אויפגעציטערט מיטן גאַנצן לעבן.

און די זאַמד־זעקלעך וואָס מ׳האַלט אין איין פירן,
זענען׳ס נישט יום־כפור־ליכט אַריינצושטעלן ?
אָ, ס׳וועט שוין געשען דאָס וואָס ס׳איז געשען,
אויב ס׳וועט אונז יאָ, צי חלילה נישט געפעלן — —

וואָלטן מיר געקאָנט נאָר ווי ביי „תפלה־זכה״
איינער דעם אַנדערן ווינשן און בענטשן,
ס׳וואָלט גאַנצע שטאָט איין געבעט אַרומגענומען,
מיט אַזאַ הייליקייט איבער אַלע מענטשן.

## אונזער ליד דא

פונקט ווי די לבנה זיינען מיר דאָ,
ווי זי כסדר נעמען מיר אָפּ און צו,
אַלע פינסטערנישן צו באַלייכטן
און קיינמאָל נישט צו געפונען קיין רו.

אַז דאָס ליכט איר׳ס זי נעמט פון דער זון,
זי באַלייכט אָבער ווען יענע איז נישטאָ —
אין מיטן העלן טאָג — ווי הכנעהדיק ! —
אויף בלויען הימל אַ פּיצל וואָלקנדל־גראָ.

פונקט ווי די לבנה זיינען מיר, דאָ,
ווי איר פּנים איז אונזערס אַזוי בלייך —
ווו נאָר מיר זיינען, ווו נאָר מיר קומען אָן,
אַזאַ היימישקייט און פרעמדקייט צוגלייך!

און אַז די זון חלילה וועט אויסלעשן,
מיט אויסגעלאָשן די לבנה ווערט — —
דערפאַר ציטערן מיר דאָס תמיד אַזוי
איבער יעדן קליינסטן פּגימהלע וואָס ווערט.

ווי זי וויגט זיך דאָס אויף דער טעמזע איצט,
אַזוי קיילעכדיק־בלייך, אַזוי ליכטיק גרויס
ווי פריידיק ס׳שפּילן זיך די כוואַליעס מיט איר —
איז עס דאָך זיכער די זון וועט ווידער אַרויס!

## אין א „בלעק-אוט" לבנה-נאכט

(באַלאַדע)

די מאַרק־שרייערישע שויפענסטער שטיל פאַרהאָנגען,
אויסגעלאָשן דעם בליקן בלענד פון די לאָמטערן!
ס׳האָט הימל היינט אין זיין פּראַכט זיך אויסגעצירט,
מיט לבנהשן זילבער און מיטן גאָלד פון די שטערן.

אַ פאַרשטיינערטע בת־מלכה אין „טויזנט און איין נאַכט"
שטייט איצט די וועסט־מינסטער אַ פאַרהילטע אין שלייערן,
די טעמזע ציט זיך זילבערן צו אירע קנעכל,
אַריבערשפּיגלען יעדן פוס־טריט צו איר טייערן.

פון די טיפע פאַלטן פון אירע זיידענע קליידער
פאַלן שאָטנס אַרויס איבער די ברייטע סקווערן,
און די נאָכשלעפנדיקע שווערע סאַמעט־שלעפּן
ציען זיך איבער גאַסן, גאָר נישט מער אויפצוהערן.

פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די וואָכנדיקע בגדים
ס׳האָט שטאָט, אין יום־טובדיקע זיך אָנצוקליידן,
טונקל פאַרפאָרן די קאַרעטן פאַר די געביידעס
נייגעריקע בליקן, צודרינגליכע, אויסצומיידן.

פון מעקאַ, פון באַגדאַד, פון איבערן גאַנגעס ?
ווער ווייסט פון וו דער פרינץ־באַשערטער וועט אָנקומען ?
איז ער נישט אין יענע פּערלמוטער בלוילעך־בלייכער שיף,
וואָס קומט אַזוי פּאַמעלעך מאַיעסטעטיש אָנגעשוווּמען ?

באַלד וועלן קעניקלעך, די אויפגעשטעלטע האַרמאַטן,
געבן יענע קבלת־פּנים זאַלפּן־שאָסן,
באַלד וועלן אַלע אויפוואַכן, באַרוישטע, צעטומלטע,
פון דעם געגעבענעם וויוואַט פאַרן פּרינצליכן חתן.

מיט בענגאַלישע פייער־ווערק דער פינסטערע הימל !
ברענענדיקע פליִערס קרייזן אין פאַלנדיקן בויגן !
פול זיינען אַלע אויערן מיט ראַקעטן געקנאַל,
און מיט די אויפפליענדיקע פייערן אין די אויגן.

דעמלט וועט די געקרוינטע בת־מלכה הייבן איר שלייער,
דעם געקרייזלטן שלאַנקן קאָפּ אירן קעניקלעך בייגן,
אַ פּונם בלייכן חן, אויסגעגאָסן אויף איר פּנים,
ס׳וועט דער גאַנצער אַרום זיך פאַרהילן אין שווייגן — —

פון דער פּערלמוטער שיף, די בלויליכע, בלייכע,
מיט זיין גאַנצער סוויטע ס׳וועט דער פּרינץ אַרויסקומען,
מיט די שטערן צו דער ערד ליגנדיק צו אירע פיס,
פון דער פּראַכט פון איר שיינקייט זייערע הערצער באַנומען.

און אירע באַגלייטער, פון די טונקעלע ווינקלען אַרויס,
קוים אַרויסבייגנדיק זיך פון צעשאָטענטע נישן — —
די ערשטע עליזאַבעט שטייט קעניגלעך פאַרשטיינערט,
אַז זי זאָל נישט מוזן קיין טרער פון אויג זיך אָפּווישן ;

זי וואָלט עס אָבער געמוזט, — און ווי לבנה׳יש צעפונקלט ! —
„די בירגער פון קאַליי״ * ווי גרוילעך־רוי זיי שטייען דאָרטן —
ווען מיט שעקספּירס „זומער־נאַכט טרוים״ לצים־חבריה
ס׳וואָלט נישט פלימעריק צעזילבערט דער האַרבסטיקער גאָרטן . . .

---

* אַ מאָנומענט פון אוגוסט ראָדן, וועלכער שטייט ביי דער טעמז, קייגנאיבער פון וועסטמינסטער.

ווי קעניקלעך טרויעריק ווי פאַרשטיינערט זי זעט דאָס אויס,
צווישן די אויסגעבלייכטע בלויע טרוימערישע פּאַיאַצן!
באַלד אָבער פּלאַצט „באָטעם" * אַרויס מיט זיין לייבן געבריל,
אַז דער גאַנצער אַרום וועט אין איין געלעכטער צעפּלאַצן,
— — — — — — — — — — — — — — — —

שוין הערט מען דאָס געקולער פון דער פּערלמוטער שיף,
פון די געווירצטע שאַרפע וויינען, פון די פולע פעסער — —
די מיטגעבראַכטע טייערע חתן־מתנות צו זען,
פון אַלע זייטן דער עולם־אָנקומער ווערט אַלץ גרעסער.

און שיילאָק מיט זיין אויסגעשליפענעם בלאַנקן מעסער
בליצט אויף, גרעכטע חלקים פאַר אַלעמען אויסצוטיילן — — —
ווי גאָט זיינע שטיל־פינקלדיקע שטערן אין הימל,
ס'זאָל דער מענטש זיינע גין־גאָלד דוקאַטן ערלעך אָפּציילן.

מיט ברייטע סקווערן, מיט מיילנדיק־לאַנגע גאַסן
ציט זיך אָנאויפהער דאָס פאַלבדיק־שאַטנדיקע איילן.
און ווי שווערע בוקעטן פון זיידענע פּאַפּירן,
מיט זייער פּרעכטיקייט וואָלטן זיך רוישיק אַרויסשיילן,

פּראַלן אויף שווערע קופּערנע, באַפּליגלטע טויערן,
ווי פון וויטן ציט אַן פון די גלאָקן אַ דינגינק קלינגלען,
און פון וועסט־מינסטער, די געלאָסן אַרויסגעקומענע,
מאַיעסטעטיש די סוויטע און דעם פּרינץ אַרומצערינגלען.

און ווער איז אַלץ נישטאָ? דער לייבן־הערץ און קראָמוועל,
די מאַמעדיקע וויקטאָריאַ, אין קראַנץ צווישן אַלע — —
און, דיזראַלי נעמט עלעגאַנט, מיט שלאַנקן פאַרבויג,
דעם נעפּל־רינג פון דער לבנה אַראָפּ, ס'רינגל פאַר דער כלה.

## די מעוועס

אויפצופליען מיט געשאַרפטן רציחה־געשריי
הענגט זייער געפלאַטער איצט איבער אַלע בריקן,
די האַרטע דזשובעס זיינען געשפּיצט אַזוי דין
אַלע קנאהדיק בייזע אויגן אויסצופּיקן.

---

* אַ קאָמעדיע־העלד פון שעקספּירס דראַמעס, „וועלכער קאָן ברילן ווי אַ לייב".

ווי שטאָלץ ווען זיי לאָזן זיך אויף די כוואַליעס אַראָפּ,
און ווי זיכער די אויסגעצוויקטע פּיסלעך שפּרייזן!
האָבן נישט די גענצ אַמאָל רוים אָפּגעראַטעוועט,
וועלנ׳ס דאָך די מעווער זיי אוודאי באַווייזן.

## א סעפּטעמבער-טאָג אַזאַ

1

דער וווּנדערליכער, דער בלויער סעפּטעמבער טאָג,
ווי אַ באַלאָן אויף אַ שנירל קאָן ער אויפפליען;
אַ זייפן־בלאָז, אַ שימערנדיקע, צעשפּיגלט,
אַזאַ סוף־זומער־טאָג אין מיגניעדיקן אויפגליען.

די מאַטע קלאָרקייט פֿון אַזאַ פֿאַרזילבערטן הימל,
נישט צו דערכאַפּן מיטן בליק דעם ווייטן בויגן!
און זיינען נישט בלויז, די שוין־באַלאָנען אויבן,
בלייך־בלויע טעג, וווּנדערלעכע, ווו אויפגעפלויגן?

אַ, די אויפגעציטערטע פרייד פֿון אַ טאָג, אַזאַ,
אַ טויאיק־צעשפּיגלטער אין טויזנט טרערן,
און דאָס פלאַטערדיקע האַרץ אָן־אויפהער עס רייסט זיך
ווי אויפגעצויגן אויף אַ שנירל עס וויל ווערן —

אַ באַלאָן צו צעשפּילן אין שלל׳ן פֿון קאָלירן,
וווּנדערלעך אויפגעציטערט אין פרייִדיקע בליקן,
און יעדער טראָפּן בלוט בלוילעך צו פֿאַרשוועבן,
מיגניעדיק אויפגעבליט, אין געפלעמל פֿון בליקן.

דער טיול־פֿאַרשלייערטער טרויער אין אַ טאָג אַזאַ,
מיט יעדן מינדסטן ווינדל־בלאָז אָפּגעדעקט צו ווערן!
און דאָס האַרץ הענגט אויפגעציטערט איבער אים,
אַ שוין־באַלאָן אַזאַ אַראָפּגעשאָסן צו ווערן.

2

די בלוילעך באַהויכטע סעפּטעמבער הימלען,
מיט די צעשוווּמענע וואָלקענדלעך זילבריק באַזוימטע, —
איבער מאַטען בלייך פֿון טייכן, טויבן אַזעלכע,
זוניק צעפלאַשעטע, פוכיק צעשוימטע.

דאָס הענגענדיק־נעפּלדיקע, דאָס דורכזיכטיקע,
לייכט געצויגן אַזוי מיט אַ פּענזל פון טערנער;
נאָר די סוף־זומער־זון, אַ בולטע בלייכע,
אַ בלעכענע שיסל אַזאַ פול מיט ווייצן־קערנער.

פלאַטערן זיי אַרום, די קרייזנדיקע באַמבערס, —
טשאַטעס טויבן, געיאַגטע, מיט קנאַלן פון בייטשן;
פון די בלעכענע שיסל אַרויס, פון דער פולער,
כאַפּנדיק אַרויסצופּיקן אַ זשאַרנעלע־ווייצן.

קונציק־קרייזנדיק, צעבלענדט, צערענדערט,
שאַטנדיק אַזוי אויפצולייכטן נאָך העלער,
אָט־אָ דערגרייכן זיי, אָט־אָ צעפּיקן זיי
מיט די שנאָבלדיקע צעבלענדטע פּראָפּעלער.

און אַז אַ באַמבע פאַלט אַראָפּ אין טויזנט שפּליטער,
פון דעם באַהויכטן סעפּטעמבערדיקן צעשפּיגלטן אויבן, —
ס׳פאַלט דאָך אויך פלוצלינג עפּעס אויף קאָפּ אַמאָל אַראָפּ,
פון אַזאַ קרייזנדיקע טשאַטע סוף־זומער טויבן . . .

## סוף־זומער־פּעדעם
(צווי סאָנעטן)

1

. . . דאָס זיינען נישט קיין שטאָכל־דראָטן
זשאַווערדיק־בלוטיק, ראָסטיק פאַרצויגן —
סוף־זומער־פּעדעם קומען־אָן געפלויגן,
צעשימערטע מיט זון און מיט שאָטן,

צעפלימערטע מיט מיקן און מיט מאָטן.
נישט טרערן הענגען שטעכיק אין די אויגן —
ראָסע־טראָפּן מאָט־פינקלדיק אויפגעצויגן,
און פּערלדיק אַזוי צו ווערן צעשאָטן.

און פון שטאָם צו שטאָם אין לעצטן גרין,
מיט איר קונציק, מיט איר אַהער און אַהין
ציט א שפּין דאָס, אירע שפּין־געוועבן,

לויערנדיק מיט כיטרע און מיט טריק,
אויף אַ צעטומלטע מאָטע, א מיק — — —
דאָס בלוטיקע, פאַרפּלאָנטערטע לעבן.

2

פון עפּעס פֿאַרבאָרגענע אַזעלכע קנוילן
וויקלען זיך די פֿעדעם פֿון בוים צו בוים,
אַזוי זיידן־דין, צו דערבליקן זיי קוים,
אין יעדן שימער־געפֿלימער צו פֿאַרהוילן,

פֿאַרשלונגען צו ווערן פֿון יעדן ווינטיקן הוילן.
אַזאַ גרויסע קנויל איבער ליידיק ברייטן רוים
וויקלט זיך גרוילעך דער הימל פֿון זוים צו זוים,
צו פֿאַרפּלאָנטערן די וועלט מיט טויזנט גרוילן.

ניין, ס׳זיינען נישט קיין סוף־זומער־פֿעדעם דאָס,
צעריסן צו ווערן פֿון מינדסטן ווינטל־געבלאָז —
ס׳איז גאַנצע ערד איצט שטעכל־דראָט געוויקל,

בלוטיק פֿאַרצויגן אַזוי פֿון שטאָט צו שטאָט;
און יעדער פֿון אונז — צעטומלטע מיק און מאָט,
פֿראָפּעלער־צעפּלאָטערט, צעפֿלימערטער־ניקל...

## פ ר א ז ש ע ק ט א ר ס

1

פונקט ווי אַלע קעץ פון די פינסטערע געסלעך אַרום
וואָלטן זיך אויפן הימל גאָר מיט אַמאָל צעלאָפן,
מיט וואָנסעס אַזעלכע, ניוכנדיקע, זוכנדיקע,
צו דערשמעקן עפּעס מיט זייערע נעזלעך זיי האָפן.

און אָט־אָ שפּרינגט שוין אונטער גאָר אַ גרויסער קאָטער,
מיט אויפגעריסענע צוויי אויגן גרין אויפגעלויכטן,
דאָס דערטאַפּטע געכאַפּטע אויפן אָרט צו דערשטיקן,
מיט זיין הייסן אָטעם, דעם גיפטיק אויסגעהויכטן.

און איז עס נישט אַזאַ שנעלס, אַזאַ מייזל טאַקע,
אַ משוגע געוואָרנס, וואָס האַלט זיך אין איין דרייען,
און די אַלע, די צעפּלאָשעטע וואָנסעס באַוועגן זיך,
ווי זיי וואָלטען׳ס געהאַלטן שוין מיטן אין צעקייען?

און דערנאָך, ווען פון די ביינדלעך ס׳וועט קיין שפּור נישט בלייבן,
וועלן זיי זיך צו פולע לבנה — צום פולן בעקן! —
צום פרישן געמעלק פון דער „מילך־גאָס״ צוכאַפּן,
מיט דער וואַרימער מילך די וואָנסעס זייערע באַלעקן?

2

דער „שעפּס" און די „ציג" און די גרויסע בופל־קו,
זיי ווערן פון „צווילינג" איצט אויסגעמאָלקן —
און די פּראָזשעקטאָרס זיינען די גרויסע מילך־שטראַלן,
וואָס פאַלן אין „עמער" אַריין פון די אייטערדיקע וואָלקן!

און נאָך איידער דער תשרי־טאָג וועט אָנהויבן צו טאָגן,
ס'וועט פאָרן מילך־וועג דער הימלישער וואָגן זיך אָפּשטעלן,
זיינע געשייערטע קאַנען מיט מילך אָנצופילן,
אַוועקצושטעלן הינטער פענסטער און אויף שוועלן.

די הערלעכקייט פון אַזאַ אויפגעוואַכטער שטאָט,
אַ פאַרוויקלט־צעוויקלטע מיט גאַסן, מיט סקווערן,
אַזאַ אָנגעדרייט דריידל זי וואָלט געווען,
דרייען זיך, דרייען זיך קיינמאָל נישט אויפצוהערן.

מיט יאָגנדיקע אויטאָס, מיט באָסן, טראַמווייען,
מיט טויזנטער צוגן ס'איז שטאָט צעלאָפן!
יעדעס רעדעלע געסדרט און געצירקלט,
ווי די גלגלים אין די הימלישע אין־סוף'ען.

3

די ווונדערלעכקייט פון אַזאַ אויפגעוואַכטער שטאָט,
מעכטיק צושטערקט אַזוי אין טויזנטער צילן!
די אויפגייענדיקע זון כאַטש אין די הענט זי צו נעמען,
פוס־באָל איבער אַלע דעכער מיט איר צו שפּילן.

איבער די קאָלירנדיקע גערטנער אַרום און אַרום,
אין הימלישן נעפּלדיקן זיך אויפצוקלערן!
דעם אָפּוואַרטנדיקן צייכן, דעם פריידיק־באַקאַנטן,
פון טויזנטער סירענעס מ'ברויך נאָר צו דערהערן —

די מעכטיקייט פון אַזאַ לעבעדיקער שטאָט,
הערלעך אַזוי אין סוף־זומערדיקן צעשטראַלן!
איר צודרייט, איר בורטשענדיק איינגעווייד נאָך
ס'זיינען די טויזנט קאַבעלן, רערן און קאַנאַלן.

אירע דריזן — גאַזאָ־מעטערס און דינאַמאָ־מאָטאָרן!
ראַדיאָ־זענדערס צעהילכן, וואָס זי וויל זאָגן!
אַ פונם געוואַלטיקן לויף פון אירע געבליטן
זאָל דאס האַרץ איר'ס נאָר נישט אויפהערן צו שלאָגן.

## סוף זומער

### שטאכל-דראט און געטא מויער

אַז מיר אַרומגערינגלט מיט געטאָ־מויער —
אין די ערד איינגעצוימט אין שטאַכל־דראָטן!
מיר זיינען דער ליכטיגער שפּיגל פון דער וועלט
פּונקט ווי מיר זיינען איהר פינסטערער שאָטן.

מ׳האט איהר אָנגעטון, די וועלט, אַ דערנער־קרוין
און די שדים אַרום פלאַצן פון געלעכטער,
וואָלט כאָטש אַ מענש געשטאַנען אין דער מיטן
און געוועין דער אויסגעלאַכטער הייליג גערעכטער.

און איז אמת דער מענש אַזוי שלעכט ווי ר׳איז,
ווי מיר אַזוי נעבעכדיג ווי מיר זיינען,
מוז דער ווידער־קול פון טייוועלשן געלעכטער
זיין — פון פאַרשעמטע הערצער דאָס געוויינען.

ווארים ווער האָט דען געמאַכט די געטאָ־מויערן —
מיט אונזער בלוט אַליין די ציגעל געקנאָטן!
פּונקט ווי געמאַכט ס׳האָבען די מענשען די כלי־זיין
זיך אַליין איצטער מיט זיי אויסצוראָטען.

### סוף-זומער-מאטיוו 1941

אַ פאַרפּלאָנטערטע פליג, געפאַנגען,
לעבעדיגערהייט זי אויסצוזייגן,
פון אַ סוף־זומער־שפין, אַ וועבענדיגע,
צווישען בלוטיגן געוויאַנען פון צווייגען,

אַזוי דער גאַנצער ערד־קיילעך איצט,
אַ פאַרוויקעלטער אין די שטאַכל־דראָטן,
פון עק־וועלט ביז עק־וועלט, אַ שפינענדיגער,
הענגט בלוטיק־עקעלדיק איבער איהר דער שטן — —

פאַרפּלאָנטערט־פאַרוויקעלט, פאַרקנוילט און פאַרקניפּט,
לעבעדיגערהייט נישט מער צו ענטרינען,
און די שטאַכל־דראָטן הערן גאָר נישט מער אויף
מיט זייער ראָסטיגן וויאַנענדיגן שפּינען.

אויסגעזויגן שוין ביז׳ן לעצטן טראָפּן,
איהר לעצטן צאַפּל ס׳וועט די ערד געבן,
אַרונטערפאַלן ס׳וועט דער שטן ווי די שפּין,
וואָס דערשטיקט אין אירע אייגענע געוועבן.

* * *

נישט אַנדערש וועלן די פייגל הייאָר זינגען,
ווי אַלעמאָל ס׳וועט זיין זייער שטענדיק ליד —
ס׳איז דאָך נישט דאָס טשוויטשערן פאַרן פענסטער,
ס׳איז נאָר דאָס פלאַטערן אין אונזערן געמיט.

ווער פאַרשטייט דען דעם פויגל ווען ער זינגט,
ס׳איז אין אייגן האַרץ נאָר די פרייד, צי דער וויי!
ווי האָפּערדיק קאָן דאָס זיין אַ שוואַלבן געטריל,
ווי מרה־שחורהדיק טרויעריק — דער סאָלאָוויי.

פון ווייטע לענדער קומט ער, צו ווייטע פליט ער,
וואָס ווייסט ער דען וואַהין און פון ווו — —
אַז הימל אַזוי ריין, אַזוי פאַנאַנדערגעשפּרייט,
און זיין אייגן געזאַנג נאָר איז דאָך זיין רו.

אויף אַ מינאַרעט אין אפריקאַ, אין אַזיע,
ווען דער אייל־בוים איז אַזוי וווּנדערליך צעבליט
און צווישן דעם צעפליענדיקן לייכטן צוויט
שיטן זיך די צאַרטע טרעלן פון זיין ליד?

צווישן ראָדאָדענדרן אויף אַ טעמפּל־רואין,
פאַרגעסנדיק, אַז פליגל צו פלי שוין צעשטרעקט,
אָדער אויף טואער־טורעם פאַרתמט־צעטומלט
ווען מיט זיין לילאַ דער בעז איז אַזוי צעשמעקט?

אינדערהיים פאַר מיין מאַמעס אָפענע פענסטער
וועט אַ לערכע זינגען הייאָר איר האָפּערדיק ליד,
פון די קאָרן־פעלדער אַרום זי וועט קומען — —
וועט זי זי געפינען באַשיצט און באַהיט?

* * *

נישט צו באַזינגען דיך מיט ליבּ־ און נצחון־לידער,
נישט מיט מיין אייגענעם, מיט מיין דערפילטן צער,
שפּרוך־ווערטער, צעשעפּטשעטע, טראַכט עס אין מיר,
ווי מ׳טוט פון איינעם, ווען ער איז אין גרויס געפאַר.

בייזע רוחות אָפּצושרייען, אָפּצויאָגן,
ווי מיט תפילה־געפּליסטער, מיט כשופדיק וואָרט
אַ חולה אין לעצטער רגע נאָך אָפּצוראַטעווען,
ווערטער פון אייגענער נויט פאַר דיר אָפּגעשפּאַרט —

ווי אַ מענטש, קאָן איינעם אַ שטאָט ווערן נאָנט,
איר נאָכצוקוקן אויף יעדן ראָג צו בלייבן שטיין!
דער אויסבויג פון אַ גאַס, ס׳דערהויבן פון אַ מויער
פון אייגענעם אַרויסגעקרומטן רוקן־ביין.

זיינען׳ס נישט אונזערע שטעטלעך איצט אינדערהיים
דיך צו באַשיצן אַציגד זיי ווערן צעשטערט?
אַ, זאָל דאָך שטיל בלייבן קענען מיין צער אין מיר,
ביז פרידן־ און פרייד־ליד וועט ווידער ווערן דערהערט.

## לאנדאן

אַ באַטעריע אַזאַ אין לוג־וואַסער
שטעקט די אינזל דאָ טיף אינם ים,
אַריבער אויבן איבער דער טעמזע
קומען זיך דאָס די „דראַטן“ צוזאַם —

איז גאַנצע שטאָדט עלעקטרישער מאָטאָר,
צעצונדן אַזוי מיט לעמפּ געבלענד,
יעדער סקווער איז אַ ראָד אַזאַ,
דרייענדיק זיך אין אייביקן אָן־ענד —

איינס אין אַנדערן איינס אין צווייטן,
אַריינגעדרייט מיט רעדערדיקע ציין,
און די גאַסן — לויפנדיקע בענדער,
אויף אַ רגע נישט צו בלייבן שטיין.

ניִשט דער הימל מער און ניִשט די ערד,
אַרום זיך — די דרייענדיקע שטאָדט!
די אַנאויפהערער לויפנדיקע מענטשן,
ערגעץ־ווו געצויגענע פּאַר אַ דראָט.

יעדן פרימאָרגן, פּונקט צו דער מינוט,
דעם זעלבן וועג און דעם זעלבן באַוועג,
און די עלעקטריש דעצונדענע נעכט —
נאָר אַזעלכע נעפּל־צעשפּיגלטע טעג!

ניִשט לבנה מער און ניִשט די שטערן —
ס'איז שטאָדט אַזאַ צעשיינטע מיט לעמפּ!
איז עס ניִשט „קאַסטאַר", אָדער „פּאָלוקס"
אונטער דער בריק דאָרטן יענער טרעמפּ?

מיט טויזענט הייבערס, צענעפּלטער אַרום,
אַרויסגעהויבן פון טעמזע אַרויס,
הענגט שטאָדט איבער די בריקן פאַרוואָרפן,
אַ צעצאַפּלטער נעץ, געוואַלטיק גרויס.

## ווינסטאָן טשאַרטשיל

ניִשט אַ פאָן אין ווינט איז אַ פירער —
אַלע שטורעמס אין זיינע זעגל־טיכער!
ער נעמט זיי אויף, ער זאַמלט זיי צוזאַם
צום ציל צו קומען פּינקטליך און זיכער.

יאָ, ווי דער וועלן־וועג הינטער דער שיף
זיין געדאַנקען־גאַנג, זיין אויפגעשוימטער!
אַלץ ווייטער און ברייטער, אַלץ אויסגעשפּרייטער,
פון אייגענע ברעגעס נאָר אַ געצוימטער.

פון די יאָגענדיקע געדאַנקן אין אים —
קיין איינציקע רגע ניִשט אויפצוהערן!
די איינגעגראָבענע, די ברייטע פאַלדן,
איבער זיין פעסטן, זיין געקאָרבטן שטערן.

מיט שמייכלען פאַרביסן צווישן די ליפּן,
דאָס געוואַגטסטע שפּילענדיק צו צווינגען!

יאָ, די רינגעלעך רויך פון זיין ציגאַר
פאַר׳ן אַנקער די געקאָוועטע רינגען.

נישט אַ פאָן אין ווינט איז אַ פירער,
צו דרייען זיך אין אַלע פיר זייטן —
ער איז דער שטאָלצער מאַסט פאַר׳ן זעגל,
און דער שטורעם־ווינט אים אויסצושפרייטן!

## אנטאָני אידן

זיין בילד געזען דעמלט אין בערלין נאָך,
און געוווסט באַלד, ער וועט נישט פאַררעטן,
נאָך נעפּלט יענער זשמור אין זיין בליק,
פון זיינע עלטער־זיידעס, די פיראַטן —

נישט ווערטער צו הערן, נישט פאַלטשן קלאַנג,
פול כיטרישן פון חניפישן פלוישן — —
קרעלן שניידן זיך אים אין האַרץ אַריין,
פונ׳ם בלוט ווי כוואַלישע גערוישן!

אויף שנירל פון זיינע פאַרקניפּטע ליפּן
ציטערן זיי אַרויף מיט שטילסטן שוויגן — — —
זיין בילד געזען דעמלט און געפילט,
דאָס האַרטנאַקיגע אין דעם שלאַנקן נייגן —

פנים אל פנים זיצט ער מיט׳ן שטן,
אויפ׳ן קני אַזוי דעם עלנבויגן,
דעם איינגעהאַלטענעם קאָפּ, ווייך געבייגט,
צו פאַרשאָטענען דעם גלי אין די אויגן —
— — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

נישט מיט׳ן בלוט פון זיין קלײנעם פינגער
וועט אַזוינער דעם טייוול זיך פאַרשרייבן!
וועט ער זיין גאַנץ לייב און לעבן אַוועקגעבן —
פון דער וועלט אים צו פאַרטרייבן — — —

## האַר בעלישע

מיט אויפבליץ פון אַ בעלישאַ־לעמפל,
יעדן איבערגייער איבער אַ ראַג,
אַלץ זיכערער בליצט אויף די האָפענונג,
נענטער ער דערזעט דעם נצחון־טאָג.

און ווי שרעקלעך ס׳יאָגן די ידיעות,
שוין פאַרן בליק ס׳שטייט די דאַנקירק־געפאַר!
גייט אַן אַרמיי אַריבער דעם קאַנאַל —
אַ מענטש צו דער צווייטער זייט טראַטואַר!

ס׳קוקט די שטאָט מיט דערשראָקענע ראַגעס,
אַ געראַטעוועטער וואָס שטייט פאַרבליפט — —
דייטשלאַנד, ס׳האָט אַ ייד געחתמ׳ט דיין טויט,
דיך פאַרצוקט, דער צוק פון זיין אונטערשריפט.

בריטאַניע, עס פאַרהילכט דיין ליד די שרעק,
ווי העלדיש ס׳גייען אין קאַמף דיינע זין;
אויף די ראַגעס די בעלישאַ־לעמפלעך —
נשמה־ליכטלעך צוקנדיק אויפגלין — — —

איך האָב אים געזען, יום־כפור ביינאַכט,
שטיל פאַר אָפענעם ארון קודש שטיין,
איבער זיין קאָפּ צוקט נר־תמיד־לעמפל,
מיט אַן אויפבליץ — קיינמאָל נישט אויסצוגיין.

## צוויי סאָנעטן צו די אַהיימגעקומענע פון דאַנקירק

1

נישט אימה האָבן זיי מיטגעבערענגט,
נישט געפאַלנקייט אין זיך, נישט שרעק —
פון די געפאַלענע אויף יענער זייט ברעג,
דאָס בלוט פאַר זייער לעבן פאַרשענקט,

אַ פאָן איבער זייערע קעפּ איז צעהענגט!
עס פלאַטערט איצט אַזאַ בלוטיקער פלעק,
איבער׳ן גאַנצן לאַנד דאָ פון עק ביז עק,
אין קיין שום האַרץ נישט צו ווערן פאַרשווענקט,

אין קיין שום מוח נישט צו ווערן פאַרווישט —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
נישט שרעקיק, נישט אַפּהענטיק־צומישט —
געפּאַנצערטע אין פאַרוואונדיקטער הויט.

אַזוי זיינען זיי אַהיים אַנגעקומען צוריק!
און עס פלאַקערט אַרויס פון יעדן בליק
מיט נצחון שוין איבער לייבהאַפטיקן טויט.

## א סאָנעט צו א מאַמע

איר האַרץ איז שטיל, נאָר איר בליק איבערגייט פון אַליין;
וועט ער נאָך אַהיימקומען, וועט ער דאָרט שוין בלייבן,
וועט ער פון געפאַנגענשאַפט טרויעריקע בריף איר שרייבן,
אָדער וועט מען זיין נאָמען קריצן אויף דענקמאַל־שטיין?

פאַרוואָס דאָס אַלצדינג איז ווער קאָן עס דען פאַרשטיין!
אָ, וואָלט זי געקאָנט איצט בעטן, אין גאָט איצט גלייבן,
און אַלע בייזע מחשבות פון זיך נאָר פאַרטרייבן — —
זי איז דאָך נאָר אַ מאַמע, איז איר האַרץ פול געוויין —

לויפנדיקער איר בליק זוכט זיינע פּנים־ריסן!
איר האַרץ איז שטיל — פון אַליין נאָר די טרערן פליסן,
פון אַליין דאָס קלאַפּן אין אירע שלאָפע שלייפן —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

מיט זיין לעבן, — גראַד איר קינד האָט עס אויסגעקליבן!
זיינען אַנדערע מאַמעס זין איבערגעבליבן — — —
אָ, איצט קאָן זי בעטן, איר האַרץ גאָט באַגרייפן — — —

## צוויי מלחמה באַלאַדן

1.

### איר איינציקן זון!

אין יענער מלחמה דעם מאַן פאַרלוירן,
און אין דער — איר איין־איינציקן זון!
און זי, אַן אָרימע פרוי, אַ מאַמע,
וואָסער שלעכטס האָט זי ווען געטון?

דעמלט, די בשורה איז אָנגעקומען,
זי האָט איר קינד געהאַלטן אויף די הענט,
צו איר ברוסט זי האָט עס צוגעדריקט,
איר צער, איר פאַרשטאַנד — טרערן־געבלענדט!

אַ פרישער קוואַל, אַן אַרויסגעריסענער,
פון אונטער איר האַרץ פון ווײ פאַרשטיינט,
און אירע אויגן האָבן זיך פלוצלינג,
צוויי יתומים־קינדערלעך צעוויינט — — —

איצט האַלט זי די בשורה אין אירע הענט,
צו פאַרטייעטן האַרץ פעסט צוגעדריקט:
ס'איז איר קינד — — זי קאָנ'ס נאָך אַרויסלאָזן — —
ווי בעטנדיק, ווי ליבלעך עס בליקט —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אין יענער מלחמה דעם מאַן פאַרלוירן,
איר איין־איינציקן, איר זון — אין דער!
וואָלט דאָס האַרץ כאָטש געקאָנט זיך צעוויינען,
דער בליק — פאַרגיסן אַן איינציקע טרער.

פון דער בשורה צום האַרצן צוגעדריקט,
פון איר מרה־שחורה־פאַרקראַמפּטער האַנט,
ווי פון מוטנער זיך שליסנדיקער קוואַל
טראָפּנווייז טריפט אַרויס איר פאַרשטאַנד.

## אלע כוחות איצט צוזאמענגענומען

ס'גייט די גאַנצע וועלט אויף רעדער אַצינד,
און ס'מוז שוין ערגעץ אַהין וווּ פירן!
איינגעשפּאַנט מיר זיינען איצט אַלע,
און די בייטשן אויף די רוקנס מיר שפּירן.

נאָך אַ שמיץ נאָר, נאָך אַ קנאַל־געבליץ,
און אויף הינטערשטע פיס דיבאָם זיך שטעלן — —
דער אָבער וואָס האַלט די לייצעס אין האַנט,
ער ווייסט דעם ציל, און אָנקומען מיר וועלן.

אַן אויפבראויז צו לעבן ס'איז אין צייט אַזאַ
טרייבנדיקע בייטש צו שפּירן אויף רוקן!

מיט קאָפּ פאָראויס נאָר ציען און ציען,
אויף איין רגע זיך נישט אומצוקוקן.

ס'גייט די גאַנצע וועלט אויף רעדער אַצינד,
צו איר איינציקן ציל איצט אָנצוקומען!
נאָר נישט שוואַך בלייבן, נאָר נישט שטיין בלייבן,
אַלע כּוחות איצט צוזאַמענגענומען.

בלוטיק איז דער שליאַך, גליווערדיק און גליטשיק,
און נישט איינער פון די פיס וועט פאַלן!
אָ, איידער צום ציל מיר וועלן אָנקומען,
זאָל נאָר נישט אויפהערן דאָס בייטשן־קנאַלן.

זאָלן מיר נאָר נישט ליגן בלייבן אַלע,
די שווערע משא נישט דערשלעפּן צו קענען!
מיט קאָפּ פאָראויס נאָך ציען און ציען
און מיט שוואַרץ־אַפּלען פול גלויביקן צעברענען — —

(ווידמונג)

* * *

וואָס שטאַרקער דער ים, וואָס שוימיקער ער רייסט,
אַלץ פעסטער דער ברעג פון כוואַלישן געגלעט,
אַזוי דער מענטש — יעדער איינער און צוזאַם, —
ווען טויט און לעבן אין זייער ווילדן געוועט.

עס איז נישט נאָר בלויז דער ברויזנדיקער ים,
וואָס רינגלט דיך אַרום דאָ און שטיל באַשיצט,
עס איז דאָס שווייגן פאַר'ן שטורעם אינ'ם בלוט,
אין יעדן טראָפּן פינקלדיק אויפגעבליצט — —

ס'איז דאָס מענטשליכע האַרץ אַ פעלדזן אין ים,
אָנאויפהער געוואַשן פון זיין כוואַלישן געברויז!
לעבן און טויט ראַנגלט זיך און רינגלט זיך,
ס'מוז דאָס האַרץ קאָנען אויסהאַלטן נאָר בלויז —

געוואַלטיק ס'האָט אַ מענטש דאָ אויסגעהאַלטן,
דאָס געשאַף פון זיינע הענט איז בילד פון זיין בילד!
און איז נישט האַמלעט און ליר און אָטעלאָ
אַצעאַנען אין זייער אויפברויזיקן ווילד?

יאָ, ס׳איז דער אינזל דאָ דער פּיעדעסטאַל,
שעקספּיר, פאַר זיין געוואַלטיקן מאָנומענט!
און די שוימענדיקע כוואַליעס — דער הינטערגרונט,
פאַר ברויזנדיקן צעשפּיל פון זיין אָנענד.

די זון פון נעפּל זיך אַרויסרייסנדיקן דאָ —
אָפעליאַ רייסט פון זיך איר שלייער אַראָפּ,
אין אירע ענטבלויזטע הענט די גילדענע קרוין,
שעקספּיר, צו באַקרוינען דיין קעניגליכן קאָפּ.

* * *

איבער די געפאלענע איבער זייער דענקמאל־שטיין ניואטן און דארווין,

איך קריץ אייערע נעמען איין

ס׳איז דער בייזער צעשטערעק פון פינסטערע הענט
נישט שטאַרקער ווי דאָס געטוליע פון מאַמע מיט קינד,
פונקט ווי ס׳איז דאָס געגלעט פון שטראַליקער זון
נישט וויניקער געוואַלטיק ווי דער שטורמיקסטער ווינט.

רייסנדיקע כוחות זיך צוזאַמען צו האַלטן,
ס׳איז פון צופלוס און אָפּפלוס דאָס אייביקע געברויז;
אַז דאָס געקרייז פון דורות קיינמאָל נישט אויפהערט,
אין הערצער דאָס אייביקע צוצי און אָפּשטויס.

כ׳האָב אַ מוטער־אַף מיט איר זייגנדיקס שפּילן געזען,
און אויף אונזער אָפּשטאַם שטאָלץ מיין האַרץ זיך געפרייט —
איבער אַלע אונזערע בייזע אכזריות׳ן
ס׳איז דאָך אַזאַ טוליענדיקע גנאָד אויסגעשפּרייט!

איז עס פון זון אונטערגאַנג, איז עס פון זון אויפגאַנג?
עס פאַרבט זיך בלוטיק דער ברויזנדיקער ים!
אַזוי מיר — מיט כסדר׳דיק פאַרגיי און אויפגיי,
עס ראַנגלט זיך און אייביקט זיך דער מענטשליכער שטאַם — — — —

ס׳ציט אונז דאָס פינסטערע פון דער ערד צו זיך צו,
אָבער נישט וויניקער דאָס ליכטיקע פון דער זון!
יאָ, נישט וויניקער פון גרויליקן גרויזאַמסטן,
פון ליבליכן־גוטן — מיר זיינען אַ טייל דערפון.

* * *

אַ מאַסטבוים, אַ פֿאַרוואָרצלטער מיט די וויאָסלעס,
דער מענטש וואָס אויפֿגעוואַקסן אויף אַן אינזל ;
מיט אַן אַלבאַטראָס־פּען דיקנס אים באַשריבן,
בלויז פֿון וואָס געמאַכט קאָנסטיבל זיין פּינזל ?

איז דען מעגלעך אַזאַ פֿון טריפֿהנע חזיר־האָר,
אַזוי הייליק כשר צו קענען מאָלן ?
ער איז געמאַכט, פֿון יענע באַדזשער־הערלעך,
קעניג ליר מ׳פֿלעגט מיט אַזאַ פּענזל גאָלן.

אין טוי־בעכערלעך געטונקט פּינזעלעך דינע,
ס׳דורכזיכטיקע אינזל־גרין פֿון די גראָזן ;
און די נעפּלען, שווער־פֿאַרוויקלטע, געדיכטע,
זעגל־טיכער ווייט־געשפּאַנטע, אויפֿגעבלאָזן —

ווענוס פֿון ים־שוים־שיסל אַרויסגעשפּרונגען,
לעידי מאַקבעט — ביי ברעגעס דאָ, די גרינע !
אַזויפֿיל לייוונט צעוואָרפֿן און צעוויקלט,
צו פֿאַרווישן די שאַנד פֿון קינאה־שינאה.

ס׳איז דער אינזל־מענטש אַ פֿאַרקראַמפּטער אָקטאָפּוס,
פֿון זיין קרבן אויסגעזויגן לעצטן טראָפּן :
ס׳האָט מאַרקס זיין קאַפּיטאַל דאָ געשריבן,
האָגאַרט געמאָלט — צוויי־אויגיקע ציקלאָפּן !

פֿון אַן אָסקאַר ווײַלד אַזאַ מין ממעמקים,
נאָר דער אינזל־מענטש געקענט אַרויסקריגן ;
ריינאָלדס יינגל־קעפּלעך — די מלאכימלעך נאָך,
דער הימלישער כאָר פֿון לאָרד בייראָנס ניגון.

ווען קאָנסטיבלס בילדער צום ערשטן מאָל דערזען,
פֿאַר אַן אַקוואַריום־װוּנדער שטיין געבליבן !
ווי סמוטנע אין די געסלעך דאָ אַרומשפּאַנען,
אַן די לייכטקייט ווי דיקענס זיי באַשריבן.

## צום פייף-באמבער-„בליץ" איבער ווייטשעפל

ווען עס ראַנגלט זיך דער שטן מיט גאָט,
ווערט אונזער בלוט ווי וואַסער דעמלט פאַרגאָסן ;
דאָס ביישטידל פון דער ערד באַשמירט ווערט,
רויט-אויפצולויכטן פון פינסטערע כאַאָסן.

ווי ס׳גיסט זיך אונזער בלוט — גאַנצע טייכן !
צי וועט דער גערוּאַנגל שוין קיינמאָל אויפהערן ?
און דער פינסטערער כאַאָס אין דער וועלט,
אויף אייביק, שוין קיינמאָל מער ליכטיק נישט ווערן ?

עס ראַנגלט זיך איצט דער שטן מיט גאָט,
זע, אויסגעקוילעט עס ווערט שטעטל נאָך שטעטל !
ווי גרויס ס׳מוז דאָס זיין דער חשכות-כאַאָס,
אויב אַזויפיל בלוט מ׳ברויכט פאַר ביישטידל-ברעטל —

מיין ביסעלע אין מיר, ווי עס רייסט זיך,
אין דעם גאָט-געראַנגל פאַרגאָסן צו ווערן :
ווערסט אויך ווייטשעפל מיט דיינע געסלעך,
צו אונזערע הייליקע שטעטלעך געהערן ?

ווי זיי פאַלן איין די קאַרטן-הייזלעך,
פון שוועבלעך אויפגעשטעלטע — ווי זיי פלאַמען !
און דאָס גלויף איצט פון דיינע געסלעך,
מיט אַלע שטעטלעך, ווייטשעפל, לויפסט צוזאַמען —

פון טשאַטעס-הינט געיאַגט מיט ווילד געוואַי,
ס׳פייף-געבייטש איבער זייערע קעפּ צו הערן !
יאָ, ווי די שקצים זיי פייפן אונז נאָך,
מיט אַזאַ געלעכטער, משוגע צו ווערן.

# באמבעס איבער לאנדאן...

1

אויסגעוואקסן, לעבעדיקס פון לעבן געבוירן,
ביסטו געוואַלטיק מיט דיין איצטיקן געשטאַלט,
מאַזאַליש פאַרהאַרטעוועטע הויטן געקארבטע
איבער גאַס און סקווער דער געגאָסענער אַספאַלט.

די קייבלס, די קאַנאַלן, די רינען, די רערן
ס׳איז דיין פאַרפלאָנטערט־פאַרקניפּט אינגעווייד:
בלויז מיט אַלע דיינע מיקראָפאָנען, אַנטענען
ווי אויסגערעכנט, ווי שפּאַרעוודיק דיינע רייד.

און אויטאָס און באַסעס און טראַמוויס און צוגן,
אונטערערדיש, איבער־ערדיש, איבער געביי —
ס׳איז צום האַרצן צו, דאָס ציען זיך, דאָס דריוולען זיך,
געוויקלט און געפלעכט פון דיין אָדערן געדריי.

און וועט מען אַ שטעקן צווישן רעדער דיר שטעקן,
ר׳וועט ווערן צעבראָכן אין דיין שנעלן געשווינד!
ס׳זיינען די אָקעאַנען דאָס בלוט דיינס,
דיין אָטעם — דער ווילד־צעפּאַכטער שטורעם־ווינט!

יאָ, ווי ביים העלד געבליבענער שראַם אויף פּנים,
פון זיין גבורה גאַר ס׳איז העלדישער באַווייז,
אַזוי־אַ בלייבט העלדישער סימן נאָר,
פון יעדער געטראָפענער באָמבע דער אויפרייס.

2

אַ טויזנט־יאָריקע, אַ טשערעפּאַכע אַזאַ,
וואָס דערהערט די רויב־פייגל איבער איר קאָפּ,
אונטער איר פאַנצער, איר האַרטן, זי פאַרקריכט זיך,
נאָך איידער זיי לאָזן זיך איבער איר אַראָפּ.

זיי קרייזן אַרום איר, זיי שאַרפן די דזשובעס,
די ציינגער, די פאַרשלונגענע הענגען גרויס אַרויס:
ס׳איז צאַפּלדיק לעבן דאָרט — אַריינצובייסן! —
ווי ווייך ס׳אינגעווייד, ווי וואַרעם איר שויס.

זיי קרייזן אַרום איר, זיי שלייפֿן די דזשובעס,
איינעם נאָכן צווייטן זיי ברעכן זיך די ציין !
כאָטש רייסן געדערעם, וואַרעם, צעצאַפּלט,
פֿון אַ געוואַלטיק־ליגנדיקן קיזל־שטיין.

און זי, די טשערעפּאַכע, די טויזנט יאָריקע,
רוט אַביסל אויס פֿון איר קריכנדיקן גיין —
איז נישט ווידער שטורעם־ווינט דרויסן ?. . .
שמייכלט זי זיך קלוג אין איר גוידער אַריין :

אָ, נישט נאָר אויף פּלעצער, ווייטע, באַזונטע, —
אונטער ענגען פּאַנצער ס׳קאָן אויך אָנגענעם זיין :
ווי גוט ס׳טוליען זיך דאָס די אַלטע ווייכע גלידער —
מ׳מוז נאָר געפּאַנצערט זיין אין אייגענעם געביין.

3

און אויב נישט דיין נשמה, לאָנדאָן, נישט דיין האַרץ —
דיין געוואַלטיקן כוח, אָבער, איך האָב׳ן דערקענט !
אינם בליק פֿון אַ מאַטראָז צו זיין מיידל,
און אינם צאַרטן דריק פֿון זייערע הענט.

נישט אויפֿרייס־באָמבעס קאָנען דאָס צעשטערן
און נישט פֿון קנאה קאָן דאָס ווערן באַזיגט, —
געבוירן געוואָרן אויף אויפֿברויז פֿון ים,
פֿון שטילע כוואַליעס געשטילט און פֿאַרוויגט.

און מיטן שטורעם־ווינט געוואַלטיק געוואַקסן !
גרויזאַם אַזוי ווי ער, ווי ער אַזוי שטאַרק !!
דאָס גראַניט פֿון דיינע גאַסן, דיינע סקווערן,
ווי זיין צאַרטע ליבע, ווי זיין ברייטער קאַרק.

דיינע הייזער, דיינע שפּייכלערס, דיינע סקלאַדעס,
איבער דער טעמזע די פֿאַרוואָרפֿענע בריק,
מען קאָן זיי אויפֿרייסן, מען קאָן זיי צעשטערן, —
אָבער נישט דעם הענגנדיקן וויגנדיקן בליק !

און ווען דו פֿאַרגייסט דיך מיט ליבע־ליד, לאָנדאָן,
דאָס האַרץ אין־איינעם ווערט פֿול מיט ציטער צו דיר,
און ווען דיינע מאַטראָזן־געזאַנגען צעהילכן —
פֿונם אויפֿברויזנדיקן בלוט צעשפּרינגט עס שיער.

## שטאָט אין פלאַמען

אַן אויפגעברילטע מיט צעפּלאָשעטע גריווע,
אויף אַלע זייטן גרייט שוין זיך צו וואַרפן,
מיט איינגעהאַלטענעם ציטער נאָך אין לאַפּעס,
ביז די גראַטשעס וועלן שפּיציק זיך אויסשאַרפן;

מיט לויערנדיקער רוגזה אינם רוקן,
מיט אַ צאַפּל אין עק, יעדע רגע צו פאַררייסן,
מיט ציינער שטשירענדיקע, קריצנדיקע,
די העצער אויף פּיך־פּיצעלעך צו צעבייסן;

אַזוי שטייט די שטאָט, געוואַלטיק און מעכטיק,
אַ צעפּלאַקערטע אין די צעפּאָכעטע פלאַמען —
אַ לייב, אַרומגערינגלט אים צו פאַנגען,
מ׳האָט אָנגעצונדן דעם דזשונגל מיט שטאַמען!

אָ, די גלאָוונע־אויגן, גלוטיק צעגליטע,
צום שפּרונג ווען זיי וועלן זיך געבן אַן עפן,
וווהין נאָר אין זייער שרעק די העצער זיך צעלויפן,
זיינע ציינער און נעגל וועלן זיי טרעפן.

בלינד פון צעברענטער רוגזה זיינע שוואַרץ־אַפּל — —
מיט זיין בלויסן ניוך ער וועט זיי דערשמעקן!
די ארויסגעפלאמטע צונג, די בלוטיק רויטע,
ווי זי וואָלט שוין אַ סלינעדיקע זיך באַלעקן.

יאָ, שוין שפּריצן די בליקן מיט פייער־פונקען,
פונם כוח וואָס נעמט זיך מעכטיק צוזאַמען —
די שטאָט, געוואַלטיק־אַזוי, מאַיעסטעטיש,
אַ צעצונדענע אַצינד אין די פלאַמען!

## אין די געסלעך דאָ

די שאַרפע נויט דאָ פון די אָרעמע געסלעך
אַריינטעטוווירט זי האָט זיך אין מיין הויט,
מיטן ציטער פון יענע שפּיץ־מעסערס,
ביים אָפשניידן וואָס דינער דאָס רעפטעלע ברויט;

און מיט שטעכן אונטער נעגל ווי מיט נאָדלען,
וואָס קאַלטע קעשענע אין פויסט האָט זיי געביילט!
דאָס נאַסע גוואַזשדזשען פון צעריסענע שיך
פון אַלצדינג דאָ זיי האָבן מיר דערציילט — —

ביז אין מיין שטיבל אַריין מיר נאָכגעקראָכן,
פון די געסלעך דאָ איז מיר די ביטערע נויט,
וואָכיק געוואָרפן מיין האַרץ גאַנצע נעכט,
ביז ס׳האָט טאָג בלוטיק אין פענסטער אויפגעגרויט.

די נאַסע ווענטלעך, די נידריק־שיפע סטעליע,
דאָס כסדרדיקע קאַפּן פון צעבראָכענעם דאַך,
און דאָס בייזע בלאָזן אין קאַלטן קוימען —
אין מיטן ים אין צעשטורעמטן געקראַך!

אַלצדינג כ׳האָב געזען און געוווּסט אַז ס׳מוז קומען:
פון די שמאָלע קוימענדלעך דער שיטערער רויך
האָט עס אַזוי דייטלעך פאַרשריבן אויפן הימל,
און אויף די פענסטערלעך — דער היסטנדיקער הויך.

און איצט אַז ס׳איז אָנגעקומען, אַז ס׳איז דאָ,
און וואָכיק זיינען די נעכט מיט טויט און מיט שרעק,
און מיט צעבלאָזענע געסלעך, צעשטורעמטע,
ס׳איז דאָס שטובל מיינס מיטן שטורעם מיט אַוועק.

בלאָנקע איך מיך, געסל אויס געסל איין,
נישט צו געפינען מער אינערגעץ קיין אָרט —
אַ מאַטראַז אַזאַ פון געזונקענע שיפן,
וואָס ראַטעוועט זיך אַזוי פון פּאָרט צו פּאָרט.

וואָס נישט געבליבן שוין קיין ליידיק פּיצל פּלאַץ,
אויף זיין פאַרשרומפּלטער טעטוווירטער הויט —
די אַלע נעמען אַריינצושרייבן נאָך,
פון די אומגעקומענע אין שרעקליכן טויט.

## „דירעקט־היט"
### (שעלטער־רעמיניסענס)

אָדער מ׳איז טויט, אָדער מ׳בלייבט לעבן — —
און אַז די שורות זיינען דאָך אָנגעשריבן,
וואָס קאָן נאָך זיין אַ בעסערער סימן,
אַז כ׳בין צווישן די לעבעדיקע געבליבן.

אָבער ווער קאָן עס נאָך וויסן, צי דעמלט,
ווען די שורות וועלן צו ווע‌מען דערגרייכן,
ס׳וועט נישט זיין אַ ליגנט, אַ פאַרשפּעטיקטער,
דער אַצינד געשריבענער לעבנס־צייכן.

און אפשר טאָקע גאָר צווישן יענע פּגרים,
וואָס נישט מער צו דערקענען ס׳איז ווער זיי זענען,
ליג איך איצט שוין אַ טויטער צווישן טויטע,
אַ צעקאַליטשעטער נישט מער צו דערקענען.

אָ, נישט מיך און נישט קיינעם איך דערקען נישט מער —
ווי צעריסן אין אונזערע פּנימער די ריסן!
פון פינסטערער שרעק, פון גרויליקער נקמה,
דער בליק און אכזריותדיק די ליפּן פערביסן —
— — — — — — — — — — — — — — — —

אָדער מ׳איז טויט, אָדער מ׳בלייבט לעבן — —
אַז גלייכגילטיק ס׳איז שוין דער גאַנצער אָדער!
עפּעס פּונקט ווי דער מענטש אַצינד וואָלט געוועזן
אַזאַ אויסגעשפּיגענע ווערעמדיקע יאָדער.

אַז דאָס־אָ וואָס ס׳געשעט איצט, ס׳קאָן געשען,
אַז צו דעם־אָ מיר האָבן געקאָנט דערגרייכן,
וואָס איז שוין דער חילוק צווישן טויט און לעבן,
און צום וואָרט מענטש — דאָס נידריקסטע פאַרגלייכן!

אָ, דאָס קלעטערן אונזערס אויף העכסטע הייכן,
איז עס געווען בלויז כדי טיפער צו פאַלן?
אויפפליענדיקע באַלאָנען נאָר אַזעלכע,
מיט אַלע זייערע ליכטיקייטן אויסצוקנאַלן.

אַז דאָס־אָ וואָס ס׳געשעט איצט, ס׳קאָן געשען,
און מיט מענטשלעכע הענט געהאָלפּנ׳ס צוגרייטן — —
וואָס איז שוין פאַרלירן, וואָס איז שוין נצחון,
אַפילו דער חלום פון קומענדיקע צייטן.

## די טילבורי אין לבנה נאַכט

(דער ווייטשעפּל־שעלטער מיט 15,000 מענטשן)

1

אַ ריז אַזאַ אויף ברייטע פיס אָוועקגעשטעלט,
מיט אַ פּאָר אויסגעהויבענע פּלייצעס פעסט און ברייט,
אַ מעסער פון יעדער כאַלעווע אַרויסצוציען!
אַ געלאָדענעם פּיסטויל אין יעדער קעשענע גרייט!

איינגעהילט אין ברייטן, אין געפּאַלדעוועטן שינעל,
גאַנצע טעג און נעכט צו שטיין אַזוי אויף וואַך;
איבערן מוטיק־צעשטרעקטן קאָפּ די עראָפּלאַנען —
בייטשן־צעפּאַכעטע טויבן איבער אַ טורעם דאַך!

די פּעלצענע קוטשמע איבער די אויגן אַראָפּגערוקט —
ס׳שטיקן זיך פון די דאַקס אינם פלאַמיקן רויך!
די געפּוצטע קאָקאַרדע, גראַד איבער דער נאָז,
שטייט די פולע לבנה, אין זעניט, אין דער הויך.

איז ער נישט איינער פון דער קעניגליכער גוואַרדיע!
אין ציגל־רויטן לייב־ראָק מיט די בלינקענדיקע קנעפּ?
שמירה שטייט ער ביי די טויערן פון דער טעמזע,
און ווען מאַרשירן — איז איבער לייבער און קעפּ!

זאַמלען זיך די געסלעך אונטער זיינע פּלייצעס
מיט קינד און קייט, מיט די בעבעכעס און מיט שרעק,
און אַז זיי הויבן אויף די דערשראָקענע בליקן
איז זייער גאַנצע מורא אויף איינמאָל אַוועק —

פון גאַנצענע דורות אָנגעדריקטע מאַזאָליעס
זיינען די שטאַבעס, די ניטן איבער זיירע קעפּ!
די אייזערנע סטעמפּעס, די געקאָוועטע שינעס —
מוסקל־געפלעכט אונטער פייערדיקע האַמער־קלעפּ!

דעם סאָלדאַטסקע ראַניעץ אויף די ברייטע אַקסלען
טראָגט ער ריזיק דעם געביי מיט שטאָק איבער שטאָק ;
די שפּייכלערס ביי דער זייט — די קוילן־קעסטלעך ! —
אויף פּאַסעק אַזוי ברייט אַרומגעגאַרטלט אַרום ראָק.

און זאָל נאָר קומען ווער, און זאָל נאָר וואַגן עמעץ,
ער וועט זיינע פעסטע אָרעמס געבן אַ צענעם — — —
יאָ, ער שטייט דאָ אַ וואַרטנדיקער גולם אַזאַ,
אונטערקלעפּן זאָל אים ווער אונטער צונג הייליקן שם.

2

שווענדזשענדיקע מענדעוויסקעס אין אַ קרייז אַרום
ליגן שוואַרצע און קראַצן זיך אין קרייזל־קעפּ ;
ווערעמלעך ביי אַ נאַשער־קינד אין ווי־הייסט־מעס —
כאַפּטעס ווייסע אונטער גאַטיש־געוועלבטע סקלעפּ.

ראַיענדיקע טאַראַקאַנעס, קריכנדיקע ווענצלעך
אַריינצוכאַפּן זיך ווו אין אַן אָפענעם שפּאַלט — —
אַ גאָטס־רחמנות נעבעך אויף אונז אַלעמען,
ווען ווי אַ מגפה אַזאַ אימה אונז איבערפאַלט.

רעגן־ווערם פון דער ערד אַרויס אַרויסגעראַיעט,
אויפגעפּיקט צו ווערן פון אַ פויגלישן דזשוב,
ליגן מיר דאָ מיט מאַן און ווייב, מיט קינד און קייט
און מיט געראַטעוועטן פון ברענענדיקער שטוב.

יאָ, ווי די הערינגלעך אין די שאַכטלעך קאָנסערוועז,
ווי די פעסלעך מאַרגאַרינע צום ביליקן פאַרקויף,
אַרום דאָ אין די שפּייכלערס, אין די פולע סקלאַדעס,
אָפּצוליווערן פאַר אַ שבוש, בלויז פאַר אַן אַדרויף — — —

מיט זיין בעטגעוואַנטל ס׳סופרל דאָ פון געסל
געפינט זיך אויף דאַ־ערגעץ אין דעם מענטשן־געמיש,
קראַצט עס זיך נעבעך די צעשויבערטע פיאה :
די גענזענע פען געלאָזן אין דער היים אויפן טיש ! . . .

אין פוכענע קישנס, אין געשליסענע פערענעס,
נישט צו געפינען איז אַ פעדער אויפצושרייבן אַן אות ! . . .
און אַן אַ מזוזה אויף טיר, אָן אַ קמיעה אויף האַלדז
די סופרטעס שוואַך האַרץ פאַלט איין פון יעדן שאָס.

אַ שטיקל פּאַרמעט, אַ געשורהטס, אַ געווירעטס,
ס'איז יעדעס פּנים — נאָר דער שם דערויף איז נישטאָ!
אָ, וואָלט ער נאָר געהאַט איצט זיין געגזענע פּען מיט זיך,
איבער אונז ס'וואָלט אַריבער אַצינד די בייזע שעה — — —

ליגן מיר אַלע דאָ מיט ווערטער אויף שפּיץ־צונג,
יאָמערלעך אויפצושרייען מיט זיי יעדע מינוט!
יאָ, הייליקער שם פּאַר שטומער, פּאַר גולמשער צונג
מוז געשריבן ווערן מיט שרעק און מיט מענטשלעך זידיק בלוט.

3

שטייט ער אַ צעשויבערטער, אַ נישט אויסגעשלאָפענער,
פון אַ גאַנצער נאַכט וואַכן, אויף באַפעל צו זיין גרייט?
צי פון נצחונדיקן הוליען ביז זון־אויפגיי
די קאָקאַרדע וויל־יונגעריש פאַרשאַרט אויף אַ זייט?

ס'איז די זון אין מזרח, אַ פאַרטרונקענע אין נעפּלען —
שכור מ'קאָן ווערן פון אַזאַ וווּנדערלעכן אויפגאַנג!
אונטער דער קוטשמע אין די איבערלאָפענע אויגן
אַ כיטרע איינגעהאַלטענער באַהאַלטענער פאַרלאַנג —

ווי וואָלט ער זיך אַזאַ זעץ געטון, אַ צעקוועטש געטון,
אַ קאַזאַטשאָק אויפגעטאַנצט אויף ציטער פון קעפּ!
נאָר איז ער דען נישט איינער פון זיי, בלוט פון זייער בלוט,
אַנגעטון בלויז אינם ראָק מיט די גלאַנצענדיקע קנעפּ.

נישט מיט כשרע געשניצטע, מיט פלעדערוויש פעדער,
אָן אַרויסגעפליקטע פון אַ געשאָכטענער גאַנז,
נישט אויף שטיקל פּאַרמעט, געשורהט און געווירעט
אַ הייליקער שם — ס'שרייבט אַצינד זיך דער בילאַנס:

דרויסן אין די שלאַכטן די בעסטע און די שאַטרקסטע,
און מיר דאָ אין שרעק און אין עקל — פאַרוואָס און פאַרוועןן? —
זי טונקט זיך אין מענטשלעכן בלוט, אינם זידיקן,
שטאָלענע פליגל פון עראָפּלאַן איז איצט די פּען.

פונם לייִדיקן געקלאַפּט פון די שרייב־מאַשינעס,
פון קרעדיט און דעביט און פונם מזומנעם געלט,
מיטן רויטן שטריך, מיט פעטן, פעסט אונטערגעשטראָכן,
דער סך־הכל אונטער חשבון ווערט איצטער געשטעלט —

ס׳איז רעכן־טאָג, אויסגעצאָלט ס׳ווערט ביז לעצטער פּרוטה!
און „עין תחת עין“ און „שן תחת שן“ — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ ריז אַזאַ אויף ברייטע פיס אַוועקגעשטעלט,
ביי די טויערן פון דער טעמזע שמירה צו שטיין!

שטייט ער אַזוי פּנים אל פּנים מיט לעבן און טויט,
צו באַשיצן, צו באַהיטן, יעדע רגע זיין גרייט;
צום אומפאַלן האָט עס מיט אים אַ טרייסל געגעבן,
אָבער אויף זיינע בּרייט־צעשטעלטע פיס פעסט ער שטייט.

## די טילבורי אין דער פרי

אַראָפּגעשאָסן זיי האָבן אים די קוטשמע,
אַ שטיק פון אַן אויער־לעפּל מיטגעריסן,
ער אָבער, אַ באַוואָפנטער, שטייט אַזוי־אַ,
מיט צילנדיקן בליק און ציינער פאַרביסן.

אַ לאַץ פון מונדיר האָט עס מיטאָפּגעשליסן,
אַ פּאָלע צעפלאָשעט און ווילד אויפגעהויבן,
נו, זעט מען דעם בויך, דעם ברייט־געפּאָלדעוועטן,
אַזוינס און אַזעלכעס, וואָס נישט ס׳איז צו גלויבן —

פון שטאָל פון געקאָוועטן זיינען די קישקעס,
דאָס וואָמפּיקע אַרום — אייזערן מוסקול־געוויקל!
פון מעש און פון קופּער די ווענען און אַרטעריעס,
די געדערעם אויסגעהעמערט פון האַרטסטן ניקל.

און אַז ס׳וועלן זיך אים די פיס אונטערברעכן,
ס׳וועט זיי אפילו אויך דאָס־אַ נישט נוצן — —
ר׳וועט פאַלן אויף זיינע אָרעמס, שטאַרקע, צעשטרעקטע,
מיט זיין פעסטן רוקן אַלעמען צו באַשיצן.

אויף קני און אויף קנעכל — די לענדן,
און די ברייטע ברוסט אויף די עלנבויגן!
און באַשיצט אַזוי מיר וועלן בלייבן,
אונטער זיין רוקן ווי אַ בריק אויסגעבויגן.

נײן, נישט אַ געפֿאַלענער װעט ער ליגן —
אויף בויך צילנדיק גאַר, אַזױ אויסגעצויגן!
און שאַרפֿע װונד, אַז ער װעט װײאיק דערפֿילן,
בלוט איבערלאָפֿן נאָר װעלן זײן זײנע אויגן.

אַראָפּגעשאָסן זײ האָבן אים די קוטשמע,
און אין אויער־לעפּל אויך־מיר עפּעס װונדן,
אָבער דאָס גליאיקע, דאָס ברעניקע אין זײן לײב
ס'איז פֿון אַ צאָרן אין אים פֿריש איצט אָנגעצונדן:

אין פֿלאַקער־שײן, פֿון די אָנגעצונדענע הײזער,
שטײט ער בולט מיט זײנע צעשטערקטע מױערן — —
מיט טויזנטער הערצער ציטערט עס אויף אין אים!
און איבער זײן קאָפּ דאָס פֿלאַטערדיקע לױערן —

אָ, דאָס גיפֿטיקע געזשום אין זײנע אויערן,
און די שרעק פֿון די טויזנטער אין דעם באַהאַלטן!
זײנע קנאָכן קנאַקן נאָר אַזױ אין די פֿלאַמען
מיט באַנײטע כּחות אַלצדינג אויסצוהאַלטן —

## לעבעדיק ס'איז די שטאָט

אַ לעבעדיקע איז די שטאָט,
מיט אירע קאַנאַלן, אירע גאַז־רערן,
מיט אירע באַנען, אירע אויטאָס,
מיטן געלויף אַ רגע נישט אויפֿצוהערן;

װי ס'קרײזט דאָס, װי ס'אײלט דאָס,
מיט אויטאָבוסן, מיט טראַמװײען,
און אונטערערדיש און איבערערדיש —
געדערעם־געקנויל װיקלען זיך אין דרײען!

ס'איז פֿאַרן בלוט־געלויף די אָדערן,
די קאַבעלס אונטער גאַסן צעגראָבן!
אָבער אַז לעבעדיק ס'איז די שטאָט
מוז זי דאָך אַ האַרץ אויך האָבן — —

צו דערפֿילן אײנער דעם צװײטן,
צו דערשפּירן יענעמס פֿרײדן און לײדן.

קאָן דען עפּעס לעבעדיק מיינען,
נאָר מיט געדערעם בלויז און אינגעווייַדן ?

מיט צאַפּל פון מענטשלעכע הערצער,
אונטער שריפה־חורבות פאַרשאָטן,
אַ האַרץ זי וועט באַקומען, די שטאָט,
און איר נערוועןנעץ פון שטאָל און פון דראָטן —

ווי מיט וועגען, ווי מיט אַרטעריעס,
אין מוסקל־געפלעכט, אונטער הויטן,
איבער איר גאַנצן לייב זי וועט שפּירן
יעדן בחנם געפאַלענעם טויטן — —

די אויפגעריסענע גאַסן אַרום — —
אירע פּולס־אָדערן ס׳ווערן אויפגעשניטן !
ס׳אָדער־לאָזן ס׳איז, פון בייזן בלוט בלויז,
דערפון אַ לעבן־לאַנג פיבריק געליטן.

## פרילינג 1941

1

אט וועט ער זיך בלוטיק צעבליען
מיטן גלאַנץ פון זיינע דערנערלעך, דער קזשאַק,
ווי די מאַמע מיט איר קינד, יענע נאַכט,
טוליענדיק עס אַזוי בעקעלע צו באַק.

טויט שוין איז עס געוועזן און אַזוי בלאַס,
אבער גאַנץ איבערגאָסן מיט זידיקן רויט !
א צוזאַמענגעקנוילטער קזשאַק, א צעבליטער,
איר פאַרוואונדעטער לייב מיט קינדעלע טויט — — —

קאַן ווער עס דען צוריק אויפוועקן ?
און ווער וואַגט עס צו נעמען פון אירע הענט ?
די מאַמע מיט איר קינד אין יענער נאַכט,
אין זיין צוזאַמגעקנויל כ׳האבביידע דערקענט.

2

ווייטאַקן, וואָס נעמען זיך צוזאַמען
אויפצופלאַצן אין בלוטיקע וואונדן,

בייזע געשווילעכצער אזעלכע
אייטערדיקע און פיבערדיק־צעצונדן,

שטייען היי־יאר צייטיקע די טולפּן,
אויפגעקנאספּעטע צום אויפברעכן ;
דער אטעם פון זיי אזא קראנקער,
פון גוססדיקע אין לעצטן אויסדעכן — — — —

און אפשר פרעסט עס אין מיר נאר אזוי,
ס׳נעמט זיך אייטערדיק־בלוטיק צוזאמען !
זינט יענער נאכט ס׳טויטע קינד געזען,
אויף די צעשונדענע הענט פון דער מאמען.

3

דאס פריש־צעבליטע, דאס יונגעביימל,
פון צווישן די אפענע חורבות ארויס,
פון די קופּעס הייזער צעשאטענע,
שטארטשענדיק מיטן שפּיץ קוים בלויז ;

ווי אויף ברייטע, אויף אפענע לאנקעס
ס׳וואלט געשטאנען איצט דא הינטער א סטויג —
א, א שפּליטער אזא ווארפט עס זיך
אין מיין ווייאיקן, פארוואונדעטן אויג !

גישט רויטלעכער צוויט אויף צווייגעלעך —
פון געהרגעטע גאר ס׳בלוט־געשפּריץ !
און פון מיין בליק בלוטיק צעשטאכן,
מיטן ארויסשטארטשענדיקן ביימל־שפּיץ.

## די ביכער שאנק

ווי מיט א שטומפּיק מעסער, ווי אפּגעשניטן,
שטייט דאס איבערגעבליבענע, שטיקל גאס,
אויף דער נאקעט־אנטבלויזטער וואנט דאָס ביכער־ברעט,
אויסטערליש אזוי, ווי עפּעס א מיאוסער שפּאס —

גלייך געריצט זיי וואלטן זיך מיט דעם וואס געזען,
פינקלען גאלד־געליישטע רוקנס אין פרילינג־זון !

כאטש צוצושטעלן די פייערלעשער־לייטער,
צום לייענען איצט ארויסנעמען איינס דערפון —

ווארום יענער מענטש, ווועמען זיי האבן געהערט,
מיטן ווייכן זעסל און ווארעמען בעט,
ס׳איז דאך פון זיי גארנישט מער איבריק געבליבן —
ווי אט־א דא די פאָר ביכער פון עפעס אַ פּאָעט.

## די פייגל היי־יאר

און ווען די פייגל וועלן אנקומען
זייערע נעסטלעך וואו אויסצוקלעבן — —
אז אונזער דאך איז נישטא איצט מער
און אויך נישט יענער, וואס דערנעבן —

א, אזויפיל צעשאטענע פעדערן,
די גאנצע וועלט כאטש נעסטלעך אויסצובויען!
אבער אז מיט אייגענע הייזער אזוי,
וויאזוי אונז נעסטער נאך אנפארטרויען?

נישט מיט זינגען פאר אונזערע פענסטער —
מיט אזא פישטשעדיק שטילן וויינען
וועלן די פייגל אנקומען היי־יאר.
נישט צו וויסן צומאָל ווו זיי זיינען.

## בין־השמשות

די אימה ווען דער אוונט קומט אן,
די גאסן פולע מיט וואקלדיק אײלן,
דערשראקן און טרויעריק די מענטשן —
היהלעך אזעלכע, וואס לויפן אין היילן.

מוילווארפן מיט פארזשמורעטע בליקן,
נישט אנצוקוקן איינער דעם צווייטן,
און נישט דעם בלויען בין־השמשות הימל —
צעבליטע פיילעכעלעך איבער קברים בייטן.

ווי ס׳שטערנט זיך דאס אויס דער בלייכער הימל —
דער פינסטערער טויט מיט זיינע טויזנט אויגן!
א שרעקלעך, א טאפנדיק אומגעהויער,
מיט גראטשעס אין שווארצע לאפעס איינגעצויגן.

## א פרילינג-נאכט היי-יאר

א שוואַרצע פלעדערמויז אַזאַ
פון פינסטערנישן אויפגעוואַכט,
פאַרפּלאָנטערט אין שווידער פון קאָפּ
איז די פליגל־צערוישטע נאַכט.

יעדער טעמפּער, האַסטיקער קלאַפּ,
אויפטרייסלדיק ביזן פונדאַמענט —
איר בלינדער, אומגעלומפּעטער פלי,
זיך שטויסנדיק אין דעכער און ווענט! —

מיט אירע פליגל צעבראָכענע,
אונטער די חורבות פון הויז צו הויז,
זי טשאַטעט פינסטער אַ גאַנצן טאָג,
ביז ר׳לעשט שווידערדיק זיך ווידער אויס.

## פולע לבנה

אַ פולע איז דרויסן די לבנה,
ווי צו פילן די גאַנצע וועלט מיט גליק!
און דאָ־אָ האָט אַ קינד מיך אָנגעקוקט
מיט אַזאַ גרויסן, קײַלעכדיקן בליק:

אַזאַ לבנהשן, אויפגייענדיקן,
אַז דאָס האַרץ ווערט אָנגעפּילט מיט פרייד!
האָב איך אויסגעדרייט מײַן פּנים צו וואַנט,
אַ גוססדיקן גלייך, ווען ס׳קומט אָן זײַן צײַט.

זיכער האָב איך אויגן פולע געהאַט — —
האָב איך, האָט ס׳קינד די גאַנצע נאַכט געוויינט?
פון אַ שטאַרקן העש כ׳האָב מיך אויפגעכאַפּט;
דרויסן האָט לבנה נישט מער געשײַנט — — —

## שאריען

מיט דער „בינדע" שוין איבער די אויגן,
פאַרמשפּטע ביים ווענטל געשטעלט,
שטייען מיר אַזוי די גאַנצע נעכט
ביז דער באַגינען ווידער אויפהעלט —

יענער רייטער אויפן צעשוימטן פערד,
וואס קומט אנגעריטן מיט שנעלן געלאף,
פאכנדיק מיט דער „בעגנאדונג" אין לופט
אנצוקומען נאך איידער ס'איז דער סוף — — —

אבער פון געטראפענעם פונקט אין ציל —
די אויפגעריסענע וואונד ס'איז די זון!
און דאס שאריען אזוי בלוטיק־רויט —
דאס ווארעמע ריטשקעלע בלוט דערפון!

## זון-פלעקן

זענען עס די פייערן פון א גאנצער נאכט,
וואס לעקן די ווענט מיט זייער צונגיק־געפלאם,
צי די זון פון אנטקייגן, וואס פאלט דורך א שפאלט,
ס'איז דאך זון־אויפגאנג אצינד דרויסן, מן־הסתם?

ס'שרייבן זיך אזעלכע ליכטיקע אותיות
אויף פינסטער וואנט, אויף נאקעטן געשטיין,
הערגליפן לעבעדיקע, צעציטערטע!
דאס פארמאטערטע הארץ קאן עס קוים פארשטיין —

דורך פארהוילנסטע שפארעס, דורך שמאלסטע שפאלט,
דאס ליכטיקע ווארקען דרויסן פון א טויב:
זי לייענטס אזוי ליבלעך טאנצנדיק דרויסן,
פאר איר טויביכע אין רואינען־שטויב.

## א ראבאט - סאנעט

ווען אין מיטן זיין ווילדן געברום,
ער בלייבט שטיין אויבן איבערן קאפ,
ס'הארץ אויף א רגע שטעלט זיך מיט אפ,
און פארשוויגן דער גאנצער ארום.

קאן עס דען אויפרייסן אומעטום?
און צוזאם מיט דעם דערהערטן קלאפ,
גייט ס'הארץ ווידער אין ווילדן גאלאפ,
און יעטוועדע פליג מיט איר געזשום,

עס דאַכט זיך אויס אַ ראַבאַט קומט אָן ;
יאָ, אין סוף־זומער אַ זלידנע פליג,
דאָס איז ער איצט אין די טעג פון זיג,

פול די אויערן בלויז נאָר ער זומט אָן,
טויט ערגעץ־ווו צו בלייבן קלעפּן — — —
ווי ס׳ווילט זיך דעם זיג מיטדערלעבן.

## ר א ב א ט ס

אַז טויזנטער מענטשן אין גאַז־קאַמערן געטריבן,
וואָס איז שוין אַ „ראַבאַט״ וואָס פאַלט דאָ אַראָפּ ?
קעגן אַ ים פון צרות, פון שרעק און פון פּיין,
אַן אַראָפּטריפנדיקער איינציקער טראָפּ — —

און אַז יעדע רגע ס׳קאָן פאַלן איבער קאָפּ,
און דער מינדסטער גלאָז־שפּליטער קאָן מאַכן בלינד,
אָבער אַ מאַמע קאָן זיך אויף דר׳ערד דאַך וואַרפן
און מיט איר קערפּער אָפּראַטעווען איר קינד — — —

אָ, טויזנטער מענטשן אין קברים געטריבן,
באַגראָבן צו ווערן לעבעדיקערהייט,
און אין מיילכל פון קינד שטאָפּט מאַמע איר בריסט,
שטאַרבנדיק זי הערט איר קינד כאָרכלדיק שרייט —

יאָ, אַז פאַרשטעלן מיר זאָלן זיך כאָטש קענען,
דעם שרעק און דעם צער אויף אַ טויזנטסטל טייל,
ליגן מיר איצט דאָ אין די שעלטער פאַרקראָכן,
צו ציילן ראַבאַטס וואָס פאַלן יעדע וויל.

## ווו „ווייטשעפל״ איז געשטאַנען

די חורבה ווו די קירכע איז געשטאַנען
מאָדנע באַלויכטן פון עלעקטרישע לעמפּ,
אונטער קזשאַקעס פאַרשטעקט, טונקל באַווינקלט,
פּויסט צוקאָפּנס איינגעשלאָפענער טרעמפּ.

אַ מידער פון אַרומשלעפּן גאַנצן טאָג,
ליגן געבליבן אינמיטן זיין גאַנג,

הענגט לבנה אין זיין צעריסן פנים,
אַן אַראָפּגעריסענער לאָמפּ פון שטאַנג.

גריילעך גאַנץ מעגלעך, ווי דער פאַרלאָזענער טרעמפּ
כ'וועל גאָר ליגן בלייבן ערגעץ ווו דאָ — —
צוזאַם מיט לבנה ווו אַוועק וואַנדערן וויסט,
אײדער באַגינען שאַריען וועט גראָ.

## צו דער געבאמבטער ווייטשעפּלקירך

(צוויי סאָנעטן)

1

„גאָטעניו, עס זאָל אַ נאָמען נאָך איר איבערבלייבן !"
זיך אים אַרויסגעכאַפּט אין זיין געדעכטן גרים־צאָרן,
און זע, ס'איז נאָך לאַנגע יאָרן איצט מקוים געוואָרן.
איז אַזוינס נישט ווערט ווי אינם פנקס צו פאַרשרייבן ?

פאַר דער קירך פלעגן שקצים פאַרנאַכט זיך צונויפקלייבן,
ס'יידל גייט אין שול, האַלב בלינד, אַ באַיאָרטער אין יאָרן,
נאָכגעוואָרפענע זידל־ווערטער מ'טוט אים נישט שפּאָרן,
און איינמאָל איינער אַ שטיין שוין גענומען אויפהייבן — —

אַ יידיש מויל פאַרשעלט נישט חלילה קיין מענטשן־קינדער !
אָבער פון די „עצים ואבנים" — בלויז אַ נאָמען :
„ווייטשעפּל", אַ גאַס וואָס ציט זיך מיט יידישע קראָמען ;

און פון דער טומא — אַ וואַנט ס'טאַפּט זיך ביי איר אַ בלינדער,
צווישן די ביימער שלאָפן זיך אַנידער צו לייגן — —
הער, ווי ער פּרעפּלט מיט די שפּערלען צווישן די צווייגן.

2

צווישן דעם וואָרצל־געפלעכט די ווילדע אַרגיעס נעכט,
מענטשלעכער לייב אין פאַרשאָלטענעם תאווה געקרעמפּ —
אַ סיפיליס־פאַרפוילטע מיט טויט־שכורן טרעמפּ,
האָבן זיך זייער הימלבעט צורעכט דאָ געמאַכט.

ס׳ראַיעט אַ קופּע מיסט — הייליקע קימפּעט־טראַכט,
קרענקלעך געל־פאַרשעמט בלאַט־געציטער אין בלענד פון לעמפּ;
נישט צו באַגעגענען אַ פּאָר אויגן חיהש טעמפּ,
דער הימל לעצט לבנה־אויג זיך בלוטיק אויסשטאַכט.

אין שמעקעדיקן גרין שטיקעדיק אַזאַ גערוך!
דאָס מוז נאָך זיין פון גאָר גאָר אַלטע צייטן אַ פלוך,
פאַר „שענדן האָסטעס״־בילבולים, פאַר עלילת־דם.

געמאָרדעט דעמלט, פאַרטריבן און צוגערויבט אַלץ!
אַ קללה זיך אַרויסגעריסן פון גסיסה־האַלדז,
פונם געקוילעטן בעל־תוספת דאָ, מסתם.

* * *

אַ סטאַיע פייגל איבער ווייטע ימען,
אין די זוניקע לענדער אַריין אָנצוקומען,
אַז פון די בייזע אָנציענדיקע זאַווערוכעס
זייער געזאַנג זאָל חלילה נישט פאַרשטומען.

מיט זייערע לעצטע כוחות אויסצוהאַלטן,
אינמיטן פליען דאָס לעבן נישט אויסצוהויכן,
אַן אינזל ווו, אַ פעלדזן כאָטש אויסצורוען,
זיי זוכן פון די מטושטוש־שווינדלדיקע הויכן.

פון אַלע זייטן ציען שוין די ווילדע ווינטן,
דער ים הינטן אין שטורעמדיקן אויפשוימען!
שוין ליגן זיי אינם ווירבל פון די כוואַליעס,
ס׳זאָל איין רגע חלילה זיך נאָך פאַרזוימען.

אָ, דער וועבענדיקער נעפּל אַרום און אַרום,
אַז מ׳ווייסט שוין נישט צומאָל ווו הינטן ווו אויבן!
עפּעס דער גאַנצער אויפקאָכנדיקער ים
אין איין פאַרנדיק גאָרנישט זיי צו צעשטויבן — —

אָבער ווי נאָר זיי דערשפּירן ערד אונטער די פיס,
די דערשראָקענע הערצער ווערן פול פאַרטרויען,
פון אייגענע פליגלען רייסן זיי די פעדערן,
בעסטער אויף דער אינזל זיך אויפצובויען.

און פון העלדזער זייערע האָפּערדיקע געזאַנגען
פון גרויס דאַנק זיי קענען גאָר נישט אויפהערן —
ווער ווייסט אפשר אומעטיקע, שוין פאַרשטומטע,
וועט עס גוט טון דאָ, זייער געזאַנג צו דערהערן.

אָ, דער וועבענדיקער נעפּל אַרום און אַרום,
אַז קיין צוויי שפּאַן קאָן מען דאָך פאָראויס נישט קוקן !
אפשר אַראָפּגעפאַלענע, פאַרלוירענע דאָ,
מיט געבראָכענע פליגלען גוססן הינטער רוקן ?

און אפשר איז דאָס אויסגייענדיקע גאָר געוועז,
פון די פליגלען דאָס געבראָכענע געפלאַטער !
וואָס זיי האָבן פון נעפּל אַרויס, פון דאָ דערהערט,
און זיך געראַטעוועט אין זייער סכנה־געמאַטער ?

אָדער גאָר צו ווייטע, צו זוניקע לענדער,
מטושטושע פאַרלוירענע מיטן אין פליען,
ווייטער נישט מער צו קענען, נישט אויסהאַלטן,
צוזאַמענצוברעכן מיט זייער גאַנצן באַמיען ;

מיט לעצטן אָנשטרענג נישט צו קענען קעמפן מער
מיט די שטורעם־ווינטען, וואָס יאָגן און בלאָזן — —
וועלן זיי דערהערן פון נעפּל אַרויס געזאַנג,
און זיך ראַטעווענדיק, צו זיי דאָ זיך אַראָפּלאָזן.

# די שטאט

## פאר קריסטאבעל

אויפאיינמאָל, אַ שפּילצייג פון שאַכטל אַרויסצונעמען,
עפענט זיך דער הימל אויף מיט שטאָט אויף אונזערע הענט!
די זון אויבן ס׳איז אַזאַ גרויסער רויטער באַלעם,
זיך צו פאַרשפּילן מיט איר אין אייביקן אַגענד — — —

מיר וועלנס איצטער מיט אונז מיט אַרונטערנעמען,
ביי דער ספּרענזענע נאָר געבן אַ קליינטשיקן דריי —
באַנען וועלן לויפן, אויף דער טעמזע די שיפן,
און מירביידע זיצן אין אַזאַ אַנגעצויגענעם טראַמוויי.

אַ שפּילצייג אַזאַ פון אַ שאַכטל אַרויסגענומען,
ווי דיך פון מיין אויפגעעפנטן האַרצן אַרויס!
מיין קאָפּ אין דיינע שפּילנדיקע טוליענדיקע צוויי הענט,
ווי אָקאָרשט אַרויסבאַקומען דו וואָלסט אים פון דיין שויס.

און די געבליבענע טרער הענגענדיק אין דיין בליק
די גאַנצע וועלט שפּיגלט זיך ליכטיק אין איר דאָ אַצינד —
מיט שעפּעלעך־געקנויל, מיט ים׳ען געכוואַליע,
מיט שטאָט — אַ צעלאָזענע ספּרענזענע אין ווילדן געשווינד.

* * *

צום שפּרונג אויף אַלע פיר אויסגעצויגן,
אַ לייבעכע וואָס טשאַטעוועט אויף פאַרציקן,
ליגט זי מיט אירע ביעדרעדיקע בריקן;
מיט לויף פון צוגן לייכטן־אויף אירע אויגן!

אויף אַ רגע צומאָל טוט עס נישט אויפהערן
אין די ליידיקע געדערעם דאָס ווילדע ברומען;
און דאָס קריצן פון די ציינער וויל נישט פאַרשטומען,
אַלץ צו פאַרטיליקן און אַלץ צו פאַרצערן.

אַ צערייצטע זי זעצן אַ קאַץ אויף דער שויס,
צו גלעטן און צו טוליען זי נאָר אַזוי בלויז,
איבער דעם צוקעדיקן גלאַט פון ווייכן רוקן.

און דאָס שוואַרצע קעפּל מיט די וואַנסעלעך גרוי!
אַ גאַנצע נאַכט כאַטשבע צו זיצן אַזוי
און אין די קעציש גרינע אַפּלען צו קוקן.

# די שטאָט

1

מיט שפּייכלערס, מיט קעלערס אַלץ טיפער און טיפער,
מיט סקלאַדעס, מיטביידעמער אַלץ העכער און העכער,
שטאָקן אויף שטאָקן און דעכער אויף דעכער,
מאַרמאָר און גראַניט און קופּער און שיפער.

לייבן־גריוועס זיינען הימלען איבער הייזער,
צעהאָנגענע איבער געביידעס איבער געמעכער,
און די גאַסן אַזעלכע, נאָרעס, אַזעלכע לעכער
פול געבריל געברום, פול גרימיגן געבייזער —

די בוסעס לויפן פון די לאַפּעס אַנטלאָפענע!
פון איינגעהאַלטענעם צאָרן אויגן איבערלאָפענע
זיינען סקווערן, זיינען פּלעצער צענעבלטער רויך.

אַלץ טיפער און טיפער אַלץ העכער און העכער,
און פון די העכסטע דעכער און געמעכער
פאַלט תמיד דאָס קעצל אויף ווייכן בויך.

2

ווי קאַצן־שטעגלעך, ווי שליאַדן פון מייז
דרייען זיך די געסלעך קויטיקע און שמאָל,
די געשטאָפּטע שפּייכלערס ציען זיך אָן צאָל
מיט גאַז מיט גיפט, מיט פּראָך־און שפּייז־געלייז.

ווי די ראַטן, ווי די קעץ, ווי די מייז
ראַיעט עס, לויפט עס, אַהער און אַהין,
עס שטינקט מיט פערד, מיט מענטש, מיט בענזין —
פון אַלע וועלט טיילן מענטשלעכער שוויס.

אין סחורה, אין באַר, אין ווערט־פּאַפּירן!
ביזטו דאָס האַרץ פון דער וועלט, די געהירן,
אָדער בלויז נאָר איר מעלה־גרהדיקער מאָגן?

דיך אָנקוקנדיק ווער זיך אויסמאָלן, ווער זאָגן,
ווער כאַטש בלויז דערשפּירן דעם פינסטערן צער,
פון קניענדיקן וואָס מאָלט אויף קאַלטן טראָטואַר.

### 3

צווישן די שווערע גרויקייטן פון די הייזער־בערג
אַ פאַרבלאָנזשעטער אינדיער, אין טורבאַן אין צויטן,
אַ ייד אין שטריימל מיט אַ ווערד אַ רויטן,
אָדער נאָר אין שוואַרצן פראַק און פעסקע א טערק

שלעפט זיך פאַרלוירן די זון גאַס אויס גאַס איין.
אָוונט בלייבט זי שטיין אויף אַלע הויכע בריקן,
מיט אַזאַ פאַרלוירנקייט אין דערשראָקענע בליקן,
ביז זי וואַרפט זיך פון אַ געלענדער אין טעמזע אַריין.

מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם בלייבן די שיפן, די הייבער,
און אויפן בריק די פאַרבייפאָרנדיקע טרייבער — —
די פענסטער פון טראַמווייס, אויף פאַרמאַטערטע פערד דער שווייס

נעמען רויטע שרעק מיט זיך מיט אין די סקווערן.
און די טעמזע גריזשעט און גריזשעט נישט אויפצוהערן,
מיט גאַנצע טשאַטעס צוזאַמענגעלאָפענע וואַסער־מייז.

### 4

ס׳דרייט זיך דער ערד־באַלעם און אַלץ מיט אים מיט,
די אויטאָס, די באַנען, די שיפן, די פליער,
און יעדער וואָס שנעלער און יעדער וואָס פריער,
און דאָס געיאָג אין די דראָטן איז פראָפיט און פראָפיט!

נולן, נולן, פון שרייב־מאַשינען אַזאַ שרויטיקער געשיט!
אַזש ס׳שווינדלען די אויגן, אַזש ס׳פּלאַצן די שלייפן,
גאַנצע זון נאָר אַזאַ נוליקער רעקלאַמע רייפן!
מ׳מוז אין איר נאָר דורכשיסן דאָס לאָך אינדערמיט.

נולן, נולן, און ווו איז דער ערשטער, דער ציפער פאָראויס?...
אָ, יענע האַנט אויף וואַנט מיט פייערדיקן „מנא תקל״
האָט גיכט שוין אין די פינגער פון דעם נולן געהעקל —

נולן, נולן, גאַנצע וועלט איין דראָטיקער נולן געפלעכט!
און יעטווידעס האַרץ, מיט זיין עכט און זיין רעכט,
אין אַ לאַפּקע געפאַנגען, אַ צאַפּלדיקע מויז.

5

זאָט איז זי, קאַץ און מויז שפּילט זי זיך איצטער,
די לאַפּקעלעך אין סאַמעט, אין אַטלעס און אין זיידן,
דאָס פּנימל אַזוי ליבליך, אַזוי צנעות'דיק באַשיידן,
נאָר מיט אַמאָל אַזאַ בליק, אַזאַ פאַרשייטער צעבליצטער!

אַזוי מאָדנע הויקערט זי זיך מיט אַלע טעמזע־בריקן,
איר לאַנגער עק, שטייפט זיך מיט יעדן פאַבריק־קוימען,
אַזוי שנעל, אַזוי איילִיק, נישט צו פאַרזוימען
יאָגט אַזאַ פייערל אין אירע ווילד־געוואָרענע בליקן —

אָ, דאָס אַטעמדיקע קוקן, דאָס גיפטיקע, גרינע!
ס'מייזל דרייט זיך דרייט זיך, בלייבט אויף הינטערשטע שטיין,
די אייגעלעך ווערן אַזוי גרויס פונם גלאַנץ פון אירע ציין — — — —

אויפגעלויכטן שטיל איז שטאָט מיט צעשריגענעם קינאָ
און מיט גיפטיקע רעקלאַמע איבער יעדן הויז — — —
זאָט איז זי איצטער, זי שפּילט זיך אין „קאַץ־און־מויז"!

7

דו, קוקנדיק דיר אין דיינע שטילע אַפּלען,
ווערט עס אין מיר אַזוי גרויס און אַזוי קליין,
ווי אין קעצישע אויגן דער גרינלעכער שיין.
און מיין האַרץ — ווי אין לאַפּעס טוט עס אויפצאַפּלען!

וואָס אין דיר טוט זיך, וואָס קאָן איך וויסן?
און זיך אַליין צומאָל קאָן מען דען קענען?
ווי אין קעצישן בליק דאָס גרינלעכע אויפברענען
איז ליבע, איז וואָרהאַפּטיקייט און געוויסן — —

ס'זיינען גראַטשעס אַזעלכע אין אונזערע געהירן,
ביז אין אינערלעכן־אינערלעכסטן זיי צו דערשפּירן!
ס'זיינען ווערטער אַזעלכע אין אונזערע מיילער!

יאָ, יעדער איינער איז זיין אייגענער פּיילער,
און מיר פּיילן און פּיילן און שלייפן און שלייפן — — —
אָ, האַרץ מיינס, וואָלט איך דיך כאַטש געקענט באַגרייפן.

8

אין יענעד נאַכט, יעסיקאַ, אין יענער נאַכט,
איז שײַלאָק׳ס האַרץ װי פֿון מײַז צעגריזשעט געװאָרן;
און װאָס טוט נישט אַ מענטש אין זײַן װילדן צאָרן,
װאָס װאָלט דען אַ ליר אָן קאָרדעליאַ געמאַכט?

אין יענער נאַכט, שעקספּיר, אין יענער נאַכט,
װען מײַן בלוט איז צעקלונגען מיט דײַנע סטראָפֿן,
מענטשלעך בלוט צעשװימט אין אײן־סופֿן!
מענטשלעך האַרץ אױף דנאָ פֿון טיפֿעניש פֿאַרשמאַכט!

אין יענער נאַכט, שײַלאָק, אין יענער נאַכט,
װען דו ביזט געװאָרן אַזױ מיאוס אױסגעלאַכט,
איז אַלץ אין מיר געװאָרן געשליפֿענער שטאָל.

אָ, אַלץ איז איצט װידער װי אַמאָל, װי אַמאָל!
איך בין פֿאַרשמאַכט, בין געװאָרן אױסגעלאַכט — — —
און דו, קאָרדעליאַ? אפֿשר שעקספּיריש נאָר אױסגעטראַכט?

9

אין װעג איז מיר אַ קאַץ פֿאַרבײַגעלאָפֿן,
איך גלױב ס׳איז אַ שװאַרצע געװען,
אין בעפֿל קוים כ׳האָב׳ס געקענט דערזען,
אין מײַן האַרץ האָט פֿאַרלױרן זײַן האָפֿן.

איצט װאַרט זי מיך אָפּ אױף אַלע ראָגן,
װו נאָר איך קום־אָן לױפֿט זי מיר פֿאַרבײַ,
מײַן האַרץ גיט אַ צאַפּל מיט לעצטן געשרײ,
אָבער אױף זיכער קאָן איך דאָך נישט זאָגן —

אפֿשר האָט זי אױפֿן בױך אַ געלן פֿלעק?
אָדער אפֿשר גאָר איז װײַס בײַ איר דער עק?
איך װײס נאָר זי לױפֿט פֿאַראױס אַלע װעגן,

אָפּצװװאַרטן מיך פֿאַר יעטװידער טיר.
און איר פֿוצן זיך און איר װאַשן איז רק פֿאַר מיר!
און נישט אױפֿהערן װיל גאַנצע טעג דער רעגן.

10

מיט איינגעצויגענע גראַטשעס, פאַרשוויגן און ווייך
ווי ז׳וואָלטן געטרעטן אויף אור־וועלדער מאָכן,
מיט אויגן אַזעלכע, פולע מיט נצחון,
שטיל פאַרזילבערטע מיט לבנה׳שן בלייך.

וואָס איז בלעכערנער דאַך? קאַלטער אַספאַלט?
נאָרעס און פעלזן פון אור־אור־צייטן!
דעם אָנקום פון פרילינג שמעקן זיי פון דער ווייטן!
און שטאָט איז זשונגל־פאַרפלאָכטענער־וואַלד.

לייבעכע און לייב איז יעטווידע פון זיי!
אָ, דאָס ליכטיקע פאַרשוויגענע אין זייערע אויגן —
אַן עקל פון אַ ווייס־מייזל פון שרעק געבויגן

איז מולד הינטן, צווישן דעכער, אין אויפגיי.
אַ לייביכע און אַ לייב איינער נאָכן צווייטן,
צווישן גראַטעס און פעלזן אין אור־אור־צייטן.

11

אַראָפּפאַלנדיקע קעץ מיט מעוברתדיקע בייכער
פאַלן שטיקער לבנה צו מיר אויפן דיל,
אין מיינע אויגן טוט עס וואָרעם אַזאַ שפּיל,
אַ רגע נאָר קוים — און ס׳בלייבט גישט קיין זכר —

דורך פענסטער, דורך טיר־שפּאַלט, דורך קוימען!
אין מיין איינשלאָפן הער איך זייער געדראַפּע,
און אַזוי אויף ברוסט מיט אַ געבליבענער לאַפּע
וואַרף איך מיך אין אַנגסטן אין שווערע טרוימען —

מיוא! מיוא! פון יעדן בויך קריכן טוצן אַרויס — —
טיגער און לייבן אַזוי ווילד, אַזוי גרויס — — —
שיין־וואָרפער אויף ימים ציגדן זיך זיירע שוואַרץ־אַפּל!

זייערע וואָנסעס זוכן־אַן פינסטערע ווייטן!
פאַנצער־שיפן טוען צו אַן אָנפאַל זיך גרייטן — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —
אין ימים בלוט צערין איך אין מיין אַנגסט־געצאַפּל.

12

איבער די ימים קומען געשווימען די קעץ,
פון די נעפלען אַרויס ווילדע מעווערס געפלויגן,
פון די טעמזע־ברעג וואַסער־מייז געצויגן,
און פון אַלע שעקספּיר׳ס דראַמעס דער לץ.

וויאַ וויטאַ! צו דער חופּה מיט פידל און מיט באַס,
און בראַנפן און ווײַן ווי וואַסער זיך געגאָסן!
ליידי מאַקבעט איז די כלה און שיילאָק דער חתן;
אַ פּריילעכס אויפגעשפּילט אויף ווייטשעפּל־גאַס!

וויאַ וויטאַ! דער חתן אין זיידענעם צילינדער,
פון שטעפן און פרעסן נעבעך שוין אַ בלינדער,
און די כלה — געבליבן ביים שלומפּער־שלעפּ!

וויאַ־וויטאַ! און העפּ־העפּ־העפּ — — —
שיילאָק דיין מעסער, אָדער ליידי דיינס,
דאָס פונט פליש אַרויסצושניידן פון האַרצן — מיינס.

13

נישט קיין קאַץ חלילה און נישט קיין קאָטער,
אפילו קיין קעצישע אויגן צומאָל האָט עס ניש,
ס׳איז אין זיי אַזאַ וואַסערדיקער קאַלטער געמיש
און אַזאַ קעלבישקייט גאָר — אַ, טאַטע־פּאָטער!

דאָס גאַנצע קעצישקייט ליגט נאָר אין די ברעמען,
אַ, וואָלט ער זיי ווי זיינע וואָנסעס זיי געטון אָפּגאָלן!
זאָל איך דאָס פּנים נאָך ווייטער איצט מאָלן?
מ׳וועט דערקענען — און איך וויל קיינעם נישט פאַרשעמען,

נישט קיין קאַץ און נישט קיין קאָטער אפילו,
בפרט אַ נפשל מיט אַ נשמה, אַ שטילע;
אָבער ווען דאָס צערעדט זיך מיט זיין וואָרט־געהעקל,

דאַרווין, וואָלסטו געהערט דאָס חניפשע געמעקל — —
וואָלסט געוווסט ווער ס׳איז מענשטלעכער שטאָם־פּאָטער!
ס׳איז געווען אַ פּשוטער ווייטשעפּל קאָטער.

14

זאָט און פעט, אויף מזרח־וואַנט זיי אויסצוזעצן,
מיט מאַנטעפּיורע־מאָרדער־קראַגן כאָטש פּאַר קערק!
נישט טאַנדייטערס מער מיט ירדן און מיט מערק,
חמימות, קרירות, און רעגנערישע נעצן.

נישט מער געציקלט „מן המצרל" איז צו הערן דאָ
צום קעצישן־שנורן פון אַ ניי־מאַשין פון „זינגער",
עלעקטרי רייסט אַרבעט פון פעט־געאיילטע פינגער!
ס׳גאַנצע לעבן אַ שאָפּישע איבער־שעה —

אַ חופּה, אַ קדיש, אַ דאַמינע, א קערטל,
און אויף די בימע אַ ראַביי מיט אַ קמץ־בערדל,
אַ „חיה־אדם"־מומיע אין מוזעאום צו שטעלן!

אָ די געוואַלטיקע שטאָט און טיף נאָך מיט טונעלן,
מעלה־גרה׳דיק צעברומט מיט לייבן־געדערים — —
אל מלא רחמים שוכן במרומים — — —

15

נישט פייגל געטריל, נישט פאַרליבט געמיויץ פון קעץ — —
קולעכלעך פון קינדער וואָס גייען אין שול!
אָ, איך זיץ ווי אויף עלעקטרישן שטול,
שפּירנדיק אין האַרצן שוין דעם לעצטן זעץ.

נאָנטע פּנימלעך, אין אייגעלעך נאָך דער גלאַנץ,
דאָס שלשלתדיקע אין פרעמדן קלאַנג צומאָל — —
אָ, זייערע טאַטע־מאַמעס ביי נאָדל און נאָל
גאַנץ אויסגעזויגענע פון אַ לעצטער „צשאַנס" —

גערהאַטעוועטע דאָ פון טויט און פון פאַרקומען!
„שור"! עס האָט זיכער אַנדערש נישט געקענט זיין!
אַ קאַץ ראַטעווועט אירע קעצלעך צווישן ציין,

זיי אוועקצוואַרפן — נישט טראָגן דעם עול!
פרי־מאָרגן פאַר מיין פענסטער דער קינדיש־פרעמדער קול — —
דאָס לשון אויף דער צונג ווערט מיר אָפּגענומען.

16

אַ שוסטער־יונג פונדערהיים, אַ יונג ווי אַ כלאָפּ
מיט אַ פּאָר הייסע סמאָלע אויגן, וואָס גליען,
מיט אַ פּאָר פעסטע ידים, דראַטוועס צו ציען,
כאָטש פון דער טשופּרינע פון אייגענעם קאָפּ.

אָ, איז דאָס געווען אַמאָל אַ טשופּרינע!
אַ לייבן־גריווע יעטווידער קענזשער לאָק,
אַ טרייסל צו טון מיט איר ווי מיט אַ גלאָק,
ווען צעברענט ס'האָט זיך אין אים ערלעכע שנאה —

„בראַטשע! ברידער! ס'איז אונזער פּראַצע!"
ווי איז איצטער נאָך צענעפּלט זיין גלאַצע
מיט מאַרקס, מיט קראַפּאָטקין, צו טון אַ סטראַש:

אונזער וועלטל — מ'מוז עס אויף די קאָפּיטע נעמען,
אַזוי צווישן פעסטע קני זי אַריינקלעמען — —
ווי אַן אויסגעדרייטן אַלטן קאַמאַש — —

17

מיט די „שבועה" אויף ליפּן און מיט קייטן אויף הענט,
פון תפיסות אַנטלאָפענע און פון תליות אַ ראָפּ,
מיט באַהאַגייקעס געשוואָלענע איבער שפּאַלט פון קאָפּ
צו לויפן און אַנטלויפן וווּ וועלט האָט נאָר אַן ענד.

מיט טויט פון חברים און מיט לעבעדיקע נויט,
מיט ברכה פון מאַמע, מיט כלה־בליק באַגלייט
איבער ימים, איבער יבשה, איבער וויטסטע ווייט —
מיר שווערן מיר שווערן ביי אייגענעם טויט.

און יענע דאָ, געבליבענע, אין מיטן אין געיעג,
זיי טרעטן דאָ, זיי טרעטן דאָ ווי לייבן אונטער גראַט,
מיט ציינער פאַרביסענע אין אייגענעם זאַט.

מיט לאַפּעס געגראַטשעטע אין אייגענער הויט:
מיר שווערן, מיר שווערן ביי אייגענעם טויט,
די מיילן־שטיינער צו בלייבן דאָ מיטן אין וועג.

18

אַ רויטער קנויל־וואָל אין איילִיקן שטריקן,
אויף ערד אַרונטערגעפאַלן פאַר קעץ זיך צו יאָגן,
איז אויפגייעדיקע זון אין נעפּלדיקע פאַרטאָגן,
די בליץ־אַפּטיליערס, אויף קוימען פון פאַבריקן,

זיינען שטריק־שפּיזלען מיט אויפגעכאַפּטע „אויגן״ —
ערגעץ־ווו זיצט אַ מכשפה פאַרבאָרגן,
אַ גאַנצע נאַכט ביז ס׳קומט אָן דער פרי־מאָרגן,
פון די טויזנטער דראָטן איבער שטאָט געצויגן,

שטריקט זי, שטריקט זי, נישט אויפצוהערן,
ביז גאַסן און פּלעצער און סקווערן,
אײַן צאַפּלדיקער, איין וואַרפנדיקער נעץ;

די סירענעס זיינען די מיוקעצדיקע קעץ,
וואָס שפּילן זיך מיט׳ן אַראָפּגעפאַלענעם קנויל —
זון־אויפגיי פאַרפּלאָנטערט מיט מענטשלעכן גרויל.

19

אין אויטאָס, אין אָמניבוסן, אין טראַמווייס,
אין די באַנען אויבן איבער די דעכער
אין אונטערערדיש — — אין לעכער
מיטן לעבן זיך געראַטעוועטע מייז.

מיט ברעקלעך ברויט, מיט שטיקלעך שפּעק,
לאַפּקעס אַזעלכע אויפגעשטעלטע!
זיינען וויטרינעס אויפגעהעלטע,
אין דעם פייפנדיקן לויפנדיקן שרעק.

נישט קיין מייזל — אַ שוועלבעלע אין געפּלאָטער,
צאַפּלט צווישן גראַטשעס מיט לעצטן געמאַטער,
דורך פּלעצער, דורך סקווערן, דורך גאַסן

יאָגט די שטאָט זיך אַ קאַץ נאָכן עק!
אין טעלערל מילך קוים נאָך אַ לעק,
איז אין נעפּל די זון אין פאַרבלאַסן.

## 20

כ׳קען קיינעם נישט דאָ, נישט די נאַטור, נישט די שפּראַך,
צומאָל נישט אַ מענטש ריכטיק אין די אויגן נישט געזען,
איך ווייס באָר שעקספּיר איז אַ דאָאיקער געווען!
און מ׳מוז שוין זיין עפּעס עכטס אין איר געמאַכטן געלאַך.

דאָס גיין דאָרטן פון יענעם סאָלדאַט אַהין און צוריק,
זיין פּלוצלינקער דריי, זיין שטיין־בלייבן אַזוי אינדערמיט,
הונדערטער דורות גיין געזעצט, אין זיין שריט!
ס׳מוז שוין זיין עפּעס עכטס אין דעם מכלומרשטן טריק.

אין קאַנאַדע, אין פּאַלעסטינע, אין אַפריקע, אין עגיפּטן
טויזנטער עכאָס פון אַ שריט אַ צעקניפּטן —
שעקספּיר, דער זשונגל לייב דאָ! און אַלץ מ׳קאָן פאַרשטייך —

די בריק עפּענט זיך אויף — אַזאַ תהום־טיף בוך,
און אין מיין האַרץ־געבלעטער אַ שטילער געזוך:
אין איר נאָנטקייט צו מיר ס׳מוז עפּעס עכטס שוין זיין.

## 21

דאַמפּיק און רויכיק, פול באַלאָדענע שיפן,
און ווי דעמלט מיט פּיראַטן־ליד, מיט כשוף־פלוכן
און מיט שווער אויסגעלערנטע ביבל־שפּרוכן,
איצט מיט ציפער־געפּאָרמל, מיט צירקל־באַגריפן —

מענטשלעכער בליק קאָן אַרום איינעם אַרומשפּאַנען
ווי ווילד־געוואָרענער לייב מיט גראַטשע, מיט שאַרפער,
צעשפּיגלען מיט רעפלעקטער און מיט שיינוואַרפער,
אַז קיין רעטונג איז נישט מער פאַרהאַנען.

מענטשלעך וואָרט קאָן ווילד ווי לייבן־געבריל ווערן,
אַז הענט און פיס קאָנען ווערן אָפּגענומען,
מיט טראָמפּייט צו טראָמפּייט און מיט פויקן־ברומען —

מיט זענדער דעם הילך גאַנצע וועלט צו מאַכן הערן!
אַריין און אַרויס פול באַלאָדענע שיפן — —
דאָס בלוט פון דער זון און דעם מאַרך פון ערדישע טיפן.

22

האַ־האַ־האַ! ערגעץ־ווו האָבן מיר דאָך אויך אַ אינזל,
וועלן מיר זיך זאַמלען ווי די ווילדע פּיראַטן,
מיט ליד צעפּיפּענעם פון טאַטן צו טאַטן —
ס'איז אונזער האַרץ אין אונזער בלוט גערינזל!

האַ־האַ־האַ! אין אַלע זייטן ציען אונזערע שיפן,
ווי קעצישע וואָנסעס דרייען זיך אונזערע זעגל,
די מאַסטן ציטערן אונטערן גראַטש פון אונזערע נעגל,
און מיט אונזער ליד פון טאַטן צו טאַטן צעפּיפן.

האַ־האַ־האַ! פול געשטאָפּט זיינען אונזערע שיפן,
ווי מיט גרין־אויגיקע קעץ ווי מיט ימים טון מיר שטיפן!
מיר ציען דורך וועלט ווי צעפּיפּענע פיילן —

האַ־האַ־האַ! דאָס גוטסקייט פאַרן לעבן זאַמלען מיר איין!
און פאַר לעצטער נויט דאָס מענטשלעכע פאַרשטיין!
יעדער אַ ברודער זאָל זיין, מיט יעדן זיך צו טיילן.

23

אין דיינע לאַפּעס ליגט די מאַכט פון דער וועלט,
און אין אונזערע די מאַכטלאָזיקייט;
דיין טראַט איז צעברומט מיט ווייט און ברייט,
פאַר אונזערן זיינען גראַטעס אויפגעשטעלט.

גאַנצע טעג אין געוועלטיקן געשוויג,
אַז אין איינציקע נאַכט זאָל ווערן צעברומט;
יאָ, לייב בלייבט לייב, פאַרביסן פאַרשטומט,
מיט שפּאַנענדיקן טראַט אין אייזערנער שטייג!

די ווייסטע ווייט, גאַנצע אַרום און אַרום
פאַרקריכט זיך פאַר דיין פאַרשוויגענעם אַנקום,
אַ שרעק וואַרפסטו אַן מיט דיין ציינער־קריצן!

די מאַכטלאָזיקייט פון מענטש צו באַשיצן,
אַז מענטש זאָל קאָנען גלויבן אין זיין מאַכט!
שפּאַנען מיר אַרום פון שוואַכסטן אויסגעלאַכט.

## 24

מיט ריטשאַרד לייבנהערץ און מיט קראָמוועל,
מיט בלוטיקן שווערד און מיט געשליפֿענעם וואָרט,
און מיר מיט קדושים הייליקן יעדעס אָרט,
מיטן „ואם־תאמר" נישט צו רירן פֿון שטעל —

שווינדלדיק־גראָדליניק ווי גאָטישער געביי,
און וואָרט קאָן צעבלינקן ווי האַק אין געניק!
מיט מנשה בן־ישראל׳ס ברענענדיקן בליק,
מיט שייטער־הויפֿנס אויפֿצופֿלאַמען אויפֿסניי — —

און אין מיטן לויפֿן־ענטלויפֿן־געלויף,
מיט קויף־פֿאַרקויף און מיט בליק צו גאָט אַרויף,
זיינען גאַסן דאָ נאָנט מיט אייגענעם בלוט —

„יודן גאַס", אַ וואָרט נאָר און ס׳טוט אַזוי גוט — —
ווי געוואַלטיק צעטומלט, ווי צעהילכט ס׳איז די שטאָט,
און מיר נאָך אַלץ מיט פֿאַרפֿלאָנטערט געשריי צו גאָט?

## 25

מ׳קאָן מיט ליבע זיין חניפֿיש ווי אַ קאַץ,
און אין שנאה זיך פֿאַרקריכן ווי אין אַ נאָרע;
יאָ, ווערטער ליכטיקסטע געלויטערטע, און קלאָרע
קאָנען זיך צוזאַמשטעלן אין פֿינסטערסטן זאַץ.

אָ, צו קאָנען זיין אָפֿן מיטן גאַנצן אַרום!
נישט ווערטער מער, נישט פֿרייד, נישט טרויער — —
מענטשליך האַרץ — ווילדע חיה אויף לויער!
מיט שטילקייט פֿאַרביסן ווי מיט לייבן געברום!

אָ, מיט יעדן פֿעלטל צו זיין זעעוודיק אָפֿן — —
אין אַ פֿינסטערן דאָק־ליקל האָב איך היינט געטראָפֿן
אַ יונג מיט אַ טשופּרינע, מיט אַ לויפֿנדיקן קאָפּ —

קאָנסטעבל, ווי ר׳וואָלט אָקאָרשט פֿון דיינ׳ס אַ פֿערד איצט אַראָפּ!
ערגעץ־דאָ, אין אַ נאָנטן דאָרף, ביי אַ גאָרטן צוים,
שטייט עס דאָרט געבונדן מסתם אין ליכטיקן טרוים.

26

ווי ס׳רייסט זיך דאָס מיט קנאַספּן, מיט דופט און מיט זאַפט
אונטן אונטער דעם קאַלטן צערעדערטן אַספאַלט,
ווי פּאַר אַ שטורעם־געוויטער אין דונקל פאַרפלאָכטענעם וואַלד,
שטייט מיין האַרץ אויף איינמאָל שטיל און פאַרגאַפט —

געוואַלטיקע איבערמענטשלעכע, פאַרמאַטערטע מי!
דזשונגל אויפגעלויכטן מיט דערשראָקענעם לייבן־בליק,
איז די שטאָט אין מיטן איר געבעט אויף אַ טעמזע בריק,
אַנידערגעפאַלן אַזוי אויף פּנים און אויף קני — —

און וואָס איז דען שרויף־אין־שרייפל און ראָד־אין־ראָד?
טראָפּעלע שוויס גייט טיכטיק אויף, ווי ליכטיקער טוי,
ווי דער הימל אויבן מיט שטיקלעך צעריסענעם בלוי —

טערנער, ווי ליב האָסטו געהאַט דיין לאָנדאָן, דיין שטאָט?
גאַנצע זונען האָב זיך אויסגעקרייזט אין דיין בלוט,
די נעפּלען דאָ אַדורכצובליצן מיט פריידיק־גלוטיגן מוט.

27

ווי שטאָט אין דיקע נעפּלען אַ פאַרהילטע,
אַ פאַרפלאָנטערטע מיט גאַסן און מיט סקווערן,
וויקלט זיך אַרויסעט מיט שנירן לאָמטערן,
אַזוי הערצער צעציטערטע דערפילטע.

ליכטיקע שנירן פון איינעם צום צווייטן — —
נישט וועסטמינסטער, שפּיצן־פאַבריק־קוימען און זענדער,
און נישט פון טעמזע־בריקן אייזערנע געלענדער,
ליכטיקע שנירן צעציטערטע מיט ווייטן —

איבער קעצל, איבער שטילן, אויף שויס,
מיט אור־וואַלד־שרעק אין אָנגעצונדענע אויגן,
קאָן מען זיצן איבער ווייטקייטן געבויגן,

איבער אייגענעם האַרץ נישט אין נישט אויס!
און אַזאַ גלעטנדיקע וואַרעמקייט שטיל דערשפּירן,
אויפגעציטערט מיט געפונקל פון טרערן־שנירן.

מערץ־אַפּריל 1937

# אין א סוף זומער טאָג...

## א

### I.

דאָ־אַ אַ שניידער־מאַשין, דאָרטן אַ שוסטער־האַמער,
דער ריח פון יעדער אָפענער טיר נאָנט און באַקאַנט;
אין יענעם שפּייז־געוועלבל מיט מאָגערע פּאָליצעס
באַרגט זיך אַמלייכטסטן ווען אַ ליידיקער די האַנט.

היימישע פּנימער, תּנועות אַזעלכע נאָנטע,
איז וואָס אַ סך צו ברייען נאָך, אַ סך צו פאַרשטיין,
וואָס ס׳וועט זיין מיט כּל ישׂראל וועט זיין מיט ר׳ ישׂראל!
און אז אַ וועלט מיט מענטשן לעבן, נו, וועט נאָך איינער זיין.

### II.

פון ווו איך קום איצט אַן? פון אַ טיפּה סרוחה!
אַז די גאַנצע גרויסע וועלט שפּירט זיך שוין דערפון — —
אַ גאַנץ לאַנד צערייבט זיך אין שטינקנדיקן פּראָך,
אַז אַ גאַז־מאַסקע איז שוין דאָ די פאַרוויכערטע זון.

בריסק און ירושלים און מאַדריד און שאַנכיי,
זיי זיינען נאָר די לאַנגע פּראָך־שנירן פון דאָרט!
אַז כ׳וויל פון דעם אַלץ שוין גאָר נישט מער וויסן — —
פּאַר קאָפּ בלויז אַנידערצוליייגן אַ פּיצעלע אָרט.

### III.

אָ, אַ וואָרט איז מיר שטעקנגעבליבן אין קעל,
אפשר וועל איכ׳ס אַרויסריידן קענען אין מיטן שלאָף,
אָדער וועט אַ שפּיאָן אויך דאָ מיר שטיין צוקאַפּנס,
עס אויפצוכאַפּן, צו ברענגען אויף מיר די בייזסטע שטראָף.

די פריילעכקייט פון די קינדער וואָס לויפן דאָ אַרום!
די פרויען וואָס ריידן זיך אַריבער פון שוועל צו שוועל!
יאָ, דאָס וואָרט וואָס איז מיר שטעקנגעבליבן אין האַלדז,
כ׳וועל מיך דערמיט אויפכאַפּן אין באַגינענדיקן העל.

## ב

### I.

פאַר'ן פענצטער דרויסן דאָס שטיקל הימל,
ווי פון וואַנצן צעביסן אויפגעוואַכט אינדערפרי
און ערגעץ־ווו, ערגעץ־ווייט איז זון־אויפגיי איצט,
אין ליכטיקסטן, אין הערליכסטן פאַרבן־געגלי —

אויף אַ ביליק געלעגער, אַ הראַטס, אַ קויטיקס,
האָט עס זיך זיכער געוואָרפן אַ גאַנצע נאַכט,
דערפאַר איז דאָס שטיקל הימל פאַרן פענצטער
שוין באַגינען אַזוי טרויריק און פאַרשמאַכט.

### II.

ערגעץ־ווו ווערן ווייצן פעלדער איצט געקאָסעט,
וועגענער־היי פאָרן געפּאַקטע אין סטאָדאָלעס אַריין,
ערגעץ־ווו זיינען אויגן ליכטיק צעפינקלטע,
פולע מיט הימלען ביז צום איבערגיין — —

אַ בערגל אַזוינס, צו ליגן אין טיפן גרינס,
פערשלייערט שפּיל פון וואָלקנדלעך וואָרעם אין בליק;
אַ הויפן גראָז, כאַטש, אָנצורייסן דערפון,
הינטערוואָלעכס אויף צו וואַרפן אים צוריק — —

### III.

צעצוויגטע ביימער זיינען געשטאַנען אַרום מיר,
זיי האָבן געטון די פינסטערע אויגן אַזוי גוט,
איך שפּיר נאָך ס'ליכטיקע גרינס פון די בלעטער,
שימערן איצט אין מיין פאַרלאָשענעם בלוט.

איבער מיין קאָפּ אַ פויגל אויף אַ זוניקן צוויג
פון גאַנצן האַרצן זיך צעלאָזט מיט זיין געטרעל!
וואָלט איך געקאָנט נעמען איצט אַזאַ נאַנטן בוים
און אים אַנידערשטעלן דאָ פאַר יעדער שוועל.

## ג

### I.

נישט אַן איבערבלייבעכץ פון אַן אַמאָליקער געטאָ,
אָט־ערשט נישטלאַנג דאָס געסל דאָ אויפגעבויט — —
קאָן מען דען באַשטימען צייט און אָרט צי גאָר רוים,
פאַר אכזריותן פאַר מענטשליכע און פאַר נויט —

זייער לעצטן טראָפּ בלוט נאָך אַרויסצוזייגן,
די פאַרמוטשעטע, זיך געראַטעוועטע דאָ ?!...
און איך האָב מיך געראַטעוועט מיט מיין טרוים
צו חלומען אים נאָך דאָ כאָטש אַ לעצטע שעה.

### II.

ווי אַ מויז, וואָס לויפט אַרויסעט פון אַ לאָך
און כאַפּט זיך אין אַ דראָטענע לאַפּקע אַריין,
האָב איך מיך אין אַ געסל דאָ אַריינבאַקומען,
דרויסן די קעץ האַלט די נכפה צווישן די ציין.

אַ זיך געראַטעוועטער, מישטיינסגעזאָגט !!
אַז איר דרויסן, באַלעקנדיקע זיך נאָך בלוט,
זאָלט לויפן משוגענער־ווייז אַהער און אַהין,
איז פאַר אַ פאַרמוטשעט האַרץ אויך שוין גוט.

### III.

אָ, כדי צו קענען גראַמען כאָטש האַרץ מיט שמאַרץ,
וויפיל פרייד מוז דאָס אין בלוט דעמלט זיין — —
דער גאַנצער אַרום קאָן ליכטיק ווערן מיט אַ וואָרט,
דאָס האַרץ ווערט וואַרעם אַרומגענומען, אויסצוגיין —

אָ בוים, אַ צעצווייגטער פול מיט זון־געשטראַל !
אַליין גאָר איז מען שטאָם אין גלאַנציקסטן שוואַרץ !
אַ פּיצעלע שיינס בלויז ערגעץ־ווו אויסגעפונען,
כדי צו קאָנען גראַמען נאָך כאָטש האַרץ מיט שמאַרץ.

## ד

### I.

דאָס, וואָס בלייבט־איבער פון בייטאָג אויף די מערק,
פירט מען אָוועק־צייט אויף די וועגעלעך דאָ ארום,
און די פרישע פרוכטן זיינען נישט אַ סך שענער
ווי דעם אויסרופערס משונה׳דיקע געברום.

בלוטיקע שקיעה זשומענדיק אין געסל דאָ —
ביליקע אָראַנזשן אַ פול אָנגעשאָטענע שאַרץ!
און יעדעס וואָרט אין מיין אויער, אונטערגעביסן,
רייסט זיך אָפּ אין מיר צוזאַם מיט מיין האַרץ.

### II.

די געלע געפּלען פון די ווינטיקע ווינטערס
טראָגן זיי איצט נאָך דאָ אין יעדן פּנים־פּאַלט,
און די גוטסקייט פון זייערע מידע אויגן
קוקט טונקל אַרויס אַזוי איבערלאָפן און קאַלט.

אַ גאַנצן טאָג מיטן הייסן פּרעס־אייזן אין האַנט,
ווערן ליפּן בייז־צוזאַמענגעפּרעסט און האַרט!
פון די פּאַרמוטשעטע, קומענדיקע פון די שאַפּס,
הילכט דאָס געסל דאָ אָפּ אַזוי אָפּהענטיק אָפּגענאַרט.

### III.

(מיין אַכציק יאָריקן שכן געווידמעט די אַכט שורות)

„נישט דאָס געקעכץ און נישט דער חזן אין שול להבדיל — —
עפּעס אַלץ דאָ אַזוי ווי אַן טעם און אַן חן — — ״
פּופציק יאָר שוין באַלד דאָ — און אַ היימישע ראָסל־פלייש
סלינעט נאָך אַלץ צווישן זיינע צוויי געבליבענע ציין.

אַז נאָר אָפּגעריבענע ווערטער נאָך, צעבויגענע,
דריקט דאָס נישט פאַרשטיין אויפן האַרץ שווער ווי שטיין,
ווערט אייגן בלוט און פלייש פרעמד אפילו
און מ׳הייבט אָן דעמלט צו ריידן צו זיך שוין אַליין.

## ה

### I.

גאַנשלעס אַזעלכענע, וואָס די זומערפֿייגעלעך
זיינען שוין אַרויסגעפֿלויגען פֿון זיי,
צעוואָרפֿענע פּאַר טירן פֿאַר שוועלן שטייען זיי,
טויט־פֿאַרמאַטערט פֿון אַרבעט און פֿון געשמיי.

ערגעץ מוזן דאָך ברייט־באַבלעטערטעביימער זיין,
אַז לעבעדיקע גאַנשלעס זיינען אַמאָל דאָ געווען,
און מיט זומערפֿייגעלעך, פֿאַרבן צעפֿלאַטערטע,
ווער ווייס וואָס מיט זיי ס׳קאָן נאָך אַלצדינג געשען.

### II.

די שווערע ריחות פֿון די אָפֿענע טירן דאָ,
מיט פֿרייטיקדיקע פֿיש, מיט היימיש געקעכץ,
ציען זיך הינטער זיי, שווער־אָטעמדיק נאָך,
מיט יענעם פֿונדערהיים נאָך מיטגעברענגטן קרעכץ.

און ווי אַריינגעכאַפּטע זיך אין פֿרעמדע צימערן,
זומערפֿייגעלעך אין אַ ליכטיקן אומגעריכט,
קאָנען זיי נישט רוען מיט די פֿאַרזענקטע פֿליגל
ביז זיי צאַנקען אויס אין דעם צוקנדיקן ליכט.

### III.

מיט די דריי געפֿונענע שבת־צונאַכטס־שטערנדלעך
זיינען אונז די פֿינסטערע הימלען היימיש געוואָרן דאָרט,
און מיט די געהיימע סכאָדקעס אין די וועלדער
איז לעבעדיק דאָרט צעשעפּטשעט געוואָרן אונזער וואָרט.

אַ ברכה נאָך איבער שבת־ליכטלעך אין לייכטערלעך,
וואָס קוקן וואַכעדיק פֿון די אָפֿענע קרעמלעך דאָ אַרויס,
און איבער דעם געשמאַקן ריח, דעם היימישן,
פֿון די געפֿילטע פֿיש וואָס שמעקט דאָ פֿון אַ הויז.

## ו

### I.

דאָס צאַנקען פון מיין לעשנדיקן בליק, דאָס שווינדלען,
איבער יעדן ביישטידל אַזאַ בלוטיק געלער פלעק,
און אַז כ׳וועל שוין מיינע פאָר שטעקנגעבליבענע ווערטער
פון קעל אַרויס אַרויסבאַקומען — וואָס שוין דאָ פאַר אַ צוועק?

אין טונקלען ראָג דאָ שטיינבלייבן פאַרשטיינערט און שטום,
אַז יעדן פאַרבייגייער זאָל אָנכאַפּן אַ שרעק!
אפשר דאָס אַרויסגעשריגענע דעמלט, דאָס פרעמדע,
וועט אַ פאַרשטיינטן מיך פאַריאָגן אין אַלדי־העק.

### II.

און מיטאַמאָל זעסטו אַ פּנים געדרונצלט און אַלט,
מיט אַ טיכל איבערן שטערן טיף אַראָפּ געדרוקט,
דו בלייבסט שטיין, ס׳האַרץ בלייבט מיט שטיין,
מיט אויפגעריסענע בליקן שטיל און געבוקט —

די רעם פון דער טיר, די ביישטידלעך, די שוועל,
ס׳איז אַזאַ געראַמט בילד פונדערהיים מיטגעברענגט!
פון פוילן, פון ליטא, פון אַ שטעטל אין רייסן,
דאָס געסל דאָ צו הייליקן איז עס אויפגעהענגט.

### III.

אַ געסל אַזוינס, אַז מ׳שפּרייט אויס די צוויי הענט
קאָן מענט צום האַרצן צו דריקן — אַזוי גרויס!
און דאָס וואָרט אין מיר, וואָס קאָן עס שוין גאָר זיין?
טאַקע נאָר אין אַ לאַפּקע אַ צעצאַפּלטע מויז.

„גאָט פון אברהם פון יצחק און פון יעקב
באַשיץ און באַשירעם דיין פאָלק ישראל — —"
שעפּטשע איך מיט דער אַלטער, וואָס שטייט אויף דער שוועל,
אַזוי קליין — — אַ קינד — — ווי אינדערהיים אַמאָל.

# ז

## I.

אַזאַ פֿרעמד לענדישע פּרוכט, אויסצוקוועטשן,
גייט אַ רויטליכע די זון אויף דאָ יעדן אינדערפֿרי,
די טעג, אַזעלכענע גלעזערנע צעמישטע,
כאָטש מבֿושימדיק זיי אויסצוטרינקן מיט איין צי —

ווי עס ברויזט דאָס, ווי עס צאַפּלט דאָס דרויסן דער טאָג!
אויפֿשוימענדיק מיט מענטשליכע מאַטערניש און מי —
אַן אויסגעקוועטשטע פּרוכט, אַן אַוועקגעוואָרפֿענע,
איז זון־אונטערגיי יעדן אָוונט דאָ הי — —

## II.

ווי עס וואַקלט דאָס, ווי עס וואַרפֿט זיך דאָס דרויסן דער טאָג
און דאָס געיאָג אויף די טויזנטער רעדער וואוהין?
און איך, וואוהין קאָן איך דאָס נאָך לויפֿן,
אין געסל דאָ אַהערצוברענגען כאָטש אַ פּיצעלע גרין?

אַ הימל מיט צערעדערטע טויבן אַרום זון,
ווי שמעטערלינגען אַרום אַ צאַנקנדיק ליכט!
אָ, דאָס לערניינגל, הינטן ביים שניידערשן פֿענסטער,
מיט אַזאַ כּסדרדיקן צוקן אין בלאָסן געזיכט.

## III.

און ווען פֿולע לבֿנה קומט צו געסל דאָ צו,
פֿאַרהילט זיך טרויריק איר ליכטיקער בליק,
און זי בלייבט שטיין, ווי אין אַן ענגער טיר,
נישט מער אויף אַהין, נישט מער אויף צוריק —

אַ פֿאַרמוטשעטע בלייבט זי ליגן אויף אַ דאַך,
געל צוזאַמענגעקנוילט ווי צווישן שוואַרצע, קעץ,
ביז שפּעט נאָכהאַלבענאַכט זיי צעלויפֿן זיך אַלע,
פֿון אַ טיר וואָס גיט וואַקלדיק אַ שכורן זעץ —

## ח

### I.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַזאַ אויסטערלישע פינסטערניש אַרום און אַרום — —
אונטער מיר האַרטע נאַרע ? ווו בין איך דען איצט ?
און וואָהין דען נאָך לויפן און אַנטלויפן,
אַז וו־נאַר אַ פּוס־טריט איז ער מיט בלוט באַשפּריצט.

נישט גאָט — די נויט האָט זיך באַוויזן דאָ צו מיר !
און אָפן האָב איך געקוקט געזיכט צו געזיכט — —
אָ, מיין גאַנץ בלוט אַ פלאַקער אַ צעפלאַמטער —
מיין צעפלאַטערט האַרץ אין ברענעדיקן אומגעריכט.

### II.

ווייסט דען דער מענטש וואָהין זיינע שריט פירן אים,
איינאייניציקער שריט און מ׳איז אין מיטן פון דער וועלט — —
אָ, דאָס שווינדלען פאַר דעם אויפגעריסענעם תהום !
איינאייניציק בליק און דאָס האַרץ איז אַ זון אויפגעהעלט.

דאָס פּנים היינט פון יענעם אַלטיטשקן, פון יענעם פּרעסער,
מיט די געלאַמעוועטע אויגן, צעקנייטשט אַזוי און געל —
אַזאַ אויסטערלישע פינסטערניש אַרום און אַרום,
מיט ציטער פון פינגער כ׳דערטאַפּ דאָס וואָרט אין מיין קעל.

### III.

דו, מיט דיינע פאַרמאַטערטע, צעאַרבעטע פינגער,
טאַפּ דאָך אָן און דו וועסט לייענען אות נאָך אות,
דו, דאָס איז דער וושט, דורך דעם גייט דאָס עסן,
און דאָס, ס׳איז דער צווייטער סימן — הוק ! און ס׳איז אויס !

מיין שריט אָבער איז אַ געבענטשטער געוועזן,
ער האָט מיך בלינד דאָ אַהער געפירט ביז פאַר דיין הויז !
דו, מיט דיינע פאַרמוטשעטע, בלינדע פינגער,
טאַפּ דאָך אָן און דו וועסט לייענען אות נאָך אות.

# ט

I.

און ווען אונטער וואָקל פֿון פּיס ס׳איז קיין ערד נישטאָ
און איבער קאָפּ דאָס פּיצל הימל אויך שוין פֿאַרווישט,
הייבט אייגענע נאַטור אָן צו קיימען און צו שפּראָצן
און אַקער און זון ווערט מיט בלוט דעמלט צעמישט.

און בריסק און ירושלים און שאַנכיי און מאַדריד
עס רייסט זיך מיט ירדן, מיט ווייסל, מיט אַמור — —
און צום איינאיינציקן וועג, צום ליכטיקסטן,
ווערט פֿון אייגענעם בלוט די ציענדיקע שפּור.

II.

און דאָרטן, פֿון ווו איצט כ׳קום אָן, ס׳איז אויך נאָר נאַטור,
ס׳רייסט זיך דאָרט ווי מיט טשאַטעס וואָיעדיקע הינט!
זאָל דאָך אַ שטילקייט קומען איבער זייערע ווילדע הערצער
ווי די שטילקייט, וואָס קומט נאָך אַ שרעקליכן ווינט —

אַ בלינדע שטייט די וועלט איצט אויף אַלע ראָגעס,
אַ מלחמה־אינוואַליד פֿון אַ דרעסירטן הונט געפֿירט!
אָ, מיין קעל, אַדורכגעשניטן שוין צו ווערן,
ס׳האָבן זי בלינד אירע, פֿאַרמוטשעטע פֿינגער באַרירט —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

III.

מיט אַ רויט געלאַמעוועט אויג קוקט אַראָפּ די זון,
ווי ז׳וואָלט אַ גאַנצע נאַכט צו וויינען נישט אויפֿגעהערט,
פֿאַר מיין פֿענסטער אויבן אינ׳ם פּיצעלע הימל
שטייט זי, ווי ווייטער נישט צו קענען, טרויריק פֿאַרקלערט:

ביז מ׳שלעפּט זיך שוין צו דאָ — אַזאַ פּיצעלע ערד — —
וו מיט שיפֿן ס׳גאָלד פֿון דער וועלט ווערט אַהער געפֿירט,
און דאָ גראָד מוז איך מיך טרעפֿן אויג אויף אויג מיט דער נויט,
אַז מ׳קאָן חלילה שטיינבלייבן פֿון שכל געריירט —

## י

### I.

ווי גרינג קאָן זיך דאָס גראַמען האַרדן מיט אַקאָרדן,
און ווי נאָך לייכטער, חלילה, לאָרד מיט מאָרד;
און אַז הימנען רייסן זיך אין טיפעניש פון האַרץ,
ווערט דען נישט געזאַנג צומאָל אַ האָר פון אַ יידישער באָרד.

צו מיר אָבער האָט זיך באַוויזן דאָ די נויט פון מענטש,
פנים אל פנים צו איר בין איך געבליבן דאָ שטיין,
אַז צום פשוטסטן גראַם אפילו, וואָס גראַמט זיך מיט שמאַרץ,
האָט מיין האַרץ קיין כוח נישט מער צו דערגיין.

### II.

שטייט דאָ דער קוילן־גרעבער אין טיפסטער פינסטערניש,
אונטער זיינע טריט אָבער איז אָטעמדיקע ערד;
שטייט שוואַרצער אין רייז־פעלד מיט וואַסער ביזן בויך,
אָבער הימל איבער זיין קאָפּ האָט נישט אויפגעהערט.

יאָ, און אַלץ קאָן מען דעם אָרעמסטן אַוועקנעמען,
אָבער נישט פון זיינע פאַרביסענע ליפּן דאָס וואָרט!
אָ, אַזאַ באַטירלעך רחמנות נעמט מיך באַנט אַרום:
ווי בעטלעריש, רענדל אויסגעביטן, עפּעס אַ לאָרד.

### III.

וואָס זיינען דען אַלע רענדלעך פון דער וועלט
אַנטקעגן יענע ליכטיקסטע אין טינקלען וואַלד,
און וואָס זיינען אַלע ווערטער, די געזוכטסטע,
ווען שטילע אימה דאָס האַרץ איבערפאַלט.

יאָ, דורך דעם ווערט קומט דאָס ביסעלע עסן,
דורך דעם צווייטן לעבעדיקן סימן — דאָס וואָרט!
און וועל איך ס׳געסל דאָ נישט קאָנען באַזעצן ווי אַ כלה,
כ׳וועלס מספּיד זיין ווי אַ נפטר אויף הייליקן אָרט.

## י״א

### I.

איז זי די אַכציק יאָריקע פון אַכציק יעריקן
שטילינקע אַוועקגעשטאָרבן אָקאָרשט יעצט,
איז דער אַכציק יאָריקער ווי אַ חתן ביי איר געזעסן,
און די שכנות האָבן זי ווי אַ יונגע כלה באַזעצט.

געבענשט איז דער וואָקל פון מיין שריט געווען אַ הער דאָ,
און דו, אַלטיטשקע, אַ דאַנק דיר, וואָס האָסט אַזוי לאַנג געוואַרט,
איך בין אַהערגעקומען דיך צו זאָלבן און צו שמירן
ווי אַ קעניגליכע מומיע צו בלייבן אונז אויפבאַוואַרט.

### II.

(די מענה־לשון־זאָגערקע געווידמעט עליזאַבעט)

און אויפאַמאָל אַזאַ זאָגעדיק־זינגעדיק־באַריידעוודיקס,
אויפגעשריבן פון עפּעס אַ „פּאָלנישן־יודע״־ייִד,
וואָלפגאַנג פאָן געטע, דו גרויס־גרעסטער פון דאָרט,
וואָלסט דעם „יודע״ מקנא געווען איצט, הערנדיק דאָס־אָ ליד — — —

ניין, זי האָט נישט געוויינט, נישט געקלאָגט, די זאָגערקע,
אירע טרערן זיינען געווען פון די ווערטער דער טראָפּ!
און ווי זי האָט אַזוי קונציק־טרויריק מטעים געווען
מיט יעדן שאָקל, מיט יעדן לייכטן נייג פון איר קאָפּ.

### III.

פּאַמעלעך און שטיל און ווי אויף ווייכע זאָקן
וועט פון היינט אָן מיין שריט זיין אין געסל דאָ,
און פּינקטליך, אויף דער רגע, אַ גייענדיקער זייגער,
דעם אַלטיטשקען אָנצוטרעפן דאָ אין בין השמשות־שעה —

ווי אונטערן שאָטן פון אַ בוים, אַ ברייטן באַבלעטערטן,
וועל איך אַזוי נישט־זעעוודיק שטיינבלייבן טיר ביי טיר;
אַז נאָך יאָרן פאַרשאָלטענע, ס׳קאָנען ווערטער אַזוי טרייסטן,
מוז איך דאָך אַמאָל אַרויסבאַקומען דאָס וואָרט וואָס אין מיר.

# י״ב

## I.

און וואָס קאָן שוין נעבעך גאַנץ „איזראַעל״ דאָ אונז טון!
און אַז זאַנגוויל שלום־עליכמען קוים געלאָזט איבער דער שוועל!!
אָ, ס׳איז דאָך נאָר קנאה געווען — ווי נעבעכדיק מענטשלעך!
ווי האָט עס זיכער פון זיינע אויגן אַרויסגעלאַכט אַזוי העל —

אין דעם פינסטערן דאָרטן, פון וווּ איך קום איצט אָן,
איין לוסטיקן קנאַל פון טביה׳ס פייערדיקע בייטש,
און אויף זיין „מילך־וועג״־וועגעלע זיך אַריינגעכאַפּט,
ווער ס׳האָט נאָך געוווּסט פון שמע ישראל דעם טייטש.

## II.

אָ, זיך צו באַווייזן מיט אַ קריסטוס, מיט אַ שפּינאָזאַ,
נעבעכדיק נישט פאַרשעמט צו ווערן מיט אַ ייִד דאָ אין גאַס — — —
אַסך דערנידריקטער און שפּלדיקער אַזאַ מין שפּיל,
ווי דיין קאָמעדיע, שלום עליכם, „דער בלוטיקער שפּאַס״.

טביה דו, דיין פאַרמוטשעט פערדל הויט נעבעך און ביין,
ווי דאָס טראָיאַנישע פערד שטייט עס אויף דער שוועל פון וועלט!
מיט אַלע אונזערע פעלערן אונז צו באַשיצן,
אפילו מיט אמשיל ראָטשילדס געירשנטע געלד — — —

## III.

דאָ אַ שניידער־מאַשין, דאָרטן אַ שוסטער־האַמער,
און וואָלט מען אויף פעלדער און אין מינען אונז געלאָזט,
וואָלט שוין זיכער דעמלט נישט אויסגעפעלט אין קיין שטוב
אַ שטיקל ברויט, צי גאָר אַ ביסל קויל אין שאַרפער פראָסט.

אָ, אויפגעריסענע פאַרבלוטיקטע נאַטור אין אונז
מיט בריסק, מיט ירושלים, מיט מאַדריד, מיט שאַנכיי,
ווי דערשטיקטע וועלדער פון טיפעניש פון שאַכטן
אַרויסגעריסן מיט דערשטיקטן וואָרט אונזער טליענדיקן וויי.

# י״ג

## I.

פון פאַרקזשאַקעווטע וועלדער, טיפע פאַרזונקענע,
און פון דערשטיקטן, טויזענט־יאָריקן מענטשן־געשריי,
ס׳האָבן שטעט, געוואַלטיקע, זיך אַרויסגעריסן
מיט ווילד־פאַרקזשאַקעווטן ראָד־אין־ראָד־געדריי.

אור־געפלאַטער, פאַרשטיינערטער, מאַמוט־געקלעטער
איז קריכנדיקער טאַנק שוין איצט, איז רוישיקער פליער!
און מיר נאָך אַלץ, דורך אַ לעכל פון אַ נעדעלע,
אין הימל אַריין כאַטש געקראָכן אויף אַלע פיר — —

## II.

און דאָס לערניינגל מיט צוקנדיקן געזיכט
ס׳וויל מיר גאָר נישט אַרויס מער פון קאָפּ!
און אַז דאָס געסל דאָ איז אַזאַ שמאָלס, אַזאַ ענגס,
און דאָסליידיקע שטיקל הימל, וואָס קוקט טרויעריק אַראָפּ.

ווו קאָן דען דאָ פלאַץ האָבן דער צעשטערנטער „וואָגן“?
און אַז חלילה מ׳וועט ווידער מוזן אין וועג — — —
סוף־זומער־נעכט, אָן פייער־פליג אָן פאַלנדיקע שטערן,
אָן צעאַקערטע סוף־זומער־פעלדער פאַרוויאַנעטע טעג.

## III.

ס׳לעצטע היי איז אין די סטאָדעלעס שוין אַריינגעפירט
און דער וואָגן שטייט איבערן גאַנצן דאָרף אויסגעשפּאַנט.
אָ, אַזאַ סוף־זומער־געסל מיט לעצטער זון, פאַרזילבערטע,
און דער שאַרפער היי־געראָך אַזוי תאווהדיק און באַקאַנט.

פונקט ווי קלאָר טייכל, צופוסנס פון אַזאַ ליכטיק דאָרף,
איז דאָך טיפער הימל אויך נאָר אָפּשפּיגלונג דערפון?
היי־שמעקעדיקער מילך־וועג! און איך? אָנפליענדיקע פייער־פליג — — —
אַ געשייערטער דנאָ פון אַ מילך־עמער — די סוף־זומער־זון!

# י״ד

## I.

אויפגעריסענע פאַרבלוטיקטע באַטור אין אונז,
ווי אין טיפעניש פון שאַכט דאָס כסדרדיקע געטריף!
יאָ, און וועט עס נישט ווערן פון אונז אַרויסגעריסן,
ס׳וועט דאָך אַרויס ווי פייער־לאַוואַ פון גליאיקער טיף.

פאַרשטיינערטע ווערטער, שווערע, פאַרזונקענע,
דערשטיקטע שוין אין אונז מיט „מ׳טאָרנישט“ און „מ׳מעג“,
ס׳מוז זיך דאָך אַרויסרייסן ליכטיק איבער גאָרער וועלט,
צו שטילן ווילדקייט פון הערצער אין פינסטער געיעג —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

## II.

וואָס זיינען דען אונזערע געסלעך אין גאָרער וועלט,
אָרעמקייט אויסגעשטעלט שוין צו לעכערליכסטער נויט!
נישט נאָר ס׳מלבוש פון לייב, די שטיוול פון די פיס —
ס׳לעצטע וואָרט פון מויל אַרויס שוין, פאַרן ביסן ברויט!

וואָס איז דען אונזער בלוט פאַרגאָסן איצט אומעטום,
וועלט וויל רויט־אָפּשפּיגלען איר ווילד־רציחיש געזיכט!
אָ, וואָלט איך איצט געקאָנט פאַלן אויף פּנים אין געבעט,
אַרום און אַרום דער צוקנדיק־בלוטיקער אומגעריכט —

## III.

אַ קוים אַרויסגעדרייט פאַרקאָפּטשעט נשמה־לעמפּל
איז זון פאַרן פענסטער דרויסן אין גרויען אינדערפרי,
אין טיר קלאַפּט דער אַלטיטשקער טרויריק נאָך אַ צענטן,
און אין האַרצן אין מיר גיט עס אַזאַ ווייאיקן צי —

שאַנכיי, מאַדריד, ירושלים און בריסק און בערלין — —
יאָ, כ׳בין איינער, אַ צענטער — צום מצרף זיין!
ווער ווייס וווּ־ערגעץ ס׳ווערט פאַרמוטשעט איצט אַ מענטש —
ברוך הוא וברוך שמו — — — — — אמן...

ווייטשעפּל, 1937.

# 2 ווײַטשעפּל־אידיליעס

## ערב־פרילינג 1938

1

און איז וואָס, אַז איך בין קוים נאָר אַ מענטש
און דאָס לעבן איז אַ זשאַווער־קייט אויף האַלדז,
איך צעבייס עס פאַרשוויגן צווישן די ציין
און בין אַן אויפגעריסענער רינג אינם אַלץ —

ווי גרויס און ווי ליכטיק דער אַרום און אַרום!
און אין מיר איז עס, דאָס אָפענע דערפון!
אין מײַן האַרץ דרינען קרײַזט עס און ס׳צעפלאַטערט
אַ סטאַיע טויבן וואָס רינגלען אַרום דער זון.

2

זע, אין מיטן אויף האַרטן, אויף גלאַטן אַספאַלט,
טאַנצט אַ טויב פאַר זײַן טויביכע זײַן פרילינג־טאַנץ,
און איבער יענעם ייִד דאָרט, מיט דער צעיאָגטער באָרד,
צעפלאָשעט אַ מיקן־שוואַרם אין ליכטיקסטן גלאַנץ.

אָ, מײַן האַרץ פאַרקייכט זיך ווי אַ לאַכנדיק קינד
אין דעם שטיקנדיקן פון בענזין און פון שטויב —
פון אויבן פון אונטערן דאַך קוקט עמעץ אַרויס,
ווי פון אונטער אַ קראָקווע אַ וואָרקנדיקע טויב.

3

קיין מאַגנאָליע־בוים שטייט דרויסן נישט פאַרן שוועל,
פלײַשיק אַזוי און תּאווה׳דיק צעפלאַמט,
ליכטיקע, אָטעמדיקע, נאַקעטקייט! —
ווי הימל און ערד וואָלט אין אים זיך באַמאַנט.

ביין, קיין מאַנדל־ביימל, אַ צאַרטס, אַ יונגס,
ציטערט נישט פאַר מײַן פענסטער נערוועז פאַרבענקט,
זײַנע צווײַגלעך קלאַפּן נישט אַן אין שויב
מיט צאַרטע פינגערלעך נאָכן שלאָף אויסגעלענקט.

4

זע, מיט אַ גרויסער שניידער־שער אין האַנט,
פון אַן אויפגעעפנט פענסטער אַרויס,
שניידט אַ שניידער־געזעל דיביימער צו
און שערט ווי פון זיידנצייג די בלומען אויס.

פול איז דער גאַנצער אַרום און אַרום
מיט צוגעסמאַליעטן ריח פון פרישן פּרעסל;
און די זון אַן אויסגעגליטע, אַ רויטע,
פאַלט ווי אַ כשר־שטיין אין צעקאַכטן קעסל.

5

און איז וואָס, אַז איך בין קוים נאָר אַ מענטש,
און מיט ציישונג־בלאַט בליען מיר בלוטיק אויף!
און אַלץ, וואָס מיר טוען און אַלץ וואָס מיר ריידן:
איינער איז דעם אַנדערענס קויף אָדער פאַרקויף!

און איז וואָס, אַז די גאַסן מיט געהעצטן געלויף
טשאַטעס הינט צעלאָזענע מיט בייזן געביל — —
ערגעץ־ווו אַ דראָסל מאַכט די דעמערונג איצט שטיל,
און ס'האַרכנדיקע האַרץ פלאַטערט מיט מיט יעדן טריל.

6

זע, טויזנטער קוימענס קאָנען נישט פאַררויכערן
אַ צאַרט בין־השמשותדיקס, אַ וואָלקנדל זוים;
די גאַנצע ערד, מ'מעג פאַרגיסן מיט אַספאַלט,
אָבער אין ווינקל ערגעץ־דאָ אַ בליענדיקער בוים —

פון טיפסטע טיפענישן מיט זיינע וואָרצלען
שטייט ער צעקנאָספּעט דאָ מיט אָפענעם תהום!
און פון תהום'עדיקע פינסטערנישן אין אונז
ס'לייכט אויף, ס'טליעט אויף דער ליכטיקסטער טרוים.

7

ווי דער בייזסטער ווינט נאָך אין זיינע טונקלע פאַלדן
טראָגט דעם צאַרטסטן זוימען־שטויב פון בליט צו בליט,
ווי פון אונטער האַרטסטן שטיין ס'קלייסטע גרעזל
אַרויסצוררייסן זיך ס'ווערט קיינמאָל נישט מיד.

אַזוי טראָגט זיך אַ חלום אין אונז פון דור צו דור,
מיט אונזערע לעבענס צעבליט און באַהיט,
מיט אונזער טויט אין אייביקייטן צו צייטיקן,
אויפצולייכטן נאָך אין פינסטערסטן געמיט.

8

אָ, דאָס פינסטערע, דאָס בייזע לעבן אונזערס,
דער גאַנצער הימל איצט פאַרגאָסן מיט אונזער בלוט,
און ווער דאָ האָט נישט וועמען דאָרט אינדערהיים!
און מאָרגן, איבערמאָרגן, מיר דאָ — ווער ווייסט וואָס מ׳טוט?

אָבער אויף איינמאָל קוקן דיך אָן צוויי אויגן
און דער הימל אַזאַ בלויליך־זילבעריק־געמיש —
ס׳טעלערל פון הימל כאָטש אָראָפּצונעמען,
געשייערט צום סדר פאַר יעדן יידישן טיש.

9

די צוויי הינט היינט אינדערפרי פאַר מיין טיר,
ווי אומענדלעך אין זייער שפיל זיינען זיי געווען!
דעם גאַנצן טאָג האָט מיין האַרץ זיך געפרייט;
באַשערט ס׳איז מיר געווען זייער שפּילן כאָטש צו זען.

אַזוי שטיל אַזוי גוט צו יעטווידן מענטשן
איז אַ גאַנצן טאָג געווען מיין וואָרט און מיין בליק,
און מיט שריט, אַזעלכע לייכטע, געלאַסענע,
קום איך איצט צו מיין איינזאַמער טיר היינט צוריק.

10

נישט צוריקגעקומענע צעפלאַטערטע שוואַלבן,
נישט אַ סאָלאָווייטשיק וואָס גייט־אויס נאָך זיין זי —
דאָס הייזעריקלעכע געקוויטש פון די וואָראָבלעס
ס׳איז די פרייד געווען פאַר מיין פענסטער אינדערפרי.

און איצט דאָס תאווה׳דיקע צעגליטע אין דער לופט,
נישט אויף סאָסנע־שפּיצן מיט וועוועריקלעך געלויף —
ס׳זיינען די קעץ, וואָס ברייטן זיך שוין צו דער נאַכט,
מיט מיאוקעצדיקן געיאָמער פון הויף דאָ צו הויף.



18

11

און איז וואָס, אַז איך בין קוים נאָר אַ מענטש
און איינער אויף צוויטן אַן אויפגערייצטער הונד!
אַ, יעדע שקיעה, אין האַרץ פון דער וועלט,
ס׳בלוטיקט אויס אַ פריש אויפגעריסענע ווונד — — —

און מיר אונטער מיין איינזאַם פאַרהאַקטער טיר,
נישט באַשערט צומאָל וואַיעווען זיך ווי אַ הונד!
ס׳סאַרפעט אין מיר אַ זשאַוואָר־קייט אויף אַלע רינגען
מיט אויפגייענדיק פאַרבענקטן לבנהשן־רונד —

12

נייך, נישט „יהושע׳ס־פנים״ קוקט פון אויבן אַראָפּ,
ס׳איז אַן אָפּגעהאַקטער קאָפּ — פון אומעטום!
אין פינסטערן גליוער פון אייגענעם בלוט
שווימט עס אַזוי איבער גאָרער וועלט איצט אַרום.

איך דערקען אין פנים יעדן שטריך, יעדן פאַלט —
אויף איינמאָל, ווי ס׳וואָלט מיך גאָר דערקענט — — —
מיט פאַרשוויגענע ליפּן, צוזאַמענגעביסענע,
פאַלט מיין קאָפּ ווי אָפּגעהאַקט אין מיינע הענט.

13

סאַלאָמע טאַנצט אירע ווילדע טויטן־טענץ,
קנעכל־קאַסטאַניעטן אין מיין שלייפן־געקלאַפּ!
אויף מיינע וועגט ציטערט דער שלייער און דער שלעפּ
און אויבן די גאָלדענע שיסל מיטן יוחנן־קאָפּ —

רינג אין רינג, שלייף אין שלייף און אויפגעריסן ברייט,
ווי אויסגעלאָסן, ווי פאַר׳שכור׳ט־פאַרשייט!
איבער אַלע דעכער, איבער דער גאַנצער ערד,
די איבערפליסנדיקע שיסל איבערגייט. — —

14

מיינע פינגער פאַרקראַמפּטע ציטערן און וויקלען זיך,
אַ צוציענדיקער פעטלע־רינג איבער אייגענעם האַלדז!

איך בין דאָך אויך אַ מענטש, מיט אַלעמען באַגלייך;
און ווער איז דען דער שולדיקער אין דעם און אין אַלץ?

ווער ווייס וואָס נאָך האַלבער נאַכט דרויסן פאַר מיין טיר.
אפשר ווערלן וואָיען פון היינט, די צוויי צעשפּילטע הינט?
בישט אַ קייגן אויפגעגאַנגענער פולער לבנה! —
ווער ווייס, וואָס יעדע רגע ס'קאָן געשען אַלץ אַצינד —

15

עמעץ־ווער נעמט אַראָפּ די גלאַנציקע שטערן,
אין פערטיקע מונדירן אָנצונייען די קנעפּ;
פאַר די מאַמעס, פאַר די איבערגעבליבענע פרויען
צעשניידט ווער די נאַכט שוין אין שטיקער שוואַרצן קרעפּ.

אָ, מיט זון־אויפגיי קאָן פאַר יעדן בעט נאָך ליגן
אַן אויפגענייטער מונדיר, אים נאָר אָנצוטון,
און מיט זון אונטערגיי, מיט אויסגעבלוטיקטן,
יעדע מאַמע באַוויינען איר איינציקן זון.

16

און איז וואָס אַז איך בין קוים נאָר אַ מענטש,
און דאָס לעבן איז אַ זשאַווער קייט אויף האַלדז,
איך צעבייס עס פאַרשוויגן צווישן די ציין
און בין אַן אויפגעריסענער רינג אינם אַלץ —

דער בלייכער, דער דערשראָקענער אַרום און אַרום,
דאָס פאַר'חלומ'טע האַרץ איז קוים דער פּתרון דערפון;
און אינעווייניק, דאָס פינסטערע פאַרבלוטיקן,
דער דעמער איידער ס'בליט־אויף די צייטיקע זון.

# הערבסט־דיליע

(צו יוליע, פון בוך „ווידערוווקס״)

1

טויזנטער קוימענדלעך אויף די דעכלעך אַרום,
אויפגעהאָנגענע וועש צעפלאַטערטע אויף שטריק —
אַ פלאָט מאַסטבוים־שיפלעך געבונדענע צום ברעג,
אָקאָרשט געקומענע פון אַ רויב־צוג צוריק.

יללה־צעהוליעטער פיראַטן־געזאַנג,
הילכן שענקן שכורלעך אין חושך אַריין;
בריקלעך, וואָס פירן צו די שיפן אַריבער,
וואַקלען די נאַסע געסלעך אין לאַמטערן־שיין.

2

אויף אַ בריקל אַזאַ, אַ וואַקלדיקס און נאַס׳,
ראַטעווען מיר זיך דאָ אין די פינסטערע נעכט,
פון אָפגעבראָכן ברעט צוגעשווומען צום ברעג,
פאַרפלאָנטערט צווישן כוואַליעס און פלאַנצן געפלעכט.

ווי עס קרעכצט דאָס בריקל, ווי עס וואַקלט און שלאָכצט,
איינצוברעכן שוין אונטער אונזער יעדן טראָט — —
כ׳בין אַ פיראַט, אַ צעהוליעט־יללהטער,
און ס׳ברעכט געזאַנג אַרויס פון מיר, אויף גאָט׳ס באַראָט.

3

שטויבעלעך צוצעפליען אין זון און אין ווינט,
מיטגענומען צו ווערן פון כוואַליעס אין ים,
ווען נישט אויפגייענדיק פלאַנצעלע דאָ און דאָרט,
וואָס האַלט ביים ברעג די זאַמד־שטויבעלעך צוזאַם.

וואַסער טראָפן צעשפריצטע אַרום שטייפן פעלדז,
צו בלייבן בלויז פון זיי, קוים אַ ביסעלע שוים,
ווען נישט יענע, וואָס פאַלן אין אָפענעם שפּאַלט,
צו גרייכן מיט זייער געטריף ביז צום תהום.

4

ווי באַנאַל דער טויט איז דאָ און ערשט די ליבע;
עס לויפט אַלצדינג אַזוי שנעל — אַ נעכטיקער טאָג!
זע, מיר גייען אים אַנטקעגן מיט שריט נאָך שריט,
און די ליבע שטייט צעציטערט אויף בלאַסן ראָג.

קוקט פון דיינע אויגן, היימיש, שטאָטיש — דער טויט,
אָדער ס׳איז די ליבע, וואָס ברעכט זיך אין מיין בליק?
וואָלטן מיר זיך געקענט אָנגעמען ביי די הענט,
זיך פירנדיק, אַנקומען אין שטעטל צוריק.

5

מיט צעפלאָטערטע טירן אין חושך אַריין
בלענדט צעפראַלטע שטאָט, זשומענדיקער ווייט און ברייט —
אַז אַטאָמאַט אַריינגעוואָרפן אַ „סיקס־פענס״,
אַ ראַדיאָ קעסטל אויף גאַנצער נאַכט אויפגעדרייט.

בין איך נישט אַ פאַרבלאָנדזשעטער מאַטראָז אַזאַ,
אין אַ ביליקער ביר־שענק ווייט הינטער דער שטאָט,
און דו, אַ צעוואָיעטער ווינט איך די אָרעמס — —
ווי עס ווינט ילהדיק אין מיר אויף גאָטס באַראָט.

6

די טויזנט קוימענדלעך אויף די דעכלעך אַרום —
אַזאַ קרעמאַטאָריומל יעדעס הייזל דאָ!
ווי פולע מיט רויך די צענעפלטע הימלען —
אויסגעשפיגענער אַש, שטויב־צעשפיגלטער גרא.

אַזש צומאָל נישט אַ הייפעלע אַש, אַפילו,
איבערבלייבן ס׳וועט דאָך דאָ פון אונזער געביין!
ילהדיק צעהוליע, מיין פיראַטן ליד,
וועסט אונז ביידע כאַטש באַגלייטן ביז ג׳טויט אַריין?

7

ס׳זיינען בלויז נאָך דיינע אויגן דאָס וואָס כ׳דערקען,
אַלץ איבעריקע אַזוי פאַרפרעמד מיר און ווייט;
זיי קוקן מיך אָן, עס צוקן פייכט די וויעס,
און מיין האַרץ, אַז אייז קריע אין זון, וואָס צעגייט.

ס׳זיינען בלויז נאָך דיינע אויגן דאָס וואָס כ׳דערקען,
שוואַרצע אַזעלכע און פון מיט פונקען־געשפריץ,
און מיינע, איבערלויפן בלוילעך פאַרנעפלט :
גאָט דערבאַרמדיקער, באַהיט אונז און באַשיץ.

8

פאַרלאָשענעם שטאָט־געפלאַסטער פון געסל דאָ,
אָנצינדן מיט ריטם־געוואַקל פון מיינע שריט,
דעם הוילן הילך פון קייבל־געוויקל,
אָנפילן מיט אויפרייסנדיקן דינאַמיט.

עלעהיי, ס׳לויפט אַן אָפגעריסן פערד פאַרביי,
און ס׳פליען פונקען פון אונטער זיין ווילדן לויף — —
נאָך לויכט אַ שבת־ליכטל פון פענסטער אַרויס,
און ס׳געסל דאָ דערמאָנט אין אַ היימישן הויף.

9

טויזנטער קוימענדלעך אויף די דעכלעך אַרום,
ציט עס דורך איינעם, פון אונזער שטיבל דער רויך ?
פונם שטריק פון די פלאַטערדיקע וועש אין ווינט,
ווינקט פאָכעדיק, באַקאַנט ווינדעלע פון דער הויך ?

אַז ס׳זיינען דיינע אויגן שוואַרץ־פינקלדיק נאָך,
איז דאָך אַלץ איבעריקע נישט וויכטיק שוין מער !
אָ, אין אונזער שטעטל מיר קאָנען נישט צוריק,
אפשר וועלן מיר׳ס ברענגען צו אונז דאָ אַהער — —

10

מאַמעס שעפּטשענדיקע ליפּן בלויז כ׳האָב געזען,
ווען שבת־קודש־ליכט אָנגעצונדן זי האָט,
כ׳האָב געקוקט אויף זיי, אויף זייער שטילן ציטער,
און נאָך איצט כ׳פאַרשטיי, ווי מענטש קאָן רעדן מיט גאָט.

איז עס מאַמע געווען, אָדער ווייל איך אַ קינד ?
אין שטיבל אַרומגעשוועבט האָט ליכטיקער סוד — —
כ׳זע אים אין דיינע אויגן, ער שוועבט נאָך אַצינד ;
מיר וועלן אים פאַרלאָזן אויף גאָטס באַראָט — —

11

פינסטערע הויפלעך, חושכדיק פאַרלאָשענע,
שפּיגלען זיך אַ גאַנצע וואָך אינם שבת־חן,
יעדעס געסל אַ באַלויכטן בריקל אַזאַ,
משיח׳ן דעראויף פריידיק אַנטקייגן צו גיין.

אַן אייגענער הימל וועבט זיך איבער געסל,
מיט „קדושה״, מיט „ברכו״ און מיט „אמן״,
מיט געזאַנג פון פריידיקער ניי־מאַשין, באַגלייט,
מיט „די דריי נייטאַרינס״, מיט „זונדעלע גאָר פיין״ — —

12

איך האָב׳ס דאָך נאָך געזען ווען אַנגעקומען כ׳בין,
און ווי וווּנדערלעך ס׳זעט דאָ אויס די שקיעה־שעה;
און דו, צי קענסטו עס דען פאַרגעסן דען ווען,
ביזט דאָך געבוירן געוואָרן אין געסל דאָ.

ווי ס׳מישט זיך מיר אין קאָפּ מאַמעס „קרבן־מינחה״,
און וואָרט פאַר וואָרט איך לייען תחינהדיק פון דיין בליק:
אַז עס סטייען נישט די כוחות צון גיין ווייטער,
האָט מען נאָך די קראַפט אומצוקער אויף צוריק?...

13

דאָס ליכטיקע שמייכעלע פון טאַטנס אויגן,
וואָס האָט זיך פאַרלוירן אין זיין געדיכטער באָרד, —
ווי הדרת־פּנימדיק צעשטראַלט ס׳האָט זיין לעבן!
כ׳וועל׳ס געפינען ווען כ׳וועל ווערן אַלט און באַיאָרט.

אין טאַטנס ספרים עס ליגט דאָך שטיל באַהאַלטן,
מיט זיין, יעדער דאָרט אַריינגעלייגט, גרויע האָר;
ווי מיט וואָרצל־הערלעך אין צעאַקערטער ערד,
צו זאַפטיקן און צו צייטיקן פון דור צו דור —
— — — — — — — — — — — — — — — —

14

אויף טויזנטער רעדער עס יאָגט ווילד די שטאָט אַן
און מיר נאָך ווילדער אויף רעדל פון ניי־מאַשין — —
אַנטלויפן מיר פון וועמען, צו ראַטעווען זיך,
אַנצוקומען וואָס גיכער ערגעץ וואַהין?

מיר שטופּן זיך דורך לעכעלע פון נעדעלע דינס,
אָבער דאָס דרים־קניפּעלע קיינער נישט פאַרציט!
עס שטעכט שוין אויס, געשפּיצטע גראַמאַפאָן־נאָדל,
פון וויכער־צעזשומט רעדעלע, לעצט היימיש ליד —

15

צווי פלאָטן אַזעלכע, זיי שפּילן לידער אויס,
דרייט זיך די זון בייטאָג, די לבנה ביינאַכט;

אין בעפל דאָ ס׳ווערט טײַלמאַל טרויעריק אַזוי,
פֿונם ביסעלע לעבן אַ סוף כאַטש געמאַכט.

אַ טויט קינד אין אַ וויג וויגט מען איין מיט געוויין,
נישט די וויג — אַליין אַזוי מ׳שאָקלט זיך סתם:
איילולו, ס׳לעבן אַריבער צו שווימען,
אויסיאָמערן פֿון אַ טרער אַ גאַנצן ים —

16

רײַסן שטורעם־ווינטן די שטריק פֿון די ברעגעס
און די מאַסטן, די געשטרעקטע ברעכן זיך אײַן?
די זעגל־טיכער — צעריסענע לאַמטערן,
מיט וועלכע מיר פֿלעגן אַהיים פֿון חדר גיין?

פֿון אַלע זײַטן אַ ווילדע ס׳יאָגט די שטאָט אָן —
אַ צעפּיפּענע שקצים־מחנה אומגעריכט — —
„גאָט פֿון אברהם פֿון יצחק און פֿון יעקבֿ",
אַז ליידיק דער חלל, אַליין ס׳גייט אויס דאָס ליכט — — — — — — —

17

מינדסטער טרערן־טראָפּ, אַ צעברויזטער, צעשווימטער,
רײַסט זיך נאָר אַ ברעג צודערגרייכן ערגעץ־ווו,
צווישן גרעזלעך צו צעפֿינקלען אַ רגע בלויז,
אויף שאַרפֿן שפּיץ־פֿעלז כאָטש צוגעפּינען די רו.

זע, אויף סקאַלע־וואַנט אויבן, ווי משופּעדיק,
בויען זיך פֿייגעלעך צוויי, שטילינק, זייער בעסט;
אונטן דאָס געברויז, דער ווילדער געפּלייץ, און זיי,
אָן אויפֿהער אַזוי, מיט ליד, מיט לעצטן פֿאַרמעסט.

18

און ווען חלילה לויפֿן מיר וועלן פֿון דאָ,
ווי אַ שטעטל פֿון דער היים נעמען מיר דיך מיט,
ווי פֿון פּוילן, ווי פֿון ליטע, ווײַטשעפּל דו —
כ׳שפּיר עס פֿריידיק אינם ריטם פֿון מײַנע שריט!

ווי פֿון שייטער־הויפֿן נישט פֿאַרלאָשענעם פֿונק,
אַ שבת ליכטל פֿון דאָ, פֿון אַ שטוב אַרויס,
מיט אונזערע הוילע הענט עס צו דערטראָגן,
עס אַהיימצוברענגען נאָך איידער עס גייט אויס.

# ביים ברעג

## ווייטשעפל און וועסטקליף

אַ שטוב מיט אַן אַלקער ס'איז ווייטשעפל און וועסטקליף,
דער „פּאַב" פון פּאָפּלאַר — די „פּלעזשער"־פּלאַזשע אין סאַוטענד;
פאָרט צוריק אַ ייד מיט פרישע כוחות פאַר דער וואָך,
אַ גוי — די „וועדזשעס" פון דער וואָך זונטיק שוין פאַרשפּענדט.

גישט איינמאָל, אַ פאַרשכורטער פון צער און פון פרייד,
מבושימדיק געוואַקלט ביים ברעג, אין אַ לבנה־נאַכט;
איצט רו איך אויף אַ לענשטול, אַן אויסגעניכטערטער,
אַ ווייטשעפּלער ייד, קרענקלעך־פאַרשמאַכט און אָפּגעשוואַכט.

שטייף דער רוקן, דער קאַרק, אין שלייף אַן אָדערל צוקט,
ס'ציט אַ האַנט, ביים פוס ס'כאַפּט אַן — ממש אַ מאַריאָנעט;
אַ שפּינגע־דעגינגע ספּרונזשענע שפּרינגט נאָך דאָס האַרץ,
און דאָס מויל אַן אויטאָמאַט, ווי פון היץ רק עס רעדט.

גרינלעכע שאַמפּאַניער־ווייץ־פלאַשן, אויפגעקאָרקטע,
אַמאָל די צעשוימטע כוואַליעס אין די נעכט געווען;
פולע לבנה — דער אויפגעהויבענער בעכער,
מיין פנים צעשפּיגלט דערין — כ'האָב פינקלען געזען.

איצט זיץ איך אויף לענשטול, ווי יום־כפור צו נעילה —
אַ פלעשעלע חלשות־טראָפּן ס'איז יעדע וועל!
ווי וויל איר מיר ס'האַרץ דערכאַפּן מיט יעדן אָטעם,
אַראָפּ היסטן פון דער ברוסט אַ שטיקנדיקן קרעל.

וועל איך מיט דערפרישטע כוחות נאָך פאָרן צוריק,
אָדער איז שוין מיין לעבן פאַרשפּילט גאַנץ און פאַרשפּענדט?
עכאָ־אומשטערבלעכער גסיסה־כאָרכל נאָך בלויז,
איז מיין כאַטקעלע נאָך אין ווייטשעפּלער איסט־ענדן?

## ביים ים

* * *

קייגן דעם ים וואָס רינגלט אינזל דאָ אַרום,
וואָס איז די שטאָט? אַ שטויבעלע אין שטורעם־ווינט;
אַ פּראָכל אין אַלע פיר זייטן צעפלויגן,
ביז אויפן דנאָ פון אָפּגרונט פינסטער זי פאַשווינדט.

און די טעמזע ברייט צערודערט, ווייט צעכוואַליעט,
אַ טראָפּן פאַלט שטיל־פאַרחלשט אין ים אַריין;
מיט גרויס געטומל גאוהדיק „גאה גאה" אָנגעצויגן,
בלויז ווי נעבעכדיק ביים שלוס דאָ, ווי שמאָל, ווי קליין.

און איך? ווילד אויפגעריסן מיינע צווויי אויגן!
איז בישט דער הימל איינס, און דאָס צווייטע דער ים?
איבער מיין קאָפּ דאָס צעשריגענע געפּלאַטער,
פון אַזאַ מעווע איך בין אַ גילגול מסתם —

אָן אויפהער אַהין, אַהער, ווי נערוועז, ווי ווילד,
און מיטן שפּיץ־דזשוב גלייך מיר אין הארצן אַריין!
דאָס שתי־וערובדיקע שקיעה־געוועב,
הילט מיך אין גרויען בין־השמשות־טלית איין.

מיין הארץ וואַרפט זיך ווי ס׳שיפל צווישן די כוואַלעס,
שטורעם אין מיר צו שטילן מיט שטילקייט פון ליד;
און צווישן די טויזנטער, די צען טויזנטער,
צעציטערט כ׳זיך, אויף פייער־טאָפּ אויף אַ יריד —

לויפט אַ ייד אין שול אַריין כאַפּן אַ קדושה,
גוי אין שענק צו פאַרטרונקן מיט נאָך אַ גלאָז ביר;
איבערגייענדיקע זון ביזן דנאָ כ׳טרונק אויס,
פון אַ מין צער, אַ ווילדע פרייד, כ׳וואָלט משוגע שיער.

## וועסטקליף

ווי צו אַ גוטן יידן, אַ מין בעל מופת,
אַזוי קומען מיר דאָ אַהער צו גיין;
ער זאָל לעבן, זאָל אונז בענטשן, סגולות געבן,
מיט תפילות זיינע אויף אונז מגין זיין.

באַזעסענע דיבוקים אַרויסצוטרייבן,
חולה־נופלס געפינען זייער רו,
שלאָקרײריק, געלזיכטיק זיי שלעפן זיך אַהער,
נאָך איינמאָל אים זען איידער ערד דעקט צו.

יושבים ישישים און כל־ערליי פּרושים,
וואַרטן אַפּ דאָ זייערע לעצטע טעג,
זאָל ער ווידוי זאָגן מיט זיי און זיי מיטגעבן,
צידה־לדרך אויף ווייט־לעצטן וועג.

און אנשי שלומינו, באַשנאָשקעט, בשמחה׳ט,
צו כאַפּן שריים, אַ תורה־וואָרט,
פירנדיק טיש, הדרת־פנימדיק צעשאָקלט,
איבער גאַרטל ציטערט שוים־ווייסע באָרד.

ווי ס׳רוישט, ווי ס׳רעשט, אַ געריידער, ווען ער קומט,
פון מקווה, פון התבודדות צוריק;
זיין רתבותדיקער גאַנג, זיין מלכותדיק אויסזען,
כאַפּן אויף אים עס וויל יעדער אַ בליק.

ס׳רוט די שכינה אויף ברייט־פאַלדנדיקן שטערן,
צעפלאָסענע באָרד צעפלאָשעט ווייט;
זע, אַ מלאכים מחנה פון הימל אַראָפּ,
כמאַרע אין טלית געהילט אים באַגלייט.

ווי ער וואַרפט זיך, ווי ער קנייטש זיך, ווי ער שעפּטשעט,
פאַר אַ חולה איז ער מתפלל שטיל;
וואָס נענטער זיין צו אים, ווי מען שטופּט זיך ווי מען שטויסט זיך,
ער זאָל לעבן אַ ברכה געבן וויל.

## סאָוטענד

אויף אַ קערמיס קומען זיי, אויף אַ יאַר מאַרק־יריד,
אויף אַ וואָקכאַנאַליע, אַ קאַרניוואַל;
זיי קומען די לעצטע פּענע אויסצוגעבן,
און מאַרגן וואָס ס׳וועט זיין, זיי אַלץ עגאַל.

אַ לעב טון, און ווי די געטער אויפצולעבן,
די מאַזאַלעס, די פּעסטע פּויסטן־הענט;

אונטער זייערע שריט וואַקלט שכור די ערד,
ס׳גייט דער אָלימפּ אויף — דער פעלז־בערג סאוטענד!

זע, פון יעדער מושל אַ ווענוס אַרויסשפּרונגט!
און איז נישט גאָט־פּאָסיידאָן יענער יינג?
הינטער אים אַ שלעפּ סאַטירעס, סירענעס,
מיט פריילעך געטענצל, מיט ווילד געזינג.

די פּאַטשערקעס קאַלירן, די קרעלן שנורן,
אויף זייער האַלז און ברוסט אַרויפגעהענגט —
אַ קופּידאָ פון טיף־בלויען הימל אַראָפּ־,
פון ים־גרינעם אָפּגרונט אַרויפגעברענגט.

„עס שטינקן די ווערעם, די ראַקעס, די מושלען,
אפשר פּאָר אַן איידלער יידישער נאָז״!
צעלאַכט זיך הויך מיט זיין ברייטן בויך אַ באַקכוס,
און פּאַרטרונקט אים, דעם ראַק, מיט נאָך אַ גלאָז.

אַ ווילדע עד־דלא־יאַדע באַקכיאַדע,
אַ מאַסקע־פּנים קוקט די זון אַראָפּ,
און ס׳גאַנצע גרויליקע גרוי־גורלדיק לעבן,
זיס פאַרטרונקן מיט איין ביטערן טראָפּ.

ס׳דרייט זיך אַ גורל־קרייז, אַזאַ מין טייוול־ראָד,
צעשפּילטער קאַרוסעל מיט קינד און קייט,
גלגל־הארץ מיט גאַנצן אַרום,
הימל איבער אים — שווינדל־ראָד זיך דרייט.

* * *

„יורדי הים באניות המה ראו מעשי ד׳!״
ברומט אין מיר אַ פסוק תהילים געוואַלטיק אַזוי,
מיט טראָפּ און מיט שטורעם ווי מיין טאַטע פלעגט זאָגן,
און נישט ים און נישט הימל, און נישט ייד און נישט גוי —

גאַנצע וועלט אַ צעשורגעטע, אַ בלוט־צעכוואַלעטע מיט גאָט!
ס׳איז יאַגנדיקער ים זאַגנדיקער תהילים־טראָפּ,
די ברייט־צעפּלאָסענע באָרד, דער שטייף־צעפּאַלדעוועטער שטערן —
„על דאַטפּת אטפוך״! פּאַלט די זון אין ים אַראָפּ.

„יורדי הים באניות המה ראו מעשי אדוני",
טויט־אָנגעשכורט וואַלגערט זיך אַ מאַטראַז אויף ברעג.
מיין טאַטנס תהילים זאָגן ווערט אַזוי ווייַנענדיק אַזוי שטיל,
מיך נעמט אַרום אַ בין השמשותדיקע טויט־שרעק.

## אין וועסטקליף ביים ים

אין וועסטקליף דער ים אַ מין היימישער טאָפּ,
אויפן פּריפּעטשיק ער שטייט און שוימט און זידט;
צי אַזאַ זאַלץ דאַמפּנדיקע שיסל גאַר,
פאַר שטעכיקן אָטעם ווען שווער שוין מען ציט?

שניידערס און פּרעסערס און סתם מידע יידן,
זיצן איבערן ים און אָטמען אים איין,
ביז ס׳בלייבט פון אים נישט קיין טיפּה מן הים,
נעמט מען זיך ממש פילן ווי אין דער היים.

ס׳ציט זיך אַ בלאָטע ווי אין שטעטל אַמאָל,
צו טאָפּטשען טיף ביז איבער קנעכל און קני;
און אַז גאָר נישט שוין ס׳איז איבערגעבליבן,
איז כאָטשע דאָס־אַ פון אונזער גאַנצער מי.

טאָפּטשעט מען, דרעפּטשפּט מען מיט ווייב און מיט קינד,
און מען פילט זיך ווי ביים טאַטן אין דער היים.
צי טאַקע גאָר ווי דעמלט שוין, נאָך אין גושן,
ביים טרעטן און קנעטן דעם שטרויענעם ליים?

איי, ווי ס׳זיצט זיך, ווי שוויצט זיך — אַ מחיה!
אי דער סיר־הבשר, אי בזת־הים — —
זיך אַרויסגעראַטעוועט אויף אַ טאָג דאָ,
אין וועסטקליף ביים ים האָט מען ביידע צוזאַם.

## דאָס ליד פון „גם זו לטובה"

נישט קיין פּיראַט, נישט קיין אייניקל פון אַזאַ,
נישט יחזקאל ביים כבר כ׳זיץ דאָ ביי דער טעמזע;
אַן אַרויסגעשליידערטער שוין אויף לעצטן ברעג,
אַ יסורים־צערגריזשעטער נחום איש גם־זו.

גאָטס צייכן, אַז זיי זיינען נאָך נישט קיין טויטע,
דאָס געגריזשע מיינע ביינער נאָך דערשפּירן;
אַז נישט קיין געזאַנג און אַז נישט קיין חזיון,
אַ שמועס מיט זיך אַליין יידישלעך כאַטש פירן:

אויב ס'ראַיען אויף אַ שיף חמרים מיט ראַטן,
סימן מובהק עס איז, זי גייט נאָך נישט אונטער;
זיי בייסן די זעגל־שטריק, גריזשען דעם מאַסטבוים,
בלויז קיין איינע צומאָל לויפט דאָך נישט אַרונטער.

זיסע מוזיק איז דאָס געפּיפּ פון די ראַטן,
ווען ס'טאַנצט שיף מיט שטורעם־ווינט אויף ים אַ וויכער;
אַ ראַנגלעניש צווישן לייבן און שלאַנגען,
און זי ציט איר וואַסער־וועג כוואַלעדיק זיכער.

## צוויי סאָנעטן

1

ווי אַזוי אַ ווערבע אַזוי וווּנדערלעך ברייט,
זיך געקענט צעוואַקסן מיט איר גרין געוויין?
פאַר גאָטס ווונדער כ'בלייב אַ פאַרבליפטער שטיין,
אַ פויגעלע מיין באַוווּנדערוועג באַגלייט —

קייגנאיבער אויף עפּלבוים עס שטייט,
עס זינגט אַז דאָס האַרץ קאָן איינעם צעגיין:
„ווי איך גיי איין, ווי איך ווער קליין אין מיין פּיין,
און דו אַזוי גרויס צעוואַקסן אין דיין לייד".

מיט טויזנט און איין אויג צעגלאַנצט אַזוי גרין,
קוקט די ווערבע צום פייגעלע אַהין:
„אַז מען קאָן דיליידן פאַרשוויגן אין זיך טראָגן,
וואַקסט מען מיט זיי צוזאַם מ'ווערט ברייט און גרויס,
מיט טויזנט און איין אויג מיין פּיין כ'וויין אויס,
אָבער אָן אַ וואָרט צו זאָגן פאַר קיינעם נישט צוקלאָגן".

2

דאָס געראַיע הינטן, דאָס גערודער און געדריי,
אַהין און אַהער נאָר מען לויפט, נאָר מען שוויצט;
אויסגעקנאָטענע פון ליים, פון האַלץ געשניצט,
מענטשלעך וואַקלדיקע געגאָסענע פון בליי.

און איך אַ פאַרשטייפּט־פאַרשטיינערטער, תמיד דאָ כ׳שטיי,
גאָלד שיינט דער הימל, דער ים דימענטן צעבליצט,
אַ פרייד ביז ארויף דאָ צו מיר ווילד איז צעשפּריצט,
איך קוק פאַרשייט־פאַרשטייפּט, צומאָל נישט כ׳פאַרשטיי.

מיט מיין פאַלדן־צעקנייטשטן שטערן ווי שווער איך קלער,
מיינע אויערן אויפגעשטעלטע פול מיט געהער,
מיט מיינע לערע אויגן־לעכער בלינד איך בליק.
און וואָס מער איך טראַכט אַלץ ווייניקער כ׳וויס און פאַרשטיי.
אַ, איין רגע בלויז ווערן מענטשלעך ווי זיי,
און צוקרישלט ווערן און ווערן ערד צוריק.

## ים-לאַנדשאַפט

1

נישט אויפן הימל שפּאַצירן די וואָלקנס —
שטילינקע זיי שווימען אויף גלאַטיטשקן ים;
אונטן די זון אַריין און אַרויס צווישן זיי,
קילט אָפּ איר פאַרגילדיקט גליאיקן צעפלאַם.

אַ פאַרצעלאַן טעלער זעט זי שווימענדיק אויס,
געזעטיקט פליען די מעוועס פון איר אויף;
נישט אין הימל מיט געבייזער זיי פליען —
דאַנקדיק זיי נאַרקען מיט פיסלעך אַרויף — — —

איין גרויסע כמאַרע פאַרציט ברויזיק דעם ים
אין טויזנט שטיקער איז צעבראָכן די זון;
צום ברעג צו דער שערבלדיקער ווייסער שוים —
פּיצלעך פאַרצעלאַן געבליבענע דערפון.

2

ביז איבער די בייכער די שעפּסן אין גראָז,
שטויסן און שטופּן און ווייסן נישט וווהין,
פאַראויס רייסן זיך מעקנדיקע די קעפּ,
הינטער זיי די לאַנקע כוואַלעט פעט און גרין;

אַ סטאַדע שאָף געטריבענע פון בייטשן,
אַרומגערינגלט מיט געוואָיע פון הינט.
פאַלן, שטייען אויף און ווייטער אַלץ יאָגן —
אַנלויפנדיקע כוואַליעס אין פייף פון ווינט.

און ווען שטיל ס׳ליגט דער ים גליאיק אין דער זון,
די מעוועס איבער אים שוועבן ווי אין שלאָף —

פון דער אָפּגעגעסענער לאַנקע שוין לאַנג
אַהיימגעטריבן ס׳האָט דער שעפער די שאָף.

## א „קאַיאַר״-ליד

א כמאַרע־חיה כיטרע אָנגעקראָכן,
פאַרצוקט די זון און זי אויפגעפרעסן,
איר בלוט גערונען ביז אויף ברעג אַראָפּ,
און איך ווי גאַרנישט, שטיל זיך געזעסן.

אויפן ים טאָפּיעט די פולע לבנה —
אַ פאַרצווייפלטער האָט זיך דערטרונקען!
און איך שטעל מיך אויף וואַקל מיד אַהיים,
מיט אויגן האַלב אין שלאָף שוין פאַרזונקען.

און אַ גאַנצע נאַכט נישט אין בעט, איך ליג:
דאָ אין חיה־כמאַרע בויך פאַרשלונגען,
דאָ אויפן דנאָ פון ים טיף דערטרונקען —
דער פאַרצווייפלטער אַריינגעשפּרונגען!

כלחך־השור, חיה־כמאַרע ברעכט אויס
שטיקער זון, זיי אינצושלינגען ווידער — —
כ׳ליג בלוט־צעקאָכט, אין אַנגסט־שרעק דערטרונקען
כאַטש נעם און מעלה־גירה „קאַיאַר״־לידער.

## דער בליענדיקע קאַשטאַנבוים פון פעלזן־ברעג

אַ מעשענעם הענגלייכטער וואָס הענגט אַראָפּ אין שול,
פונם טיף־בלוי צעמאַלענעם קופּאַל־סופיט,
זעט אויס דער ברייט־צעצווייגטער קאַשטן־בוים אין זון,
צעקנאָספּעט אַזוי מיט זיין ווייס־רויזלעכן צוויט;

און די זומערפייגעלעך פליענדיק אַרום אים —
אַרום די פלעמלעך פון די געצונדענע ליכט,
זיי פלאַטערן, פלאַטערן און ווערן נישט פאַרברענט — —
ווי וואונדערלעך אַזוינס צו דערזען אומגעריכט.

## גאַטס וועלדל

פון די וועלדער וואָס גאָט אויסגעזייט האָט אויף דער ערד,
איז אים אַ גאָרשט זוימען אין האַנט איבערגעבליבן,
געטון עס אַ שאָט אַזש ביז פעלז־שפּעלטל דאָ אַהער,
לעצטן רעשט נישט אויסגעסאָרטירט, נישט איבערגעקליבן.

דעמבעס און ליפעס, בריאָזקעס און יאָלקעס און עשעס,
וואָרצלען און צווייגן וואַקסן פאַרוויקלט איינס אין צווייטן;
קלאָטשע־פאַרפלאָנטערט, בערדיק־פאַרפלאָכטן, פאַרקאָלטנט,
מיט אַ וויסט ווילדן אָדלער־נעסט כאָטשע צו פאַרבייטן.

און ווערט גאָט מרה־שחוריק, ביטער־פאַרצווייפלט,
וואָס געטון באַשאַפן ער האָט דאָס שיינינקע וועלטל,
לאָזט ער זיך אַראָפּ אין וועלדל־תוהו ובוהו,
געוואַלטיק וואונדערלעך אויסגעוואַקסן אין פעלז־שפּעלטל.

## ווערבעס

אַז אויפגעהאַנגען די פידלען אויף די ווערבעס,
האָבן זיי דען שפּילן דערפאַר אויפגעהערט?
עס האָבן די ווינדן געסטראָיעט די סטרונעס,
די שטראָמען צעברומט דעם ניגון איבער דער ערד.

און צי וועט דען אויפהערן צו זינגען מיין ליד,
ווייל קיין בן אדם אויסהערן וויל עס נישט מער?
כ׳האָב׳ס געזינגען פאַר די פייגל ביי די ברעגעס,
און טאָן פאַר טאָן זיי טשוויטשערן עס מיר נאָך, הער.

און די ווערבעס נאָך געבויגענער געוואָרן,
זע, ווי טרויעריק, ווי טיף מרה־שחוריק שטיין —
און וועט ווער פאַרבייגיין דאָ, הערן די פייגל,
זען די ווערבעס, מיין ליד פון אליין ר׳וועט פאַרשטיין.

## געזאַנג איבער צייטיקער תבואה

וואָלקנדל שוועבט לייכט איבער שווערע תבואה־זאַנגען
בייגן זיי ענוותדיק די קעפּלעך איין;
לערכעלע פאַרלוירן אין בלוי־טיפן הימל,
קומט אָלץ ווידער צוריק צו איר סמוטנעם רעפריין.

ווי רחבותדיק דער הימל, פול שפע די ערד,
בלויז ווען ווען גייט אָן קליין פייגעלע גייט איין?
וואָלקנדל אונטער פיסל פלינק אָוועקגערוטשט,
און צווישן הימל און ערד איר הערצל בלייבט שטיין.

ווי שטיל, ס׳הענגט ציטערדיק אויף שוואַכינק פליגעלע,
דער גאַנצער אָרום האַלט קוים נאָך דעם אָטעם איין:
אָט־אָט פאַלט עס פון טיפן הימל אַראָפּ!
עס פאַרשווינט, און נאָך טיפער ווערט איר זיס געוויין.

## אין האָבער פעלד

פאַרבייגייענדיק פאַר צייטיקן האָבער פעלד,
אַ חבֿרה גנבֿים שפּרינגען די פייגל אַרויס,
זיי האָבן געהערט אַ שאָרכן און מיך דערזען —
אפנים טאַקע אַ שטראַשידלע שוין כ׳קוק אויס!

ווי פּאַשוויגן ס׳דלוביען צווישן תּבֿואה געוועז,
מסתּם האָבן זיי אַ שומר אויף בוים דאָ ווו שטיין,
גיט ער אַ סימן, אַ ווונק, אַ מין פּיפּס אַזאַ,
ווען ער דערזעט אַ מענטשן אָנקומען צוגיין.

פול ווערט הימל מיט זיי, די שפּערל די שוואַלבן,
דאָס געשוועב, די קולי־קולות, און — מיט אַמאָל
אַזאַ זיס געזאַנג, אַז ס׳האַרץ אין דיר שיער צעגייט —
איז ס׳פייגעלע אַזוי קליין, אַז מ׳זעט׳ס נישט צומאָל.

## דאָס פערד ביים צוים

דאָס פערד מיט די גרויסע קלוגע אויגן,
דעם קאָפּ אַריבערגעוואָרפן איבער צוים,
ניזכעט דער האָבער איז צייטיק שוין צום שניט,
פאַר פרייד אויף זיינע פיס איינשטיין ס׳קאָן נאָך קוים.

די אויערן שטעלט עס אויף שאַרף און שפּיציק,
אַזש ס׳הייבט אים אָן ציטערן אונטערשטע ליפּ;
ס׳גלוסט האַרץ אויסריידן פאַר ווער ווייסן עס איז,
גיט עס קלוגן אַזאַ הירזשעדיקן כריפּ —

ווי עס האָט זיך דאָס צוגעכאַפּט צום האָבער,
זיי וועלן אים אויסמלויטשען נאָך פאַרן שניט!
ער וויל דאָס זאָגן, נאָר זאָל זיינס איבערגיין,
און מיט פיס אין צוים בייזן אַ קאָפּע ער גיט.

## צוויי זומערפייגעלעך

עס יאָגן זיך צוויי זומערפייגעלעך,
די פאַרבן־פרייד אין זייערע פליגל!
אַהין־און־אַהער־שפּיל און ווידער צוריק,
און ווען זיי כאַפּן זיך — דאָס געוויגל!

גאַנצער אַרום שטיל־פֿאַרשוויגן אַזוי,
עס זאָל זיך טון אַ באַוועג, אַ רירל;
ס׳גיסט זיך אַ מין פֿרייד איבער גאָרער וועלט,
פֿאַרב אין פֿאַרב, קאָלירל אין קאָלירל.

אַן אייביקייט ציטערט זון אין פּלאַטער,
אַן אויגנבליק — אונטער זיי דאָס בלימל!
ס׳וואָלט זיך פֿאַרשעמט געדוליקט, זעט אויס,
קליינינקע וואָלקנדל אויפֿן הימל.

## דער מולד

עס זעצט זיך די זון אונטערן וועלדל,
און די גאַנצע וועלט פֿאַרזונקט טיף אין טייכל —
מיט ווייט־געשטרעקטן קאָפּ שוועבט זי אַראָפּ,
ווי פּוכיק־ווייך, קוים באַנעצט זיך איר בייכל.

פֿון די זון איז שוין קיין שפּיר נישט דאָ מער,
פֿון די גאַנצע וועלט נאָך אַ סך ווינציקער!
אַ קאַטשקע וויגט זיך רואיק אין טייכל,
בייכל צו בייכל, וואָס קאָן שוין זיין גינציקער.

ראַפּטום דערשפּירט זי פֿון מולד דעם שטראַל,
און זי פֿליט ווילד אויף, ווי אונטערגעשאָסן!
זע, איבער וועלדל שווימט, ווי לבֿניש־ווייס,
און פֿון טייכל — ס׳וואָלט וועלט אַרויסגעפּלאָסן.

## אין א רעגן־טאג

פֿונם נעסטל שטעקט עס אַרויס דאָס קעפּעלע,
נישט ווי אַ ייִנג מאַמעלע — אַן אַלט באָבעלע,
אַזוי גרוי־צייקנייטשט אַזוי פֿאַרזאָרגט זעט עס אויס,
און נאָך שפּיציקער דאָס שפּיציקע שנאָבעלע.

הייבט אויף אַן אייגעלע צום הימל צום שוואַרצן,
און איין גרויסע כמאַרע פֿינסטער פֿאַר די אויגן,
נישט קיין טשוויטש — א זיפֿץ רייסט זיך איר טיף פֿון האַרצן:
אין אַלע זייטן קעפּעל, אַרויסגעבויגן:

ווי עס רעגנט, ווי עס כליאַפּעט, און דער ווינט
און זי זאָל אין נעסטל כאַטש אַ האָבערל האָבן — —
און באַך, מיט איין פלינקן פלי אויף גאַטס באַראַט,
פון אונטער דער ערד עפּעס אַרויסצוגראָבן.

## די באַלאַדע פונם מעווען-געזאַנג

האָט דאָך אונזער חכם, שלמה המלך,
מיט אַלע חיות ועופות געקענט ריידן,
קאָן איך מיך מיט טויבן אַדורכשמועסן,
כ׳האָב׳ס בקבלה פון מיין גרייז־גרויען זיידן.

אַלע ערב־שבת ביים שיר־השירים,
באָבע, די גוטע טויב, ביים אויוון געשטאַנען,
מיט אויגן צוגעהערט, שטיל צוגעוואָרקעט,
קעפּל צו געשאָקלט, וואָרט פאַר וואָרט פערשטאַנען.

וויפיל דורות און וויפיל בלוט געפלאָסן,
פון אונטער דאָך היימישע טויבן ווו זיינען ?
אפשר אין האָרץ דאָך איינע מיטגענומען,
הער, ווי עס הערט נישט אויף וואָרקנדיק צו וויינען.

בין איך מיר אַזוי אין איינעם אַ פרייטיק,
ביים ברויזנדיקן ברעג שפּאַצירן געגאַנגען,
דערהערט דאָס הייזעריקע מעווען געשריי,
איז עס גאָר געווען שיר־השירים־געזאַנגען.

אַ פאַרוווּנדערטער בין איך שטיין געבליבן,
ערשט נאָך קבלת־שבת אַהיימגעגאַנגען,
און אַזוי ווי איך פערשטיי ס׳טויבן לשון,
האָב איך דאָס ליד אַזוי וווּנדערלעך פאַרשטאַנען.

און דאָ איז עס וואָרט פאַר וואָרט מיט מינדסטן וואָרק,
מיט יעדן שאָקל מיט קעפּל — אויפגעשריבן :
„טויבן זיינען מיר, שיר־השירים טויבן,
בלויז פון אַ שטורעם־ווינט ווייט אַוועק פאַרטריבן.

„שאַרפער שפּיציקער בלויז אונזערע שנאָבלען,
הייזעריקער בלויז און רוי אונזערע שטימען,

די פעלדזן אַרום שטייניקע און האַרטע,
און אונזער שפייז וואָס צום ברעג קומט אָנגעשווימען.

„ווינטער קיין וואַרעמען דאַך, קיין קראָקווע ווו,
אין שטורעם און ווינט פעלדזן אונזערע בעסטער,
בלויז זע, אונזערע אויגן: „עיניך יונים״ — —
שיר־השירים־טויב אונזער לייבלעכע שוועסטער.

„און ווען עס קומט די קבלת־שבת־שעה,
צינדן זיך ליכטלעך אָן אין אונזערע אויגן!
הייזעריק אונזער קול, בלויז אונזער געזאַנג,
ווי אין טאָג פון אונזער היים אַוועקגעפלויגן.

„לבבתני באחת מעיניך — — —״
ווי אויסטערליש בין־השמשותדיק צעשריגן!
דייטלעך כ׳האָב אַלץ נאָכגעשריבן וואָרט פאַר וואָרט,
אָבער זייער האַרץ־צערייסנדיקן ניגון — —

## שוואַנען געזאַנג

ווי שוויגנדיק שוועבנדיק ס׳שווימט שניי־ווייסער שוואַן,
פון זיין שווער אַרויפגעשאַרצט שוואַרצלעכן שטערן,
מרה־שחורה׳יק טריפט וויסט־מבולבולדיקער בליק —
דאָס וועלן־געוויג ס׳וואָלט געווען זיינע טרערן.

שטייפקייט אין די פליגל, לאַנגע שטילקייט — דער האַלז,
גאַנצער גוף אַזוי ווערט נאָך פאַרגליווערט ווערן:
דאָס ווילדע געקוואַק, מבושימדיקער געטשוויטש,
זאָל עס זיין טויט זיין, זיין קול מוז ער דערהערן.

פון מעכטיקן פאַטש פון זיינע פליגל, די צוויי,
דער טייך־שפיגל צעפינקלט מיט טויזנט שפריצן;
די וואַסער־הינער, די ווילדע קאַטשקעס אַרום,
אויפגעשראָקן, דער הימל וואָלט זיך צעבליצן.

און דער זינגענדיקער פויגל הויך אויף שפיץ־בוים,
מיט אָפענעם מויל פאַרשוויגן ער בלייבט זיצן:
אַזאַ צעלאָזן זיך מיט צעפּאַטשטע פליגל,
נאָר איין גאָט נאָך קאָן באַהיטן און באַשיצן.

קייקלט אַ דונער אַוועק זיך אין דער ווייטנס,
איז עס אַ בייז־אַנצענדיקער געוויטער ?
נאַקעטער הימל אַ בלוטיק־צעשמיסענער,
פון טויזנט טריפנדיקע צעפּייפּטע ריטער —

איןווירבל־ווינט וויט־ווו צווישן וויסטע וואָלקנס,
ואַרפט זיך ווייסער שוואַן אין ווידוי־גסיסה־ציטער ;
ער צאַפּלט אויס און צוקט אויס לעצט געזאַנג־פּערלאַנג,
אַ לעבן־לאַנג געטראַגן שווערמוטיק ביטער —

— — — — — — — — — — — — — — — —

הויך אין די געדיכטע כמאַרעס הער דונער —
פון זיין געזאַנג דעם עכאָ קוים צו דערהערן !
ווי פּייערדיק עס בליצט און ווי ליכטיק עס ציקט —
מבולבולדיקער בליק אין מבול פון טרערן.

זיין שטאָלצער שלאַנקער האַלדז אַלץ ווייטער, אַלץ העכער,
גלייך ווי די גאַרע וועלט זאָל גאַנץ אים געהערן ;
זיינע ווייסע צוויי פליגל, שטיל אויסגעצוקטע,
דער וווּנדערלעכסטער רעגנבויגן זיי ווערן.

## צוויי סאָנעטן

1

עס יאָגן די וועלן צום ברעג אָן אויפהער,
ווייסן זיי פאַרוואָס זיי קומען און גייען ?
און איבער זיי פון די מעוועס דאָס שרייען — —
דעם פאַרוואָס און דעם צו וואָס, צי ווייסט דען ווער ?

ס׳רייסט זיך צו מיין אויגן איינגעהאַלטענע טרער :
כסדר דאָס שניידן און ווידער פאַרזייען
און וויפיל לעבנס עס זאָל נישט פאַרדייען,
דער בויך פון דער ערד ער וויל אַלץ מער און מער.

ביימל פאַרשפּינט אין אַ סוף־זומער־פּאָדים,
בייגט זיך ביים ברעג פון לעבן סמוטנער בן־אדם :
אַז וואָס ס׳זאָל נישט זיין צי גאָט צי די טבע

צו וואָספאַר אַ ציל און נאָך וואס פאַר אַ צוועק ?
און ס׳יאָגן מחשבות ווי וועלן צום ברעג
און דאָס געשריי אין מיר ווי פון אַ מעווע.

2

גערענק און געשריי, אָבער ווען שטיל אין מיר,
אַן ענטפער און געפרעג און אַן שום געדאַנק,
זינגט אַזאַ פאַרשוויגן מלאכים־געזאַנג,
זייער פליגל־געפלאַטער מיין יעדער ריר —

גאָט אליין כביכול אין מיר איך שפיר!
פאַרזייטער זוימען, צי געשניטענער זאַנג,
און מיין געצייטיקט לעבן צי קורץ צי לאַנג —
צו אומענדלעכקייט איז פאַראַן דען אַ שיעור?

ווי רואיק מיטאַמאָל די וועלן אין ים — —
גאָט דערשפירט אַצינד זיי האָבן מסתם!
ווי לאַשטשענדיק, ווי שטיל געוואָרן זיי זענען.

צום געשריי פון די מעווערס כ׳הער זיך שטיל צו:
אַ מחנה מלאכים פליען אַהין־ווו — —
וואָלט איך מיט זיי בלויז מיט־פלאַטערן קענען?

## ד א ל י ע ן

ווי שווער די דאַליען בייגן די קעפ,
זיי זיינען די לעצטע פון די בלומען,
זיי ווייסן שוין, ווי די אַנדערע
פאַרוויאַנען זיי וועלן און פאַרקומען.

שטאָלץ אויסגעשפיגן לעצטן בלוט־טראָפּ
עס האָבן די רויזן, און די נעלקן,
ווי שלאַנק זיי זיינען געשטאַנען,
ביז לעצטע רגע פונם פאַרוועלקן.

בלויע קאָרן־בלום און רויטער מאָן
צוזאַמען מיט די זאַנגען פאַרשניטן,
הימל און זון געטראָגן פאַר זיי
און פאַלן מיט זיי נישט אויסגעמיטן.

די דאַליען בייגן סמוטנע די קעפ,
אונטער די מאַסע פון זאַטע פאַרבן:
אין זייער פעט־און שווער־לייביקייט,
טראָגן זיי שוין דעם זוימען פון שטאַרבן.

# אן אלטער דעמב

1

אַלץ פֿון לעבן ווייסט ער שוין און אַלץ פֿון טויט,
אַז איבער אַכציק, און ווייט שוין אַריבער;
ווי געוויינטלעך, געווינט דערוויל צום ערשטן,
בלויז דער צווייטער, וואָס נענטערער, ווערט ליבער.

אַז אַ וואָרט מיט וועם צורײדן נישטאָ מער
זיצט מען גאַנצע טעג פֿאַגליווערט אין שווייגן;
טאָקע, אַלע פֿריינט זיינע זיינען דאָרט שוין,
ווו דאָס אָרט זיך באַזאָרגט, מען זאָל אים לייגן.

און פֿון וועמען טראַכט זיך, ווען אַליין מען זיצט,
אויב נישט פֿון יענע, וואָס ליגן שוין דאָרטן?
בלויז אַנומלט, ווי אַ פֿריינט, און נאָך מערער,
גאָר נאָענט ווער אים געוואָרן, דאָ, אין גאָרטן.

קיין נפֿש נישט, נישט אַ פֿייגעלע — דער ווינט
אויף אַ ליידיק צווייגעלע פֿייפֿט אומהיימלעך;
און יענער אַ פֿעסטער, אַ ברייט־צעשטעלטער,
שטייף־אָנגעכמאַרעט, פֿרעמד צווישן די ביימלעך.

צוערשט פֿון אויבן אַראָפּ, מיט אַ ווינק בלויז,
שפּעטער אַ קאָפּ־שאָקל, אַ שטיל־פֿאַרבייגן;
איצט ער הערט גאָרנישט אויף שוין, זיין מיט־שמועסער,
און ער — אייביק כאָטש צו האָרכן און שווייגן.

ער וואָרפֿט ווערטער, שווערע, טיף־פֿאַרוויקלטע,
מער צו זיך, ווי צו אים אַקייגנאיבער;
ווי שאַרף־שאַרסקע, ווי פֿערזשאַווערט־שאַרכנדיק
בלויז דאָס קול פֿון טאָג צו טאָג — נאָענטער און ליבער.

2

...אין איינעם אַ טאָג בייגט ער זיך אַריבער,
אַ סוד צו פֿאַרטרויען גאַנץ אויפֿן אויער —
ס׳ווייעט ווינד־וויאַנענדיק, וויוגע־וואָיענדיק,
זיין קאָפּ, אין ראָסע־הויך, שוידערט אויף גרויער.

נישט גלאַטע ווערטער קומען קאַלט פֿון אַ מויל,
און נישט אַ בבא־מעשה זיי דערציילן;

ס׳וואלט ווער פון אַ טאָפּ, אַן אַלט־פּאַרזשאַווערטן,
רענדלעך, באַהאַלטענע, שווער אַרויס ציילן:

„צוזאַם מיטן סוד מען וועט אים באַגראָבן,
און נישט לאַנג נאָך, נישט ווייט מער אים צו טראָגן״!
און ראַפּטום ווינד־געשווינד דרייט ער זיך גרינג אום,
און נעמט עפּעס אַנדערש׳ס צו אים גאָר זאָגן.

ווי קלוג־צעצויגן — ווי עס וואָלטן שאַרכן,
ווי אַ פּאַרצערט האַרץ פון צרות זאָל ריידן:
„נישט פּאַרשפּעטיקן מען וועט קיינמאָל דעם טויט,
כאָטש קיינער קאָן קיינמאָל אים נישט אויסמיידן —

„ברייט ברוסט׳קער דעמב טויט־ברוגז בלייבט פּאַרשוויגן,
ווערט לעצט געבליבן בלאָט אים אָפּגעריסן״.
אַלץ פון לעבן ווייסט ער, און אַלץ שוין פון טויט,
אָבער וואָס קאָן העלפן אַ סך דאָס וויסן?

שאַ, ווי שטיל, וואָסער טיפער סוד מוז דאָס זיין,
נישט צו דערכאַפּן שוין מיט הוילן אויער — —
ער ווערט׳ן געוווייער, מיט בליק פול טרויער,
ווען ער הויבט, שווידערדיק, זיין קאָפּ קאַפּויער.

* * *

ניין, קיינעם נישט אויספּלאַפּלען ער וועט דעם סוד,
זיכער ער קאָן זיין אין גרייז־גרויען אַלטן,
בלויז, ער ווייסט, אונטער בערגל ווייס אין ראַסע,
נאָך טיף־פּאַרבאַרגענער סוד ליגט באַהאַלטן.

ברייט־פּלייציק צעשטעלט, שטייט דער דעמב אין דער קעלט,
אַרום שווידערט אַלץ אין שטורעם־ווינט, קאַלטן,
ווי אין אַ מאַנטל, וואַרעם זיך וויקלדיק,
רונצלט ער פּאַרטראַכט אונטער קאָרע־פּאַלטן.

## אין א וואלקן, א פיאלעטן...

אויף האָר־שפּעלטל שוין אויסגערעכנט,
יעדער שפּרינג־דגינג, יעדעס שרייפל;
האַלב ביים ווענטל, האַלב נעמט צו דער ים,
אַ געשפּריץ פון חיסר און כיפל.

אויף דער מינוט און צו דער רגע,
אלצדינג ווי ביים שנירל געצויגן;
אַ דריק ביים קנעפּל און ס׳טאַנצט דער מענטש,
און ראַקעט צו דער לבנה געפלויגן.

און זע, די מענטשן — מאַריאָנעטן,
אין איין פעסטע האַנט אַלע פעדעם,
און ווי ס׳קלאַפּט דאָס צו דער סעקונדע —
עס ציט זיך די וועלט כימי־קדם.

„כשם שאני רוקד" פאַר גאָט,
כך אַצינד פאַר מעשענעם קנעפּל!
בלויז אַן טיפן דריק, אַן צי ביים האַרץ,
ווי וועט זיך באַלד פערדרייען דעם קעפּל.

אַ קניפּל אין פאָדים, אַ ריסל,
און עס פאַרפּלאָנטער זיך אינגאַנצן,
און אַנשטאָט אין פאָראויס — צוריק גאָר,
נעמען אַלע „ס׳רידקל" טאַנצן.

איך שווים, איך זשים, אויף אַ טרוים איך שוועב,
אין אַ וואָלקן אַ פּיאָלעטן —
כ׳בין אַ טאַנצדיקער מינוועט,
כ׳בין אַ פּאָעט צווישן פּאָעטן?

דער ים, דער מענטש, „לעמוסי בטן" — —
ווי ס׳הענגט אַלץ וווּנדערלעך צוזאַמען!
ביזט דו עס אַזוי געטלעך צעשיינט,
איז עס דאָס פּנים פון מיין מאַמען?

ס׳גייט, ס׳קומט, דור הולך ודור בא,
ווי דער ים, וואָס וויל נישט אויפהערן!
פון דער שטערן, פון די גלגלים,
דאָס געזאַנג מיינע אוירן הערן?

ווען איך האָב די אויגן געעפנט,
שטייט איבער מיר אַ „מעשן־קנעפּל":
„פּאַרשפּעטיק?" שמייכלט ער צווידייטיק,
„דעם לעצטן נאַכט־צוג קיין וויטשעפּל?"

# דאָרף־אידיליע

1

אַ שייער, אַ קו־שטאַל, אַ היי־בוידעם,
אַ כאַטע מיט אַ באַדעקטן שטרוי־דאַך;
פאַרחברט מיט אַ קאַלב, מיט אַ לאַשיק,
מיט אַ הונט קודלאַטע קאַלעגע פער פאַך;

ענטפערן אַ פערד אויף זיין געהירזשע,
אַ קלאַפּ אויף רוקן און ווערן אויף דו;
מיט פאַרטיפטן שכל מיך צוהערן,
צו לאַנג געצויגענעם קואישן מו.

יאָ, מיט גרויס כבוד גדול צוקוקן,
ווי זיינע הינער עס פירט אויס דער האָן,
און מיט אַ פויגל זיצן אויף אַ בוים,
צו באַגריסן די זון ווען זי קומט אָן.

2

די שטאָט ביז דאָ אַהער לויפט זי מיר נאָך —
אַ לאָקאָמאָטיוו וואָס האַלט אין איין פייפן;
אין איין ראָד איז לויז מסתם אַ שרייפל,
האַלט עס אין איין קלאַפּן הויל אין די שלייפן.

ווי ס׳בלענדן זשאַווערדיק מיינע אויגן,
אונטער זיי אַ געדריי פון שוואַרצע רעדער!
פאַלט די נאַכט אַראָפּ פון מיינע וויעס,
אַ טויב, אויפפלאַשנדיק, פאַרלירט אַ פעדער?

עפּעס הער איך איז אַראָפּגעפאַלן — —
ס׳שטרעקן זיך מיינע הענט עס צו דערטאַפּן!
זיי שטעלן שנעל אָפּ ס׳לויפן פון שטרעקעס.
און אין מיינע שלייפן — דאָס רעדער קלאַפּן.

3

ווי ס׳שמוצערט און צוויטשערט, וויוקעט און קוואַקעט
באַגינען איידער נאָך עס הייבט אָן צו טאָגן;
פון די גראָזן, פון די ביימער, פון טייכל
נעמט יעדעס באַשעפעניש זיין פסוק זאָגן.

דער „אויער האָן" האָט מסתּם אָנגעהויבן,
מיט קאַטשקעס און זשאַבעס, די פֿרומע ביידע;
און די שעפּעלעך אויפֿן באַרג צעוואָרפֿן,
זאָגן זיכער אַ פּסוק פֿון דער עקידה.

ווען הימל און ערד פֿאַרגייען זיך אַזוי,
ווער קאָן דעמאָלט אויפֿן געלעגער איינליגן?
דערמאָן איך מיך כ'בין אויך אַ באַשעפֿעניש,
און פֿאַל אַריין מיט טאַטנס „מה טובו"־ניגון.

4

וועקט ער די היגער פֿון שלאָף מיט זיין געקריי,
רופֿט ער זיך איבער מיט אַ האָן אַ צווייטן?
גאַנץ דאָרף איז, גאָט צו דאַנקען, אויפֿגעשטאַנען,
צו געדעקטן טיש מיט כּל־טובֿ אַ געגרייטן.

דאָס פֿערד שלעפּט זיך געגעצדיק צום טייכל צו,
טון אַ פֿרישן טרונק אויפֿן ניכטערן מאָגן;
שוואַלב כאַפּט שנעל אַ ראָסע־טראָפּל — אַ ראָסל,
נאָר פֿריער מוז זי איר ווייס בייכל אויסצוואָגן.

אין וואַרעם ווייכן גראָז ליגט זי נאָך, די קו,
און האַלט שוין מיטן אין גריזשן און מעלה־גירהן,
אָבער נאָך איידער מען קומט זי אויסמעלקן,
גיט זי ברוסט, איר ביקל־„בנאָק", איר טייערן.

5

זי ווייסט האָר געגוי ווען ס'קעלבל נעמט זי זייגן
און ווען דער פּויער מעלקן. זי זאָל אים נישט טון קיין בריק,
בינדט ער אַ שטריק אַרום איר לענד. און ווען ס'קעלבל זייגט,
זייגען זיי ביידע צווישן הימל און ערד איין שטיק גליק.

ס'דוכט זיך איר דער ביק קריכט איר אויפֿן רוקן אַרום,
און ניוכעט איר אין אויער אַריין עפּעס גוטס און הייס;
איר שווערער בויך ציטערט אויף פֿון אַזאַ זיסן פּיין,
מיט יעדן ציי פֿון פּיסקל, מיט יעטוועדן בייס און רייס.

ווי גוט קוקן גלאַט אין וועלט אַריין גרויס די אויגן!
עפּעס מוז ער דאָך זען איר מאַמעשי קוואישער בליק,
אַז זי שפּירט נישט צומאָל — עס אַרט זי ווי דעם קאָטער! —
אַרום איר פּייכטן פּיסק די זלידנע זשומענדיקע מיק.

6

ווי פון אַ באַרג ווו ווייט פייפט אַ פאַסטושקע פלייט,
איז מיט טויזנט טענער דער הימל צעמאָלן;
ווי שפּיציק יעדער פּינזל, דינינק יעדער שטריך,
דער שווערער פאָן — בלייכן שאָטנדיק די טאָלן.

דער רויזלעכער זוים פון בלוילעכן וואָלקנדל!
און דער זילבערנער זוים דאָרטן גאַנץ הינטן!
אַרויפגעכאַפּט זיך אויפן טאָפּל, אויפן שפּיץ,
כאַפּן־אונטער טענער — דרום־צפון־ווינטן.

פון איין שפּריצל בלויז מיינע שוואַרץ־אַפּלען בלויען,
פון אַזוי פיל הימל־בלוי זיי איבערגייען!
וואָס זע איך? האַרט נעבן מיר, פון גרויס התפּעלות,
פאַרגייט זיך אַ ראַבע־הון אין שווערע ווייען.

7

עפּעס באַוועגט זיך ווו, עפּעס באַלעבט זיך ווו,
איינגעהאַלטן געשעפּטשע צווישן די צווייגן,
פון שרעק הייבן בלומען אָפּענע אויגן אויף,
און די גרעזלעך די קעפּלעך מיט אַזוי פיל שווייגן;

פון יעדן שפּיץ־בוים אַן אויסקוקער אַ פויגל,
הינטער נידריקסטן גרעזל טויט שטיל די גרילן,
די שוואַלבן מיט זייער אַהין און הער שוועבן,
האַלטן דערשראָקן שוועלבל אין איין איינשטילן —

ווי וווּנדערלעך ווילד, מיט רויטן שנאָבל די זון,
פּיקט זיך לעבעדיק אויס פון די אייער שאָלן!
עס שיילן זיך קרישלדיק די בערג אַרום,
ס'צעפאַלן נעבלדיק פאַרשלייערט די טאָלן.

8

די דריי ווייסע טויבן וואָס זיצן אויפן דאַך — —
וואָלטן עס דריי שוואַרצע וואָראָנעס געווען,
אין שנעלן שליחות זיי וואָלטן געקומען,
פון אַן אומגליק וואָס גייט ווו איצט באַלד געשען.

די שוואַלבן טשוויטשערן פריידיק אויפן הימל,
פליען זיי אויף אַ חתונה אַזוי פרי?
דאַרף איך נישט זיין דאָרט דער באַשערטער וואָס קומט אָן,
איז וואָס זיץ איך אַ טרויעריקער דאָ הי?

די דריי ווייסע טויבן זיינען פון דאַך אַראָפּ,
און פון די שוואַלבן איז דער הימל שוין לער!
כלה־מתנות זיי האָבן מיטגענומען — —
מיין האַרץ אַ פאַרבלישטשעטס מיט אַ פרישער טרער.

9

ווי אַ קינד גראַבלט זיך די זון אויפן באַרג אַרויף,
ווען זי קומט אָן, אין איר פּנים נישט אַריינצובליקן;
ווי קיילעכדיק עס צעשטראַלט פון אַזאַ גרויסער פרייד,
וואָס ס'אַרויפקריכן אַזוי הויך, דאָך געקאָנט איר גליקן.

אַ צעהיצטע ווייסט עס מיט זיך נישט אָנצוהויבן,
הענגט עס זיך באַזנאַק אויף אַ קזשאַק, שטעלט זיך קאָפּ קעפּויער;
אָט קייקלט זי זיך גאָר איבגאַנצן צוריק אַראָפּ,
רייסט זיך בלוטיק אָפּ אַ שטיק באַק מיט אַ האַלבן אויער.

און זע, דורך יעדן הוילן שטרויעלע אויף איר וועג,
בלאָזט עס קונציק רעגנבויגנדיקע זייפן־בלאָזן;
די קלענסטע די פּיטשעדיקסטע הענגען נאָך אַראָפּ,
אין טויזנט און איין קאָליר פון די דינינקסטע גראָזן.

10

אַ פינקלדיק בלאַנקענדיק שייבן־שענקל
זעט אויס ס'דערפל הינטן נאָכן רעגן;
פון פיינעם פאָרצעלאַן די הייזלעך,
שוואַרץ־זילבער געדינט — די גלאַטע וועגן.

און דאָס אָנלויפנדיק קליינע באַנדל,
אָקאָרשט די שפּרונדזשינע אָנגעצויגן,
אין דעם איינגעשלאָפענעם וואָקזאַלעכל
לויפט עס אַריין — אין אַ רעגנבויגן.

ס'גאָטישע קלויסטערל מיט די טורעמלעך —
להבדיל בין קודש, ס'בשמים־ביקסל;
אַ גראַווירונג, אַ מגילת־רות־אַקוואַרעל —
אין האָבער־זשניווע דאָס זשוואַווע שיקסל.

11

ווי קליינינק דאָס פייגעלע און ווי גרויס דער הימל,
און ווי עס גיט זיינע פליגעלעך אַ צעשפּרייט;
מיט דער זיסקייט פון זיין געזאַנג, מיט זיין הויכן פלי,
די ליידיקיט איבערגייט מיט ווייט און מיט ברייט.

שתי־ווערובדיק מיט זיין שווערבנדיק וועבן,
דורכזיכטיק־זיידן און אומענדלעך עס פֿאַרזינקט;
גאַנצער הימל — אַ בלויער פֿויגל, אַ צעגלאַצטער!
ווי פֿליגלדיק־בלאַנק און איין־אויגלדיק עס ווינקט.

די זון, די פֿליגל צעפֿלאַשעט צעשפּרייט צום פֿלי,
אויף טאָפּאָל — אויף איין פּיסל אַ פֿויגל זי שטייט!
און דאָס פֿאַרמאַטערטע האַרץ פֿלאַטערט באַפֿרייט אויף,
אַריינצופֿאַלן אין געזאַנג־ און שוועב־באַגלייט.

12

ווי ליבלעך ווי זיס עס וויגט זיך דאָס האַרץ,
אין שטראַלן געפֿלאָכטן גין־גאָלדן וויגל;
איבער דיר יענער חלומל מלאך,
ער וויגט עס מיט פּערלמוטערן פֿליגל.

אַט שטעלסטו דעם ערשטן שריט, שוין גייסטו,
און ביז צום הימל נאָך איין זילבער שטיגל —
פֿון דיין געבונדענעם לייב און לעבן,
אַראָפּ איז נעבל־פֿאַרכישופֿטער עגול.

איך זע עס, ווי פֿון ווייטן דאָ דער ים,
אין לאַפּיס־לאַצולי איינגערעמט שפּיגלט:
עס איז די ליבשאַפֿט אין מענטשלעכן האַרץ,
מיט אַ טרער פֿון אויג אייביק געזיגלט.

13

אָ, אַז די ליבע אין מענטשלעכן האַרץ,
אַז זי איז נאָך נישט אינגאַנצן צעשטערט — —
ווי צעהיצט אַ פֿערד און ווי אַ זוימען־קערנדל
ס׳דערשמעקט וואַרעם די דאַמפֿנדיקע ערד.

אויף מיליאָנען שפּליטער דער ערד־קיילעך,
אפֿשר ווערן צעשפּליטערט און צעשטויבט,
אָבער דאָס האַרץ וואָס צעריסענער ס׳ווערט,
אַלץ גאַנצער און אַלץ העכער זיך דערהויבט —

אינמיטן זיין פֿונקען־ און שטויב־געלויף, —
אונטער זיין טראָט צעשאָטן שוין די ערד!
און מיט זיינע אויגן, צוויי צעפֿלאַמטע,
אַן אויפֿגעלויכטענער בלייבט שטיין דאָס פֿערד.

14

דאָ הערט אויף מחיצה־פּלויט צווישן לעבן און טויט,
דאָ, נאָנט צו דער ערד איז מען געוואַקסן דעם לעבן,
און דאָס באַליידיקטסטע און אויסגעליידיקטסטע האַרץ,
ווערט פול דאָ מיט גוטסקייט צו יעדן און מיט פאַרגעבן.

אין „בלינדן־שריפט״ זיינען פאַרטיפט דיינע פינגער:
אַט אַ שאַרף גרעזל, אַ שטעכערל, אַ צאַרט בלימל;
דיינע פאַרלוירענע אויגן, בלוי איבערלאָפּן,
זיינען צוויי טראָפּן פאַרלוירן אין טיפן הימל.

און אויב אַ זשוק, אַ מרוק, וואַקלט נודנעדיק קרום אָן,
פון זיין ביטער לעבן ער וויל נעמען דערציילן,
קומט אונטער אַ „משיחל״, הכנעהדיק־נאָנט און שטיל,
און גלויביק ווי אַ קינד, די פינטעלעך נעמסט ציילן.

15

פון עפּל־סאַד הינטן ביז אויף באַרג דאָ אַרויף,
אַ וואַקלדיקער „קאַראַוואַן״ מיט האַק און פּאַק,
אַרויפגעשלעפּט האָט זיך דער שליימיקער שניעק —
גלאָטער אַספּאַלד זיין סערפּענטין־שליאַד־שלאַך־ציק־צאַק.

פּראַזשעקטאָרס שטרעקן זיך קונציק זיינע פּילערס,
פלינק זיי דערשמעקן קלענסטן שטרויכל און געפאַר;
איינער אַ פּילער קערעוועט זיך אין מיין זייט,
קורטשענדיק זיך פאַר שרעק בלייבט ער שטיין שטייף און שטאַר.

נאָר שנעלער ווי מיט שנעל־צוג, פליער און ראַקעט,
ער קומט אָן יעדע רגע צו ציל און צום צוועק,
און אייביקער ווי קאָנקריד געפלאַסטערטער שליאַך,
איז דער שליימיקער ציק־צאַק־סערפּענטין פון שניעק.

16

אַזאַ הייליקע מיט שטראַלנדיקע הערנער,
דרייט זיך אַ פאַרקלערטע קו אַרום אין זון,
וואָלט זי איר קלוג מויל געעפנט און צערעדט זיך,
ווער ווייסט וואָסער סודות געקומען דערפון.

איך הער זיך צו צו יעדן גריזשע, וואָס זי טוט,
און צום ברומען, וואָס הערט זיך טיף פון איר בויך,
ווי ערלעך אירע צוויי אויגן קוקן מיך אָן,
קיין פיצל פניה, פון קנאה שנאה קיין הויך.

איך הייב שיעור נישט אָן צו פֿאַרשטיין יענעם אינדיער,
וואָס פֿאַרבייגט זיך טיף ביז צו דער ערד פֿאַר איר,
און מיט דעם אומריין, וואָס זי לאָזט אַרויס פֿון זיך,
טוט ער זיין מענטשלעכן שטערן אַ באַשמיר.

17

דער צעקרומטער עפּל־בוים אינם כאַטע־פֿענסטער,
ער ווערט ערשט אַזוי דייטלעך אין דער לבֿנה־נאַכט;
זיין טונקל גרין אויפֿן העלן ליידיקן פֿליין,
האָבן אים צוריק פֿאַר אַן עפּל־בוים געמאַכט.

אַ פּעכער, פֿליגן מיט אים צו יאָגן זעט ער אויס,
אין זון, ווען די בהמות ליגן פּראַכעדיק אַרום;
שווער אָטעמען די בייכער, מיד פֿאָכן די עקן,
און זיינע צווייגן יאָגן דעם פֿליגן־געזשום.

ערשט אַצינד, אין אויסגערוטער שפּעט נאָך האַלבער נאַכט,
ווערט ער צוריק אַן עפּל־בוים, צעקרומט, צעקנייטשט, אַלט,
ווי געבויגן אונטער דער שווערער משא ער שטייט!
מען הערט ווי פֿון אים אַ ווערעמדיקער עפּל פֿאַלט.

18

דער קודלאַטער הונט וואָס ליגט אויף דער זון,
ווי רואיק ער זוכט די פֿליי אין זיין פֿעל,
דער אַלטער פּויער מיט פּייקע אין מויל,
שטייט רחבֿותדיק אין ווייסן העמד אויף שוועל.

צומאָל דער הונט ווייסט אַז ס׳איז זונטיק היינט,
אַנדערש קוואָקן די הינער, קרייט דער האָן;
ווי ער וואָלט זיך דאָס בלאָסטע זיידן העמד,
דעם הימל לכּבֿוד היינט אָנגעטאָן.

כמאַרען זיך, אַלטע, די ראָפּע אויגן,
אַ מאָרדיטשקע בלענדט זוניק זייער בליק:
ווי עס בייסט דאָס די פֿאַרשיווע גריווע,
נאָך יענער צייט וואָס קומט נישט מער צוריק.

19

ווען די צעוואָרפֿענע לעמער אויפֿן באַרג,
די טומאהלע־גלעקלעך קלינגען הערן,
הויבן זיי די אויגן אויף מיט אַזאַ שרעק,
זיי מיינען מען קומט די וואָל זיי שערן.



20

איז עס נישט ווי מען וואָלט די שערלעך געשלייפט?
פון מורא שטעלט זיך די וואָל קאַפּויער;
נישט נאָר האָרכן גרויס אויף זייערע אויגן,
זיי בלייבן שטיין אינגאַנצן בלויז אויער.

ערשט ווען זיי הערן דאָס שטילע געבלעקעכץ,
לאָזן זיי די קעפּ צוריק אַרונטער,
און זיי צעבלעקן זיך אַלע צוזאַמען,
שיכורלעך אַזוי, זונטיקדיק מונטער.

20

אַז מען זעט אַזאַ שטיקל ערד ווי דאָ,
מ׳איז נישט מער קיין פּיראַט, רייצן נישט קיין גליקן;
מען שלעפּט מיטן פערד צוזאַם דעם אַקער,
און דער עפּל־בוים טוט אויג און האַרץ דערקוויקן.

אַז מען האָט אַזאַ שטיקעלע ערד ווי דאָ,
מ׳לאָזט זיך נישט מער איבער וועלט מיט מאַסט און זעגל;
דער עפּל־זאַפט סיידער פאַרן ווינטער,
און דעם אויסגעפּרוווט ביים שפּיל פון קעגל.

אַז מען ליבט אַזאַ שטיקל ערד ווי דאָ,
איז מען פאַרברודערט מיט גאָט, מיט מענטש, מיט חיה;
דאָס ווייב און דאָס קינד, דאָס פערד און דער הינט,
איין משפּחה אַרום טיש — אַרום ערד געטרייע.

21

דאָ הערט אויף מחיצה־צוים צווישן בעל־חי און מענטש — —
און אויב פאַרן געשפּאַן ווערט איינגעשפּאַנט דאָס פערד,
שטופּט דער מענטש אונטער דעם וואָגן ווען דער וועג ווערט שווער;
פערד שלעפּט דעם אַקער, מענטש גראָבט מיט שפּאַדל די ערד.

הונט לויפט נישט אין געוועט, ביי דער זייט חבריש ער גייט,
און נישט ווילד אין גאַלאָפּ העצט פערד אין געיעג;
אַזאַ שלוהדיקע רחבות איבער ווייטן פליין,
און איינער דעם אַנדערן שטייט נישט אין וועג.

געביידע איבער געביידע הויבן זיך די בערג,
שפּיגלדיקע הימל־פענסטער פראַלט שטאָק אויף שטאָק!
קיין פאַבריק־קוימען, רויכערדיקער, קיין סירענע — —
שאַ, שוין ווידער ווו וויט וועקט אָוונט־געבעט־גלאָק?

22

די שלאַנק־לאַכנדיקע ווייכע מאָרדע פונם פערד,
אַרום די טויזנט ניוכנדיקע פעלדלעך און קנייטשן;
דער טיפער טרויער אין די שטילע גרויסע אויגן,
די גערשנטע שרעק פאַר די פאַכנדיקע בייטשן.

ווי קלוג ער איז, זיין האַלטן זיך און זיין עכטער שטאָלץ,
אַלע אין דאָרף דערקענט ער אין גאַנג, אין שריט, אין באַוועגן,
און דער פריידיקער הירזש זיינער ווען ער דערזעט וועם,
אַ ברייטן „האַו־דו־יו־דו" ווי ער וואָלט יעדן געגעבן.

ווען אַ קאַר יאָגט פאַרביי, גיט ער אַ שאָקל מיט קאָפּ,
ווי געזאָגט: וואָסער ווערט האָט אַ פערד היינטיקע צייטן?
אַ גאַסט ברענגען צום צוג, מ׳פלעגט סטענגעס פלעכטן אין מיין עק!
און אין מיין גזשיווע — צעפלעך מיט די בונטעסטע קווייטן.

23

איך הער שוין דאָס קלאַפּן פון די רעדער,
און דאָס שווערע סאָפּן פונם לאָקאָמאָטיוו;
„ציש־ציש־ציש!" הירזשעט נישט דאָ ווו דאָס פערד?
ווי ס׳קוקן מיך אָן צוויי שליפּיעס ליכטיק נאַאיוו —

היימיש־מענטשלעך, גרויס־שטאָטיש־ווילעריש,
מיט אַ פייף און מיט אַ שפּריץ פון צווישן די ציין:
„פון אונטן גייט אַ פאַרע, פון אויבן רויך" —
„צששש־ש", אויב נישט אויף ווינק, מיט געפינק אַלץ שוין צו פאַרשטיין—

פול גרוסן כ׳פיר אַ גרויסן טשעמאָדאַן!
בפירוש איך הער די קאַץ שיקט אויך מיט אַ גרוס:
„מיאו, מיאו, מיאו — —" און איז עס נישט ווייל כ׳פאָר שוין,
פאַרציט זי זיס ס׳פּיסקל מיט געמאַכטן פאַרדרוס?

24

וואָלט ער נאָך געקענט אַ שמייכל טון, דער הונט,
גאַנץ ווי זיין בעל־בית וואָלט ער אויסגעזעגן;
ווו געגאַנגען איז ער מיר נאָכגעגאַנגען,
ס׳זאָל מיר חלילה קיין בייז נישט געשען — — —

איז עס געווען כיטרעקייט, צי גאָר פריינטשאַפט,
וויפיל כ׳האָב נאָכגעטראַכט נישט געקענט דערגיין!
בסדר קוקט ער מיר אין די אויגן אַריין,
איך אים, פון דער זייט, אויף די שאַרפע ציין.

ער האָט מיך באַגלייט ביז צום לעצטן דאָרף־הויז,
און מיר האָבן זיך פֿאַרשטאַנען אויף ווינק:
אין קליינעם דערפֿל דאָ, אין דער גרויסער שטאָט,
דאָס הינטישע לעבן אינערגעץ נישט גרינג.

25

הייב איך אויף מיין בליק צום פֿייגעלע אויף בוים,
האָט עס מיך דען נישט אויך באַשיידן שטיל באַגלייט?
עס האָט דאָך פֿליגעלעך און עס קאָן פֿליען,
און געוואָגט אַזש ביזקעל דאָ אַהער אזוי ווייט.

ווי קליין עס איז, ווי פּיטשעדיק און ווי גרינג,
פּוכיקט זיך בייכל אים און ס׳גלאַנצט, גלייך ס׳גייט אין גאָלד;
און מיט איין אייגל ווי עס בלינצלט און בליקט,
און נישט זינגען, נאָר ווי ריידן עס וואָלט געוואָלט:

אמת, אין קליינסטן דערפֿל ווי אין גרעסטער שטאָט,
דאָס פֿויגל־פֿרייע לעבן אין ערגעץ נישט גרינג;
אָבער צי קאָן זיך דען ווער צו אונז פֿאַרגלייכן,
ווען דאָס האַרץ גיט זיך אַ צעפּלאַטער און טוט אַ זינג?

26

נישט מיט אַ צווייגל וואָס הייבט שוין צו וועלקן אָן,
ווינקט מיידליש־באַשיידן אַ ביימל ווייט־ווו —
מיט אַן עפּל אַ האַלב־צייטיקן, פֿאַררויטלט,
שאָקלט עס אַ נאָנטן באַקאַנטן אייליק צו:

ווערסט דיך נאָך דאָ אַריבערכאַפּן אַמאָל,
ווי אַ יינגעל עפּל רייסן איבער אַ פּלויט,
כ׳וואָלט נאָך געוואָלט, זאָגט עס צוריקגעהאַלטן,
זאָלסט מיך זען ווען מיינע בעקלעך ווערן רויט.

קוק נישט אויף מיין געשטעל קרום צעבויגן —
וואָס מער אָנגעלאָדן אַלץ נידריקער געבוקט — —
איך הער נישט מער צווייגל־געשעפּטש, איך זע נאָך,
דעם האַנט־קוש־שקיעה־בליק, ווי בענקנדיק ער קוקט — — —

# דער אינזל-פעלדז

(מיט־געבערענגט פון „האַלידעיס" פאַר די „פריינט פון יידיש לשון")

## קאַפּיטל איינס

1

אָפּגעריסן אַ שטיק פון דער ערד?
אויסגעשפּיגן אַ פעלדז פונם ים?
ווער ווייסט וויאַזוי אַן אינזל ווערט.

און די אומה אויף איר וויאַזוי?
ס'איז אַנטרינען אויף איר מסתם,
אַ פּיראַט מיט געפאַנגענער פרוי.

און צווייטער פון ווו, דריטער פון דאָרט,
און נויט און געפאַר בינדט זיי צוזאַם,
ווי ס'ווערט אַ טראַטוואַ ביים ברעג אַ פאַרט.

2

פאַרבלאָנדזשעט שיף אין נעפּל און ווינט,
ביים געראַטעוועטן אויף אַ ברעט,
דערטאַפּן זיך הענט פערחלשט בלינד;

מיט פאַרמאַטערט־לעצטן אָטעם צי,
דעם אינזל ברעג קוים נאָך ער באַטרעט,
ליגט אַזוי ביז שפּעט, ביז אין דער פרי —

זון איבער קאָפּ, ערד אונטער זיין טראָט,
פאַלט ער אויף די קני אין אַ געבעט,
זיין פאַרוואָרצלט האַרץ טורעמט צו גאָט.

3

אַז געשריי פון די מעווע צומאָל,
אַזאַ פריידיק אויסגעשריגן ליד,
קומען אַן פאַרבלאָנקעטע פון טאָל,

דער מיט אַ שווערד־האַק, דער מיט אַ שפּיז,
איינער ווער מיט אַ בוך, אַ מין ייד,
געראַטעוועטער דאָ, מסתם איז.

מיט גלי אין אויג מ׳רעדט זיך צוזאַם,
ווערן אַקער־אייזנס אויסגעשמידט,
פּאַר שטיקעלע ערד אין מיטן ים.

4

ברענט אַ ליכט אויף אין די נעפּל־נעכט,
אין גאַטס הויז אויף שפּיץ־פעלדז אויפגעבויט,
אַז מענטש׳ס האַרץ זאָל ווערן אויפגערעכט.

און ווען פון ווו אַ שקלאַוו ווען פאַרשווינדט,
אַ פאַרמשפּטער לייב־קנעכט צום טויט,
אַ מקום מקלט דאָ ער געפינט.

ווער, ווי די באַווינער דאָ, ווי זיי,
דעם ים און די ערד גאַנץ זיך פאַרטרויט,
ווייסן וואָס מיינט געפינען די פריי — —

## קאַפּיטל צוויי

1

צי קאָן אַ פעלדז דען וואַקסן נאָך מער ?
יאָ, מיט געביידעס מיט שטיין אויף שטיין !
און צי האָט שוין אַזוינס געהערט ווער,

אַז טיפער נאָך פון דנאָ פונם ים,
גראָבן פון זילבער־און קוילן־מיין ?
בלויז פון קנאה דער גיפטיקער סם —

בלויז ער נאָר, פון די ביידע די צוויי,
נאָך העכער און נאָך טיפער קאָן זיין,
און נאָך שטאַרקער, ווי ביים שקלאַוו די פריי.

2

קויל־שוואַרצער וואַלד זשמורט׳ זילבער־בלאַנק־בליק,
מיט זיין נאַקן די זון ער פאַרשטעלט,
נישט צו געבן קיין קוק אויף צוריק.

סטאַדעס שעפסן זיין לאָקיגער קאָפּ,
ווי גאָלד־געצייטיקטער ווייצן־פעלד,
בלאַנקט באַרד בלאַנד־בלאַנק איבער בויך אראָפּ.

קומען פון זאַקסן אָן די לאַנץ־קנעכט,
פון נאָרמאַנדיע געפּאַנצטער העלד,
מען ברענט די סנאַפּעס, די שאָף מען שעכט.

3

שטורעם־ווינט וואַקסט אין אים ווילד געשריי,
זיין בליק אַ בייז־צעבליצטער פאַרדאַכט:
קאַנען שקלאַוון קיינמאָל נישט ווערן פריי ? ! . . .

און נישט ווערטער — קרישלדיק געשטיין,
שיט זיך, ווען ער ווערט פעלדז־שטאַרק פאַרטראַכט,
קוועלכל־גערין דערשטיקט געוויין:

וואָלטן זיי בלויז די שפּיזן געהאַט,
נישט אַקער־אייזנס פון זיי געמאַכט,
אַז זייער מי איצט זיגער מאַכט זאַט.

4

ס'איז דער מיט די שריפט שולדיק דעריין,
די שקלאַוון בלויז צלמל געמאַכט,
און נישט פערשטאַנען צומאָל דעם זין . . .

פייערל, וואָס אין אויג אים געגליט,
מורא געהאַט פאַר שפּיז, פאַר איר מאַכט,
און אין אַקער־אייזנס זי געשמידט.

שטייף־פאַרשטיינט בלייבט ער שטיין דער פעלדז־ריז !
און עס האָט זיך דער ים ווילד צעלאַכט,
מיט טויזנט צונגען ביי זיינע פיס.

## קאַפּיטל דריי

1

ס'הויערט דער פעלדז, קאָפּ שווער אויף קני,
גרייז־גרוי קרייזלט זיך באָרד, שפּאַלט אויף שפּאַלט, —
טונקל פונקלט שוין אין בליק דער גלי.

נישט פאַר, נישט צוריק — אין זיך אַריין
ער קוקט, ר'איז מיד, און שוין גענוג אַלט
אויב נישט אַלץ, — עפּעס כאָטש צו פאַרשטיין —

יענעם נאַרן... אָבער זיך אַליין ?!...
קלוג זיין שמייכל אין באָרד אַריין פּאַלט,
נאָך טיפער אין זיך ער קוקט אַריין —

2

קאָפּ — אַ וואַלד, פאַרוואַקסן באַלד מיט מאָך,
פול בראָדעוועקעס גערונצלטע באַק,
יעדער דעך אין האַרץ שאַרפער שפּיז־שטאָך:

אָך, דאַכט זיך, צייט פאַרשטיין לעבנס־תוך,
און דאָך די אַלטע האַנט די שווערד־האַק
האַלט זי — דער יאָך ווערט אַלץ פעסטער נאָך!

פּאַר מינדסט פליגעלע מיט לעצטן פּאָך,
גוטינקער ביסן נאָך, — ווי געשמאַק, —
קליינסט ווערעמל, מיט בייכיג געקראָך.

3

אַלץ וויל לעבן, איינס ס'אַנדערע פרעסט!
אָבער פול רחמים מעווע צומאָל,
ווען עופעלע איר'ס זי שפּייזט אין נעסט.

פאַרנעפּלטער בליק פּאַלט צו טויט־מיד,
און זע, אַרויפגעקראָכן פון טאָל,
מיט בוך אין האַנט, קומט אַן יענער ייד.

„ווידער צוריקגעקומען, כ'בין דאָ,
אָבער אַצינד שוין צום לעצטן מאָל,
איך וואַרט נאָך אַלץ אויף די רחמים שעה...“

4

און אויף שפּיץ פעלדז אַ ליכט ווידער ברענט,
ווי די זון אַזוי ווונדערלעך גרויס,
ברעג — איין געוואַלטיקער פּאַרט אָן־ענד.

און שיפן אַן צאָל באַלאָדן שווער —
נישט בלויז ס'טויש־און קויף־זילבער אַרויס —
זיי ברענגען ס'גאָלד פון דער וועלט אַהער.

נעכטיקער קנעכט בעל בית איבער זיי!
און עפּעס זעט גאַנצע וועלט איצט אויס,
אַ שקלאַוו אָקאָרשט אַרויס אויף דער פֿריי?

## קאַפּיטל פֿיר

1

צי ווייסט ווער ווי אַן אימפּעריע ווערט,
ווי אַזוי מען באַהערשט האַלבע וועלט?
אין איין מאַכט געבונדן בוך און שווערד.

לינקס. רעכטס? — שווערד פּאַכעט תמיד גערעכט!
קאַנטשיק גלעט, ווען טייטל די שריפֿט קנעלט,
הערשער פֿון אייגענער מאַכט ווערט קנעכט.

אין בלוט־געררוך אָבער שטינקט דאָס בוך,
און ס׳זשאַווערט די שווערד פֿון קליגסטן העלד,
און גאָט׳ס הייליק וואָרט כשוף־שפּרוך —

2

אַרום פֿליך, טייוול־גיך, אַ געקרייז,
איבער פֿאַלדן פֿערשטייפֿטן געניק,
קריכט אַ שד מיט הינעריש געשפּרייז.

כאָרכל־געיאָמער בצחון־געשריי,
אָדלער יאָגט רציחיש נאָך פּאַרציק!
און יאָגט זיך נישט זון מיט איר געדריי,

מיט איין שלונג איינצושלונגען די ערד?
אין פּאַנצער אַ מין שפּאַרבער, איין פּיק
און גאַנצע וועלט ווערט איבערגעקערט — — — —

3

ער זעט אים קוים, ער הערט אים נאָך בלויז,
אַ שטורעם אויפֿן ים זיך צעבליצט,
שוים אויף ליפּן צעכוואַליעט געברויז —

ווי פֿון אַ בוך אַרויס עס לעזט: „ווייס,
צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי דו ביזט איצט,
איבער דער גאָרער וועלט שוין איך שפּרייז;

„און ווו בלויז געווען, מען קאָן דאָרט זען,
יעדעס ווינקל מיט מיין בלוט באַשפּריצט.
אָבער אויב איצט עס וועט נישט געשען —

4

„אויב נישט דערלייזט דער מענטש און גאַנץ פריי,
גערעכט דער הערשער, ערלעך דער שקלאַוו,
אויפפלאַצן ווי אַ פאַרשטינקן איי,

„און ווי פוילע ווערעמדיקע ניס,
,צו לצו, קו לקו קו לקו׳ — —
וועט די ערד און אַלץ וואָס אויף איר איז — — — —“

גאָר נישט מער אַרום, ברויז־גערויש בלויז,
פון בוך דונערט דאָס צעבליצטע כתב,
עס לייענט זיך פון אַליין אַרויס.

## ארום פעלזן-שפיץ

### טשערעפּאַכע און אדלער אלעגאַריע

דער אָדלער שוועבט אין זיינע ליכטיקע הייכן,
ווער קאָן זיך דעמלט צו אים דען פאַרגלייכן ?
ווער דאָס געקלאַפּער פון די פליגל דערהערט,
ווען שטאַרבן ער לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער ערד,
אַן אייביקע שרעק פאַרגליווערט אין דעם ווערט.

דאָס ווייס־גרויע געקרייז אין דעם טיפן בלוי —
אַ שטיין געוואָרפן אין וואַסער ס׳פליט אַזוי,
איינס אין אַנדערן רענדערן זיך רעדער — —
אויף זיין לעבנס־ברעג אין שרעק שטיין ס׳בלייבט יעדער !

די רויטע גראַטשעס מען דערזעט, די נעגל,
אַן אויסגעשטשערבעט שאַרף־אויסגעפּיילט זעגל.

און ערשט ווען מיט איין שאָס אויף פעלדזן אַראָפּ,
כולו שנאָבל גאַנצער גרוי־צעגלאַנצטער קאָפּ —
עס וואַקלט די ערד, שטיין ער בלייבט אויף איין פוס.

די מאַיעסטעטישע טויט־שטילקייט אַרום,
קיין פּיפּס, קיין שאָרך, קיין ברום, מינדסט געזשום.

„איך וועל שוין ווען אַ כאַפּ־טון מיט אים מיין שמועס,
יבוא יומו, צו וואַרטן כ׳האָב געגוג צייט״.
רעדט צו זיך די טשערעפּאַכע אין דער זייט,
פאַר שרעק — אַ שרויף אין איר שאָל אַריינגעדרייט.

אַ מתושלח־לעבן לאַנג זיך געגרייט,
און זיך דערוואַרט צום געפּלאַפּל פון די רייד !

נישט סתם אַ שמועס צווישן צוויי, אַזוי־זיך בלויז,
און נישט גלאַט ווערטער זיינען עס געווען —
זי האָט ווי פון אַ „מעבור־יבוק״ אַרויס,
דעם אָדלער די „ווידוי־גדולה״ געלעזן :

... איז אויסגערעכנט אויף אַ האָר יעדער ריר,
איז דאָס לעבן־גאָר אַזאַ לאַנגער שפּאַציר ;

גאָרע ערד נאָר אַ שוועל פאַר געהיימער טיר,
גייסט, גייסט, אָן אייביקייט, אָן אויגנבליק,
דאָס האַרץ אין דיר אָן אויפהער: טיק־טיק, טיק־טיק,

וואָס פּאַמעלעכער, די דערוואַרטונג אַלץ גרעסער,
וויפיל ריגלען, וויפיל זיגלען, וויפיל שלעסער —
וואָס לענגער ס'דויערט — אויסגעשטאַנענער בעסער,
אַלטער וויין אין מילב־צעפּרעסענע פעסער.

קייקלדיק, וואַקלדיק פאַרשטעקט אין שאָל־פּאַנצער,
אין זיך באַהאַלטן, מ'ווערט ניכטערער, גאַנצער.
פלאַטער־געמאַטער, נידריק־טיף, פלאַכע הויכן,
רק אין עטער, צי אין ימים זיך שפיגלענדיק טויכן,
נענטער צו זיך אויף קיין האָר עס קען נישט ברענגען —
אייביק אזוי אין דעם צווישן מען בלייבט הענגען!

אָפּגעריסן פון דער מענטשלעכער גוטער ערד,
און קיין מלאך אין הימל קיינמאָל נישט מען ווערט.

ווער ס'צער'ט נישט אַליין, געקערט אין זיך אַריין,
דער ווערט נישט דערשווימען, דערפליען, דערגיין,
דער בלייבט שוין ווי ר'איז, קיינמאָל צו ווערן בעסער —

דיינע פליגלען — צוויי בלאַנק־געשליפענע מעסער,
נאַקעטע קלינגען געצוקטע פון די שיידן;
דיין ווילדן פיק, פלינקן פאַרציק — ווער אויסמיידן,
אַז שוין שאַרפער שנאָבל שלינגט אינגעווייידן.
הייבנדיקע האַק אין האַנט פון אַ טעסער.

פאַר אַלץ וואָס לעבט, שוועבט, דיך באַגעגנט אויף וועג,
דיין שפּיציק געביס אַ גיפט־פאַרזשאַווערטע זעג.
דיינע גלי־אויגן — גרויס־צעפלאַקערטע פלאַמען,
פון וויטן שוין ס'קרבן פאַרטומלען, פאַרתמען.

דיין פאַנג איז פלינק, ווי דיין טויך טיף איז דיין פלי־הויך,
אָבער זעטיקן דיין אויג, שווערער ווי דיין בויך!
זעסט, געלאַסענער פון מיין גאַנג אַרבעט מיין מוח,
אויב „וויסן איז מאַכט״ — געוויסן שטאַרקער פון כוח!

בכוח צו זיין, און אפשר גאָר האָבן אים אויך,
נאָר איינציען אים קענען, ווי מ'שנאַלט איין אַ בויך — —

ווי הויך אין די וואָלקנס ס׳פּלאַטערט נישט מיין פּערלאַנג —
לייביק נאָנט צו דער ערד, גיי איך מיר מיט מיין גאַנג.

נישט איך שיפּע ווי אַ שלאַנג,
נישט איך וועק מיט געקריי,
נישט איך שרעק מיט געבריל,
שאַ,
שטיל,
האָרך,
קיין שאָרך,
קיין קלאַנג,
אָן „קררא״,
אָן געשריי;
מיט קאַלטער לונג,
אָן געשפּילטן שווונג,
צומאָל אָן שוואַנען־געזאַנג.

כ׳בין נישט קיין כ׳וויס ווער,
קיין הייליקער, קיין העלד,
„לעבן און לעבן לאָסן;
כ׳רייס נישט איין קיין וועלט!
וואָס שוין מיט איר דער מער?

ביי קיינעם גאָרנישט איך מאָן;
טרעף איך עפּעס ריכטיק׳ס אָן,
צי מ׳טאָר נישט,
צי מ׳מעג נישט,
כ׳פּרעג נישט.

צי ס׳טויג,
צי נישט,
כ׳מאַך צו אַן אויג;
ס׳מויל שטיל אָפּגעווישט,
און ווייטער דער זעלבער איך —
כ׳קריך.

געבריל,
געברום,
געזשום,

געפּייף;
איך קוק מיך נישט אום,
ווען צומאָל שוין גאָר פאַרדריסלעך.

פאַנצער־שאָל שטאָלט רוקן מיר שטייף,
און אויסגעטראָטעטענעם גאַנג,
ווייטער איך וואַקל.

„דראָד און דרום, דראָד און דרום",
רירעוודיק, קוים־רירנדיק אַזוי,
טרעטן גרייז־גרוי,
מיינע אַלטע־פּלאַטע שפּרייז־פּיסלעך.

ווי צווייי און צווייי — פיר,
אַזוי דער אויסגעחשבונטער סך־הכּל,
פון מיין יעדן באַוועג,
פון מיין יעדן ריר.

ביי קיינעם נישט איך פרעג:
וואָס איז גאָט,
פון לעבן דעם סוד,
וואָס מיינט בייז,
פון טויט דער זין;
צי גאָר: אין סוף פון די טעג,
וואַהין פירט לעצטער שטעג.

ווייס איך וואָס,
שפּעטער צי פריר — —
ווי לאַנג כ׳לעב, — כ׳האָב צייט!

ווילאַנג כ׳שפּיר,
מיט מיין נאָז,
אַ בלעטעלע גראָז,
כ׳דערזע אַ פלאַטערל־שוועב,
אַ שפּין אין געוועב,
בין איך דאָס,
וואָס איך בין,
און ס׳לעבן האָט אַ זין.
מיט מיין שריטעלע, שרעטעלע־גרויס,
גיי איך ווייט־פאַראויס,
די צייט.

איך ווייס:
נאָך אלף — קומט בית!
און נאָך יעדע פּאָר שורות גיין,
אַ פּונקט בלייב איך שטיין.

ווייס,
ס'איז די וועלט אַ קרייז,
און איך אין דערמיט,
גיי שריט פאַר שריט,

כ'שפּריז,
און קום אַלץ פאַראויס.
דו, ווי הויך נישט פליען וועסט,
העכער פעלדזן דיין נעסט,
עס וועט דיר תמיד פעלן ביים סוף,
אַ לעצט שטאַפּל אויף לייטער.

ווי תהומיק־טיף געטויכט, געזוכט הימל־הויך,
נאָך דעם ריכטיקן, וויכטיקן, ליכטיקן גליק,
אַ פינסטערער געקומען איצט ביזט צוריק —

אויסגעקראָכן דער רוקן, געבראָכן דער בליק,
נאַקעט־אונטערגעפליקט איינגעפאַלענער בויך.
מפונק, וואָס דרייסט דו קרום דעם שנאָבל — פאַרציק!
פון מיין האַרט־פאַרפאַנצערטער שאָל אַרויס מיך פּיק.

אַרום פעסטן פונקט צירקלט אומענדלעך — דער טריק!
נו, ביזט דו ענדלעך געפאַלן, ווי אין צירק פון שטריק,
לויב גאָט כאָטש, וואָס נישט געבראָכן דאָס גניק.

קאָנסט נישט מער אין הימל זוכן דיין רויב,
גוט, זוכסט דו עס אויף דער ערד אין שטויב —

אַ בלינדע הון אַוועק, אַ בלינדע הון צוריק!
וואָס טויגן נאָך דיינע איינגערעדטע שטיק:
האָלדער, האָלדער, האָלדער — כ'בין אַן אדלער,
פון אַלע גדולים דער גרעסטער גודל'ער — —

ניין, אויף מיין פנים נישטאָ קיין שמייכל,
נישט קנאה־שנאה רעדט פון מיר אַרויס,

און נישט שרעק — דאָס שרעקלעכע געפּלוידער!
כ׳באַהאַלט מיין קאָפּ אין פאַנצער דערפּאַר בלויז,
ווייל אַלט כ׳בין און קאַלט כ׳בין — ווי איך שוידער.

און ווען אפילו נישט דיין ווידוי מיט דיר איך ליין, —
נאָר די צוואה צולאָזן נאָך זיך שוין אליין:
נישט איך לויף, נישט איך פלי, נישט איך יאָג,
און ווען ס׳וועט קומען מיין לעצטער טאָג,
די רגע נישט פאַרשפּעטיקן איך וועל —
מיט מיין געקריך זיין אויף אָרט און שטעל.
זאָל זי קומען ווען זי וויל,
ווען זי מוז,
די שרעקלעכע שעה.

אין מיין געמיט איז שטיל,
אָבער ווי לאַנג איך בין דאָ,
בין איך אַ האַרטע נוס.
שטאַרקערע פון דיר קאָנען מיך נישט שרעקן,
זיי וועלן זיך מיט מיר קרעקן,
אויסברעכן די ציין.

הער זיך גוט איין,
ס׳קאָן טאַקע זיין,
צומאָל צווישן געקריך,
כ׳בין דער פּאַמעלעך,
ווי דו צווישן די פלינקסטע — דער מלך,
דער פּער,
„בני אדמס״ גרויסער פילאָסאָף!
אָבער סוף כל סוף,
נישט מער,
ווי אַ נאַרישער עוף.

הויבט די שווייגנדיקע טשערעפּאַכע אָן,
גייט עס אַזוי אָן שעה׳ן אויף שעה׳ן,
צום שלל פון אירע רייד עס נעמט גאָר נישט קיין ענד.

פּערל שיטן זיך ממש פון איר מיילכל,
יעדעס וואָרט אין ציל געסטראָפן פיילכל,
מויל און אויערן שטעלן אויף די פעלדזן־ווענט.

סקאַלע־קאָפּ צו אירע ליפּלעך אַראָפּגעבויגט,
ווען זי איז מטעים, אויף טעלערלעך צעלייגט,
גלימיק־פּייערל אין אירע אייגעלעך ברענט.
און ווי שטיל ס׳ווערט, ווען זי ענדיקט, ווען זי שווייגט,
שוין איר במסונותדיקייט אליין איבערצייגט!
ווער נישט געענטפערט, אויב ענטפערן ווער געקענט?
און ער,
פון די פּייגל דער שלמה בן דוד,
אונטער זיין כבוד,
אַן ענטפער צו געבן.

ווער?
דעם?
גיכער, אַ סך ניחער — —

איבער די חכמה לעבן,
גאַנצענע ביכער,
מען קאָן אָנשרייבן,
מיט זיינס אַן אויסגעקראַכן,
פעדערל בלויז —
סודות גרויס,
פול רמזים יעדעס בלאַט;
פון יעדער שורה, יעדעס אות —
גבורה און נצחון!
דער שטורעמער פון די ווינדן,
פון די ווילדע וואָלקן־אינדן —
דער וויכער!

די געדולד געהאַט,
גענומען זיך די צייט,
צו די גלאַטע מעלה־גירה־רייד,
פון דעם כשרן קריכער?

ער,
וואָס פונעם הימל די שטערן,
ווי אַ זשמעניע קערנער פּיקט ער,
זיך געקענט צו הערן,
ווי ס׳טשאַדעט — און רעדט,
אַן אָנשיקעניש אַן אמגעשיקטער;

ווי פון אים שפּעט,
עפּעס אַ מין שד,
א פֿאַהיקעטער פֿאַריקטער —
נישט צו גלייבן — — —

ער וויל זיך צום פלי צוריק אויפהייבן,
אָבער די פליגל ווי אונטערגעבראָכן,
ווי אויסגעלענקט,
ווי געלעמט.

לעשט זיך די זון אויס ?
איז זיין גרויס אויג־אפּל,
זשמורעדיק פֿאַרברעמט,
צי גאָר שוין אויסגעשטאָכן ?

אין זיין ווילד האַרץ דער געוואַלטיקער צאַפּל !
ווי צאַנקנדיק־קראַנק עס בענקט,
כאָטש נאָך איינמאָל בלויז,
די ליכטיקע הימלישע הייכן,
מיט שנאָבל־שפּיץ דערגרייכן.
מיט אויפקלאַפּנדיקן פליגל־צעשפּרייט,
מיט פוכעלע פּעכעלע־פלי,

כאָטש אַנטאַפּן בלינד,
דעם ווינט,
די ווייט.

אין זיין געבראָכענעם שטאָלץ,
אויף אונטערגעהאַקטע שטאָלצן פון האָלץ,
ער בלייבט שטיין,
אַ צעקרימטער אויף זיינע קני.

אַזוי מעכטיק פֿאַרשעמט,
אַזוי קעניגלעך קליין,
וואַקלדיק געלעמט.

ווי פראָסט,
זיך אַראָפּגעלאָזט ;
אַ ברענענדיקער פראָסט,
גייט אַ סקרוך איבער זיינע גלידער :

אוי — — סס ?
שוין קיינמאָל מער ווידער,
צו די הימלען מיך נישט אויפהייבן ?
שוין אויף אייביק אצינד פערבלייבן,
אַ בלינדע פלעדערמויז,
אין די שטויבן אזוי ארומצופויזן,
הינטן דאָ, אין דער נידער,
אַ שלי־מזל צווישן שאַלמויזן ?

איך,
צוזאַם מיט דעם געקריך,
דאָ הויזן,
און די קראַנקע אָדלער־פליגל מיר לויזן ?

וואָלט זיין בליק געווען איצט ווי אַמאָל,
אַ צעשפריצטער קרישטאָל —
אַ ים אין אויפרויזן !
אַשטיק גליאינדיק געשליפענער שטאָל,
אים צוקנדיק צעבליצט,
צו געבן אַזאַ שליידער.

בעסער שוין דער טויט,
איידער — — —
גייט קאַלטער גערונצל איבער זיין אַלטער הויט !

ווען פון קלענסטן ביז גרעסטן,
אַלע זיינע פעדערן געשפיצט,
צומאָל צעשלייסט און צעשניצט,
אַלע זיינע פליגל פענעס,
ווער קען עס,
ווער דרייסט זיך פאַרמעסטן,
אַזאַ צער אויפצושרייבן ?

און שאַרף און פלינק און גרויס,
קעניגלעך זיי אויג זיך פאַרמאַכט,
כאָטש איין געדאַנקל,
צו קענען צונויפקלייבן ;
און באַרואיקט ער טראַכט :
איך מוז שוין זיין אַלט,
אפנים, אַז באַלד, באַלד — — —

ווי שווער עס איז זיך צו שיידן,
אָבער נאָך אַ סך שווערער, ליידער,
דעם סדר־העולם אויסצומיידן — — —

איידער, דאָ אזוי ווייטער זיצן צו בלייבן,
מוזן אויסהערן דעם עבר־בטל׳ס גערייד,
בעסער שוין שטאַרבן פאַר דער צייט,
אָבער דו,
דיך,
מיט דיין געקריך — — —
אַ תפילה פון אַן אָדלער — איז אַ באַפעל!

און קרעקנדיק זיך,
אָן אָטעם, קרעכצנדיק גיך,
מיט דער טשערעפּאַכע אין זיין קעל,
געפונען זיין מאַיעסטעשישע רו.

* * *

ווייט, וויסט, צווישן שוואַרץ־ווייסע סקאַלע־ווענט ערגעץ־ווו,
איז נאָך זייביידע איין קרישלדיקער מצבה־שטיין,
ביז היינט צו טאָג, אַ גרויער פעלדזן געבליבן שטיין —
אי נאָך דער טשערעפּאַכע מיט איר: מילא, נו, נו,
אי נאָך דעם חכם, וואָס נישט געקענט זיין אונטערטעניק:
אַ, ווי אָרמזעליק, ווי האַרץ־רייסנדיק ווייניק.

אָבער יעדן באַגינען, ווען די זון גייט אויף,
זי באַגילדעט די מצבה מיט איר גאָלדענעם שיין,
קומען זייערע נשמות דאָ פלינק־געפלויגן, שטיל צוגיין —

זע, אָדלער־פלי ציט שטאָלץ צו שפּיץ פעלדזן אַרויף,
אין די קליינע אותיות צו לייענען, זיי צו פאַרשטיין,
טשערעפּאַכע מיטן גיין, טיף־פאַרטראַכט בלייבט שטיין.

# „שיר — אַ געזאַנג, השירים — איבער אַלע געזאַנגען“

עלעגיע אין דרייצן געזאַנגען און צוויי סאָנעטן

## א

„גיי איך אויף גאַניקל אַרויס שטעטעלע באַקוקן“ — —
אַז ווו נאָך אַ שטעטעלע פֿאַראַן און ווו נאָך אַ גאַנעק ?
קייןביינדעלע, קיין שטיינדעלע נישט איבערגעבליבן,
קופּעס אַש אויף שטויב צעריבן — אָשוויץ און מיידאַנעק.

העכער פֿון הר אבל, הר גריזים, הר המוריה,
פֿון זי זעקס מיליאָנען געקוילעטעטע, די עקידה,
פֿאַרקוילטע אין איין פֿלאַם, אַ קרבן עולה אויפֿגעגאַנגען,
טאַטע־מאַמע און קינד, אייניקל און באָבע־זיידע.

נאָך גוט וואָס געפּאָרן האַנדלען ראָזינקעס מיט מאַנדלען,
אונטער יאַנקעלעס וויגעלע, קלאָר־ווייסינק ציגעלע,
און איבער שבעה־ימים, ווייט אַריבערגעפֿלויגן,
די גילדענע פּאַווע מיט איר גין־גאָלדן פֿליגעלע.

מיט יעדן מולד גייט אויף הערנדל פֿון ציגעלע — —
יעדער זון־פֿאַרגיי — פּאַווע אַ פּעדערל פֿאַרלוירן — —
ביז דעם שופֿר־של־משיח הערן מיר וועלן שאַלן,
ווער אַזויפֿיל טרערן און שטילע זיפֿצן צו טרויערן ?

## ב

ווי אַלט־קלוג, ווי צאַפּלדיק יונג, און נישט גענוג געווען,
אונזער קלאָג אויסצושרייען, בענקענדיק אויסצוזינגען,
איצט אַז אונזער ווייטאָג גרויס אַזוי, קום צו דערפּאַסן —
די לשונות ביידע, צומאָל, צי וועט עס געלינגען.

דעם גאַנג פֿון לעבן ווער ווייסט ? זיינע סודות ווער דערגייט ?
די רו פֿון טויט ווער קאָן משיג זיין ? אָבער דער טרויער ;
אַ מענטשלעך האַרץ אין צער, פֿון גאַל עס קאָן ביטערער זיין,
אָבער ווען אין געזאַנג ער גיסט זיך אויס — שמן־המור.

ווער מיט ווערטער קאָן געבן צו פֿאַרשטיין אַ מין שנאה,
מענטשלעך נפֿש אויסזידן אין שמעקנדיקע זייפֿן ?
„אַלע געזאַנגען זיינע קדוש, דער — קודש־קדשים“,
אויב מיט ליד כאָטש די נקמה מיר וועלן באַגרייפֿן.

בלויז, צי שוין לשונות, צווייַ צומאָל, געניגן אַזאַ פאָלק,
נישט נאָר גאַנצע וועלט — גרעסטע צרות אַדורכגעגאַנגען?
אַז מיר זיינען געוואָרן אויסגעוויילט, עס צו זינגען,
„שיר — אַ געזאַנג, השירים — איבער אַלע געזאַנגען“.

ג

אויסגעמאָסטן די גאַנצע ערד, אין דער לענג, אין דער ברייט,
ס׳ציִען זיך די שליאַדעס אין די ווינקלדיקסטע עקן,
דער ווייטער, דער צוריק — איין גרויסער כשוף־עגול!
אלע שטערן ווינקן שוין פאַרפירעריש און שרעקן.

וואָהין פירט אַזאַ וועג, אַז אומענדלעך מינדסטער שפּאַן,
אַ שטרויכל, יעדער מײלן־שטיין, תליות — די וועג־ווייזער,
און פון יעדנס פאַר אויגן קוקן שוין ביידע דיך אָן:
דער שטן, דער נישט גוטער און אַ גאָט, אַ דערלייזער.

ס׳איז צעמישט געוואָר אונזער בלוט מיט אַלע בלוטן!
ווו אַ האַרץ נאָך, אַז טראָפּן אונזערער זאָל נישט רינען?
ווען נישט דאָס זידיק פאַרגאָסענע, דאָס פאַרגליווערטע,
קיינמאָל שוין מער דעם וועג צו זיך נישט צוריקגעפינען.

זיינען מיר נישט געשטאַנען ביי דער וויג פון יעדן פאָלק,
עס געשטילט ווען פון אימה אין געוויינען פערגאַנגען?
און ווען אויפגעגאַנגען דער שרעק פון זיין גורל־שטערן,
געקעפּט אונז, געטרעפּט אונז, קאָפּ אויף קאָפּ — אים דערלאַנגען.

ד

יאָ, ווערטער ווערן פאַרזשאַווערט, ווי מענשן פאַרדאַרבן,
קלאַנגען — אָפּגעריבן און פאַלש, ווי אַ האַרץ צעשפּאָלטן — —
זיצן בלייבן ווי יענער פאַרשטומטער מדבר־פויגל,
קינדער אָדלער צוגעוואָרפן, זיך אַליין פאַרשאָלטן —

אַ סאָווע אין פינסטערניש מיט וויסטע, גרויסע אויגן,
אַ שטיל־שעלטנדיקע, שעפּטשנדיק אַ טויטן־תפילה?
אַזוי פאַרביטערט אין צער, גאַנץ פאַרגליווערט אין צווייפל,
ווי גרויס איר אומגליק, זי אַליין ווייסט עס נישט אפילו;

איידער פאַרבן־שרייערישע ווערטער זיך אויסלערנען,
שפּלדיק נאָכשנאָפּלדיק — לאַנגע נאָז קרום־פאַרבויגן!
אויף די פרעמדע יאַרידן, פלוידערנדיק, גאַרגלדיק —
גרויסע גולם־אויגן: נישט געשטויגן, נישט געפלויגן!

אַ צוגעקייטלטע, פֿרעמדע גורל־קוויטלעך ציען,
צעלאַכנדיק זיך מיט אַזאַ זויער־זיס געלעכטער — —
אַז קיין שריד ופליט פֿון אַזאַ פֿויגל נישט בלייבט,
שוין געווען, חלילה, אַ סך עכטער, צומאָל געךעכטער.

ה

וויאַזוי קינדער איינוויגן מיט יידישע לידער,
אַז אין די צען־טויזנטער זיי דערשטיקט אין די וויגן ?
אין די טויזנטער קעפּלעך געשליידערט אין די מויערן —
געברידער־גרים מעשהלע, „מיט איין קלאַפּ זיבן פֿליגן".

„סאַראַ, סאַראַ, פֿאַרשטעק די קינדער, די נאַציס קאָמען !"
וועלף־וואָיענדיק געלעכטער, וויסט־ווילדע העלדן לידער,
די שטיינער אויפֿגעשווידערט אונטער זייערע געיעג —
אַ סקרוך געגאַנגען איבער זיי, ווי דורך מיינע גלידער.

דאָס שווערע גורל־ראָד געגאַנגען איבער מאַמע לייב,
מיט בלוטיקע געזאַנגען, מיט געגאָגלטע שטיוול,
וויאַזוי נאָך זינגען ס׳ראָזשנקעס מיט מאַנדלען"־לידל,
שרייבן דאָס זיסע „בריוועלע צו דער מאַמען"־בריוול ?

מאַמע יידיש, וועלכע „יידישע" וואָגט נאָך אַצינד,
איר קינד מיט אַ יידיש וויגן־לידל איינצווויגן ?
און ווערט נישט עופֿ׳עלע איינגעוויגט מיט יידיש ליד,
וויאַזוי האָרץ זיך נאָך וויגן אין יידישן ניגון ?

ו

קלאָר ווייס ציגעלע אונטער וויגעלע, מיט גרויס געציר,
ווי קלוג מיט שפּיציק בערדעלע ס׳קוקט ווינקענדיק אַפּיר ;
נישט סתם אַ קרעמערל, ציט אַ שטרוי פֿון פֿוירישער פּיר —
אַ יידעלע אויף אַ יאַרידעלע — אַן אדיר אַ גביר !

און ערשט, ווען אויף שטרויענעם שול־דאַך — די פּיס אַ צעפּיר :
קהילהשער צאַפּ, נישט עפּעס אַ ציג אויף אַלע פּיר,
אויף צוויי ! פֿאַדערשטע כשר געוואַשן הינטן ביים כיור :
אַ ברכה מיר געמאַכט, המוציא מיט האָניק מיר כ׳שמיר.

און איצט, אַז מלאך מיט טויזנט אויגן שטייט שוין ביים טיר,
גיט זיך גילדענע פֿאַווע פֿונם צוקאָפּנס קיין ריר,
שטיל, איין פֿעדערל, חלילה, זי טאָר נישט טון קיין פֿאַרליר :

זע, נישט מלאך־המות שטייט געבויגן איבער דיר,
ניין, ס'עקט זיך נישט — מיין עק ברייט־צעשפרייט, מיט אויגן אָן־שיעור!
אין מיין מינדסט גרין־פּעדערל דיין לעבנס־אָטעם איך שפּיר.

ז

אין סקאַלעס אויסגעהאַקטע היילן — פּאַרטיפטע ווערטער,
ווי וווּנדערלעך, ווי ווייט, אַ נאַכט־וואַנדלער וואַלסט געוועזן;
פּאַרחלומט פון העכסטער הייך נישט אַראָפּצופאַלן —
וואָר־פּתרון פון לעבן מיט זיי קלאָר אַרויסצולעזן.

פּאַרשוויגענע ווערטער ווידער, ווי זשיוויעצע וועלדער,
מיט טשוויטשערנדיקע שוואַלבן וויגן דיך איין די צווייגן;
אַ קילער קוואַל צעוויקלט זיך אין אַ פליסנדיק טייכל —
איר דיר ס'וואָלט געזעסן ווער פאַרטראַכט אין טיפן שווייגן:

עלפנביין געדרעקסלט, בערגלט זיך קאַנטיק דער שטערן,
צעגלאַנצער גראַניט אין בליק, קוקט אַזוי קלוג־פּאַרשוויגן;
חלום און פּתרון, סוד פון לעבן און יסוד פון טויט —
איין פאַרטראַכט־ציענדיקער שטיל־וויגנדיקער ניגון.

הער, ווי הילכיק עס זינגט אין דיר, מיט היילן, מיט וועלדער,
אַ בת־קול פון לויטערן הימל לאָזט עס זיך הערן;
ווי גלאַנציק, ווי גרויס, אות נאָך אות שטעלט זיך פינקלדיק אויס —
ווייס, וואָס פינסטערער די נאַכט, אַלץ ליכטיקער די שטערן.

ח

פון משה'ן, איבער ישעיה'ן, ר' שמעון בר יחאי,
איין טיפער געשריי פון גרויסע חבלי־לידה־ווייען;
זע, פון מדבר סיני אָן גייט ווער איבער וויסטער וועלט,
טראָגט הארץ־טראַבעס שטערן־זוימען, אַקערס אויסצוזייען.

אַזוי גייט ער, הלוך־ילך, מיט טרערן און געזאַנג,
צייטיק באַלד אויפצוגיין און באַלד פאַרשניטן צו ווערן;
פאַלנדיק איף קני, אויף אַלע פיר אָפּגעטאַנצטע צייט,
קלאַפּנדיק אין דער ערד שוין טיף־צעאַקערטן שטערן.

ווי ווערט אַ ים־התלמוד־אינזל אַרומגערינגלט,
זאַנגען־געזאַנגען, שטיל־וויגנדיקער תבואה־ניגון;
צו די טרויבן־גלויבן־הענגלעך, אונטער קזשאַקעס־צוימען,
דעם ביטערעדיקסטן פּוקסל שווער זיך אַדורכצוקריגן.

צוּמאָל יענער באַראָן, מיט די גרויסע שעפּסן־אויגן,
שרעקט זיך די הערנער דורך די דערנער אַדורכצושטעקן:
וואָס שוין עקידה, האַלז אויסשטרעקן צו שאַרפן מעסער,
קיינן אייגענע עינויים־און סיגופים־שרעקן?

ט

...ר׳ יהודה החסיד, אר״י הקדוש, בעל שם —
איין טרערנדיק־און פריידיק געזאַנג פאַרן מענטשנס וועגן!
די שטייענדיקע פעלדער אַרום בוקן זיך זאַטע,
געשניטן צו ווערן נאָך שווער־פאַלנדיקן רעגן.

עס זינגען דערפון שוין די פייגל אויף אַלע דעכער,
אין אויסגעטרונקענטן גראָז די הונגעריקע גרילן:
ווער איז יענער, וואָס פון אַלע קרייץ־וועגן ציט ער אָן,
שוואַכסטן, אומבאַהאָלפנסטן דעם הונגער שוין צו שטילן?

גאָט איז זיך נתגלה אין גלות אויף־און אונטערגאַנג,
פון אונזערע צרות אַרויס פון גאולה רעדט ער — —
אין ימים חבלי־לידה־בלוט גייט אָפּ טראַכט פון דער וועלט,
אָבער אַ טויט עופ׳לע ס׳ווערט געבוירן איר רעטער!

און אַז אַ ייִנגעלע, ער שפּילט זיך מיט גיפּטיקער שלאַנג?
אָבער ווייסט ווער, אויב גרויס ווערן און אויסוואַקס וועט ער,
צום טאָג ווען וואָלף און לאַם ער זאָל פיטערן שוין צוזאַם?
גלויביקסטער געטער־געזאַנג, גרעסטן ווייטאָג פאַרגלעט ער.

י

דאָס חיה׳שע געקריך, כיטרע אויפן עץ־החיים — —
תחינות־רחמים, חכמה׳ס שכל — מיט כוח אַלץ דערגרייכן!
און וואָס טיפער דערגריבלט, תהומדיק דערגראָבן,
ס׳פאַלט דער שעיר־לעזאזל אַלץ פון העכערע הייכן.

ס׳טאַנצט איבער דער גאַנצער וועלט שוין דער עגל־המשולש,
געקרוינט מיט גילדן הערנדל פון אונזער גזע,
אונז צו צעטרעטן וואַקסט ער אויס אין אַ שור־הנסקל,
געדריילינגט, געדרייאייניקט אין אַ דריי־עק־סינטעזע.

און קריסטוס, שפּינאָזא בענעדיקטוס און קאַרל מאַרקס,
נשמות צו דערהייכן, אַלע מענטשן אויסצוגלייכן,
איבער טיבער־עברא־ריין ביז טעמז־ווייסל־וואָלגאַ,
מיט אונזער בלוט צוצעפליסן איבער אַלע טייכן.

בלויז פון אַ לעצטן טראָפּ בלוט נאָך פונם „בדמיך חיי״,
בליען וווּנדן ווידער אויף אין ווונדערלעכע בליטן,
און דאָס גילדן ציגעלע און די גאָלדענע פּאַווע,
וואַנדלען מיט אין שווערסטן וואַנדער־וואָגל אונדז צו באַהיטן.

## יא

שפּיציקער צאָן, פונק־שפּריצנדיקער — די „גאָלדענע צייט״,
שלאַנגען־צונג־געציש, געשפּאָלטענער — די שייטער־פלאַמען;
אבן גבירול, יהודה הלוי, אבן עזרא —
געטריף פון גין־גאָלד־געשמעלץ און זשיוויצע פון שטאַמען.

פּרץ, מענדעלע, שלום־עליכם, שוין צומאָל,
קרעמאַטאָריע־רויך־געסלינע נישט גענוג געווען — —
יאָ, כאָטש צו מאַכן א ברכה, ווי איבער דער תורה,
ווען מען וועט אונזערע קלאַסיקער סדרה־ווייז לעזן;

און פון ביאַליקן, פון ראָזענפעלדן, פון יהואש,
די ריכטיקע הפטורה־קאַפּיטלעך אויסצוקלייבן;
און מיר אַלע, אַ אין וועלכן זכות נאָך זוכה געווען,
לויטן אלף־בית דעם איכה־הגדולה צו שרייבן?

לאַגלען־געוויין, גסיסה־געזאַנג, גלות־אונטערגאַנג —
אַ געריון פון בלוט, אַ שקיעה־געשפּיגל אין טרערן;
שווערער נגינה־טראָפּ פון וויי־פאַרגליווערטע הערצער,
צי קאָן עס דען ענדיקן ווען, חלילה, אויפהערן?

## יב

גאַנצע טעג פאַרשרייב איך אין זאַמד־ברעג מיינע חלומות,
אין די נעכט אונזער גורל פון די שטערן כ׳קאָן לעזן,
און אין די באַגינענס פאַרלאָשן זיינען די הימלען,
און די זאַמדן אויפן ברעג נאָך גלאַטער ווי געווען.

אויב די שטערן אין הימל עס קאָן קיינער נישט ציילן,
און נישט די זאַמדלעך ביי די ברעגעס פון די מים,
איז ווער שוין די פונקן פון די קר עמאַטאָריע־קוימענס,
און די שטויבלעך אַרויסגעקומען פון די פלאַמען?

כ׳האָב געזען דאָס פּייקל געמאַכט פון קינדישע הויטן,
אַ פּייקל פאַר א דייטש־קינד אין זעלנער זיך צו שפּילן,
שטייט עס איצט צווישן די פּושקעס פון ר׳ מאיר בעל־נס,
מען זאָל עס מיט גראָשנדיקע מטבעות אָנפילן.

אין לאָפּ־שירעם געמאַכט פון הויט פון אַ קינדס פּנימל,
גאָט, שטעל דאָך אַריין די זון אַ נשמה־ליכט־קנייטל — —
און אַז אַרויסרייסן מיין האַרץ און שרייבן נאָך אַ ליד,
עס וועט זיין אין אַ בוך — צום פאַברענען — נאָך אַ צייטל !

יג

„שיר — אַ געזאַנג, השירים — איבער אַלע געזאַנגען",
פון אַלע שבעים־לשונות, אין וועלכן לשון,
אַזוי לייבהאַפטיק פאַרטייטשט, מיט לייב און לעבן צעפּליישט,
דעם „מי זאת עולה מן המדבר כתמרות עשן" ?

סעדער־סודות צעבליט, בשמים־קנאָספּענדיק צעשמעקט,
די גין־גאָלד גלעקלעך־קולעכלעך פון די חדר־ייִנגלעך,
וווּ זיינען זיי, און זייערע געזאַנגען וווּ זיינען ?
אויפגעגאַנגען און צעגאַנגען אין קטורת־רינגלעך.

און אַז די ליבע אַזוי ביזן טויט טיף דערזינגען,
אויף שייטערהויפנס, אין קרעמאַטאָריעס נישט פאַרלאָשן,
אַזוי פייערלעך הימליש, אַזוי ערדיש פייערדיק — —
די נקמה, חלילה, אָפּטוישן אויף מחילה־גראָשן ?

אונזער פאַרגאָסן בלוט — צעגאָסן גאָלד איבער פלאַמען ! —
דער אויפגעגאַנגענער קלאַנג צו די זידיקע געזאַנגען ;
און דער ריטם — שווער־אויסגעהעמערטער וואַגיקער טראָט —
וואָגלדיקער גאַנג ביז צו גאַז־קאַמערן דערגאַנגען.

יד

נאָך טויזנט און איין שטעטל דעם בערדיטשעווערס „קדיש" ?
אפשר גאָר „אלי אלי" תחינהדיק זיך צעזינגען ?
„מיין שטעטעלע בעלז" ? ! אַ שטיין אין הימל אַרויפוואַרפן,
אין בלוט 6,000,000 — נול אין נול זיך רינגלען די רינגען !

אויב יהושע שוין אין גבעון די זון אָפּגעשטעלט ?
זאָל זי שטיינבלייבן איצט אַ צעקריצט פּה־נטמן־ברעטל !
אַזאַ „מלא רחמים" שרייבן, אַז ווער אים דערהערן,
אַליין ר׳זאָל ווערן דער קדוש־יתום נאָכן שטעטל.

ס׳וואַשט זיך נאָך ווי אַ גרעטל איר לייב מיט שטיקל זייף,
פון לייב פון אונזער לייב געטון זיי האָבן אויסזידן —
„די דויטשע זאובערקייט" ! — און שוין רייבן זיך פרומע הענט,
קרעמעריש צופרידן — „שלום־על־ישראל־" יידן.

נישט פאַרטיידיקן קיינעם, נישט קיין דין־תורות פירן,
ביי גאָט אפילו קיין גערעכטיקיט נישט מער זוכן;
אָ, און זאָל ער זיך צעהילכן איצט מיט אַ תוכחה,
זיך אליין, כביכול, חלילה, נאָך צו פאַרפלוכן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

## טו

...די וואָס האָרכן זיך צו אין טיפסטן אינעווענדיקן,
צו שטילסטן באַוועג, און נאָך שטילער דאָס זיך צוהערן;
אויף קיין רגע אין אייגענעם האַרץ ס׳טוט נישט אויפהערן,
דאָס געשריי אין די גאַז־קאַמערן ביים „פאַרענדיקן״;

פון קולות, אזעלכע, ווילדע לייבן צו בענדיקן,
טענער־תנועות גיפטיקע שלאַנגען שוין צו באַשווערן,
מוזן געזאַנגען, לעצט־אָטעמדיקע, אויסגעהויכט ווערן —
קיינמאָל נישט אויפצוהערן, אייביק נישט צו ענדיקן.

און נישט אויף אַ בלאַט־פּאַפּיר זיי ווערן אויפגעשריבן —
אויף אַ קופּער־פּלאַט מיט הייסער נאָדל איינגעקריצט —
אין אייגענעם האַרץ! און איז וואָס, אַז זידיק בלוט אויפשפריצט?

טראָפּ נאָך טראָפּ פאַרגאָסן, אות נאָך אות צונויפגעקליבן!
ווי ירמיה׳ן, ווייאיק־טיף, גלוביק־גליאיק, ס׳מוז געלינגען,
אַז אונזער געזאַנג, מיט איכה־ניגון, ס׳פאָלק זאָל זינגען.

סאוטענד אויגוסט 1959

# 10 סאָנעטן

איבער דער טעמזע דער שוואַן מער פון אַלטקייט שויך ווייס,
פעט דער בויך, פויל די גלידער, די פליגל ווי שווער,
צום פלי, זיי ווילד־צוצעפּאַטשן ער קען נישט מער,
און מיט אונטערגעהאַקטע פיס פון אַ בייז־גרויען גרייז.

נאָכשלעפנדיק נאָך זיך ברייט־כלאַפּטשענדיק יעדן שפּרייז,
עבר־בטל וואַקלען אויף ברעג אַהין, אַהער,
אויפהויבן אַ גלויביקן לאַנגען האַלדז: אויב ווער
וואַרפט מיט איין אויג, גנעדיק אים צו אַ ברעקעלע שפּייז?

בלויז ווי לאַנג קאָן אַ שווייגנדיקער גאַנצע טעג,
צווישן ברעגעס איביק ציען אַ וואַסער־וועג?
און פלוצלינג, אַ זינקנדיקער, הויך ער צעזינגט זיך!
ער זינגט, ער הערט זיין קול — — בלויז זיך איינגעהאַלטן!
שווער אָנגעזאָפּט צו ווערן, טייך זאָל זיך שפּאַלטן — —
אַלץ, טיפער, טיפער, ווי אַלץ אַזוי לייכט פאַרגרינגט זיך.

*     *     *

נאָך האַלבער נאַכט. ווי ווונדערלעך־וואַך ס׳וואַרפט זיך די שטאָט —
אַ לעבעדיק האַרץ וואָס קלאַפּט ציילנדיק צום טאַקט;
יעדער אָטעם־צוג צו דער רגע — ווי עקזאַקט!
זי ליגט געשטילט אַ קינד וואָס שפּילט זיך: „דראָד און דרים, דראָד“ —

נאָר ראַפּטים — ביים איינשלאָפן אפנים עס האַלט גראָד! —
דאָס ריטמישע קלאַפּן מיט אַמאָל אַפּגעהאַקט,
אַ קאַץ אין פאַרבונדענעם זאַק אַריינגעפּאַקט,
גיט זיך אַ וואָרף — שטאָט אויפגעציטערטער ראָד אין ראָד!

ווי אין־סופיק וויסט די ווייט, ווי תהומיק דער דנאָ,
נעגל און גראַטשעס אין אויפגעריסענעם גראָ — —
ווי עס צאַפּלט דאָס האַרץ און ווי פינסטער עס רייסט זיך.
רויט־אויפגייענדיק, נישט־דערשלאָפענע פאַרטאָגן,
ווילד איילנדיקער ריטם, קוים אים צו דעריאָגן,
ביים ציילן — זון׳ס אויבער־ליפּ, ביז בלוט, בייז פאַרבייסט זיך.

*     *     *

לאָנדאָן, די שטאָט, ביזט דו נישט די מוטער פון די שטעט?
זע, פון מאָסקווע ביז נוי־יאָרק איבער פּאַריז,
איין ריר פון אַ פינגער, איין קרענקלעכער קאַפּריז,
און קיין שטויבעלע ס׳בלייבט פון דער ערד אויף וועלכער כ׳טרעט.

שפּרייזנדיק פון דער אַלדגעט־פּלומפּ ביז צו מיילענד־געט,
אין זון אויפגיי כ׳וואַקל, קוים שלעפּנדיק די פיס,
מיין שאָטן שפּאַנט פאַראויס, אַזאַ פינסטערער ריז,
און מיין טרויעריק שריט גייט־איבער מיט געבעט:

גאָט, האָסט דו אונז פערזאַמלט אַזוי אומבאַשיצט,
ווי אין די געטאָ׳ס, אין שטעט אומצוקומען איצט,
דעם „תמות נפשי עם פלישתים" אויסצושרייען?
גאָט, מיר ווילן קיין שמשון־העלדן נישט זיין — ניין!
העלף אונז אין די סדום׳ס די צדיקים צו זיין,
און די שטעט פונם לעצטן עונש צו באַפרייען.

* * *

ווי צווישן כוואַליעס ווו, אויף וואַקלדיקער בריק:
די מענטשן, די אויטאָס, די באַסעס אַזאַ געלויף,
יענער וואָס טויכט פון „אונטערגרונד" טיפעניש אַרויף:
גראָד אין צייט! דאָס גליק זיינס אין שווימענדיקן בליק —

נישט אויף דער ערד, ער גייט אין צירקוס אויף אַ שטריק!
ביזן הימל אַרויף אַ מין אומענדלעכע שרויף,
עס דרייט זיך אַ שפּינגע־דעגינגעדיקער אין־סוף,
פון אַ שוואַרץ־קינסטלער אַזאַ באַוויזענער טריק.

און איז נישט בביכול אַליין, כל־יכול גאָט,
אַנגעדרייטער פערפּעטואום־מאָבילע־ראָבאָט — —
עלעקטריק־צוק דורך מיין רוקן ביז וואַקל פון קני!
מיין האַרץ ווערט גליאיק־שטיל — אַ פאַרגליווערטע טרער,
אין דעם טריפנדיק כוואַליעדיקן אַנאויפהער,
כ׳הער טאַטנס פאַרדבקהט תהילים זאָגן אין דער פרי.

* * *

טויזנט יאָר געהאַלפן די שטעט אויפצובויען,
האָט מען דאָך אַריינגעלייגט אונזער חלק — —
וואָלט דען צומאָל געווען אַ קלויסטער הייליק,
אַ פאַרלוירן האַרץ געפינען גאָט־פאַרטרויען,

אין דעם גאָטיש־געציש־גולמדיקן־גרויען,
ווי קופּאָל־קיילעכדיק, ווי קונציק־זייליק?
עס וואָלט זיך געצויגן אַזאַ לאַנגווייליק,
פּאַטשערקע־געפּרעפל פון צעפּלאָגטע פרויען,

אַן שם־המפורש אונטער צונג אונטערגעקלעבט?
ווי האָבן אונזערע, צרופימדיק באַלעבט,
דאָס מאָטעמאַטישע לוציפער־געציפער —

צייל זיי בלויז אָפּ אין לאָנדאָן אוניווערזיטעט!
אַזוי הימל־קראַצער־הויך דערהויבן די שטעט,
זיי זאָלן פאַרזינקען ווי בבל נאָך טיפער?

* * *

בעטאָן־געגאָסענער, שטאָל־שלאַנקער, פּירעק,
שווינדלדיק־שוועבנדיק אויפגעהויבן,
קוואַדראַט־צעפּלאַטערט מיט טויזנט שויבן —
אַט הויבט ער זיך אַליין אויף און פליט אַוועק,

דעם קאָפּ פאַרשטעקט, איינגעצויגן דעם עק,
אַ רויב־פויגל טשאַטעוועט אויף רויבן —
איבער דעם געביי די טשאַטעס טויבן
פלאַטערן פאַרביי מיט אַזאַ בייזער שרעק:

אָן קראַקוועס, אָן געזימס — אַ מין פלאַך!
אונטער דורכזיכטיקן גלאָז־גלאַטן דאַך
וואָסער טייבעלעך קאָן מען שוין אויסבריען?...
ביז אויף דעם הויך־שטייפן קוואַדראַט פּירעקל,
אַרויפצובריינגען אַ ברייזעלע־ברעקל,
וועלן זיך עופעלעך דערווייל צעפליען...

* * *

ווי געפאַנגענע וואָס פון תפיסות אַרויסלויפן,
יאָגן זיי אייליק איבער איינער דעם צווייטן:
נאָך גוט אַרויסגעקומען, געניג באַצייטן,
פונם מאַרק עפּעס ביליקס מיט אַהיים צו קויפן.

יענער צווייטער, וויל נאָך דווקא, בכל־האופן,
זיין באַס כאַפּן, דערקענט דעם נומער פון ווייטן,
און ביז אַהיים ער מוז אים נאָך איבערבייטן,
אויפן דושנעם אונטערגרונדס אַראָפּ־און־אַרויפן.

און די מיט די קאַרס שלעפּן זיך ווי אַ לויה, —
אויף געקריך פון רעדער סאָפּעט אַ מין חיה! —
פון פאַרנט, מין הסתם, פירט מען דעם בר־מנן;
מען האָט אים דאַרטן אין אַ תפיסה־צעל געקעפּט.
און יענער מידער, קוים נאָך זיינע פיס וואָס ער שלעפּט,
מאָדנע ווי דערפרישט ער ווערט מיט יעדן פרישן שפּאַן.

* * *

די שטאָט זי ליגט נאָך אַלץ אַזוי ווי געלעגן,
אַ פעט־אויסגעפרעסענע, שווער־בייכיקע שפּין;

איר שנעל־ספריטנע שנעבעלע, ווי שטאָלן, ווי דין,
שפּרונזענע־פּיס — שטריק־שפּיזלעך פלינק זיך באַוועגן.

אַ גרוי־געוועב פון פעדים ציען זיך וועגן,
איינס איבער אַנדערן, אהער און אַהין,
געוואָרפן, געשליידערט ביז אַרויס אינם גרין
דריוולען זיך פראַנזן־גרעזער אין זון און רעגן.

ווי אָפּגעוויקלטע שוין, קולערלעך־גאַרן,
לויפן פלינקע קאַרס, ווי זשוקלעך פון געפאַרן,
זיך צו ראַטעווען דרויסן צווישן ביימער און גראָז.
אַ „קאַטעזש", אַ גאַראַזש, וואָס קאָן שוין זיין בעסער?
בלויז ער פּילט: זיין טאַטע, דער וויטשעפּלער פרעסער,
אין זיין הייזקע, געוועזן אַ שענערער באַלבאָס.

* * *

פון אַלע אידעען, פון אַל אידעאַלן,
געבליבן בלויז די מיטלען וואָס פירן צום צוועק;
די פרומע געשטאָרבן, פאַרטיי־פירער אַוועק,
פונקט ווי די שולן פוסטעווען אויך שוין די זאַלן.

מען בעט איצט צו גאָט מאַמאָן, ווי אַמאָל צו בעל'ן!
אונזער תורהלע באַהענגט מיט גין־גאַלד־געגלעק,
ווי להבדיל קלויסטערלעך אין ווײַרויך געבלעק — —
מ'מאַכט דאָ צומאָל פון מאַרקס „קאַפּיטאַל" קאַפּיטאַלן.

יאָ, „צייט איז געלד" פאַר אָפּשטאַם פון אוראַנג־אוטאַנג!
און אַ הארץ ווען עס צעגיסט זיך שטיל אין געזאַנג,
גלויבט זיך אַליין שוין נישט מער, בלייבט פערגאַפּט ווי אַן אַף;
כאַטש בעמען קלעטערן אויף אַלע פיר פון צווייג צו צווייג,
ניסן קנאַקנדיק, בליק הויל־אויפגעריסן, פול געשווייג,
אַ הויט־גערונצלטער שטיק־שרעק אינמיטן באַשאַף.

* * *

איז נויטיק רייד אַזויפיל ווערטער אַ סך,
אַז מיט איינעם אַ פאַרמול, אַ ציפער, אַ וואָרט,
טייוול פאַרזיוגט, פון שאָטן צונויפגעפאָרט,
און אין איין רגע חרוב דער גאַנצער כרך?

און אַז שבעים לשונות שוין דעם תנ"ך,
מיט לייב און לעבן געטראָגן פון אָרט צו אָרט,
און וויפיל פון קרייץ־צוגן, פון שאַפאָט געשפּאָרט,
אויסגעשאָכטן אין די שחיטות פון שנת ת"ח — —

נאָך געבליבן לעצט הייפּעלע אַש אַצינד,
גאַנץ צוצעפּלאָשן אַזוי פון מינדסטן ווינד,
אָן אייביק ווייַרויך־שטויבל צעפּלאָטערט מיט גאָט.
ווער ברויך דען ווערטער א סך, רייד אַזויפיל —
אַ צאַנקנדיקער נר־תמיד אין דער שטיל:
„אדוני אלוהינו אדוני אחד" — —

## נאָך פיר סאָנעטן

1

אַז פאַרלאָשן שטיקעלע הימל איבער קאָפּ,
ווי גרויס, רחבותדיק ברייט אונטער דיר די ערד,
מיט אַלע אירע אוצרות, וואָס פאַר אַ ווערט ?
וואָס טיפער תהום, אַלץ פינסטערער דער אַראָפּ !

פון ים דער פאַרלוירנסטער, ווייט־פאַרשפּריצטער טראָפּ,
אַ שטערן צו ווערן ס׳קאָן זיין אים באַשערט,
ווי דאָס מינדסטע זאַמדל קערנדל גאָלד ווערט,
פון הימל אַראָפּ זון שפּיגלט זיך אין אים אָפּ.

בלויז וואָס איז דער הימל אין זיין גאַנצער גרויס,
נעמט מען דיר דעם גאָט־חלום פון אים אַרויס ?
דו ווערסט דעמלט אַ זעמדל אין שטורעם־ווינט !
קיין ברעג מער פאַר דער אַנאויפהער ברויזיקער טרער !
בלויז, שפּיגלט זיך גאָט אין מיין האַרץ אָפּ, און איך ווער
אין דער פינסטערסטער נאַכט אַ פאַרחלומט קינד.

2

איז עס ווייל מען האָט מיך איינגעוויגט דערמיט,
מיין מאַמע, מיין יידישע, מן־הסתם ?
און ווער איינגעוויגט דעם שטורמישן ים ?
דעם בעז־בוים אין פרילינג ווען ער שטייט אין צוויט ?

און אַצינד געוויין־וויאַנענדיק וויגן־ליד ?
נישט האַלב־נאַקעט שטייט אַ דעמבענער בוים, —
ס׳איז זי, ווקסיקע מאַרושיא, מיין אם,
„סמוטנאַ מי, מאַי באַזשע", וויגט זי זיך און קניט.

צומאָל געטלעך איינגעלוליעט בלויז ווי גוט,
און אַז נאָר אַ חלום בלויז, ווי ווויל ער טוט,
דאָס לעבן ווי פינסטער צעוואַקסן, ווי מאוס.

ס׳קאָן דער ערגסטער נישט פאַרגעסן זיין גאָט־טרוים,
ווי דער דערוואַקסענער פאַרגעסן קאָן קוים,
זיין וויגנ־ליד אַזוי איינשטילנדיק זיס.

3

וואָס מער מיר וועלן דערפינדן און ענטדעקן,
געוואַלטיקער בלויז די וווּנדער וועלן זיין ;
דער יסורים־וועג פון די ווונדן און פיין
ווייטער בלויז און לענגער, גרויס זיך אויס צו שטרעקן.

צי וויסן מיר דען די צילן און די צוועקן,
און דעם פאַרוואָס ווער משיג זיין און פאַרשטיין ?
אַ לעבן־לאַנג דעם טויט אַקייגן מיר גיין,
וואָס שטילער די שריט אַלץ רוישיקער זיי שרעקן.

איבער מיין קאָפּ דאָס רוישן פון די ביימער,
און אין האַרץ אַלץ שווידערדיקער געהיימער —
ווידווידיק ס׳וויגט ווער ווו, ווי וויאַנענדיק וויינען.
עס מישט זיך אַ בוך מיט בלעטער פאַרגעלטע,
דאָ און דאָרט לעזן מאַנכע אויסדערוועלטע,
ביז צום לעצטן בלאַט ס׳וועט קיינער נישט דערליינען.

4

דעמלט ווען זי איז נאָך יונג געווען, אַ קינד געווען,
הויה אַליין אויף ווינד־וויכערס געוויגט די וועלט ;
שבעה־ימים־וועל זי געצוואָגן זוניק־צעהעלט,
אין די נעכט ביים לבנה־וויגל מ׳האָט גאָט געזען —

נאָך אויף רחבות־ווייטע ממרא־פליינען ס׳איז געשען !
האָט מען בבל־טורעמס, פּיראַמידן אויפגעשטעלט,
דעם וועג צו אים מיט ספינקסן און מיט צלמים פאַרשטעלט,
און איצט צו לעצט גערעַנגל מיט ראַקעטס כאָטש געגנען.

צווישן חלום און וואָר וואַקלט שווער דאָס לעבן !
נאָך גוט וואָס וויגנדיק וואַכט גאָט ווו דערנעבן — — —
עס זעט אים בלויז דער, ווער אַ קינד־פאַרטרוימט האַרץ נאָך האָט.
און מיר — אַלע שטרויכלונגען איבערצווווינדן,
איבער אַלע שבעה־ימים־וויכער־ווינדן,
ברענענדיק אויף שייטער־לייטער — קלעטערן צו גאָט.

## „קורץ־שלוס״־סאָנעטן

* * *

איך וועל דאָך נאָך מיר קיין אַלמנה נישט לאָזן,
און קיין יתומים מען זאָל פֿאַר זיי נדבות קלייבן,
זאָל כאָטש, ווייטשעפּל, אַ בוך נאָך דיר איבערבלייבן,
נאָך דיר, וואָס דו ביזט ווי איך אַזוי פֿאַרלאָזן.

קיינער אויף מיין קבר נישט ברענגען מימאָזן,
צו לייגן אויף אים אַ קוויטל קיינער נישט שרייבן;
נישט האָבנדיק מיט וואָס קיין קאַטאָוועס צו טרייבן,
אַן איינזאַמער ווינט אויף מיין קבר וועט בלאָזן.

אַן עסק? אַראָפּ פֿון מאַרק! געשטאָרבן, באַגראָבן!!
און די מייז צו גריזשען ווילאַנג וועלן זיי האָבן?
טאָ זאָל כאָטש בלייבן נאָך מיר אַ קופּע ביכער;
נישט, חלילה, פֿאַר לעזער — פֿאַר די מייז צום פֿרעסן!
אַ הונט אפילו וויל, מ׳זאָל אים נישט פֿאַרגעסן,
ערשט, מחילה, אַ דיכטער — זיכער נאָך ניחה׳ער.

* * *

איין באָמבעלע, צוויי, אַ האַלב טוץ ס׳איז גענוג,
דעם אינזל דאָ פֿון דער ערד גאַנץ אָפּצווישן,
אַז אין גן־עדן דאָרט, וווּ ס׳רוט דער נהר פּישון,
די טעמזע אויסאָטעמט אין לעצטן אָטעם־צוג;

דער צעקראַכטער כרך, אַ מין צעבראָכענע קרוג,
געבליבן פֿון דער צייט פֿון אדם הראשון — —
אַ צעקאַלטשעט׳ס, צעקיילט׳ס מ׳וועט דאָס בוך מישן:
איז עס נישט אַ קייל־שריפֿט־נאָכגעמאַכטער בעטרוג?

ווער איז ער דאָס דער שעקספּיר פֿון וועמען ער רעדט?
עפּעס אַלץ אויסגעמישט ווי אין הינערפּלעט — —
מען וועט מישן און מישן, לעזן און לעזן:
פֿון ווו ראַפּטים אַ שטאָט לאָנדאָן זיך גענומען?...
בלויז צו איין מסקנא אַלע מוז קומען:
געווים, אַ ווייטשעפּל ערגעץ־דאָ ווו געוועזן.

* * *

נישט פּאַכאָזשע אויף איר באָבען, זעט זי שוין אויס,
מער ווי עפּעס אַ דראָשקע וואָס גייט אויף רעדער;
אין איר טשיפּעק שטעקט נאָך גרויס די מאָדנע פֿעדער,
אובער במחילה פֿון פֿאָרנט — אין גאַנצן בלויז!

ווען נישט ס׳ביסל שמינקע, פודער, ס׳היבטל אין שויס,
די שפרודל־וואַנע, די עלעקטרי זון־בעדער
די ניילאָן זעקלעך, די שיכלעך — פּלאַסטיק־לעדער,
געוועזן שוין לאחר מעשה — אינגאַנצן אויס!

די ראָק־ראָלער, די צווי פּיסיקע חיות,
קאָנען זיך גאָר נישט דערוואַרטן אויף דעם נייעס — —
אפנים, ס׳פעלט נאָך צום נדן די לעצטע נול.
ס׳לויפט נישט מער אַפּגעבליאַקעוועטע רעקלאַמע,
פון די גרוי־פאַרזעסענע יידישע־מאַמע —
כאָטש זי חתונה מאַכן מיט אַלטן זשאַן בול!

* * *

יאָ, אויפצורייסן די ערד צום פערזיי,
אַז הונגעריקער מענטש זאָל זיך שפּייזן,
געבוגט אַ געקאָוועטער אַקער־אייזן — —
ס׳בלוטיקט די זון ביים אויפגיי און פאַרגיי.

און מענטש טובלט זיך אין שווייס! אָבער כדי,
גאַנץ צו לויטערן אונז און דערלייזן,
אַז מענטש זאָל נישט קענען מער באַווייזן —
שווערדן פון סאַכעס אויסשמידן אויפסניי,

אַנשטאָט פייגל פּיקן קערנער — ראָבן
די פּגרים וואָס ליגן נישט באַגראָבן!
גאַנצער ערד־קיילעך איצט ראָקעט־אויפגעריסן,
וו אויסזייען ס׳וועט גאָט זיינע שטערן,
וואונדערלעכע וועלטן וועלן ווערן — — —
פון וואָפן מער, פון געווער, ווער וועלן וויסן?

* * *

וויפיל רעגן־טראָפן און וויפיל זון־שיין,
ביז איין פאַרזייט זוימענדל אויפגעבראָכן;
קעפל הויך פון ערד־בויך אַרויסגעקראָכן,
פיסל־וואָרצל זעצט זיך אין איר שויס אַריין.

ערשט דאָס זריעה־קערנדל: „ווי זיך אַליין
יעדער איינער ליב האָבן זאָל זיין שכן״,
דורך האַרץ־טיפעניש זיך אַדורכגעשטאָכן — —
דערנדל פאַרבלוטיקט פון יסורים־פּיין!

איין זון־שטראַל, איין רגע צו דערבליקן —
וויפיל לעבנס אַרום זיך מ׳מוז דערשטיקן —
געראַנגל ביי מינדסט זוימענדל שוין אַזוי!

ערשט אויפגיין עס זאָל די גוטסקייט, ווי אַרויז,
פון פינסטערסטן שוין מענטשלעכן אויג אַרויס,
זוניק אַרויסלויכטן מיט טרערעלע טוי.

* * *

כ׳שפּיר איבער פלאַסטער נאָך פון בעטאָן און צעמענט,
די טריט פון מיין טאַטן און מיינע זיידעס ;
הויך איבער די הימל־קראַצער־געביידעס,
גלאָז־געגאָסן אין שטאָל־און אייזן־פונדאַמענט,

כ׳זע ווונדערלעך אויפלויכטן דעם אין־סוף־אָן־ענד,
אויפגעציטערט מיט חזיון חבלי־לידות.
אויב נישט פון גאָטס־גוטסקייט זיי זאָגן עדות,
בלוטיקן שוין איבער אונז דעם שטנ׳ס צוויי הענט.

די ווענט ווי געוואַלטיק הויך זיי הייבן זיך נישט אויף,
זיי קאָנען נישט פאַרשטעלן דעם אָן־ענד־אין־סוף,
ווי דעם זון־אויפגאַנג פון ווונדערלעכן באַגינען,
און מינדסט גרעזל וואָס רייסט זיך פון אַ פלאַסטער־שפּאַלט.
גאָט, זע ווי מיין אַלט־פאַרשטיינט האַרץ אין תפילה פאַלט,
מיינע גלאָז־פאַרגלייזטע אויגן טרערן צערינען.

* * *

נאָך גוט, וואָס עס איז יסורים פאַראַנען,
נאָך גוט, אַז ס׳איז דאָ פון טויט דער שרעק,
אויב נישט צי וואָלט דען געווען אַ ברעג,
צו די שלעכטיקייט אויף וועלט באַגאַנען ?

און איצטער פון וו וועט קומען, פון וואַנען,
לעצטע האָפענונג אין אונזערע טעג ?
נישט רחמנות, נישט גוטסקייט ; מ׳טאָרנישט ? מ׳מעג ?
ווייל אַלע מענטשן האָבן שוין פערשטאַנען,

אַז יעדע שטאָט קאָן אַ האַרישימאָ זיין — —
יאָ, אויב דער דאָזיקער שכל, דאָס אַליין,
דער זכות־הקיום פון אונזערע שטעט,
וואָס שוין אויב זיי בלייבן שטיין, אויב אונטערגיין ?
און אויב נישט איבערבלייבן קיין איין שטיין,
פון טראָטואַר דאָ אויף וועלכן איך טרעט ?

* * *

ווייט דרויסן רוישן וועלדער, נאָך ווייטער ווילדער ים,
אַ פליגל שטיל־אויסגעשפרייט — דער הימל אין פרילינג !

אין אַ ביליגן קינאָ פֿאַר לעצטן שילינג,
זיצן און איין פֿינסטערער ריי מיט דער „מויד“ מסתם.

אַלע אָוונט די לעצטע פּענעס קראַצט זי צוזאַם,
דער מאַמען זי לאָזט איבער איר ממזר־צווילינג;
און ווי זי אויפֿצאַפּלענדיק מיט איר ליבע־פּילינג,
איך — מיט מיין בענקשאַפֿט נאָך הימל, ים, צערוישטן שטאָם.

שפּעט כ׳הער זי קומט אַהיים, דער צווילינג צעוויינט זיך
און דאָס ליד וואָס איך האָב אָנגעשריבן, לייענט זיך
אַזוי טרויעריק, עס שפּיגל זיך אין אים סמוטנע בלייך,
די אַלטע מאַמע געבויגן איבערן וויגל —
אַ מלאך מיט אַן אונטערגעבראָכענעם פֿליגל —
אַ ווערבע אין פֿרילינג געבויגן איבער אַ טייך.

* * *

ס׳ס׳שטיקעלע הימל איבערן געסל גענוג גרויס,
פֿגומהדיקע לבנה מחדש צו זיין;
אויף קליין הויפֿל מיט זיין עניוותדיק שטיין,
ווי געוואַלטיק שיין דאָסביימעלע עס זעט אויס.

דער מיד־פֿאַרמאַטערטער, דער שווער־יוסטער גאַנג בלויז,
ווען פֿון דער אַרבעט טאַטע געקומען צו גיין;
און ערשט ווען מאַמע געבענטשט דעם שבת אַריין,
און געזעצט זיך מיטן טייטש־חומש אין איר שויס.

מיט אָפֿן מויל ער הערט זיך שטיל צו, ווען די מאַמע
לייענט אַרויס די מעשה פֿון לבן הארמי,
יעקב שיר־השירימט צו רחלען זיין פּאַסטאַך־ליד —
אינמיטן אַ צעטומלטער, צערוישטער וועלט,
האָט גאָט אַ געצעלט, אַ שטילינקס, זיך אויפֿגעשטעלט,
שטיל געזעסן דערין, זי באַשיצט און באַהיט.

* * *

„אין לאָנדאָן איז דאָ אַזאַ סקווער“

יענע זאָגערקע אין שול אין צעלעכצטן פּאַס,
די ווייבער שאָקלען מיט די קעפּ און הערן אויס,
זיצט ער אויף גאָרטן־באַנק ס׳רעדל אַרום אים איז גרויס
און לעזט די צייטונג פֿאַר מיט אלט־פֿאַרלייגטן באַס.

וואָס עס טוט זיך נישט אַלץ אויף דער וועלט — אַ שפּאַס!
און אין די אַלטע קעפּ — אין טעפּ ס׳מישט זיך אַלץ אויס:

ס׳כרושטשעוו׳ט איבער וואַלקן־קראַצער און ס׳אייק׳ט אַ מויז !
„וואָס געשען ס׳קאָן אין איין רגע, חלילה־וחס״.

רייסט זיך שווער אַרויס אַ טיפער זיפץ ביי איינעם —
אָט וועט ער זיך ווי אין ווייבער־שול צעוויינען,
און מיט אַ וויץ ענטפערט אַ צווייטער דעראויף:
„מיר וועלן דאָך צומאָל נישט הערן דעם קנאַל,
ווען דאָס באָמבעלע וועט טון אַ פאַל״...
דאָס רעדל דערשראָקן רוקט זיך ענגער צונויף.

* * *

ספרי־תורה צענדליקער געשיקט קיין ישראל,
אין אַ באָן־סטר. אַנטיק הענגט נישט איין כתר און יד,
און פרוכת בראָקאַט מיט אויסגעהאָפטענעם פּרט,
פונם וויטשעפּעלער נגידישן אַמאָל.

כמעט אויסגעשטאָרבן, אַוועקגעצויגן גאַנץ קהל,
אין אַ חלוץ־קיבוץ עולה געווען אַ יאָט;
פון די וואָס ווי מייז ווו פאַרקראָכן, צי גלאַט געשמדט,
ווער ווייסט, ווער געציילט, אפשר נאָך גרעסער די צאָל.

ווי אַמאָל, נישט פון איין קירך נישט איין שול געמאַכט,
איצט נישט פון איין שול אַ „פאַקטאָרי״ איבערנאַכט;
און פון די פּאָר געציילטע וואָס זיינען נאָך פאַראַן,
דער „זה השער״, דער „אנשי לאָשיק״,ביידע ביינאַנד,
ביז צום ביין אָפּגעקראַצט דרויסן פון דער פראָנט־וואַנד,
אַז ווער ברויך דען וויסן, וואָס און ווען און פון וואַן.

* * *

זיי שטייען ווי אַרום אַ זליוו מידע פערד,
מעלה גירהן אין אַ צייטונג דעם „געווינער״,
איינער אַ ידען און דערצו אַ פאַרגינער,
רעדט, און דער צווייטער מיט קאָפּ זיך צוהערט:

„זעץ אויף אים, איך קען אים, אַ ער האָט די ווערט !
זעסט האַלדז־נאַקן, אַ מוסקולירטער דינער,
און די שלאַנקע פיס, ווי פון אַ שפּין, אַ שפּינער,
ווען צעריסן פלוצלינג זיין שפּין־נעץ ווערט״.

באַץ ! דעם לעצטן שילינג ביידע שוין איינגעשטעלט !
ס׳איז דאָס וואַרטן, די אויסזיכט — אַ רוח אינם געלד !
און אַ גאַנצן טאָג זיי צאַפּלען ווי אין אַ נעץ.
אויף קאַר־און באַס־רעדער עס העצט די גאַס פאַרביי,

יענע, איין שילינג אויף איין פערד געזעצט, די צוויי,
שפירן איבער לייב פון דזשאָקייס פיס יעדן זעץ.

* * *

דרויסן פאַר פיין־געפלעגטן פאַרשטאָט־הויז,
דער שכן מיט זיין גרויסער גאָרטן־שער;
„ווער איז ער דער, געקומען דאָ אַהער?"
דרייט ער זיך שטייף מיט דער שער צוריק אויס.

טראַציק בליצט טעכטערל דורך שויב אַרויס,
און אויב אַ „דזשו בוי" ער איז, „איי דאָנט קער"!
מיט יעדן טאָג ער געפעלט מיר אַלץ מער,
מ׳שערט נישט איבערן דאָרן אָפּ — די רויז:

ווען נישט ער מיט איר אין דער קירך אַריין,
וועלן זיי ביידע אין דער „טאַון־האָל" גיין!
די חופה איז אין ליבעראַל־שול געווען;
זי, „צלמל" בלויז מיט „מזל" פאַרביטן!
פאָטער מיט שער אַ רויז זיך אָפּגעשניטן,
און דער שענטסטער מחותן ער איז געווען.

* * *

ס׳האַלט נאָך קוים צוזאַם אַ מנין אין שול,
אין הויז, אַ פערטע האַנט צו אַ קערטל,
אַ יידישלעכער וויץ, אַ גלייך־ווערטל,
און יום־כיפור — מיטן „כל־נדרי־אַפּיל".

עפּעס אַ מין געמישט־ און געהיים געפיל,
גיט נאָך אַ טאָרע אין האַרץ, אַ צערטל,
ווען דער ראַביי אָן אַ סימן בערדל,
מאַכט דאָס שטייף־„איינשטודירטע" צערמאָניע שפּיל.

ווי רירנדיק, דאָס נישט וועלן זיך פאַרלירן:
ווייט־אויפגעפּראַלט, אָפן, שטייען טויזנט טירן,
און איינע פירט צום דעם הייליקן לאַבירינט — —
שטילער בליק, פון שייד אַרויס שאַרפער קלונג —
אונטער קופּע אַש עס גליט נאָך אַ פונק! —
פון זיידע צו אייניקל, פון טאַטן צום קינד.

* * *

ניין, מיר וועלן זיך נישט פאַרלירן,
און ווי גרויס דער כרך זאָל נישט זיין,
און פאָרן שריט — דער שטרויכל־שטיין!
צו אונזער ציל אונז צו דערפירן,

דער שליאַד — דאָס בלוט אין אונז מיר שפּירן!
שווערן וועג מיר וועלן דערגיין,
וויפיל פאַרמאַטערט ס׳בלייבן שטיין,
וויפיל פאַרפיר־ליכטלעך ס׳פאַרפירן.

פון אָנהויב פון דער וועלט פירט דער וועג,
און ווי משופּעדיק־שיף, ווי שרעג,
און ווי תהומיק־טיף, ווי פעלזיק־שאַרף.
און די, וואָס בלייבן שטיין אין מיטן,
ס׳לעצטע רענדל שוין אויסגעביטן — —
שוואַכע אויף שווער־ווייטן וועג ווער דאַרף?

* * *

לעבעדיק, פריש־צאַפּלדיק געווען דאָס געסל,
חול־מועד מיט די קינדערלעך ס׳האָט ניסלעך געשפּילט,
שבת, אַ ייד די געפילטע פיש טיף דערפילט,
געזעצט זיך דרויסן אויף אַ צעקרעכצטן זעסל.

ס׳געסל האָט געשמייכלט: האַ, געווען אַ פּרעסל?
און יעדן זיפץ אַזוי שבתדיק מיטגעפילט!
איצט זיינען ביידע שוין טויט, ער האָט זיך פאַרקילט,
און זיין לעצטן אָטעם אויסגעהויכט ביים פּרעסל;

ס׳געסל — אַ מתל, ווייט־ווו אַוועקגעטראָגן!
אויף זיבן אַזעלכע, מיט זייערע ראָגן,
אַ מצבה אויף זיי — אַ 10 שטאָק געביידע!
עס קומט נאָך אַמאָל אַ בריוו אויף געסלס אַדרעס,
אַן אייניקל איז נאָך מזכיר צום גוטן דעם מת:
אַ גוט „דזשו" געווען דער „אָלד מען", דער זיידע.

* * *

אַזאַ געסל נאָר אַהערגעברענגט ס׳האָט עס ווער,
צווישן פּערענעס און טלית־זאַק און תפילין,
איינגעפּאַקט אין אַ בין השמשות אַ שטילן,
גרענעץ אַדורכגעשוואַרצט און מיטגעבראַכט אַהער.

אַ געסל אויפגעהענגט אין סוכה אַ לאַמטער,
אין הימל אַ לבנה — הינט זאָלן בילן! ...
דורך פענסטערלעך — דורך אַ פּאָר באָבישע ברילן,
קוקט זי טאַקע אַרויס מיט בלישטשענדיקער טרער:

געשטאָרבן יענער, וואָס האָט עס אַהערגעברענגט,
נישט מער אויף הימל, נישט אין סוכה — — זע, עס הענגט
אויף אַ הייבער, צענומען ציגל אויף ציגל;

אָבער די באָבישע ס׳האָט ווער מיטגענומען,
ווארים אין בייעם פלעט זי וועט צונויץ קומען,
פאַר אַ „בעבי זיצער״ צו וויגן אַ וויגל.

*   *   *

ס׳ביימעלע אין טונקלען ווינקעלע אויף מיין הויף,
ס׳איז געבליבן אָפּגעראַטעוועט, ווי על פּי נס;
צווישן רחבות־פּלעצט, ווי אַ פינטעלע אין א חת
שטייט עס פאַריתומט און קוקט צום הימל אַרויף.

ווי גוט איז אים אין יענע טעג געווען, „מה טוב״,
אין קליינעם הייפעלע, ווען אויפגעגאַנגען זיין בעז — —
איצט קוקן טויזנט שויבן אויף אים, בלויז ווער זעט עס,
ווי זיינע קנאָספּן בלוי־פּיאָלעטן גייען אויף?

אויף הייפל דורך איין פענסטערל זיינען אויגן —
זומער־פייגעלעך פלאַטערדיק אַנגעפלויגן,
זיינע צווייגעלעך בליען זיי האָבן געזען.

ווען אין דעם חת־פּירעק איצט אַ קאַר נעמט אָנפליען,
איין שטיק שרעק דאָס שטאַמעלע, ס׳שטאַמלט: פּתח שין — —
שאַ, נעמט עס טרייסלען: ס׳זאָל נאָר קיין אומגליק געשען.

*   *   *

פון די שולע די קינדער קומען צו לויפן,
צווישן די צווייגעלעך עס פאַלט דער ערשטער באַלעם;
דאָס ביימעלע כאַפּט זיך אויף: מסתם שוין נאָך אַלעם!
זע, הונדערטער קינדער פון הונדערטער הויפן,

אויף דעם בייזן וווּנדער זיך צוזאַמענלויפן — —
דאָס ביימעלע שטאַמלענדיק צעשאָקלט אין אַ פּסאַלם!
נאָר עפּעס אַ ייִנגעלע, אַזאַ מין גבר־עלם,
צעלאַכט זיך אַזוי הויך אויף אַזאַ מין אופן,

אַז ביימעלע בלייבט ווי פריטשמעלעט אינמיטן,
און עס פלאַצט פלוצלינג אויף מיט מיליאָסן בליטן,
אַזש אַלע טויזנט שויבן צעלאַכן זיך מיט — —
מיטן גבר־עלם ייִנגעלע? מיטן ביימעלע,
לוסטיק אָנגעטון אין פּיאָלעטן שטריימעלע,
אין צוויט אַזאַ, אין דעם רחבות אין דער מיט?

* * *

נישט ווייל אין די באַסעס דאָס שטופּעניש געדרענג,
נישט ווייל דער געלויף פון דער אַרבעט, עס איז די שעה,
די פּאַרנאַכטן געמיטלעך־מידט ס׳זיצט זיך אים דאָ,
ברייטן טראָטואַר דורכגעגאַנגען גאַנצע לענג.

מאָדענע עפּעס טראַכט זיך ווען איך גיי דאָ: איך דענק!
דעם גאַנצן טאָג ביי דער אַרבעט איינטאָניק גראָ — —
געמיינט, דרויסן אַ פּלעט: פייגל, זאָל זיין אַ קראָ — —
אָבער אַלץ אַזוי טויט — — דאָ אין קאַפע, אין שענק,

ביי אַ הייסע „קאַפּ טי״, ביי אַ קאַלט גלאָז ביר,
ס׳קומט ווער אַריין, ווער אַרויס, ס׳עפנט זיך די טיר,
דרויסן לויפן די באַסעס, פון מאַרק דער גערודער,
אַ זופּ, אַ זיפּעלע, עס בענקט זיך עס טראַכט זיך,
אַלץ אַזוי נאָענט, אַזוי אייגן היימיש, ס׳דאַכט זיך:
קומט נישט אַריין דאָרט, עליו־השלום, זיין ברודער.

* * *

דער שכן פון רעכטס האָט זיך אַוועקגעצויגן,
נישט חלילה אַז ער האָט די יידן נישט גערן — —
ס׳גרילצט אין אויער זייער גלענציק ענגליש צוהערן!
אַז ווי גאָלד־רענדלעך ס׳ווערן ווערטער געוויגן,

קומט עס נישט פון האַרצן, קומט עס פון די אויגן:
זיסלעך־זויער, ווי ווייך־געווייקט אין זאַלץ פון טרערן,
און מיט אַמאָל שפּיציק־שאַרף גאַר, ווי האַרט זיי ווערן,
מיט אַ דריידל, ציק־צאַק, און קונציק געבויגן —

ממש מען זעט געשליפענע ציינדלעך פון אַ זעג!
מילא, אין אַ וואָריטע, אָבער נישט גאַנצע טעג.
חלילה וחס, נישט ער האָט יידן נישט גערן — —
טיילמאָל ווילט זיך זיצן אין גאָרטן און שווייגן —
צופיל צומאָל ס׳שוואַלבן־געטשוויטש אויף די צווייגן —
און דאָס קאָן דאָך רעדן קיין רגע נישט אויפהערן.

* * *

ווי אַ סוכה, ס׳„געטאָ״ צעלייגן געלונגען,
אין יעדער געגנט אייגן געטעלע אויפגעשטעלט;
ווי פּאַרן פּסל־מיכה־געץ, אַ כהן פּאַר געלד,
אַ מין גלחיש מיניסטערל זיך געדונגען.

געהערט ווי ער „געפרעיערט״, דער כאַר געזונגען,
איבערן געביין געגאַנגען אַ גרויליקע קעלט — —
ס׳געבלעקעץ נישט צו הערן, די אויערן זיך פאַרשטעלט!
געגאַרגלט, געאַרגלט, „דרילער״ וואַלט געדרונגען —

ווי בשעת אויפגעריסן אין ווייטשעפל זיין גאַס!
אַ טרערן־קוואַל זיינע באַקן געמאַכט האָט נאַס:
גאָט, זאָל אויך מיין געוויין, מיין תפילה פאַר דיר גיין,
אויב מיר מוזן אונטערגיין, אויב דאָס דיין ווילן,
דיין געטלעכן כעס איבערן מענטש צו שטילן,
דאָס איבערבלייכץ, כאָטש, בלייבן באַשטיין.

* * *

ווי דאָס ווייטע הינטערלאַנד זיי זיינען געווען,
די שטעטלעך, פאַר אַלע אונזערע שטעט אַצינד —
איך קאָן נאָך דערקענען יעדן טאַטנס אַ קינד,
ווי אָקאָרשט ערשט נעכטן אין דער היים געזען! —

אַזוי ווייטשעפל, דו, נאָכדעם וואָס ס׳איז געשען,
אַלע שטעטלעך אָוועק ווי מיטן שטורעם־ווינד,
ביזט דו וווּנדערלעך אויסגעוואַקסן, ווי געשווינד,
כאָטש גאַנץ לאָנדאָן מיגרירן מיט דיין איין בריק־לעין.

האָט ווער געזען אין שטורעם, ווי ס׳וואַנדלט אַ וואַלד,
מיט צווייג און מיט וואָרצל נישט איין בוים פאַלט,
נישט איין פויגל ווערט צעקוועטשט אונטער אַ שטאַם,
אָבער אַ פאַרוואָרצלטער ווידער דער וואַלד ווערט,
און ווי שוואַך, ווי פישטשענדיק, איין שוועלבל בלויז מען הערט,
עס וועלן אים באַגלייטן באַלד אַלע, צוזאַם.

אדר 1960

# דלד אמותדיק

ווי טיף מען זאָל נישט דערגיין,
מ׳בלייבט שטיין ביים אָפּגרונט — טויט.
און ווי נידריק מען זאָל נישט זינקען,
מ׳האַלט זיך אַלץ ביים פּיצעלע ברויט;

אָ, אַז גרעסטע טאָט שוין,
אַ מעשה זיך אַליין אָנצוטון,
באַגראָבן צו ווערן אונטער פּלויט.

*　*　*

גרויסער גאָט פון מיין הייליקן טאַטן,
ווי גרויס האָב איך דיך פאַרלאָזט;
און די גוטסקייט פון מיין גוטער מאַמע,
אַז יעדע פּניה, פּשוט און פּראָסט.

און ווי אויסגערעכנט איצט און קליינלעך,
אין מיין דלד־אמותדיקן פּיר־עק — —
וואָס ענגער דעם צויבער־עיגול געצויגן,
פאַרוואַגלט כ׳וועל אַלץ ווייטער אַוועק.

ווי לאַנג קאָן מען שלאָגן קאָפּ אין וואַנט,
און אַז אַדורכברעכן שוין אַלע פּיר — — —
איז בעסער אַ הונט וואָס יאָגט זיך נאָכן עק,
ווי מענטש וואָס קריכט פאַר גאָט אויף אַלע פּיר?

*　*　*

כ׳ווער אַלט, איך האַלט שוין אין איין פאַרגעסן,
כ׳הער טויב אין מיין געהירן דאָרט פּרעסן,
אַ מאָל.

איז נאָך וואָס לענגער נאָך אויסצוהאַלטן,
צו קריגן אין שטערן מער נאָך פאַלטן.
לוינט עס?

בלויז מיין אונטערשטע ליפּ אָנצוקוקן!
עס כאַפּט נאָך קיינער נישט דאָס צוקן,
איך זע.

נאָך קאָן די אויבערשטע ליפּ פאַרשטעלן!
צו וואַרטן ביז אַלע אים דערזען וועלן,
דעם צוק?

נאָר אפשר, אַז כ׳וועל נאָך עלטער ווערן,
כ׳וועל שוין צו זען אויך אויפהערן...
מילא.

* * *

מאַנכעס מאָל אין דער נאַכט אויף מיין געלעגער,
זע איך מיך ליגן אַ טויטן אין קבר,
כ׳האָב מורא אַ ריר צוטאָן מיט אַן אבר.

איך וואָלט פאַר שרעק אין דער נאַכט אויפגעשריגן,
אָבער כ׳בין דאָך טויט, איז ווי אַזוי אויפשרייען?
און ווען כ׳טו מיך אויף דער זייט איבערדרייען —

זע איך מיך נאָך אַלץ אויפן רוקן ליגן;
איך שפּיר אים, דעם מת, ממש מירדערנעבן,
און בעט ביי מיר פאַר מיין לעבן פאַרגעבן.

* * *

ווי די מחיצה צווישן וואָר און חלום אין טרוים,
אַזוי פיל איך נאָך אַ בלאַסן אונטערשיד קוים,
צווישן לעבן און טויט.

מאַנכעס מאָל רייד איך צו מיר ווי פון יענער וועלט,
כ׳הייב אויף דעם קאָפּ — אַ טויטער אויף הייליקן־פעלד,
איבער בית־קברות־פּלויט.

אין מיינע דלד אמותדיקע טריט, כ׳טרעט —
ס׳שפּאַנט געהויבן אַ פאַעט־געשפּענסט — אַ סקעאַלעט
איבערצויגן מיט הויט.

* * *

אָ, איך האָב מורא אַזוי,
איינציקע פרייד וועט מיר פאַרבלייבן,
טרויעריקע לידער צו שרייבן.

בלויז יענער וואָס עס בייסט אים,
און האָט שטאַרק הנאה פון קראַצן,
קאָן אַזאַ מורא־פרייד אָפּשאַצן.

## און צום שלוס

שוין אַ פערטל יאָרהונדערט באַלד עס ווערט,
ווי אין די געסלעך דאָ מיך פאַרקליבן,
קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער נישט געטון,
און מיינע יידישע לידער געשריבן.

איך לעב נאָך, כ׳גיי אָנגעטון, כ׳בין דערנערט — —
מוט און מעגלעכקייט מיר געבליבן,
אָפּנהערציק אַ דאַנק קענען זאָגן,
גאַנץ פון האַרץ, און נישט איבערטריבן.

1

פון די גאַסן פון די הייזער, פון די מענטשן,
פון מיין אייגענער שטוב, פון מיר אַליין,
אַ באַהאַלטענער אונטער אַ בוים איך זיץ דאָ,
און צום געמיש פון די בלעטער כ׳הער מיך איין.

וויפיל ספרים כ׳ליין, מער נאָך, מחשבות געטראַכט,
סוד פון טויט און פון לעבן צו דערגיין,
אָבער מיט איין שטילן שאָרך פון איין בוים־בלעטל,
גיט גאָט אַליין אַלצדינג שוין צו פאַרשטיין:

אָפּגעריסענע שטיינער — גאַסן און הייזער,
דאָס מענטשלעכע האַרץ אויך נאָר אַזאַ שטיין!
עס ווערט פאַרוואַלגערט וו און עס ווערט פאַרשטיינערט,
און קלאָר ס׳צעקוואַלט אין זיין לויטער געוויין.

פון שפּיץ־בוים אַ פייגעלע טרעלערט און ווערט שטיל,
זיין הערצל ווי אַ טרער וויל אַזש צעגיין:
עס רייסט זיך פריידיק דער בוים מיט צווייג און מיט בלאַט,
און איך מיט געוויין אין הימל אַריין...

2

גאָט, איך קאָן מיך נישט אַרומגאַרטלען מיט אַ גאַרטל,
און פאַלן כורעים אין תפילה פאַר דיר;
אַ ליד דעראויף צו שרייבן, כ׳נעם אַרויס פון בוזעם,
גלייך ווי מיין האַרץ — אַ פאַרוויקלט בלעטל פּאַפּיר.

איך קאָן מיך נישט צעזינגען אַ פויגל אויפן בוים,
איך שטיי נישט ווי ער אויף אַ גרינעם צווייג;
אָבער ווי ביי אַן ערלעכן בעל מלאכה פונקט,
ס׳איז די פעדער אין מיין האַנט — מיין געצייג.

„תפילה לעני כי יעטוף‟ ווי ס׳פלאַטערט מיין האַרץ —
אין גאָטס האַנט אַ פייגעלע ס׳וואָלט געווען!
אפשר וועט ווער שטיל תפילה טון, הויך זיך צעזינגען
מיינע ווערטער אויפגעשריבן דערזען.

ווייסט דער פויגל אַז איך הער מיך צו צו זיין געזאַנג?
אַרומגעגאָרטלט גרין האָט זיך די שטאָט,
און איך ביים ברעג פון מיינע טעג, ווי אַ קינד אין זאַמד,
זיץ דאָ און שרייב ווערטער אויף גאָטס באַראָט.

3

פונקט אַזוי ווי די לבנה פון דער זון,
געסל דאָ געווען פונם שטעטל דער אָפּשיין,
און אַז שטעטל דאָרט אונטערגעגאַנגען איז,
האָט דאָך געמוזט דאָס געסל דאָ אויך אונטערגיין.

צי קאָן דען פינסטערע לבנה אויפשיינען,
ווען אויסגעלאָשן פון דער זון עס איז איר שיין?
פון אונזער פלוצלינגען אונטערגיין איצט דאָ,
אַט־אָ דאָס מסתם ס׳איז דער באַהאַלטענער מיין.

אָבער ווער בין איך דען, אַז איך זאָל פרעגן:
גאָט, פאַרוואָר, צי האָט עס דען געמוזט אַזוי זיין?
און ווער בין איך דען צו זאָגן, מכלומרשט:
אַז אַלצדינג וואָס גאָט טוט איז גוט, איז ווויל און פיין.

און אין די נעכט, ווען די לבנה איז נישטאָ,
אַ שוואַרצער אין געסל דאָ איך וואַנדל אַליין:
ווי וווּנדערלעך די זון געשיינט האָט היינט ווו — —
כאָטש אַ שטראַלעכל, ווי דורך אַ שפּאַלט ס׳פאַלט אַ שיין — —

(אַ נישט פאַרענדיקטער סאָנעט)

אַן אינזל איז נישט קיין שוועל, אַן אינזל איז אַ שפּרינג ברעט:
אין אַלע פיר זייטן סאַלטאָ־מאָרטאַלאָ מיט אַ מאָל!
אַמעריקע, אַפריקע, אויסטראַליע, ארץ־ישראל —
צען זינקען אין תהום, איינער ס׳צוגעזאָגטע לאַנד דערזעט.

אונטער מיין יעטווידן טראָט אויף דער ערד דאָ וואָס איך טרעט,
אַ פאַרשטיינערטער שטרויכל־שטיין מיין האַרץ מיט מיין אַמאָל,
טיפער הימל הויך איבער פעלז, אָפּגרונט — ביי ברעג דער טאָל!
בין איך שטיינגעבליבן אַזוי אינמיטן מיין געבעט.

| זײטל | שורה | שטאָט | מוז זײן |
|---|---|---|---|
| 20 | 11 | בענדיקט | בענעדיקט |
| 81 | | פעלט שורה 13: אונטער פאַרשוויצט, שוואַרץ־פאַרשאַרצטן קאָפּל. | |
| 105 | | קומט שורה 3 פאַר שורה צוויי | |
| 128 | 4 | שוויצן און זיך קנייטשן | קנײנטשן זיך און שוויצן |
| 140 | 8 | דער פרישט | דער פירשט |
| 146 | 33 | גיי איך זיי | גיי איך זיי נאָך |
| 146 | 42 | אליין־פאַרטראַכטער | אַליין פאַרטראַכט ער |
| 298 | 16 | און דעם | און דעם כח |
| 320 | 23 | האַרץ־טראָבעס | האַרץ־טאָרבעס |
| 333 | 1 | לאָפּ | לאָמפּ |
| 340 | | אַרויסגעפאַלן די לעצטע 7 שורות (סאָנעט אָן אַן אָנהויב). | |

**ווען אַטאָם־ראָקעט וועט שוין זיין אויפגעריסן —**
**וועט נאָך זיצן אַ שרייבערל ליפּ־פאַרביסן,**
**צוטראַכטן די נייעס וואָס ער האָט אויפצושרייבן,**
**און פליאָדערדיקע טראַקטאַטן און טיפע לידער.**
**מיר וועלן, צוויי־צי איין־פּיסיק שוין, זיך ווידער**
**נאָרען אין דער קופּע מיסט, וואָס וועט איבערבלייבן.**